STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05698

DODYE KOVAL

L. Olitsky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל. עליצקי

ראַדיע קאָוואַל

ל. אליצקי

דאָדיע קאָוואַל

ראָמאַן

פאַרלאַג „יידיש בוך" ווארשע 1955

L. OLICKI

DODIE KOWAL

Powieść

Księga trzecia

Redaktor: M. MIRSKI

רעדאַקטאָר: מ. מירסקי

Okładkę projektował: I. REJZMAN

הילע געצייכנט: י. רייזמאַן

Printed in Poland

Wydawnictwo „Idisz Buch" Warszawa, Nowogrodzka 5

Nr zam. 5508. Nakład 5.500 egz. Druk ukończono w grudniu 1955 r.
Ark. druk. 14,75. Ark. wydawn. 12. Papier druk mat. V kl. 61x86 70 g.
Druk. RSW „Prasa", Warszawa, Tarczyńska 8. B-6-52517

דריט בוך

ערשטער טייל

קאַפּיטל זיבן און זעכציק

נייע כוחות

די מלחמה־צייט האָט די באַלמעלאָכישע יוגנט איבערגעלאָזט אַן אומעבעריקע, פאַרגרעבטע און אומבאַוווּסטזיניקע. די ערשטע פּאָר יאָר איז זי געשטאַנען, די יוגנט, אין גאַנצן מחוץ דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן אין שטעטל. עס האָט זי אָפּגעטיילט פון דער באַלעבאַטישער יוגנט, דער יידישיסטישער און העברעיִסטישער, א מחיצה פון יחוס און אָפּגעפרעמדטקייט. זי איז געווען בלויז א געניסערין פון זייער טעטיקייט. זי פלעגט גיין אויף די יידישע ספּעקטאַקלען, וואָס ווערן געשטעלט א פּאָר מאָל אין יאָר. געציילטע יינגלעך און מיידלעך באַלמעלאָכישע פלעגן נעמען ביכער פון דער יידישער ביבליאָטעק.

אייניקע פון אירע אונטערוואַקסנדיקע האָבן געשאַפן עטלעכע קרייזלעך, וואָס פלעגן זיך צונויפקומען אין די פרייע טעג לייענען אין חברותא א צייטונג, א ביכל. האָט איינמאָל ביי אזא געלעגנהייט שרציע בעדערמאַן, זרח דעם הויטנס, א גלי געטאָן חברה מיטן געדאַנק:

— מיר וואָלטן געדאַרפט גרינדן אונדזערע אַן אייגענע ביבליאָטעק!

האָט מען זיך דערצו א נעם געטאָן, כאָטש צונויפצוזאַמלען א פּאָר זלאָטעס צווישן אַרבעטער־יונגוואַרג איז גאָרנישט פון די לייכטע זאַכן. מ'האָט ביי טעטע דער טויבער מיט די תמעוואַטע אויגן, די אלמנה נאָך אהרון דרדקי־מלמד, געדונגען א קליין צימערל מיט א שאַפע, אויסגעשריבן א פּאָר צענדליק ביכער פון וואַרשע, זיי אין איר אַריינגעשטעלט, און אויפן ערשטן „פּראָלעטאַרישן טייאוונט" מיט פאַרבעטענע געסט אויך פון די יידישיסטן („זיי האָבן קעשענעס, און קאָנען זיך לאָזן קאָסטן") איז די ביבליאָטעק געקרוינט געוואָרן מיטן נאָמען „פּראָלעטאַרישע ביבליאָטעק".

דעמלט האָט שוין טעמע די טויבע מיט די תמעוואַטע אויגן לחלוטין נישט פאַרשטאַנען די טענות פון די פרומע ווייבער, הלמאי זי האָט פאַרדונגען א צימערל אויף אזא „טרפות..."

— ס'וואָר, — האָט זי געשאָקלט דעם טויבן קאָפּ מיט די תמעוואַטע אויגן — זיי גייען דאָרט מיט די בלויזע קעפּ... אוודאי... גייען דאָך אויך שוין באַלעבאַטישע קינדער אָן היטלען אויפֿן סאַמע מיטן שאָסיי אַפילו... דערפֿאַר פּאָרטרעטן האָבן זיי אויפֿגעהאָנגען — שוין אַזאַ יאָר אויף מיר מיט אײַך צוזאַמען! זיי מעגן הענגען אויף דער מזרח=וואַנט ביים דיין אַפילו: גרויסע רבנים מיט געדיכטע בערד... יאָ... נאָר, זעט איר? דאָס געפֿעלט מיר אויך ניט: די יונגען האָבן דאָך זיי אויך אויסגעטאָן די היטלען, די רבנים...

שרצ'ע בעדערמאַן, אסתר פּריסיקס קוזינקע און געוועזענע חברטע, איז סײַ לויטן אויסזען, סײַ לויטן כאַראַקטער ענלעך געווען צו איר טאַטן, זרח דער רויטער. אירע האָר — גאָלדיק רויט. דאָס פּנים — באַזייט מיט קלייען; זייער אָפּט זענען אויף דעם געזיצן גלאַנציקע, רויטע פּרישטשיקלעך. די אויגן, אייליקע, האָבן פֿייכט געגלאַנצט. בעת דיסקוס'עס פֿלעגט איר גאַנצער קאָפּ ווי זיך אָנצינדן, און די אויגן האָבן געזשאַריעט און געשפּריצט מיט זידנדיקן אייל.

שרציע בעדערמאַן פֿלעגט אַגיטירן איר קוזינקע, אסתר פּריסיק, זי זאָל אַרײַנטרעטן אינעם קרייז פּראָלעטאַריער. זי פֿלעגט זי זידלען, אַז זי „פּאַראַדעם איינענעם קלאַס“, די פּראָלעטאַרישע יוגנט הייסט עס. אָבער אסתר וואָלט צו זיי געגאַנגען סיידן צוזאַמען מיט איר איציקן און שמעון אַדלערן. נאָר די באַגײַסטע חברשאַפֿט מיט דער קוזינקע האָט אסתר ניט איבערגעריסן פֿונדעסטוועגן. ערשטנס, מע זאָל איר ניט פֿאַרוואַרפֿן, אַז זי, אַ קאַוואַלס אַ טאָכטער, רייכט זיך בלויז אין יחוס, צווייטנס, לויטן דאָס פֿון אהרון לעווי, כדי צו האָבן אַ פֿאַרבינדונג מיט דער פּראָלעטאַרישער יוגנט לטובת דער יידישער שול.

פֿון דער דאָזיקער פֿאַרבינדונג איז קאָנטעט געווען אויך דער צווייטער צד: ביי די פּראָלעטאַריער „האָבן זיך געעפֿנט די אויגן“, אַז — די יידישע שול, דאָס איז דאָך זייער שול! דאָס, וואָס זי ווערט אָנגעפֿירט דורך יידישיסטן, איז בלויז אַ צופֿאַל. דאַרף מען זי דערווייל שטיצן, די שול, און מיט דער צייט... מיט דער צייט וועט מען זי איבערנעמען און ווערן דאָרט די באַלעבאַטים.

און צו יענער צייט איז געשען די איבערקערעניש מיטן תחבות=לערער, דוד בעקערמאַן.

דער לערער בעקערמאַן האָט זיך שוין לאַנג געפֿילט ניט פֿוינלדיק אין דער תחבות=שול. ער איז געווען פֿרעמד אין דעם „ועד=ההורים“, וואָס איז באַשטאַנען פֿון לויטער באַלעבאַטישע יידן. דאָרט האָבן אים איידעלע אָנצוהערענישן אָפּט דערמאָנט ווער זיין טאַטע איז געווען: אַ שוסטער און אַ ליטוואַק דערצו. פֿון דער יידישער שול האָט מען אים, פֿאַרקערט, געגעבן אָנצוהערן, אַז זיי ווילן אים האָבן פֿאַר אַ לערער ביי זיך: אַ לערער פֿון דער פֿרעמד שטייט שטענדיק מיט איין פֿוס אויפֿן וואָגן. בעקערמאַן איז אַ ה'נער, האָט אַ ווייב מיט קינדער, אַרויספֿאָרן פֿון דאַנען איז אים שווער, כמעט ניט מעגלעך — אַזאַ

לערער, מיט וואָס פאַר אַ פּערספּעקטיוו מע זאָל אים דעם לוין נישט אויסצאָלן, וועט ער די שול נישט פאַרלאָזן. אָבער בעקערמאַנען איז שווער געווען זיך צו באַשליסן: טוישן די בעסטע שיסל פון דער תרבות־שול אויף דער מאָגערער פון דער יידישער? און אפשר וועט די יידישע שול, די שול פון די אָרעמע, זיך גאָר איבערקערן?! מע דאַרף אָפּוואַרטן און זען, און... היינטצואָרומער האָט ער גענומען צוהעלפן דער יידישער שול.

דאָס טאַקע איז געווען די סיבה, וואָס ער איז נאָך מיט אַ פּאָר יאָר צוריק צונעשטאַנען צו האָדיע קאָוואַל, ער זאָל אַהינקען אַריינגעבן אין דער יידישער שול.

איז דאָס צום היינטיקן אָנהייב שול־יאָר געשען — דער לערער בעקערמאַן איז אַריבער אין דער יידישער שול.

— כי־כי־כי! — האָט ער זיך געציקלט און געקראַכן מיט די קורצזיכטיקע אויגן דורך די פּענסנע־גלעזלעך אין מיטן קורצן נאָז איבער די דראָטענע אונפערגעשווירענע וואָנסעס זיין צוהערער אין פּנים אַריין — „כל עוף למינהו“, יעדער פויגל דאַרף זיך האַלטן ביי זיין מין... ווי זאָגט קרילאָוו אין דער „באַסניע“...

— ער איז דער אמתער פויגל, צווישן אונדז גערעדט, — האָט צוגעשמייכלט דער לערער שמעון, וואָס האָט געהאַט קנאַפּן צוטרוי צום לערער בעקערמאַנס „אידעאַליסטישן“ אַריבערלויפן — מסתם איז אויך דאָרט ביי זיי נישט פוינקליק מיטן אויסצאָלן דעם שכר־לימוד. נישט אומזיסט איז ער אַ לערער פון מאַטעמאַטיק... בעקערמאַן.

— אייב אַזוי, — האָט צוגעשמייכלט אהרון לעווי — האָט ער דאָס מאָל אַ טעות געהאַט אין חשבון — ביי אונדז וועט ער קריגן אַ ביסל ערגער אויסגעצאָלט.

— דערפאַר וועט מען אים צוליב טאָן, און חוץ מאַטעמאַטיק וועט ער אויך לערנען תנ"ך. „כל עוף למינהו“...

די ערשטע צייט איז דער לערער בעקערמאַן אויפריכטיק צופרידן געווען פון דעם טויש, וואָס ער האָט זיך דערוועגט צו מאַכן: ער דאַרף זיך שוין מער נישט שעמען מיט זיין טאַטן... ער איז שוין מער נישט קיין ממזר און דאַרף נישט לעבן אין זכות פון זיין ווייבס יחוס.

— היינט בין איך דער יחוס, — פלעגט ער זיך אין אַ גוטער שטימונג צעציקלען — מיין טאַטע איז געווען אַ האַנטווערקער. ווען איך וואָלט נישט מורא האָבן... המם... כ'וואָלט נאָך אפשר אַליין געגאַנגען צו די פּראָלעטאַריער.

געגאַנגען צו זיי איז ער נישט, דער לערער בעקערמאַן. איז בלויז געוואָרן דער הויפּט־פאַרבינדלער צווישן דער באַלעבאַטיש־יידישיסטישער יוגנט, ווי ער

האָט זיך געפילט היימיש צוליב זיין וווילקענעודיקייט און דעם ווייבס יחוס, און דער באַלמעלאָכישער יוגנט, ווו ער איז געווען אַ פראָסטן שוסטערס אַ זון.

האָט די פּראָלעטאַרישע יוגנט אָנגעהויבן אונטערצוהאַלטן און שטיצן די יידישע שול, ווי אַן אייגענע. זי האָט זי פּראָפּאַגאַנדירט און אַגיטירט פאַר איר צווישן די האַנטווערקער־עלטערן. פלעגט קומען אויף אַלע שול־אונטערנעמונגען, אויף אַלע ספּעקטאַקלען פון דעם יידישיסטישן אַמאַטאָרישן דראַמקרייז. האָט זיך איינגעשטעלט פאַר די יידישיסטן אין זייער קאַמף מיט די תרבותיסטן — מיט וואָרט און פויסט.

— גיי, הייב זיך אָן מיט דער־אָ פינצטערער מאַסע! — האָט געזאָגט מיט באַדויערן און פאַראַכטונג דער באַלעבאַטיש־העברעישער צד.

— די־אָ „פינצטערע מאַסע" גייט צו ליכט, — האָט געזאָגט דער לערער שמעון אַדלער — מיט דער צייט וועלן די בעסערע פון זיי איבערנעמען אונדזער שול, אונדזער ביבליאָטעק און די גאַנצע קולטור־טעטיקייט.

דערווייל האָט זיך ביי דער פּראָלעטאַרישער ביבליאָטעק אויסגעבילדעט אַ דראַמקרייזל מיטן ציל צו שטעלן ספּעקטאַקלען בלויז פון פּראָלעטאַרישן אינהאַלט. איינגעזשעסירן מיט זיי די ראָלן פלעגט שיקל זיידמאַן, דער רעזשיסער פון דעם יידישיסטישן אַמאַטאָרן־דראַמקרייזל, און ס'האָבן מיט זיי מיטגעשפּילט די יידישיסטישע אַרטיסטן: דבורהקע פוקס, אהרון באַזאַן, אַ בחור פון באַלעבאַטישן אָפּשטאַם, אַן אַרבעטער אין דער פערד־אָליניציע, דער ביבליאָטעקאַר פון דער פאָלקס־ביבליאָטעק און אסתר פּריסיק. נישט לייכט און מיט נישט ווייניק אויפרעגונג פלעגן אַדורכגיין די פּראָבן אויך אין שול־דראַמקרייזל, נאָר ביי זיי, ביי די פּראָלעטאַריער, פלעגן זיי אַדורכגעפירט ווערן אויף אַן אומדערטרעגלעכן אופן. יעדער טראָט פאַרוים איז אָנגעקומען מיט גרינגע ווערעם. שיקל זיידמאַן, אַ בן־יחיד ביי טאַטע־מאַמען, אַ היציק בחורל, וואָס צינדט זיך לייכט אָן, ווי אַ קינדל, פלעגט אַלעמאָל אויפקאָכן און ש'ער־שיער נישט איבערשווימען. ער פלעגט רעדן בלויז צו „די איינענע" „אַפּאַרט" (מענלעך, אַז מע האָט דעם „אַפּאַרט" געהערט נישט ווייניקער ווי אין טעאַטער־זאַל): — פאַר אַ האַלץ־העקער, פאַר אַ האָלץ־העקער האָבן זיי מיך געמאַכט. (דער „זיי" האָט געמיינט די איינענע חברים פון דער "יש"אָ־פאַרוואַלטונג, וועלכע האָבן אויף אים אַרויפגעלייגט די דאָזיקע פליכט). אַז די ציגעלן זענען ביי זיי פון האָלץ! און אַז מע דערלעבט שוין אַראָפּצוטעסן אַ וואָרט פון אַ צונג, איז עס אויך האָלץ — אַ שפּאָן!

און פאָרט האָבן זיי געשטעלט ספּעקטאַקלען. די יידישיסטישע יוגנט פלעגט פון יוצא וועגן קומען אויף די דאָזיקע ספּעקטאַקלען, אין וועלכע זיי האָבן דאָך אַריינגעלייגט זייער חלק מי. זיי פלעגן שעפּן נחת, ווי עלטערן פון אַ קינד, וואָס הייבט אָן שטעלן די ערשטע טריט: ס'וואַקלט זיך, סע שטרויכלט, סע פאַלט

אפילו, אָבער — ס'וועט שוין מיט גאָטס הילף גיין! פון דעם העברעישן צד פלעגן קומען געציילטע, בלויז כדי „צו כאַפּן אַ קוק“, ווי סע זעט אויס ביי זיי — ביי די „שוסטער-יידישיסטן“, און האָבן פון וואָס אָפּצולאַכן:

— ווי שיין דער זשאַרגאָן קלינגט אין דער שוסטער-גאַס!

— משעפעט זיי נישט. זיי האָבן חזקה אויף יידיש „טרעיאַטער“ נאָך פון די צייטן פון די פורים-שפּילן.

— ווי פלעגט שאול המלך אין דער גאָלדענער קרוין — גרשון לאַטוטניק, חייםס עם — אַ בענץ טאָן אין די טאַצן: „איך בין דער קעניג שאול, און איר זענט מאַנע יאַצן...“ (מיינע יועצים).

ווען מ'האָט איינמאָל שבת גערעדט וועגן דעם אין „קאָמערטשעסקי“ שטיבל, האָט יצחק גאָלד אָנגעקוקט די מיטשמועסער מיט פרומע בלומרשט באַזאָרגטע אויגן און געזאָגט רמזדיק, ווי וועגן אַ זאַך, וואָס ס'איז נישט כדאי אין אַ מקום-קדוש אויף די ליפּן אַרויפצוברענגען:

— ס'איז אוודאי אַ זכר-לחורבן...

יאַנקל האָרן ווידער, כאָטש אַ מיטגליד פונעם עלטערנראַט אין דער יידישער שול, האָט דעם רמז פאַרטייטשט מיט שפּאָט אין די נאָזפליגעלעך:

ס'אַ קלאָרע זאַך — ס'אַ זכר פון דער „ציוויליזאַציע“ און „קולטור“ פון די שוסטערס, וואָס גייען באָרוועס...

און מאָטיע גפן האָט פאַרענדיקט מיט אַ מיינן-שמייכעלע:

— נו, יאָ. אַ ריח, ווי סע פילט זיך, איז נאָך זיי פונדעסטוועגן פאַרבליבן.

צופרידן איז געווען בלויז דער יונגער דור באַלמעלאָכעס, וואָס פלעגן, מאַן-און-ווייב, גיין אויף די ספּעקטאַקלען און פון זיי הנאה האָבן — מע פילט זיך אין טעאַטער, ווי ביי זיך אין דער היים. און אַפילו ווען עמעץ פון זיי פלעגט „מאַכן אַ קריטיקע“, איז דאָס אויך געווען אין גוטן מוט.

— זיי שפּילן נישט שלעכט, — זאָגט אויף זיי מבינות בעריש וועלוול שוסטער „דעם רבינס איידעמל“ — נאָר די עברי קומט ביי זיי אַרויס גראָביאַנסקע... מיין ערגסטע פאַר שטיוול איז איידעלער אָפּגעאַרבעט.

קאַפּיטל אַכט און זעכציק

עפּעס ציִיטיקט זיך אוים פאַרבאָרגענהייט

צום סוף פון אַ פּעדאַגאָגישער זיצונג, ווען אַלע פראַגן זענען שוין געווען אויסגעשעפּט, און בעקערמאַן האָט זיך אומגערולדיק אַ וואָראָשע געטאָן צום אויפהייבן זיך, האָט דער נייער לערער פון וואַרשע, שמואל ליבפריד, געבעטן און באַקומען דאָס וואָרט:

— איך וואָלט וועלן דאָ באַרירן אַ פראַגע. — האָט ער געזאָגט באַדענקט־געלאַסן, ווי אַ מענטש, וואָס איילט זיך נישט, און אפשר דערפאַר, וואָס ער איז נישט אַזוי געלויפיק אין דער יידישער שפּראַך — אַ פראַגע, וואָס האָט נישט איינגעטלעך קיין דירעקטן צוזאַמענהאַנג מיט אונדזער אַרבעט אין שול. איך מיין, אַז מיר אַלע וועלן צוגעבן, אַז די געזעלשאַפטלעכע פליכט פון אַ לערער, באַזונדערס אין אַ קליין שטעטל, איז... המם, נישט צו באַגרענעצן זיך מיט דער פּעדאַגאָגישער טעטיקייט אויסשליסלעך אין שול...

— וואָס?! — האָט אים איבערגעריסן בעקערמאַן, אָנזשמורענדיק אויף אים דערצערנט זיין קורצזיכטיקן בליק — פאַר דער אַרבעט אין שול באַקומען מיר דאָך אויך נישט אויסגעצאָלט, נישט אינגאַנצן און נישט צו דער צייט!

— היצט זיך נישט, חבר בעקערמאַן, — האָט אים ליבפריד באַרויקט, כאָטש ביי אים אַליין האָט זיך ראָזלעך געפלעקט דאָס פּנים און אַ צוק געטאָן די לינקע ווייע — איך האָב דאָך אייך נאָך קיין האַלבע זאַך אפילו נישט געוויזן... וואָס אָנבאַלאַנגט דעם אויסצאָלן די לערער, האָב איך שוין נישט איינמאָל פאַרגעלייגט פּראָפעסיאָנעל זיך צו אָרגאַניזירן... שלאָגט מיר נישט איבער, כ'בעט אייך. איך וויל זאָגן — אויסער די קינדער איז דאָך אין שטעטל פאַראַן אויך אַ יוגנט...

— ס'ציט אייך צום „בונד"?... — האָט זיך בעקערמאַן פאַרט נישט געקאָנט איינהאַלטן, ווייל ס'איז גראָד געווען דאָנערשטיק, און ער האָט זיך געריכט, אַז דאָס ווייב וועט זיך אומקערן פון קראָם מיט ליידיקן און מאַכן אים באַצייטנס שוואַרץ־שבת — גייט צו אים! ווער שטערט אייך?!

— בע־קער־מאַן!... — האָט שטרענג אַ זאָג געטאָן אהרון לעווי, וועלכער זיצט דאָ ווי דער פאַרשטייער פון דער שול־פאַרוואַלטונג.

און בעקערמאַן האָט זיך גלייך איינגענומען: אפשר וועט ער דאַרפן נאָך היינט אין אָוונט גיין צו אים בעטן אַ שתדלנות־צעטעלע צום קרעמער.

— איך זאָל גיין צום „בונד"? — האָט ליבפרידס לינקע ווייע ווידער אַ צי־טער געטאָן — ווען דער „בונד" זאָל אפילו קומען צו מיר, המם, וואָלט איך אים געוויזן די טיר...

— איז אפשר אָן גראַמען און בקיצור? — האָט זיך שוין אַריינגעמישט מיט אַן אומעטיקן שמייכל אַדלער.

— בקיצור? גוט. איך לייג פאָר, די ייש"אַ־פאַרוואַלטונג זאָל איינאָרדענען פאַר דער אַרבעטנדיקער יוגנט אַ קורס פון יידיש, פויליש, מאַטעמאַטיק.

— אַ קורס פון... — האָט אַדלער אַקצענטירט — יידיש, פויליש און מאַטע־מאַטיק? ס'איז נישט קיין שלעכטער געדאַנק...

— און געלערנט אויף די קורסן וואָלטן מ י ר, — האָט פאַרענדיקט גריי־טנדיק זיך ברינגמאַן — די לערער פון דער שול.

— אומזיסט?! — האָט זיך בעקערמאַן דערשראָקן.

— פאַרוואָס? מע וועט קאָנען נעמען ביי די קורסאַנטן אַ מינימאַלן אָפּ־צאָל, — האָט ווידער אַריינגעשטעלט זיין וואָרט ברינגמאַן — איך בין יעדנפאַלס גרייט.

— און ווער איז נישט גרייט? — איז מיטאַמאָל אויפגעגאַנגען אַ ראָזיקייט אויף בעקערמאַנס פנים, וואָס האָט זיך אַ שמעלץ געטאָן פון נחת — ווער דען זאָל זאָרגן וועגן דער בילדונג פון אָרעמע אַרבעטער־יינגלעך, אויב נישט לערער פון אַ יידישער שול! המם, אויב זיי וועלן אפילו נישט אויסצאָלן צו דער צייט, וועלן מ י ר קיין שטרייק נישט אָרגאַניזירן...

דאָס האָט געזאָלט זיין אַ שטאָך ליבפרידן. ליבפריד האָט אויף אים אַ קוק געטאָן ערנסט־פרעגלעך און אַראָפּגעלאָזט דעם בליק מיט ביטול. נאָר גראָד אַדלער האָט אים אָפּגעצאָלט, שמייכלענדיק איראָניש־מחילהדיק, מיט אַ שטע־כלקע:

— אַ צושלאָג צו פרנסה, בעקערמאַן, האָט אויך עפּעס אַ ווערט, אַ?...

נאָר בעקערמאַן, אין זיין פריידיקער האָפענונג טאַקע אויפן דאָזיקן צושלאָג, האָט נישט — נישט נאָר נישט דערפילט דאָס שטעכעלע, נאָר פאַרקערט זיך צעציקלט הנאהדיק מיט אַ שפּאָס:

— בע־בע־בע... מיין פרנסה איז אַזוי אויך גענוג צוגעשלאָגן, ווילט איר זי מיר נאָך מער צושלאָגן?...

— איז באַשלאָסן. — האָט אונטערגעצויגן אהרון לעווי. — אויף דער קו־

מענדיקער זיצונג פון דער יישאָ־פאַרוואַלטונג וועט דער פאָרשלאַג באַטראַכט ווערן.

אין צוויי וואָכן אַרום זענען די קורסן געעפנט געוואָרן. בעקערמאַן לערנט יידיש, ברינמאַן מאַטעמאַטיק און דער וואַרשעווער לערער, ליבפריד, פויליש.

יעדן פאַרנאַכט, חוץ פרייטיק, שוין אין אָוונט אַריין, פלעגן זיך לאָזן צו די קורסן, אין לאָקאַל פון דער יידישער שול, בחורים און מיידלעך, אויסגעמאַטער־טע פונעם שווערן טאָג מי — די בחורים אפילו נישט רעכט אַרומגעוואַשן — כדי דאָ אַ ביסל „אָפּצורוען", זיך צו בילדן.

די ערשטע צייט פלעגן די יידישיסטישע פירער שטיין פאַר דער שול און צוקוקן מיט נחת־רוח און גרויסהאַלטונג צום דאָזיקן גאַנג, כאַפּן התפּעלות פון זייער אויפטו און באַוווּנדערן דעם הראַנג צו בילדן זיך און ווערן באַוווּסטזיני־קער, וואָס עס ווייזט אַרויס די אַרבעטער־יוגנט.

צווישן די קורסאַנטן האָבן זיך אַרויסגערוקט מיט זייערע דערגרייכונגען שרה'צע בעדערמאַן, זרח דעם רויטנס, די פירערין פונעם יוגנט־„בונד", און איר קוזין איציק פּריסיק, דאָדיע קאָוואַלס, וועלכן זי האָט „בשום־אופן נישט גע־קאָנט צעקייען", פאַרוואָס ער „טרעט נישט אַריין אין איר „צוקונפט". ער האָט זיך דאָך אפילו ביי זיין טאַטן געקאָנט דערשלאָגן צו אן אכטשעהעריקן אַר־בעטסטאָג פאַר זיין געזעל, בעת זי ביי איר טאַטן קאָן זיך עס נישט דער־שלאָגן!...

— טאַקע דערפאַר... — האָט איציק פּריסיק דערויף איר שטיל געענטפערט, — און מיין אסתרן וועל איך אויך נישט לאָזן גיין אין דיין בונדישן געשפּאַן. זי איז נישט קיין פערד...

אַראַנק די קורסן האָבן די יידישיסטישע פירער באַקומען אַ געלעגנהייט „אַריינצונאַרן" פון די קורסאַנטן נייע מיטגלידער אין דער יישאָ, כדי צו „פאַר־פעסטיקן די יידישיסטישע פּאָזיציע". די בונדיסטן ווידער „האָבן זיך געלאָזט אַריינגאַרן", כדי „מיט דער צייט צו ווערן די באַלעבאַטים אין דער שול, וועלכע איז דאָך זייערע, און אויפשטעלן אין איר אַ „סקיף".* בעת די וואַלן פון דער פאַרגרעסערטער יישאָ, איז אין איר פאַרוואַלטונג אַריין אויסגעוויילט געוואָרן אויך שרה'צע בעדערמאַן — זי, און נישט איציק פּריסיק! אָ, ווי זי האָט איצט אָנגעהויבן צו קוקן אויף אסתר פּריסיק, „די פאַרעוועע יידישיסטקע, וואָס לעקט באַלעבאַטישע טעפּ", פון אויבן אַראָפּ. דאָס מאָל האָט זי איבערגעריסן צווישן זיי די חברשאַפט.

שפּעטער האָט זיך אָנגעהויבן אַ פאַרקערטע שפּיל: די בונדיסטן האָבן גע־נומען „אַריינגאַרן", און די יידישיסטן האָבן „זיך געלאָזט".

---

* סאָציאַליסטישער קינדער־פאַרבאַנד.

— צו וואָס, — האָבן געפרעגט די בונדיסטישע פירער ביי די ייִדישיסטישע

— צוויי באַזונדערע ביבליאָטעקן מיט באַזונדערע הוצאות? לאָמיר זיי פאַראייניקן.

די ביבליאָטעק איז אַזוי אַרום פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ יוגנט־קלוב, וווּ עס פלעגן זיך טאָג־טעגלעך צוזאַמענטרעפן די אַרבעטער־יוגנט מיט דער באַלעבאַטישער. אמת, די ערשטע צייט האָט זיך צווישן דעם עולם אָפּגעפילט אַ געוויסע געצווונגענקייט צוליב דער פון דורות איינגעשטעלטער אָפּגעזונדערטקייט. דער באַלעבאַטישער צד האָט אויסגעזען צו זיין גרויסהאַלטעריש־שעמעוודיק צוריקגעהאַלטן, און דער אַרבעטאָרישער — פאַרדריסלעך־באַליידיקט טאַקע אָט צוליב דער דאָזיקער גרויסהאַלטערישקייט. נאָר ביסלעכווייז, האָט מען געוווּסט, וועט זיך דאָס איבערנעמען. אַז מע טוט אָן אַ נייַ היטל אויפן קאָפּ, פילט מען זיך אויך עפּעס נישט איינגאַנצן אַזוי. מע וועט זיך צוגעוויינען, און געוויינהייט איז אַ צווייטע נאַטור.

אָבער גאָר איניגיכן האָבן זיך גענומען באַווייזן אומצופרידענע אין דעם פאַראייניקטן לאַגער. תחילת איז דאָס געווען אַ שטיל שעפּטשעניש צווישן זיך, און דערנאָך האָט זיך עס געלאָזט הערן. מע האָט זיי דערווייל אָנגעציילט אויף די פינגער פון איין האַנט — פיר. „די ארבעה בנים פון דער הגדה" האָט זיי דער לערער בעקערמאַן אָנגערופן, זיך ציקלענדיק דערביי, מיט אַ טאָן פון אַ רודף־שלומניק, מיט אַ טאָן, וואָס האָט זיך געלאָזט אויסטייטשן, סיי אַז ער איז קעגן זיי און פאַראורטיילט זיי, סיי אַז... מילאָ, נו, מע קאָן זיי מוחל זיין.

די פיר זענען געווען:

איציק פריסיק, וואָס פלעגט רעדן שטיל און באַטראַכט, מיט ווערטער, פון וועלכע עס שלאָגט אַ פאַרבאָרגענע היץ, ענלעך צום לערער ליבפריד, בעת ער פאַררעדט זיך אויף דער לעקציע פון די קורסן וועגן פּאָליטיק; אָט אַזוי־אָ שטילערהייט, האָט מען געוווּסט, האָט איציק דערפירט זיין טאַטן — איין קליינקייט, דאָריע קאָוואַל! — ער זאָל נאָכגעבן זיין געזעל צו אַרבעטן נישט לענגער פון אַכט שעה, ווייל: „טאַטע, זאָג אַליין, איז עס אַ יושר אַזוי?", כאָטש גענומען האָט ער אים נישט מיטן יושר, פאַרשטייט זיך, נאָר דערמיט, וואָס ס'האָט געהאַלטן דערביי, אַז צוזאַמען מיטן געזעל זאָלן שטרייקן אויך די „בנים", חוץ, נאַטירלעך, נפתליען; —

בנימין פעליץ — יאָסל איינבינדערס, יאָסל דרדקי־מלמדס שטיפיינגל; ער האָט געאַרבעט ביי זרח דעם רויטן, שרציע דער בונדיסטקעס טאַטע, מיט וועלכן ער האָט געפירט אַ קאַמף פאַר אַכט שעה אַרבעט; איינמאָל, אין ביבליאָטעק, האָט ער שרציען אַ זאָג געטאָן פאַר אַלעמען אין די אויגן: „אַ בונדיסטקע! פאַרוואָס שטעלסטו זיך נישט איין פאַר מיר ביי דיין טאַטן דעם אויס־

נוצער, ווי איציק פּריסיק פאַר זייער געזעל, פאַר דאַניִלען?...“ און צוגעגעבן שוין
מיט אַ שמייכל: „איציק האָט אויך מיר אַליין אַמאָל געהאָלפן...“ דער אַמאָל איז
געווען נאָך מלחמה=צייט, ווען איציק האָט געלערנט ביי זיין שטיפטאַטן „קאָמעץ
אַלעף — אָ“ און פלעגט אים, בנימינען, אונטעררזאָגן און ראַטעווען פונעם שטיפ=
פאַטנס שמיץ; היינט פלעגט זיך בנימין תמיד נעפינען לעבן איציקן, ווי ער וואָלט
אויך היינט אויסקוקן איציק זאָל אים אונטעררזאָגן, און זיך לעבן אים שוואַך אָנ=
זעען, ווי אַ שאָטן: איציק איז געווען אַ ברייטפּלייציקער און מיט אַ קאָפּ העכער
פון דעם שמאָלפּלייציקן און שמאָלברוסטיקן בנימינען, איציק איז געווען א ברוי=
נעט. די האָר — שוואַרץ, מיט אַ שימער. די אויגן — שוואַרצע, שטיל=זשאַריענ=
דיקע. זיין הויט=קאָליר — טונקל=ברוין, און פון אונטער דער הויט האָט זיך
ארויסגעפּרעסט יאָדערדיק לייב; בנימין — פאַרקערט: א בלאָנדין. די האָר —
מאַטעווע, שעפּלדיק געקרייזלטע. די אויגן — גרוילעך העלע און קילע, מיט אַ
בליק, אין וועלכן ס׳געליוועוערט, דאכט זיך, תמיד אן אומפאַרשטיין: „פאַרוואָס איז
די וועלט אַזאַ=אָ וועלט?“ זיין הויטקאָליר — קרענקלעך=בלאַס, ווי דורכזיכטיק, צו
באַווייזן, אַז דאָס לייב אונטער איר איז שיטערלעך און שלאַבעריק. זיין קאַרטאָפּל=
נעזל — אַ ביסל פאַרריסן אַרויף — דריקט אויס אומצופרידנקייט און צולהכעיס=
דיקייט; —

מיישקע בינהאָרן — אַ בחורל גראָד פון באַלעמאַטישן גראַד, נעענדיקט
עטלעכע קלאַס „תרבות“=שול, און וואָלט לויט אַלצדינג באַראַפט שטעקנבלייבן
ביי די ציוניסטן, לכל=הפּחות — ביי די יידישיסטן. פאַרוואָס ער האָט זיך דער=
נומען אהער צווישן די אַרבעטער=ייִנגלעך האָט אויסגעזען א רעטעניש. דער
לערער בעקערמאַן האָט זיך נעוויצלט ווענן אים: „מיישקע בינהאָרן האָט נישט
פאַרענדיקט די „תרבות“=שול און איז אַרויס לתרבות=רעה...“ אפשר איז דאָס
געווען דערפאַר, וואָס די מלחמה האָט זיין טאַטן, סראָלקע בינהאָרן, געמאַכט
פאַר א יורד — סראָלקען, וואָס איז אַמאָל געווען אין אַרענטינע און אומגע=
קערט זיך פון האָרט מיט א ביסל געלט און א היפּשער תורה: „אויף פּרנסה צו
פאַרדינען איז קיין שום אַרבעט קיין חרפּה נישט“ — און זיין עלטסטער ברודער,
ניסל בינהאָרן, האָט זיך גראָד אין דער מלחמה „אַרויסגעשמוגלט“, איז היינט
געווען אַ שותּף אויף געוויסע פּראָצענטער צו ישראל לעווים פּאַראָווע מיל, און
ביי אים אין שטוב האָט מען זיך געפירט ווי ביי א גביר... א קנאָכיקער און ריי=
רעווהדיקער, איז מיישקע, מיטן אָדלער=נעזל, ברוינע אויגן, שאַרפן בליק און דינע
באַוועגלעכע ליפּן, קיינמאָל לאַנג אויף קיין אָרט נישט איינגעשטאַנען. ווו נאָר א
רעדל, איז מיישקע באַלד אינמיטן. זיין קעלעכל, א קוויטשיקס און חוצפּהדיקס,
אי פון א יונגן האָנטשיק, לאָזט זיך הערן אָט דאָ, אָט דאָרט, און אומעטום. אפילו
די אייגענע יאַטן ווילן אים נישט נעמען ערנסט. א ווינט אין פעלד — אָט פאָכעט
ער, ווייל ער האָט נישט עפּעס בעסערס צו טאָן. ציין לערנען זיך א פאַר, נייט ער

פונדעסטוועגן נישט... מאַרגן־איבערמאָרגן קאָן עס אים פאַרטראָגן צוריק צו די ציוניסטן: —

און דער פערטער — נחום וואָלף, פעסיע חוהס עלטער ייִנגל, וואָס איז נאָכן ענדיקן די שול אָנגעקומען אויף דער לער צו שעיה לייב מעבלמאַכער, בעת זיין יונגערער ברודער, חנאָ, איז אוועקגעפאָרן קיין ווילנע אין לערער־סעמינאַר.

אָ, דער נחום וואָלף! ווען דער לערער בעקערמאַן האָט אים אײנמאָל, זיין געוועזענעם שילער — פון דער עסטרייכישער, העברעישער און יידישער שול — נאָכגעיאָגט אַ דעם עסיק... *

— דו, נחום, ווייסט דאָך די פייטיש אפילו פון „מהרסיך ומחריביך ממך יצאו" *... דו — כע־כע־כע... אַ קאַלב פון אייגענער „האָדעוועליע", זאָלסט אַרויס־טרעטן צוזאַמען מיט יענע!?

האָט אים נחום, מיט אַ צעקרימט בלאַס־געל פּנים, אָנגעצונדענעם שקראַפּל־העפּט און גרויס־צעעפנטע אויגן מיט פייכטן גלאַנץ אין זיי, אַן ענטפער געטאָן מיט הייזעריקייט אין קול אָבער מיט לויטער אָנצוהערעניש:

— דאָס לעבן, לערער, איז אויך אַ שול. און די נויט איז אויך אַ לערער, וואָס... וואָס טוט אַמאָל אַ ריס פאַר אַן אויער ביז בלוט...

פאַר בעקערמאַנס אָנגעזשמורעטן בליק האָט אַ שווינדל געטאָן די סצענע מיט יאָרן צוריק אין דער עסטרייכישער שול, ווי ער האָט צעבלוטיקט נחומען אַן אויער, און נחום האָט אַ רעווע געטאָן אַזוי, אַז... ער הערט אים נאָך איצט. זיין פּנים, בעקערמאַנס, ווערט איצט פינצטער, דער קערפּער — איינגעשרומפּן, און ווי אַ דערשלאָגענער שלייכט ער אַוועק.

איציק פריסיק האָט אָפּגעפרעגט „דעם קרומען שידוך מיט די יידישיסטן" מיט ווערטער, וואָס „קומען זיכער נישט פון זיין טאַטנס קוזניע — אפשר פּלאַפּלט ער נאָך נחום וואָלפן":

— די יידישיסטן־בונדיסטן שטערן דער אַרבעטער־יוגנט צו קומען צום קלאַסן־באַוווסטזיין... זיי זענען אייביקע אויסגלייכער... אַז נאָר זיי ציטערן פאַר איין זאַך: די שול זאָל זיך זיי נישט איינלייגן, ווי אַ סוכה... אָבער אַ שול אויף יידיש איז דאָך נאָכנישט אַלץ!... סע געווענדט זיך, וואָס מע לערנט דאָרט אויף יידיש... פאַרוואָס האָט זיי נישט געטויגט דער לערער טאַראַשקעוויטש? ווייל ער איז נישט קיין ייד?... ווייל ער איז אַן אוקראַינער?...

מיישקע בינהאָרן האָט זיך געקאָכט, ווי ער וואָלט גרייט זיין עמעצן די אויגן אויסדראַפּן:

---

* מהרסיך ומחריביך ממך יצאו — דייגע צעשטערער און פאַרטיליקער וועלן פון דיר אַרויסקומען

— אויב מע קאָן נישט אויפהענגען מאַרקס און ענגעלס בילדער אין דער ביבליאָטעק, טאָמער, חלילה, וועט עס פאַרשאָטן דער שול, האָט מען פאַר די פּאַראייניקטע ביבליאָטעקן באַדאַרפט דינגען אַ באַזונדער לאָקאַל... טאַקע נאָר בונדיסטן האָבן געקאָנט זיך אָפּזאָגן פון די דאָזיקע בילדער אויף ד ע ר ו ו י ל... זיי זאָגן זיך פון אַלץ אָפּ אויף ד ע ר ו ו י ל... זיי זענען טאַקע מיט מאַרקסן קנאַפּע מחותנים!

די בונדיסטן בראש מיט שרציע בעדערמאַן, ביי וועלכער די פּרישטשיקלער אויפן פּנים פּלעגן זיך אָנגליען ווי שפּיצן פון טשוועקעס, זענען, פאַרשטייט זיך, נישט שולדיק געבליבן קיין ענטפער. די ביבליאָטעק פּלעגט פול זיין מיט גערויש, ווי אַ בינשטאָק, און די ייִדישיסטן האָבן אָנגעהויבן זיך שרעקן, לויט שמעון אַרלערס אויסדרוק, „פאַר דעם האָניק, וואָס קאָן מיט דער צייט אַרויס פון דעם בינשטאָק..." ס'האָט זיך ביי זיי אָנגעהויבן וועקן אַ חשד, אַז „די קעמפער", ווי זיי האָבן מיט אַ ביטול-טאָן גערופן די אומצופרידענע, וואָס „האַלטן אין איין ברויען, אין כסדרדיקן טוטשען אינעם טריבן וואַסער פון מחלוקת, סע זאָל אַרויפקומען פונעם גרונט — בלאָטע!" — אַז זיי צילן צו עפּעס מער, וואָס איז פאַר זיי תוכיקער. צו וואָס אָבער? זיי רעדן און דערהערדן נישט, זאָגן און דערזאָגן נישט, פּלאַפּלען האַלבע דיבורים און פאַרענגדיקן מיט רמזים... צי איז נישט אַמאָל אַזאַ מײשקע בינהאָרן פּשוט אַ „מרגל" פונעם ציוניסטיש-העבּרעיִסטישן לאַגער? און נחום וואָלף — צי האָט ער נישט פאַר דער ייִדישער שול געלערנט אין דער „תרבות"-שול?...

טייל פון די ייִדישיסטן האָבן זיך געבייזערט און זיי אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט, „חי קעמפער":

— דאָס זענען פּשוט חברהניקעס, וואָס יאָגן זיך נאָך פּאָפּולאַריטעט. מיט זייער „קריטיק" ווילן זיי זיך דערשלאָגן צו געזעלשאַפטלעכן אָנזען, צו אַ בענקל.

טייל האָבן מיט אַ לייכט האַרץ געשפּאַסט פון זיי מיט שפּאָט:

— ס'איז זיי פּוסט אין די קעפּ, קלינגען זיי מיט די צינגער. מײשקע בינהאָרן גייט דאָך צו טאַראַס טאַראַשקיעוויטש זיך לערנען... איר ווייסט וואָס? באַלאַלײקע שפּילן.

און אַנדערע האָבן געטענהט הוקאָ ערנסט און באַזאָרגט:

— ניין, דאָס איז נישט אַזוי גלאַטיק. אויב די מחלה זאָל זיך עס נישט האָבן אָנגעהויבן מיטן אָנקומען פון דעם לערער ליבפריד. ער קריטיקירט די ציש"אָ, וועלכע האָט אים אַהער געשיקט... אַ וואַרשעווער — פאַרוואָס-זשע האָט מען אים טאַקע נישט געגעבן קיין לערער-פּאָסטן אין זיין היימשטאָט? אויב ער טויג נישט דאָרט, פאַרוואָס טויג ער דאָ יאָ? ער זאָגט, אַז די ציש"אָ באַשטימט לערער לויט אַ פּאַרטייאישן שליסל... צי איז ער טאַקע, ווי ער זאָגט, אַן אומפּאַרטייאישער? איז ער נישט אַמאָל קיין „רויטער"? וואָס איז ער אַזוי

מדריך איציק דאָדיע קאָוואַלס?... ס'וואָלט פאַרשטענדלעכער געווען, ער זאָל זיך אַזוי פאַרגעמען מיט זיין שוועסטערל...

— ניין, חברים, — האָט געוואָרנט שמעון אַדלער — דאָ וואַקסט עפּעס אָן, דאָ צייטיקט זיך עפּעס פאַרבאָרגענערהייט. וואָס? עפּעס א לייטישע פּרי? צי א מכה? שווער צו זאָגן. צי פּיקט זיך ביי אונדז נישט אויס קיין רויט אייעלע?... אין מילא. נאָר אז א רויטער האָן וועט נעמען קרייען אויף טאָג פון אונדזער ביבליאָטעק אַרויס — וועט זי דאָך צוזאַמען מיט דער שול געשלאָסן ווערן אויף זיבן שלעסער, מיט פאַרריסטן טריוואַקס פאַרזיגלט.

מע דערמאָנט זיך: נאָך איידער די ביבליאָטעקן האָבן זיך פאַראייניקט, האָט מען עפּעס געשמועסט וועגן א רעוויזיע אין דער פּראָלעטאַרישער ביבליאָטעק. הייסט עס, אַז נאָך דעמלט איז שוין דאָרט געווען נישט גלאַט־כשר. צי איז נישט צומאָל דער גאַנצער „שידוך" צושטאַנדגעקומען, כדי צו דעקן די איי־גענע פאַרדעכטיקע פלייצעס מיט דער פירמע פון דער ייש"אָ, וואָס אהרון לעווי, דער רייכער זון, איז איר פאָרזיצער?

צי איז זי שוין נישט, חלילה, די שול, אין סכנה?

מע דאַרף באַצייטנס אָננעמען מיטלען.

האָט קודם די ייש"אָ־פאַרוואַלטונג אַריבערגעפירט די ביבליאָטעק אין א צווייטער דירה: זאָל די פּולווער־פאַס זיין וואָס ווייטער פון דער שול. און חוץ דעם, האָט מען אויך געהאַלטן אַן אויג, אַז בייגאַכט נאָכן שליסן די ביבליאָטעק־שאַפע זאָל קיינער דאָרט נישט בלייבן. אויס קלוב!

ערשט ווען דאָס איז אָפּגעטאָן, זאָגט אהרון לעווי מיט א ברייטן זשעסט:

— גאַרישקייטן! אונדזער „טראַסקעוויטש" האַלט נאָך נישט ביי קאָמוניזם.

קאַפּיטל נײַן און זעכציק

דאָדיע קאָוואַלס מאַכט וואַקלט זיך

אויסערלעך זענען פאַר די לעצטע יאָרן פאָרגעקומען אין דאָדיע קאָוואַלס שטוב ענדערונגען הווקא צום בעסערן. טאַטע־מאַמע האָבן זיך געעלטערט, אָבער די שטוב אינעווייניק האָט ווי באַקומען אַ יינגער אויסזען. דאָס איז געווען אסתרן צו פאַרדאַנקען. זי האָט ליב ריינקייט, זויבערקייט און אָרדנונג. ס'איז אַ ליבע אַן אייגעבוירענע, טיילווייז אַן איינגעפלאַנצטע דורך דער דערציונג אין שול און טיילווייז איז עס גאָר דער ווילן אויסצופייגען זיך פאַר מענטשן: זי איז דאָך, אסתר, אַ טאַטנס אַ טאָכטער... ווי אַרויסגעטאָן זי איז אָפּט נישט געווען פון די היים־אינטערעסן צוליב איר יונגן ברויזנדיקן בלוט, האָט זי פונדעסטוועגן, ווען ס'איז נייטיק געווען, צוגעלייגט די האַנט אפילו צו שטוביקער שוואַרצער אַרבעט, ווי וואַשן די פאָדלאָגעס צוזאַמען מיט דער דינסט. זי האָט די שטוב גע־פוצט און געצירט. פאַר די יאָרן פון איר שוועסטער דבורה „די פּיסקעס" האָט זי קיינמאָל אַזאַ אויסזען נישט געהאַט.

די עופות און אפילו בהמות טייבן האָבן אויפגעהערט צו האָבן אַ דריסת־הרגל אין די צימערן. צום מיטיק־עסן פלעגט דער וואָכעדיקער טיש תמיד גע־דעקט ווערן מיט אַ זויבערן טישטעך איבער זיין גאַנצער לענג, וואָס פריער פלעגט עס געטאָן ווערן בלויז אויף איין ברעג זיינעם און גאָר פונעם טאַטנס כבוד וועגן.

ווי גאָר אסתרס וואָרט האָט אין שטוב באַקומען מער וואָג, האָט זי גענומען אויספועלן ביים טאַטן צו לאָזן זיך קאָסטן אויך אויף אַזעלכע זאַכן, וואָס ווערן נישט אַריינגעלייגט, ווי אַ קאַפּיטאַל, אין דער פּייערקאַסע פונעם מאָגן. אַזוי פלעגט ער טאַקע זאָגן, דאָדיע קאָוואַל,: „דער מאָגן איז אַ פּייערקאַסע. סיידן די כאָליערע קאָן פון דאָרט אַרויסנעמען, וואָס מע לייגט אַהין אַריין".

מיט דער ציים זענען געפאַרבט געוואָרן די טירן־פענצטער. די פענצטער, וואָס אסתר האָט געמאַכט שימערן זייערע שויבן, האָבן זיך אָנגעטאָן מיט האַלבע פירהאַנגלעך פון ווייסן זאַנעם. די דראָטן פון די הענגלאָמפּן האָבן אָפּט, נישט וואַרטנדיק פון איין פּסח צום צווייטן, געטוישט זייערע פּרענדזלעך פון קאָלירט

פאפיר. פון איר אייגן צימער, דאָס צימער פון „דעם באַנדיט“, איז שוין אָפּגערעדט. די פענצטער פון איר צימער, וואָס זענען פון דרויסן באַצירט געווען מיטן „סערל“ פון א שורה דינע פרוכט־ביימער, האָבן זיך פון אינעווייניק אָנגעטאָן מיט קאַרגיזן און לאַנגע פאָרהאַנגען. פרילינג־צייט פלעגן די פרוכט־ביימער אַריינקוקן צו איר מיט צוויט און זומער מיט עפּל, פלוימען און ווייַנשל און פאַרגאַרן פרעמדע נייגעריקע בליקן, וואָס די פאָרהאַנגען האָבן זיי געפאַנגען אין זייער אויזאָרן־נעץ.

אסתר האָט איר צימער געפוצט טאָג־טעגלעך, ווי די גאָלדענע רעם פאַר איר מיידלש־כלהשן לעבעדיקן פאָרטרעט. דאָ פלעגט זי זיך פאַרווילן, מיינסטנטייל, ווען דער טאַטע מיט די ברידער זענען געווען אין קוזניע, מיט אירע חברטעס און געוועזענע שול־חברים. ביי געוויסע געלעגנהייטן, ווען זי האָט למשל געפּראַוועט איר געבורטסטאָג, פלעגן אהער אַריינקומען אויך די פאַרבעטענע עלטערע חברים, די שול־טוער און לערער. אן אויסנאַם איז געווען בלויז דער לערער שמעון, א י ר שמעון, ווייל, ווי זאָגט איר מאַמע, „אויפן גנב ברענט דאָס היטל, כאַפּט ער זיך פאַרן קאָפּ“...

אז „די נייע פאַראַנדקעס“, וואָס אסתר האָט איינגעפירט אין שטוב, זענען איר נישט גאָר לייכט אָנגעקומען, איז זיך לייכט פאָרצושטעלן. זי האָט געהאַט אויסצושטיין א כסדרדיקן קאַמף מיטן טאַטן. זי האָט אים „באַאַרבעט“ מיט גוטן און מיט בייזן, מיט חניפה און מיט רוגז.

— ראָדיע, — האָט איינמאָל יונה סעווערויק, טוענדיק קלוגעטשקע אַ בלישטשל מיטן געזונטן אויג, א זאָג געטאָן צו אים — ביסט געוואָרן געגליכן צו א באַלעגאָלע, וואָס האָט פאַרטאַכליעוועט די לייצעס. די פערד קריכן פון די האַלאַבליעס, און יעדער איינער רייסט זיך אהין, וווהין זיין פערדיש האַרץ גלוסט. אז אָך און ווי געבער דעם דאָזיקן באַלעגאָלע! א ליאַדע רגע קאָן ער א פלי טאָן פון די קאָזלעס און כאַפּן א פאַרקילונג אין די ביינער... זאָלן מיר שוין ביידע אזוי געזונט זיין מיט מיינע פערד צוזאַמען.

אלע אין שטוב האָבן פאַרשטאַנען וווהין דער פעטער יונהציע איז פאַרפאָרן מיטן דישל. נאָר ראָדיע האָט דעם דישל אַראָפּגעשלונגען. האָט בלויז א ברי געטאָן דעם שוואָגעריק, וואָס גייט אים לערנען שכל, מיט א פיינטלעכן בליק.

און יונה האָט נאָך אלץ נישט אָפּגעלאָזן:

— ראָדיע, „בערעגיס!“* דו קאָשקע בעסער איין די פערדלעך, וועסטו בעסער מאַכן.

איז שוין ראָדיע אַריין אין גרימצאָרן:

---

* היט זיך

— הער, יונהציע! דאָס ערשטע מאָל איז עס א חכמה, דאָס צווייטע מאָל — א חן, דאָס דריטע מאָל — גיט מען אין די ציין... —„בערעגיס!“.

אָבער יונה האָט זיך נישט דערשראָקן. האָט בלויז צורו געלאָזן און זיך צעלאכט.

נאָך שימקעס ווידערשפעניקן איז ער שוין נישט געווען, דאָדיע, דער פולשטענדיקער מושל אין שטוב און אין קוזניע. אפילו אויסערלעך איז ער ווי אָפּגעזעצט און נידעריקער געוואָרן. זיין הערשעווען איז איצט גיכער געווען אן אָנשטעל, אָדער א פארבליבענע געוווינהייט פון פארגאנגענע צייטן. געוועלטיקן נאָך אויפן רעכטן אמת פלעגט ער בלויז איבער דעם ווייב אָדער די געזעלן, ווען איציק איז נישט געווען אין קוזניע זיך פאר זיי איינצושטעלן.

בושקע „בופלאָקס“, דער עם-הארצישסטער יונג אין שטוב, נישט צו גאָט, נישט צו לייט, האָט שוין מער נישט געבעטן ביים טאטן קיין „ראזרעשעניע“* אוועקצוגיין פון דער היים נאָך דער וועטשערע. אמת, דאָדיע האָט געוווסט, אז צו זיינע „שונאים“ גייט ער שוין נישט מער, דער „בופלאָקס“ — ער האָט זיך שוין מיאש געווען צו קריגן די הסכמה פונעם פעטער שאמע און דער מומע יאָכוועד צו געבן אים זייער עטלען פאר א כלה. ער האָט אָבער גוט געוווסט, אזוי גוט ווי אלע אין שטוב, אז ער „קריכט צו א שיקסע“ אין דער קרומער גאס. און ביי דער שיקסע, האָט ער אויך געוווסט, וועט ער אוועקזיצן נישט א ליאדע שעה, נאָר טאקע „פראווען ביי איר חצות“ — א בראָך אים אין די לענדן אריין! — און ביי דער ארבעט מאָרגן וועט ער שטיין ווי א געכטיקער, — נאָר וואָס וועסטו שוין מיט אים מאכן?

— אזוי וויל איך! — ברומט ער, „דער בופלאָקס“. — וואָסי, טאטע? ס'שרעקסטו מיך, טאטע? די גרויסע פארדינסטן, וואָס כ'האָ' אין דיין קוזניע! כ'על זיי קריגן צו יעדער צייט ביים „בעל-תכלית“ אויך, ביי אונדזער שימקען...

און שוין — דאָ לאָזט דאָדיע אראָפּ דעם קאָפּ און פארבייסט די אונטערשטע ליפּ. איידער ער זאָל זען דעם „בופלאָקס“ ביים „בן-סורר-ומורה“ אין קוזניע — זיי זאָלן עם גאָרנישט דערלעבן! — איז שוין בילכער — זאָל ער זיך וואלגערן ביי דער שיקסע, ווי א דבר-אחר אין בלאָטע... יאָ, וואָס האָט ער פאר אים מורא, בושקע, אז איגגיכן שטייט ער צום פריזיוו און ווערט א זעלנער. קיין חסרונות מאכט מען זיך נישט היינטיקע צייטן.

אז נפתליציע „דער קרומער“ זאָל מורא האָבן פארן טאטן איז סתם נישט שייך געווען צו זאָגן. אדרבה, ער פלעגט באלעבאטעווען אין שטוב און אין קוזניע פארן טאטן אין די אויגן, ווי ער וואָלט געירשנט זיין מאכט נאָך פאר זיין לעבן. אויב פריער איז ער, נפתליציע, געווען דעם טאטנס „שני-למלך“, איז ער איצט

* א דערלויבעניש

דער „מלך“ אליין. אָט־אָט וועט ער א נעם טאָן דעם פּאַסעק פון די הויזן, ווי דער טאטע אמאָל, און א לערן טאָן בלק מיט דער מאמען, הלמאי האָט זי אים געבראכט אויף דער וועלט א קאַליעקע — ער האָט זי געבעטן?!... און אָט וועט ער נעמען פארגעבן א לעקציע אסתרן, „דער פּאַניענטקע“, וואָס ווייסט נאָר צו פרעסן און זשליאָקען און ביימן די שמאטעס אויפן הינטערחלק... וואָס זיצט זי דאָרט ביי דער פּאָנפּעוואטע שניידערקע און קוקט זיך צו ווי ס'ריגט איר פון דער נאָז?... זי האָלט שוין געמעגט, א מויד פון זיבעצן יאָר (צוויי יאָר לייגט ער איר צו), פארשפּאָרן האלטן א דינסט אין שטוב. קראנק איז זי צו ארבעטן, ווי אירע ברידער, די „פּאַניענטקע“?! (ווי א צולאָג צו אסתרס צונאָמען „דער באַנדיט“ איז „די פּאַניענטקע“ געווען איר נייער צונאָמען, מיט וועלכן דער טאטע האָט זי געקרוינט נאָכן פארלאָזן די שול).

שימקען ווידער פלעגט נפתליצ׳ע שעלטן נאָך בייזער און פארביסענער פונעם טאטן. טיילמאָל פלעגט ער אפילו דורכזייען דורך די ציין א פירהאַלט דעם טאטן, פארוואָס ער האָט געפירט „דעם תלין“ צו דער חופה: אליין איז ער קראנק געווען צו גיין און ברעכן הענט און פיס?!...

אויף איציק „בעל־יושר“, ווי מ'האָט אים נאָך אלץ פון צייט צו צייט גערופן אין שטוב, האָט שוין אוודאי דעם טאטנס צאָרן קיין שליטה נישט געקאָנט האָבן. עס וואָלט צוגעשטאנען, ווי אן ארבעס צו דער וואנט. איציק האָט זיך צווישן די בראטאָקעס אויסגעצייכנט מיט זיין שטילקייט. זיין קארגשאפט אין רייד איז נישט געווען דאָס פארביסענע וואָרטשעגדיקע שוויגעניש, מיט וועלכן ס'האָבן זיך אויסגעצייכנט די איבעריקע ברידער, נאָר א פארקלערטע, אין זיך אריין פארטוענע שטילקייט. אָבער פאר וואָס צו זיין אויף אים אין רוגזא האָט דער טאטע פונדעסטוועגן געהאט: ערשטנס, די מעשה דעמלט מיטן שטרייק, דער געזעץ זאָל נישט ארבעטן מער פון אכט שעה, איז דאָך געווען זיינס, איציקס, א שטיקל ארבעט, ער איז געווען דער טוען און געמאָנט ביים טאטן יושר... צווייטנס, צו לאנג זיצט ער דאָרט אָפּ, איציק, „פאר דער טיר“ הינטער דער קוזניע:

— מערידן באקומען, פאר קיין פּראָסטן יידן געדאכט, ווי א באנק־קוועטשער. אז א מעריד זאָל זיך שימקען, דעם בן־סוררע־מורה, אויף דער צונג שטעלן!

איז איינמאָל דאָרטן געגאנגען אונטערקוקן אויף משיקאוועסט, „צי זיצט ער נישט אוים דאָרט קיין קאטשענע אייער“. האָט ער אים אָבער דאָרט נישט דערוווישט.

ווען ער איז צוריק אריינגעקומען אין קוזניע, האָט איציק אויף זיין רוגזאדיקן „וווּ ביסטו געווען?“ געענטפערט מיט א שמייכל, אז ער האָט זיך פארטראכט און פארבלאָנדזשעט אהיים.

— אזא מעריהנדיקער יונגערמאן, ווי דו, — האָט זיך ראָדיע געגריזשעט — איז א חידוש, וואָס'ט נישט פארבלאָנדזשעט צום דיין אין בית־הכסא... דאַרט וואָלסטו באַמש געהאט מיט וועמען און אײדל וואָרט צו רעדן.

אין די אָוונטן ווידער פלעגט איציק אוועקגיין פון שטוב אויף די קורסן. נאָר ס'פלעגט טרעפן ער זאָל זיך אומקערן אהיים אין דער זעלבער צייט וואָס בושקע — ער, דער שווייגער, וואָס „האלט תמיד דעם לעקער צווישן די ציין", האָט זיך בלומרשט פאררעדט מיט א חבר.

איין אסתר האָט געוווּסט, אז דאָס זיצט ער אָפּ שעהען מיט עטלעכע חברים אין דער ביבליאָטעק: „נישט מע רעדט, נאָר מע שושקעט זיך". אָבער ראָדיע איז זיכער געווען: ער קריכט איך צו א שיקסע, א בראָך אים אין די לענדן! אונטער דער נאָז איז דאָך אים נאָכנישט טרוקן...

אזוי פלעגט ראָדיע יוצא זיין שוין בלויז מיט זידלעריי און קללות. אויף דעם האָט זיך געקילט זיין צאָרן. צו קיין מתנת־יד פלעגט עס מער נישט קומען. זיינע הענט האָבן זיך נאָך געריכערט, ווי האָלאָוועשקעס, אָבער קיין פלאם האָט פון זיי נישט ארויסגעשלאָגן.

דער פאסעק האָט גערוט אויף זיינע הויזן, ווי א טויטער שלאנג.

בוניע ווידער האָט בכלל נישט געהאט וואָס מורא צו האָבן פארן טאטן: ער איז תמיד געווען אין אָרדענונג. נישט אומזיסט דאָך האָט מען אים גערופן „ראָס ניוניקל".

אפילו אסתר, „די געשטונדירטע", „די פאניענטקע", פלעגט שוין אויך אָפּענטפערן דעם טאטן מיט עזותקייטן. דערמאָנט זיך, אז אָפּגעקילטע, אין די ווערטער, וואָס האָבן זיך איר פון מויל ארויסגעכאפט, פלעגט זי רויט ווערן פאר די ווענט און בענק פון דער שול, וואָס האָבן זיך איר פאר די אויגן געשטעלט: „אזא דערציונג האָט זי מיר געגעבן? ווען עמעץ פון די לערער וואָלט עס געהערט! ווען — מיינע מיטקורסאנטן! מיטן זעלבן מויל, וואָס איך זינג פרצעס א ליד, האָב איך אזא... קוים ארויסגעוואָרפן!..."

זי פלעגט זיך פארזאָגן אין צענטן אזעלעכס איבערצוחזרן, אָבער אין דער הייסער מינוט האָט זי זעלטן געקאָנט זיך באהערשן: דעם טאטנס א טאָכטער.

קאַפּיטל זיבעציק

סודות ביי דאָדיע קאָוואַל אין שטוב

ביי דאָדיע קאָוואַל האָט דעמלט געדינט א מיטליעריקע דאָרפישע פויערטע, א טויבלעכע — נאַטאַלקע. נאַטאַלקע האָט אסתרן ליב געהאַט און אָפּגעהיט. זי פלעגט גאַנץ אָפט ברענגען איר צו דער אַרבעט עפּעס איבערצובייסן דאָס האַרץ, אָדער א נאַש. נישט מ׳האָט זי געשיקט — זי האָט עס אַליין געטאָן.

זיצט זיך אַזוי איינמאָל אסתר ביי דער אַרבעט און דערזעט דורכן פענצטער — נאַטאַלקע גייט. זייער גוט: זי ברענגט שוין אוודאי עפּעס. גלייך אָבער כאַפּט זי זיך, אַז נאַטאַלקעס גאַנג איז נישט ווי געוויינלעך. צו איילנדיק. זי קומט צו, אָנשטאָט צו דער טיר, צום אָפענעם פענצטער, א פאַרסאַפּעטע, מיט א צעטומלט פּנים:

— דער טאַטע הייסט שוין, די רגע, קומען!

— וואָס איז געשען? — טוט זיך אסתר א הייב פון אָרט, נאָר נאַטאַלקע איז שוין פאַרשוווּנדן. דאָס שרעקט זי נאָך מער איבער. זי וואַרפט די אַרבעט און לויפט אַהיים. זי פאַלט אריין אין שטוב מיט א קלאַפּנדיק האַרץ און הייס פּנים, און אירע איבערגעשראָקן־פרעגנדיקע אויגן ווערן אָנגעשטאָכן אויפן טאַטנס שאַרפן בליק. דער טאַטע מאַכט א באַוועגונג מיט דער האַנט אין דער ריכטונג, וואָס האָט שטענדיק געמאַכט פאָכען איר האַרץ פון שרעק און צאָרן... וואָס? ער נעמט זיך פאַרן פּאַסעק, ווי אַמאָל? פאַרוואָס?

אסתר האָט זיך איינגעשרומפּן און אָנגענאָדלט: ניין! ס׳וועט נישט גיין! שוין נישט יענע צייטן! זי וועט זיך נישט לאָזן פּאַסקעווען. זי וועט זיך אים פון די הענט אַרויסרייסן. וועט ער זי מיט די קני פאַרקלעמערן — וועט זי מיט די ציין אין זיין האַנט ביזן ביין!

אָבער אָנשטאָט צום פּאַסעק איז גאָר זיין האַנט אריין אין זיין הויזנקעשענע. ער האָט אַרויסגעצויגן פון דאָרט א געדרוקט בלעטעלע פּאַפּיר און עס איר, ווי א פינצטער שפּיגעלע, פאַר די אויגן געשטעלט:

— נא, שפּיגל זיך אָן, — האָט דאָדיע בייז געבראָמט — ווו האָסטו עס גע־קריגן?

אסתּר האָט פאַרשפּאַרט זיך אין דעם צו שפּיגלען. זי האָט עס גלייך דער־קאָנט. — אַן אויפרוף אויף אוקראַיניש פון דער קאַפּעזעאו*, אייגנס פון די פּאַ־פּירלעך, וואָס איר איציק פלעגט איר אָפט בשתיקה אונטערטראָגן, זי זאָל עס איבערלייענען און אונטערוואַרפן דער קוזינקע דער בוגדיסטקע, שרציע בעדער־מאַן. ווי האָט זיך עס דערגוועמען צום טאַטן?! דאָס שמעקט שוין מיט עפּעס ער־גערס ווי מיט אַ פּאַסעק...

אסתּר האָט זיך באַהערשט, אַריינגעפּירט אַ קאַלטן רואיקן בליק אין טאַטנס אויגן, געשוויגן און אויפגעהאַנגען אויפן פּנים אַ מינע פון — „איך פאַרשטיי נישט, וואָס דו ווילסט פון מיר?“

— וואָס שווייגסטו, „געשטונדירטע“? — איז דאָדיעס טאָן געווען שוין נישט אַזוי זיכער. — וואָס שטייט דאָ אין דעם פּאַפּירל? נאַ, לייען איבער.

— המם... ס'איז דאָך נישט אויף פּויליש. המם... ניין, כ'קאָן עס נישט לייענען, — איז אסתּר ווי גוט אויפגעלייגט געוואָרן.

— ווי זשע קומט עס צו דיר? כ'האָב עס גענומען אויפגעהויבן לעם דיין בעט פאַר אַן „אשר־יצר־פּאַפּירל“...

אסתּר האָט דערווייל אַ טראַכט געטאָן ווי אַזוי אָפּצוציען דעם טאַטנס חשד אויך פון איציקן און זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— גענומען? שאַ־נאַר... כ'דערמאָן זיך שוין... גענומען פאַרנאַכט, גייענדיק אַהיים פון דער אַרבעט... האָט אַ ווינט אַ ריס געטאָן אויפן שאָסיי, און אַ פּאַ־פּירל האָט מיר אַ פלי געטאָן אין פּנים אַריין. האָב איך עס גלאַט אַזוי אַ כאַפּ געטאָן מיט דער האַנט און זיך פאַרשפּילט מיט דעם. אַזוי האָב איך עס פאַר־שלעפּט אַהיים. מסתּם איז עס דאָס דאָזיקע פּאַפּירל... וואָס איז'דען, טאַטע, מיט דעם פּאַפּירל?

אין דאָדיעס אויגן האָבן זיך באַוויזן בלישטשעלעך, און צוויי אָנגעגליטע דרעטלעך־עקבערלעך אין זיי האָבן זיך אַריינגעבויערט אין אסתּרן, פאַרשנדיק מיט חשד:

— המם... זע נאַר, מויד, דו זאָלסט זיך נישט אַזוי פאַרשפּילן. זאָלסט מיר אַמאָל נישט אַריינברענגען מיטן ווינט קיין ממזר אין שטוב אַריין.

אסתּר האָט זיך דערמאָנט איר קינדערישע ליבע מיט בראָנסקין, דעם פּסק, וואָס זי האָט דעמלט געקריגן, און איז רויט געוואָרן, ווי אַ צוויק. זי האָט אַ קוק געטאָן אויפן טאַטן מיט באַליידיקט פאַר דעמלט און פאַר היינט.

* קאָמפּאַרטיי פון מערב־אוקראַינע

אסתרס בליק האָט אים אָפּגים איבערצײַנט אין איר אומשולד, און ער האָט אַ זאָג געטאָן איבערבעטנדיק:

— נו, מער קײן „אַשר־יצר־פּאַפּירלעך" זאָלסטו מיר אין גאַס ניט אױפֿהײבן. דו הערסט? ס'איז דאָס אמתע „אשר־יצרל"!... המם...

און דאַדיע האָט זיך װידער מיט צאָרן אָנגעצונדן — בפֿירוש שױן ניט אױף אסתרן, נאָר אױף עמעצן.

— אַזעלכע „שיר־המעלותן" קאָנען ניט אין אײן ײדישער שטוב דעם טײַװל אַרײַנפֿירן.

און אסתר איז װײַטער פֿאַרבליבן בײַם ניט װיסן — װאָס זשע פֿאַרט איז דאָ פֿאָרגעקומען?

ערשט אין אָװנט, אין ביבליאָטעק, האָט עס איר איציק דערצײלט אױפֿן אױער.

...ריזשיק, דער פּאָליציאַנט ריזשיק — אַ מאָגער און זשװאַװע פֿױערל מיט ברױן־גרינע לױפֿיקע אײגעלעך, מיט קעצענע װאָנסעלעך, װאָס אַז דער פּאָליצײַישער אוניפֿאָרעם װאָלט ער װי אַ גנבֿל אױסגעזען — האָט לעצטנס אָנגעהױבן פֿערן אַ צו אָפֿטער גאַסט אין דאָריעס קוזניע. ער קומט אונטער פֿאַרשידענע אױסריידן: דאָ עפּעס פֿאַרריכטן פֿאַרן „פּאָסטערונעק", דאָ עפּעס אַ קלײניקײט פֿאַר זיך אַלײן, דאָ גלאַט אַזױ — פֿאַרבײַגעגאַנגען, האָט ער זיך אַרײַנגעכאַפּט: ער האָט ליב צו זען אָנגעגליט אײַזן.. „װען מע גיט מיט דעם אַ פֿיר אַשטײגער פֿאַרבײַ דער נאָז, װאָלטן זיך די װאָנצעס אַ סמאַליע געטאָן, ניט אמת?" און בעת מעשה לױפֿן זײַנע אײגעלעך אַרום איבער אַלע װינקעלעך פֿון דער קוזניע, װי זײ װאָלטן זיך געיאָגט נאָך אַ מײַזל, און דער טאָן פֿון זײַנע רייד דערבײַ איז אַזױ קעציש לאַשטשענדיק. ער רעדט תּמיד בלױז מיט דאָדיען. מיט די יאַטן פֿאַרפֿירט ער קײנמאָל ניט קײן שמועס. װי ס'װאָלט אים ניט אָנגעשטאַנען צו רעדן מיט אַזעלכע צוציקעס. טײלמאָל װערט ער זײער ערנסט און רעדט סטאַטעטשנע װעגן די הײַנטיקע צײַטן און דער הײַנטיקער יוגנט, װאָס גײט ניט, צום באַדױערן, אין די װעגן פֿון די זײדעס און די טאַטעס. אַנדערע — רק זײ װײלן זיך: מיט די איז די צרה נאָך ניט אַזױ גרױס. אַנדערע בונטעװען זיך גאָר קעגן דער מלוכה. זי באַרעכנט גאָרניט, די יוגנט, אַז זי האָט ניט קײן רעכט אַזױ צו האַנדלען, װײַל זי שטעלט דערמיט אין סכּנה ניט בלױז זיך אַלײן, נאָר אױך די רו און דעם װױלשטאַנד פֿון די עלטערן.

— באַ, שפּאַסט ער טײלמאָל — זאָל אױך דער מײַסטער פֿריסיק האָבן אַן אױג אױף זײַנע אײגענע... המם. כאָטש זײ זענען תּמיד פֿאַרפֿראַצעװעט. ער, ריזשיק הײסט עס, זעט דאָס אַלײן.

דאָדיע הערט אױס רואיק זײַנע אײדעלע װאָרענונגען און מאַכט זײ אָװעק מיט ביטול, בעת זײַנע אױגן פֿאָרשן ריזשיקן פֿון אונטערן דאַשעק:

— וואָס ברייעט דאָ דער פּאַניע פּאָליציאַנט! מיינע אַרבעטן צופיל מיט אַלע אברים, זיי זאָלן זיך נאָך פאַרנעמען מיט קאָפּאַרבעט. דאָס איז ערשטנס, פּאַניע וולאַדזע.* צווייטנס, וואָלט ביי מיר דער ערשטער בעסטער פון זיי גע־קריגן מיטן האַמער איבערן קאָפּ. פּריסיק קאָוואַל איז נישט קיין ייִנגעלע, לאָ־בוזעס זאָלן זיך שפּילן מיט אים!

און דאָדיע צערעדט זיך, שוין גאָרנישט לויט זיין טבע, ווי ער וואָלט וועלן איינרעדן נישט ריזשיקן, נאָר זיך אַליין; פאַררייכערט אַ ציגאַר און רעדט פון רויך אַרויס:

— וואָס אמת, איז אמת. זיינע „בנים" פירן זיך שוין נישט, אַזוי ווי ע ר, לויטן ייִדישן „זאַקאָן". אָבער מיט אַזעלכע זאַכן ווי גנבענען אָדער גיין, באַהיט גאָט, קעגן דער מלכות, גייען זיי זיך נישט אָפּ. זיינער אַ ייִנגערער ברודער האָט זיך אַמאָל געבונטעוועט קעגן דעם צאַר, האָט ער אַליין אים פון קוזניע אַרויס־געטריבן, געיאָגט און געיאָגט, ביז ער האָט אים קיין אַמעריקע פאַריאָגט — אויב נישט אין סיביר, זאָל ער דאָרט אַרבעטן קאַטאָרגע!

— ווער פון זיינע יונגען וועט אַזעלעכס טאָן? אָט דער? בושקע? אָט־אָט ווערט ער גערופן אין מיליטער און וועט געטריי דינען דער מלוכה...

— אָט דער? נפתלציע? דער קאַליעקע? דער שטעלט בכלל נישט אַרויס אין ערגעץ קיין פוס — בלויז פון שטוב אין קוזניע און פון קוזניע אין שטוב, מער ווי די אַרבעט און די שטוב־באַלעבאַטישקייט ליגט אים נישט אין זינען. ער האָט קרומע פיס, אָבער אַ קאָפּ האָט ער שוין גראַדע אַ גלייכן — אין קיין נאַרישקייטן וועט ער זיך נישט לאָזן אַריינשלעפּן.

— און דער, איציק — איז דאָך נאָך גאָר אַ צוציק, אַ זיבעצניעריקער, וואָס פאַר אַ בונטאָווששיק משטיינסגעזאָגט קאָן שוין פון אים זיין!

— דאָס מיידל זיינס — ווי נאָר ער האָט זי פון שול אַרויסגענומען (נאָך פאַרן ענדיקן זי, זי זאָל אים טאַקע צו קלוג נישט ווערן), האָט ער זי צו אַ שניי־דערין אַריינגעגעבן, זי זאָל זיך לערנען די מלאָכה און נישט אַרומגיין פּוסט־און־פּאַסט.

— נו, און דער, דער מיזינעק, בוניע — דער איז נאָך גאָר קיין מענטש נישט, אַפילו קיין ייִד נישט — ער לייגט נאָכנישט קיין תפילין... אים זענען נאָך די טויבן, וואָס ער האָדעוועט, פון קאָפּ נישט אַרויסגעפלויגן.

— איינעם האָט ער יאָ אַ בונטאָווששיק, וואָס האָט זיך צעבונטעוועט קעגן איינעם טאַטן — דער, וואָס האָט זיך אַן איינענע קוזניע איינגעשאַפן, שימקע, נאָר... המם... מיט אים קער ער זיך שוין גאָרנישט אָן. פאַר יענעם — נישט ער קאַווירט, נישט ער דאַרף פאַר אים ענטפערן...

---

* הערשאַפט

— ביי אים איז רעכט זיין „בן־סורר־ומורה“ ארייננפאקן אין תפיסה, — טוט איציק א שעפטשע מיט געהאמעוועטן צארן.

דאדיע פארציט שטארקער, לאזט ארויס ארום זיך א גערדיכטן רויך, טוט א שפיי פון זיך דאס רעשטל ציגאר, און פארענדיקט:

— נישט ער ארבעט אין מיין קוזניע, נישט ער שלאפט ביי מיר אין שטוב... נאר אז ער ארבעט פאר צען פערד, דאס זע איך... ווי האט ער צייט פאר יינגלשע נארישקייטן?!...

ריזשיק, זעט מען, הערט זיך איין מיט קאפ, זיינע קינבאקן שפילן אזוי, ווי ער וואלט צעקייען דאדיעס רייד, און פון צייט צו צייט טוט זיך א באוועג זיין נארגל־קנאפ, ווי עפעס אראפגעשלונגען.

היינט איז ער ווידער געקומען, ריזשיק, אין קוזניע. און ווידער איז צווישן אים מיט דאדיען אוועק א לאנגער שמועס.

—איך בין גראד אין קוזניע נישט געווען, — זאגט איציק — ווען כ'בין אריינגעקומען, האב איך דערזען, ווי זיינע קינבאקן, ריזשיקס, מאלן, און זיינע לויפנדיקע אייגעלעך טוען אזוי קלוגעמשקע א לאך מיט צוויי בלישטשעלעך:

— „און פאר דיינע געזעלן. קאנסטו אויך ערוב זיין, פאניע פריסיק?... המם... פונוואנען גייט דער עם איצטער אינמיטן דער ארבעט“? — באטאפט ער מיך, פיל איך, מיט זיינע קעצישע וואנסעלעך.

— ער איז ביי מיר קראנק אויפן מאגן, — זאגט דאדיע מיט שפאט און פארדרוס — זיצט ער אפ גאנצע טעג אין נוזשניק.

— איך האב זיך געמאכט נישט הערנדיק, — זאגט איציק — און גלייך געשמעלט זיך צו דער ארבעט. איצט בין איך שוין געווען פעוונע, אז זיין אריינקומען, ריזשיקס, איז נישט גלאט אין דער וועלט אריין.

און ער האט טאקע נישט אפגעלאזן, ריזשיק:

— ס'הייסט? אז עמעצער דא הארף אינדרויסן גייט ער אוועק אינמיטן דער ארבעט אהיים?

— צו וואס אזש אהיים, — ענטפערט דאדיע — סע שטייט ביי מיר אן אפטריט דא הינטער דער קוזניע, אין טאל.

— המם... שוין צייט צו גיין, — לויפן ביי ריזשיקן די אייגעלעך פארויס, און ער גייט זיי נאך — דאווידזעניא. *

— וואס קריכט ער אזויפיל אהער, — ענדערט זיך דאריעס טאן — ווי א אזיר אין א בית־הכסא? וואס וויל ער? אז נאר ער טאפט און ניוכעט אלץ ארום. כיי ברעכט ער די פיס איידער ער שמעקט ארייז אהער!

---

* אויף ווידערזען

און אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז ריזשיק ווידער דאָ:

— זע נאָר, פּאַניע פּריסיק, סאַראַ מציאה איך האָב דערטאַפּט אין דיין אַפּטריט! — און ער שטרעקט צו דאָדיעס אויגן אַ צעקנייטשט „אַשר־יצר־פּאַפּירל“.

— מיר איז גלייך פינצטער געוואָרן אין די אויגן, — זאָגט איציק איצטער און ווערט פאַרכמאַרעט — ס'איז דאָך דער אויפרוף, וואָס איך האָב דיר לעצטנס געגעבן. דער טאַטע איז נאָך אפשר מער פון מיר צעמישט געוואָרן. ער איז דאָך אָבער געשייט, האָט ער גלייך געמאַכט אַ צעלאַכט פּנים און אַ זאָג געטאָן:

— פוי, פּאַניע פּאָליציאַנט! ס'אַוועלט דאָך! וואָס האַלטסטו גאָר דעם טינוף אין האַנט?! — און ער טוט אַ כאַפּ דאָס פּאַפּירל און אַ וואָרף עס אין די גליענדיקע קוילן.

— וואָס האָסטו געטאָן?! — צינדט זיך ריזשיק אָן. — האָסט דאָך אַ תל געמאַכט פון אַ זאַכלעכן באַווייז! דו...

נאָר דאָדיע קוקט אויף אים תמעוואַטע און לאַכט:

— האָרפּסט טאַקע נייטיק האָבן אַזאַ שמעקעדיקע סחורה? פּראָשע באַר־דזאָ.* אַזעלכע פּאַפּירלעך וואַלגערן זיך דאָרט אַרום אַ סך...

— „אויב דו ביסט נישט כיטרע, פּאַניע פּריסיק... — צעלאַכט זיך ריזשיק, ווי אויך ער וואָלט עס נישט געמיינט אַזוי ערנסט — אַזאַ פּאַפּירל האָב איך דאָרט געפונען בלויז איינס... כאַ... ס'איז נישט וויכטיק. דו גיב פונדעסטוועגן אַכטונג, אַז פרעמדע מענטשן זאָלן נישט נוצן דיין אַפּטריט. זיי קאָנען זיך נאָך דאָרטן עפּעס אויסלערנען פון אַזעלכע פּאַפּירלעך“, — און ער גייט אַרויס.

— אַז די אייגעלעך זאָלן דיר פונהינטן אַרויסקריכן, און זאָלסט מער אַהער דעם וועג נישט געפינען! דו... — בלייבט דאָדיע שטיין אינמיטן וואָרט. ער טוט אַ שטעק אַריין די האַנט אין אַ הויזנקעשענע, שלעפּט אַרויס אַ זשמעניע פּאַפּירלעך און זוכט עפּעס צווישן זיי. ער גלייכט אויס איין, שטיקל פּאַפּיר, קוקט אין דעם אַריין מיט פייערדיקע אויגן, ווי אַ האָן אין „בני־אָדם“, און טוט אַ רוף:

— איציק! קום נאָר אַהער. לייען מיר איבער דאָס פּאַפּירל... אויב ס'איז נישט דאָס אייגענע, וואָס דער כאָליערניק האָט דאָרט געפונען — אַ כאָליערע אים אין די ביינער אַריין!

איציק האָט פאַרשפּאָרט אין דעם אַריינצוקוקן, נאָר ער האָט, פאַרשטייט זיך, אין דעם יאָ אַריינגעקוקט און געמאַכט אַן אָנשטעל:

— המם... כ'ווייס? ס'איז נישט אויף יידיש, נישט אויף פּויליש... ניין. כ'קאָן עס נישט איבערלייענען.

---

* ביטע זייער

דאָדיע האָט זיך מיט חשד אַרומגעקוקט אין אַלע ווינקעלעך פון קוזניע, ווי ער וואָלט דאָרט געזוכט ריזשיקס אייגעלעך. דערנאָך האָט ער אַלע דורכגע־שמאָכן מיט די בליקן, די „בנים" מיט די געזעלן:

— המם... אויב די דאָזיקע פּאַפּירלעך לערנען עס אייך נישט צו פאָדערן קיין הוספות אַלע מיטוואָך און דאָנערשטיק? צו שטרייקן? אָנצוכאַפּן דעם באַ־לעבאָס ביים גאָרגל — גיב נאָר!... הערט זשע — ׳על איך ביי עמעצן פאַקן אַזאַ פּאַפּירל, ׳על איך אים — ווי דאָדיע קאָוואַל איז אַ ייִד! — ׳על איך אים אַליין, אַ צעקאַטעוועטן, צושטעלן אויפן „פּאָסטערונעק"! געדענקט! דאָדיע קאָוואַל איז נאָך דאָדיע קאָוואַל! מיינט נישט...

און ער איז אַרויס, דאָדיע, ווי אַ פלאַם, פון קוזניע אַהיים.

— יאָ, — פאַרענדיקט איציק אין אסתרס אויער — און שולדיק בין איך אַליין. געדאַרפט מער פאַרזיכטיק זיין. אַפילו אין קלאָזעט טאָר מען אַזעלעכס נישט איבערלאָזן. אַ חזיר קאָן עס פון דאָרט מיטן שנויץ אויסראָיען. און ווי ער האָט זיך צום טאַטן אין קעשענע פאַפּאַריעט, דער אויפרוף, באַנעמט נישט מיין קאָפּ...

אסתרן האָט אויסגעפעלט מוט זיך מודה צו זיין, אַז אין דעם איז זי שול־דיק, אָנשטאָט איבערצולייענען דעם אויפרוף פאַר זיך און תיכף אים אונטער־וואַרפן שרציע בעדערמאַן, אָדער אים פאַרניכטן, ווי ער האָט געזאָגט, האָט זי אים אַריינגעלייגט אין אַ ביכל, פונוואַנען ער האָט זיך פאַרוואַלגערט אויף דער פאָדלאָגע לעם איר בעט. נאָר איציק האָט זיך עס אַליין אָנגעשטויסן: מער האָט ער דער שוועסטער, וואָס איז פּאָליטיש נישט מילביק און נישט פליישיק, קיין אויפרופן נישט געגעבן.

אסתר האָט זיך געפילט שולדיק, אָבער גלייכצייטיק אויך באַליידיקט. און דאָס האָט איר נאָך מער דערווייטערט פון דער היים.

זי האָט געלעבט בלויז מיט דעם אַליז, וואָס ס׳האָט זיך געטאָן ביי די יידי־שיסטן און... מיט נאָך עפּעס:

אסתר פריסיק איז נאָך טאקע גאָר יונג געווען, ווען זי איז אַרויס פון שול, נישט פאַרענדיקנדיק זי. אָבער קוים איז זי געוואָרן אויס שילערין, האָט שוין דער לערער שמעון, שמעון אַדלער, געהאַלטן פאַר מעגלעך צו פאַרפירן מיט איר אַ ליבע. צי האָט זי, אַ מיידעלע פון פופצן יאָר, געקאָנט זיך קעגנשטעלן אַזאַ לי־בע? דער לערער שמעון איז דאָך געווען דער אידעאַל פון דער יידישיסטישער יוגנט און אוודאי און אוודאי פון זייער שילער און שילערינס. זי איז נאָך צו גרין געווען זיך צו כאַפּן, אַז אין דעם פאַל בלייבט זיך איר אידעאַל אויס אויף אַלע פיר. זיין ערשטע דערקלערונג איז געפאַלן אויף איר פשוט ווי אַ האמער אויף אַ

צוגעווינט, קאָוואַדלע: זי איז צעמישט געוואָרן. דערנאָך ווען זי האָט זיך צו דעם צוגעווינט, האָט זי זיך געפילט דערהויבן דורך דער דאָזיקער ליבע און געשטאָלצירט קעגן אירע חברטעס: אויב שמעון אַדלער האָט זי אויסגעוויילט, מסתם האָט ער זי אָפּגעשאַצט, אַז זי איז עס ווערט, כאָטש זי אַליין ווייסט נישט פאַרוואָס.

אין לויף פון חדשים בלויז האָט דער לערער שמעון איינגעשטעלט צווישן זיי אַזעלכע באַציונגען, וואָס זיי האָבן זיי געמוזט אויסבאַהאַלטן הינטער דער פאַר־מאַכטער טיר און דעם פאַרהאַנגענעם פענצטער פונעם לערער שמעונס בחורישן צימער.

קאַפּיטל איין און זיבעציק

בלאָטעס אין שטעטל

ס'איז געווען א רעגנדיקער סוף ווינטער. מיט נאסע ווערעם איז דער רעגן פארקראָכן אינעם ווינטערס שנייא'קן לייב און עס שנעל דורכגעפרעסן. די געפרווירענע ערד האָט זיך אנטבלויזט שווארץ און שמוציק, איז ביסלעכווייז צעווייקט געוואָרן און צעקראָכן אונטער רעדער פון וועגענער, פערדישע און מענטשלעכע טריט. דאָס שטעטל, הייזער און מענטשן, האָבן זיך געקאָרטשעט פון נאסער קעלט צווישן דער צעקראָכענער ערד און דעם נידעריקן פארכמארעטן הימל, וואָס האָט אָן אויפהער גענעצט. אינגיכן האָט זיך די ערד פארוואנדלט אין א „סמערדענע", וואָס איז, ווי אַ לאַווע, אַראָפּגערונען פונעם שאָסיי אין זייגע ריוועס פון ביידע זייטן און פול געמאכט מיט זיך די גאסן און די געסלעך צווישן די שטיבער. ווו ס'האָט אויסגעפעלט א שטיקל טראָטואר, האָט מען זיך געדארפט קליגן אריבערצוקומען בשלום ווי=עס=איז. ווען ס'האָט אָפּגעגליקט, און זיין שפרונג האָט זיך פארענדיקט מיט א קלאפנדיק הארץ און א נחת=רוחדיקן שמייכל; און ווער ס'איז אַריין מיט אַ פוס אין דעם זינקעניש און מיט אַן „אוי" אָדער בייז אויסזידלען זיך אין דער וועלט אַריין. אין אויסגעווייקטע קאַלטע בגדים, געקאָרטשעט אין זיך אריין, האָבן מענטשן געלאָזט אראָפּהענגען די קעפּ צום באָדן, און פון זייערע ערנסט=בייזע פּנימער זענען די בליקן אַרומגעקראָכן, ווי ווערעם, איבער דער בלאָטע.

כדי נישט אריינצולאָזן די בלאָטע אין די שטיבער אריין, האָבן זי די באַלעבאָסטעס באגענגט אויף די פּאָדלאָגעס לעם די שוועלן מיט אויסגעשפּרייטע זעק. נאָר דאָס איז געווען א קנאַפּע הילף. זי האָט פארבלאָטיקט די זעק און אריבערגעקראָכן ווייטער אין אלע ווינקעלעך.

— ווי די צפרדעים* אין מצרים, — האָט זיך געוויצלט דער לערער בעקערמאַן.

---

* פרעש

זי איז פֿאַרקראָכן, די בלאָטע, אויך אינעם געמיט פֿון די מענטשן. מ'איז געווען אָנגעבלאָזן און אָנגעשטויסן אײנער אויפֿן צווייטן, און מ'האָט אײַנגעקוקט אַ שטראַל זון, ווי אַלטע ווײַבער משיחן. נאָר משיח, ווי באַוווּסט, אײַלט זיך נישט צו קומען. אום פֿרײַטיק, לכבוד שבת, האָט מען געמוזט די בלאָטע אין די הײַזער אויסקראַצן מיט גראָבאײַזנס, און מיט שעפֿלעך וואַסער זי אַרויסגיסן.

אין שול, וווּהין ס'טרעטן אַרײַן אַזוי פֿיל קינדערשע פֿאַרבלאָטיקטע, דורכגעווייקטע שיכלעך און שטיוועלעך (קאַלאָשן האָבן אין שטעטל געטראָגן געציילטע), איז אַוודאי, בײַם בעסטן ווילן פֿון דער שול-פֿאַרוואַלטונג, אוממעגלעך געווען צו דערהאַלטן די ריינקייט. צוליב דעם פֿאַרזינקעניש אויף אַלע וועגן זענען קיין דאָרפֿישע פֿויערטעס אויף אַרבעט אין שטעטל נישט געקומען. די יידישע אָרעמע ווײַבער זענען פֿאַרנומען געווען אין די מצות-וואַרשטאַטן.

— ס'זאָל, חלילה, די שעה נישט זײַן, — איז באַזאָרגט דער לערער שמעון אַדלער — וואָלט עס איצט דעם שול-אינספּעקטאָר אָנגעטראָגן, וואָלט מען שוין פֿון זײַן וויזיט נישט אַרויס נקי.

— און דערצו נאָך, — האַלט אונטער דער לערער בעקערמאַן — איז עס אַ נײַער שול-אינספּעקטאָר, „אשר לא ידע את יוסף“, וועלכער קאָן נישט די שול פֿון פֿריער.

איין טרייסט האָט מען: די „פּאָווישעכנע“ האָט ער שוין צוויי מאָל וויזיטירט, און די יידישע שולן נאָך קיין איין מאָל נישט. ווײַזט אויס, אַז דער נײַער שול-אינספּעקטאָר האָט קנאַפּן אינטערעס פֿאַר די יידישע שולן. נו, מילא... וואָס ווייניקער — אַלס געזונטער. ערשט צום סוף שול-יאָר וועט ער זיך אָראָפּכאַפּן אַהער אויף יוצא צו זײַן זײַנע אינספּעקטאָרישע פֿליכטן.

האָט אָבער דאָס מזל פֿון אַ יידישער שול אַזאַ פּנים ווי דער הײַנטיקער דרויסן. און אָט — איינמאָל שפּעט אין אָוונט קריגט דער פֿאָרזיצער פֿון דער יישאָ, אהרון לעווי, אַ געהיימע ידיעה פֿון דער גמינע: מאָרגן אינדערפֿרי קומט דער נײַער שול-אינספּעקטאָר וויזיטירן די יידישע שולן. לעווין טוט אַ זעץ אין ברוסט, דאָס פּנים פֿאַרלויפֿט מיט הייסער רויטער פֿאַרב, און ער פּאַטשט גלײַך אַוועק מיט די קאַלאָשן אין שול אַרײַן... בײַ אַזאַ שמוץ איז דער בראָך פֿון דער שול אַ פֿאַרטיקער! וואָס טוט מען? וואָס הייבט מען אָן צו טאָן? — זוכט זײַן געדאַנק אַן עצה, ווי דער שטראַל פֿון זײַן עלעקטריש לעמפּל דעם וועג אין דער פֿינצטערניש.

פֿון איין שול-צימער נעצט זיך נאָך אַרויס אַ טריבע פֿאַרווײַנטע שײַן. נאָך גוט, וואָס עמעץ איז כאָטש דאָ. מיט זײַן האַסטיקן אַרײַנקומען רײַסט ער איבער דעם לערער בערל דאָס פֿאַרריכטן די שילערישע העפֿטן. אויך דער לערער שמעון הייבט אויף דעם קאָפּ פֿון אַ שול-באַנק: צוליבן ערב-פּסח פֿלעגט אסתּר פּריסיק

זיצן שפּעט איבער דער אַרבעט ביי דבורהקע פּוקס, און דער לערער שמעון האָט יערן אָוונט זי אָפּגעוואַרט דאָ צו איר אהיימגיין.

די דריי יידישיסטישע „קעפּ“ האָבן זיך אין גרויסער דענערווירונג באַראַטן:

— ווי באָדט מען איצטער אויס די קלאַסן פון אַזאַ איינגעגעסענער בלאָטע! אַפילו די בענק זענען דאָך פאַרדריפּעט ביזן גאַרטל. און דאָ איז שוין צען אַזויגער, דאָס שטעטל שלאָפט. קריך איצט אין דער באָדגאָס אַריין זוכן אַן אָרעמע יידענע, וואָס זאָל אַ בעלנית זיין אַוועקצושטעלן זיך אויף עטלעכע שעה אַרויסצוטרייבן דעם שמוץ אויסגעדרויסן!

— מע קאָן דאָך אין דער פינצטערניש אויפן וועג אהין דערטרינקען ווערן, — זאָגט אהרון לעווי, קוקנדיק מיט מרה=שחורה אויף די פאַרבלאָטיקטע קליאָשן פון זיינע הויזן, און זיינע פענסנע=גלעזער פאַרגייען מיט נעפּל פון דער היץ, וואָס גייט אויף פון זיינע אויגן; אין דער שטילקייט, וואָס ווערט געזעגט פון אַ גריל, הערט מען זיין שווער אָטעמען און זיין שווערן גאַנג אהין און אהער.

— דאַכט זיך, אהרון, אַז מיט דיין הייך ריזיקירסטו צו פאַרזינקען העכסטנס ביזן גאָרגל, — וויצלט זיך מיט יאַשטשערקעס דער לערער שמעון, צערודערט צוליבן גורל פון דער שול און געקרענקט צוליב... דער היינטיקער קאַליע=געוואָרענער זיווג מיט אסתרן. אַ מרה=שחורהדיקער שמייכל שלייכט זיך אויף זיין פּנים.

— און מיר דאַכט זיך, אהרון, — פאַלט דער לערער בערל אַריין אין דעם זעלבן טאָן, מיט אַזאַ אומעט אין זיינע פאַרחלומטע ברוינע אויגן, ווי אהרון וואָלט שוין באַצייטנס געלעגן דאָ אַ דערטרונקענער — אַז מיט דיין וואָגיקן חומר ריזיקירסטו גראַדע צו פאַרזינקען איבערן קאָפּ.

— הערט אויף מיט די וויצן! — צעבייזערט זיך אהרון לעווי, פאַרגעסנדיק דעם דרך=ארץ, וואָס האַלט אים שטענדיק געפּענטעט אין זיין פאַרהאַלטן זיך צום לערער שמעון. — מ'עט מוזן אַליין זיך איינשפּאַנען אין דער טאַטשקע... וואָרט — צוויי שילערינס פון זעקסטן קלאַס וווינען דאָ אין שכנות, קאָן מען זיי גלייך אַריינרופן... די עלטערן וועלן פאַרשטיין. המם...

— צו דבורהקע פוקס אין דער קרומער גאַס איז דאָך אויך נישט אַזוי ווייט, — גיט צו דער לערער שמעון, טראַכטנדיק וועגן זיין זיווג מיט אסתרן — זאָל זי אַליין קומען און מיטנעמען מיט זיך אונדזערע געוועזענע שילערינס, בלומע מאַרקאָט און אסתר פּריסיק...

— און דער בית=מדרש=ברוגזעם איז דאָ דאַלעבן! — גייט שוין אויף אַן אויפגעלעבטקייט אויף אהרון לעוויס פּנים.

— נישט מער, — ווישט זי אים דער לערער בערל אַראָפּ מיט אַן אַבלדיקן בליק — איינמיטן איז דער ריוו, און אין אים איז לייכטער אַריין, ווי אַרויס...

— א גוטן אָוונט, חברים! — טוט א פאל אריין, ווי אן אויסגעוויקטער הערינג, דער הויט-און-ביינערדיקער אהרון כאזאן, דער קאָמיקער פון דעם יידישיסטישן אמאַטאָרישן דראמקרייזל, וואָס פון זינט ער האָט געשפילט האָצמאכן פון „דער כישוף-מאכערין“, איז ער שוין ביי דעם נאָמען פארבליבן, נישט צו זיין שאנדע, נאָר צו זיין לויב.

ערשט מיט אַ האלבער שעה צוריק האָט ער פארענדיקט זיין שווערע ארבעט אין דער פערדע-אָליניצע. זיין פנים איז אויסגעמאטערט, בלאס-געל, און די ליפן בלוי, ווי מילץ. אָבער אַ שמייכל שפּילט אויף זיינע מאָגערע באַקן, און זיינע גרויע אויגן בליען, ווי ספּירט-פלעמעלעך. ער רייבט א האנט אויף א האנט זיך צו דערוואַרעמען פון דער פייכטער קעלט און מחמת פארגעניגן, וואָס ער האָט דאָ געטראָפן מענטשן, פון וועמען א וואָרט צו הערן:

— אך, — זיפצט ער נחת-רוחדיק — המם... ניסים, וואָס מע גייט נישט מיטן קאָפּ אראָפּ — מע וואָלט געקאָנט אין אזא בלאָטע אן אויער איבערלאָזן... אזוי, ריזיקירט מען בלויז מיט א שטיוול און...

ער פארענדיקט נישט, כאַפּנדיק זיך, אז זיינע האָצמאכישע חכמות קלעפּן זיך צו דער שטימונג פון די חברים דאָ, ווי וואסער צו פאראיילעצטע העמט:

— וואָס איז געשען?

— אָן פראגעס, האָצמאך, — שטעלט אהרון לעווי אָן אויף אים זיינע אויגן דורך די פענסנע-גלעזער, ווי די לאָמפּן פון אַ לאָקאָמאָטיוו — ביסט צו דער צייט אריינגעפאלן אהער. כאַפּ זיך שוין אריבער צו הבורההקע פוקס און ברענג זי אהער מיט די מיידלעך אונדזערע. און איך גיי רופן די שילערינס, דוואָסקע לויטערמאן און חווה פיש. יאָ. נאַ דיר מיין לעמפּל, טאָמער פארלירסטו די אויערן אין דער בלאָטע.

— טאַקע, — כאַפּט האָצמאַך דאָס לעמפּל און זינגט אונטער דער נאָז — „האָצמאַך איז א בלינדער“. איך קאָן נאָך פארלירן א מיידל אויף צוריקוועגס.

— זאָג זיי: די לערער וואשן די פּאָדלאָגע אין שול, זאָלן זיי קומען העלפן, — שרייט אים נאָך דער לערער בערל.

ביי הבורההקע פוקס איז געוואָרן א טרעוואָגע ווי צו א שרפה. זיי האָבן גלייך געוואָרפן די ארבעט, מיטגעכאַפּט מיט זיך דערקאָטשעס און זעק-שמאטעס, אייליק נאָכגעפאַטשט האָצמאכן אין דער פינצטערניש און געבלאָנדזשעט מיט די אויגן נאָך דער שיין פון דעם עלעקטרישן לעמפּל, וואָס איז זיך טריב צערונען אויף דער בלאָטע. צוגעקומען צו דער שול, האָבן זיי פארמאכט די לאָדן צוליב אן עין-הרע...

— ברירר! גוטן אָוונט! — זענען זיי אריין מיט געדרייטער פריילעכקייט.

די שילערינס פון זעקסטן קלאס האָבן זיי דאָ שוין דערווישט. דער לערער שמעון אליין האָט אריינגעבראַכט צוויי בלעכענע קעסלעך.

— נו, מיידלעך! — האָט זיך היציק א ווענד געטאָן אהרון לעווי — פאַרהייבט די קליי...

— אהרון! — רייסט אים איבער דער לערער בערל מיט פּירהאלט, טייטלענדיק מיטן בליק אויף די שילערינס.

אהרון לעווי טוט זיך א פאַרבייס די ליפּן און וואַרפט א יראת־הכבודיקן בליק אויפן לערער שמעון. נאָר דער לערער שמעון האָט נאָר זיין חכמה גישט געהערט — זיין בליק שמעלצט זיך אין אסתר פּריסיקס אויגן...

— המם... — זאָגט אהרון לעווי צו די שילערינס — קינדער! די שול ברענט — מע דאַרף זי לעשן. נו, גענומען זיך פאַר דער אַרבעט!

קאפיטל צוויי און זיבעציק

שונאים אויף צעפוקעניש

די „מאַנצבילן“, דער לערער בערל מיט האָצמאַכן, טראָגן קעסעלעך וואַסער פונעם בית־מדרש־ברונעם, און אהרון לעווי לייכט זיי צו מיטן לעמפּל. דערנאָך טוישט ער זיך מיטן לערער בערל. דער ברונעם־זוויד קרעכצט אין דער חשכות און שטילקייט אַריין פאַרשלאָפן און בייז, וואָס מע גיט אים נישט אפילו אין אַזאַ שפּעטער צייט קיין רו. די פרישגעבאַקענע „וואַסערטרעגער“ זינקען אין דער בלאָטע, סאַפּען שווער און זיפצן אָפּ, אַריינקומענדיק מיט די פולע קעסעלעך אין שול. אהרון לעווי זייעט אַ קללה דורך די ציין אויפן שול־אינספּעקטאָרס קאָפּ, וואָס די שדים און רוחות טראָגן אים אַריינצופאַלן אין דער יידישער שול דווקא אין אַזאַ בלאָטע־ראָשטשינע.

קיין בעסערע צייט האָט שוין דער טייוול אַליין נישט געקאָנט צוטראַכטן.

— אויב סע שטעקט נישט דערין קיין באַזונדערע כוונה... — זאָגט אַרויס אַ חשד דער לערער שמעון, וועלכער קוקט זיך בלויז צו, ווי אַ משגיח, ווי די „ווייבער“ וואַשן די פענצטער און טירן, שאָבן און וואַשן די בענק, רייבן, קראַצן און וואַשן די פּאָדלאָגעס.

— ווייבעלעך, כשרע ווייבעלעך, — בלאַזנעוועט האָצמאַך — די הענטעלעך זאָלן אייך נישט אָפּפרירן פון דער קאַלטער וואַסער. כשרט, כשרט אויף פסח. זיי פילן זיך זייער דערהויבן.

אסתר פּריסיקן, אמת, איז אַ שאָד, וואָס איר זעונג מיטן לערער שמעון איז שוין אַ צעשטערטע. זי איז אָבער שטאַרק צופרידן, וואָס „איר שמעון“ זעט זי ביי דער דאָזיקער אַרבעט, אַזוי־אָ אַ צעיאַכמערטע, מיט פּאַרב אין די באַקן און גלאַנץ אין די אויגן...

צוזאַמען מיט יעדן קעסעלע שמוץ, וואָס די „מאַנצבלען“ טראָגן אַרויס אינדרויסן, וואַקסט אָן זייער אויפגעהייטערטקייט. די פּאָדלאָגעס הייבן אָן באַווייזן זייערע הילצערן לייב. האָצמאַך שפּילט־אויף שטיקלעך פון זיין ראָל. די מיידלעך

לאַכן אויף אַ קול. זיי זינגען אַיִים דעם גאַנצן רעפּערטואַר פון די שול־לידער. די פאַרלאָגעס באַווייזן זיך ענדלעך אין זייער גאַנצער לויטערקייט.

הזצמאַך האָט שוין איינצווישן אויסגעהייצט די הרובעס, כדי „די פאַרלאָגעס זאָלן זיך אַביסל דערוואַרעמען“, צוטריקענען, מע זאָל זיי קאָנען אויסשמירן מיט גאַפּטאָלי.

ס'איז שוין געווען אַרום האַלב איינס אַזייגער, ווען זיי האָבן אָפּגעווישט די רויטע געפּרוּווירגנע הענט און זיך צוגעזעצט אָפּרוען.

—נו, קינדער, — זאָגט דער לערער שמעון צו די שילערינס — איר האָט שוין אייערס אָפּגעטאָן. מיר וועלן דאָ שוין אַליין צוענדיקן. גייט אַהיים. מאָרגן דאַרפט איר קומען אין שול. אפשר וועט זיין אַ שווערער עקזאַמען.

— ס'וואָלט אַ יושר געווען זיך דערוואַרעמען אַצינד מיט אַ גלעזעלע! — פרוווט איינשטעלן הזצמאַך, נאָך דעם ווי די שילערינס זאָגן איילִיק „אַ גוטע נאַכט“.

— יאָ, אַלע האָבן זיך אויף דעם כשר פאַרדינט, — שיינען ביי אהרון לעווי די פענסגע־גלעזער, דאָס פנים רויטלט זיך, און די אויגן קוועלן — נאָר ווי קומט אַזוי שפּעט די קאַץ איבערן וואַסער?

— האָצמאַך וועט זיין די קאַץ, וואָס קומט איבער דער בלאָטע, — איז האָצמאַך שטאָלץ צעשטראַלט — אַבי די ממתקים זאָלן זיין, מאָגי הייסט עס אויף תרגום־לשון.

— נאַ דיר געלט, נאָר קום נישט קיין דערטרונקענער צוריק, — דערלאַנגט אים אהרון לעווי, „דער גביר אין דער קבצנישער משפחה“, אַן אַסיגנאַציע מיט אַ ברייטן זשעסט און צעלויכטן פנים.

נישט מער ווי אין צען מינוט אַרום איז האָצמאַך דאָ צוריק מיט אַ פלעשל יאַש, מיט אַ ברייטל און אַ ווורשטל.

— דער יאַש איז כשר לפסח, און דער קאָלבאַס — פון חזיר־פיסל־כשר.

מע טרינקט אויס איין לחיים נאָכן צווייטן, און דאָס ברויט מיטן וורשט ווערן נעלם, ווי אָפּגעברענט.

— ווען בערל וואָלט געהאַט זיין מאַנדאָלינע, — שמעלצט זיך דבורהקע פוקס, און איר פאָנפעוואַטע שטים לייכט זיך, ווי פויל האָלץ אין דער פינצטער — וואָלט ער אויפגעשפּילט...

— עפּעס אַ פריילעכס! — שרייט אויס אסתר פריסיק מיט ברען, אונטער־געצונדן פון פרייד — און מיר וואָלטן געכאַפּט אַ טענצל אין די זאָקן אויף דער זויבערער פאַדלאָגע.

אסתר פריסיק האָט געברענט שטאַרקער פון אַלעמען. ערשטנס, לויט איר נאַטור. צווייטנס — ווי דאַרף זי עס אויסוואַקסן אין „איר שמעונס“ אויגן! ווי דאַרף עס איצט אויפגיין זיין ליבע־געפיל צו איר, בעת ער זעט זי אָט אַזוי!... זי

זעט גוט דעם פלאַם פון זיינע אויגן און פילט אים אויף אירע הענטלעך — אויף אירע קליינע הענטלעך, מיט וועלכע ער האָט אַזוי ליב צו שפּילן זיך, איבער־גייענדיק פון איין פינגער צום צווייטן אַזוי צאַרט, באַרירנדיק און נישט באַרירנ־דיק, ווי מע קלייבט איבער סטרונעס פון אַ געליבטן פידל... און עס ציט אַזוי צו אים איצטער יעדעס אבר! פאַרשטייט ער כאַטש, פילט ער, וואָס עס זאָגט אים איר בליק? איר שמעון!...

— נו, מע מאָר נישט איבערכאַפּן די מאָס, — זאָגט דער לערער שמעון, און זיינע ווערטער ביגרן די פּיס.

ווייטער ווי פון אַ פרייליכן שמועס וועגן דער אויסגעמיטענער סכנה פאַר דער שול גייט עס נישט.

איידער מע קוקט זיך אַרום איז שוין אַריבער נאָך אַ שעה. די פאַדלאָגעס, גוט אָפּגעוואַשטע, הייבן אָן בלייכער ווערן. אָפּגערוט איז מען שוין אויך. טוט מען זיך ווידער אַ נעם צו דער אַרבעט. דער געדיכטער געלבלעך־גרינער באַפּטאָלי פאַרשלאָגט דעם אָטעם מיט זיין ריח, און סע שלאָגט צו דער גרינער גאַל. ער מישט זיך אויס מיטן אַראָמאַט פון זייער יונגטלעכן שווייס און בליענדיקער פריידּ.

— געענדיקט! — פּירט אונטער דעם סך־הכל מיט נצחון אהרון לעווי.

פאַרמאַטערטע, נאָר לייכטע און דעריהויבענע מחמתן דערפילן זייער איינ־גענומענע פּליכט, זענען זיי זיך צעגאַנגען אַהיים, אויסצורוען זיך אין שלאָף פון די געדעכטע. זיי זענען געווען דורכגענומען מיט דער זיכערקייט, אַז וואָס פאַר אַ כלב־שבכלבים ס'זאָל מאָרגן נישט אָנטראָגן אין שול אַריין, וועט ער נישט האָבן אין וואָס זיך איינצובייסן מיט די ציינער. דער שול־לאָקאַל איז אין אָרדענונג, און אויף אונדזערע קינדער קאָן מען זיך רואיק פאַרלאָזן — זיי זענען נאָך קיינ־מאָל נישט דורכגעפאַלן.

בלויז אויף אסתר פּריסיקס געמיט איז צום אַוועקגיין אויפגעגאַנגען אַ לייכט כמאַרעלע. אַהיימגייענדיק, האָט איר דעם ערשטן האַלבן וועג געמאַטערט אַ פאַר־דרוס: הלמאי האָט שמעון פאָרט נישט געפונען קיין מעגלעכקייט זי אַ קוש צו טאָן?... האָט ער עס אפשר נישט געזוכט? אָבער... צו זייער געוועגענען האָבן זיך זייערע אויגן מיט פלעמלעך צעקושט — איז דאָס דען ווייניק?... און דעם אַנדערן האַלבן וועג האָט איר געמאַטערט די זאָרג: דער טאַטע וועט דערהערן איר צנקלאַפּן, און מאַכן זיך נישט הערנדיק. דערנאָך וועט ער בייז וואַרטשען אויף דער מאַמען, פאַרוואָס זי גייט איר עפענען: — „שוין! זי לויפט שוין מיט די פּיסעלעך! וואָס גייט זי דאַרט אַזוי פיל, וואָס שטעפּט זי דאָס ביז אַריבער חצות? תכריכים? זי איז נישט קראַנק, „די פּאַניענקע“, צוצוואַרטן אַביסל. זאָל זי דאַרט, ווי אַ הונט, צושטיין אַ קאַפּעטשקע!“

אסתר האָט געפּרוּווט אָנקלאַפּן אין דער קיך־טיר צו דער טויבער נאַטאַלקען. זי האָט זי ליב. אפשר וואַרט זי אויף איר? אויב נאַטאַלקע האָט נישט דערהערט איר קלאַפּן מיט די אויערן, האָט זי זי דערפילט הינטער דער טיר מיטן האַרצן. האָט זי אַריינגעלאָזן.

פון טאַטע־מאַמעס חדר האָט זיך קיין שאָרך נישט געהערט.

זי האָט פריי אָפּגעאָטעמט.

נפתּלציע און בוניע שנאָרכען פון די בעטן אַרויס. בושקעס געלעגער שטייט נאָך ליידיק: „דער בומאַזיע“ האָט זיך זיין שכל, וואָס לענגער צו פאַרזאַמען זיך ביי שיקסעס. דערפאַר וועט אים פאַרטאָג „דער קרומער“ קיצלען אין די פּיאַטעס און שעלטן אין טאַטנס טאַטן אַריין, פאַרוואָס ער פאַרשפּעטיקט אַלע טאָג צו דער אַרבעט... און איציק איז נאָך אויך נישטאָ... אים דערוועגט זיך נישט „דער קרומער“ צו טשעפּען... פאַרוואָס?...

...איך וועל מאָרגן, ווי כ'האָב זיך אָפּגערעדט מיט הבורהקע פוקס, שלאָפן אַ שעה שפּעטער און אָפּאַרבעטן ביינאַכט. אַלע וועלן שוין דרעמלט זיין אַוועקגע־גאַנגען פון שטוב, — טראַכט אסתר, לייגנדיק זיך אין בעט אַריין — אַלץ וועט אַריבער בשלום... אויך מאָרגן אין שול... און ביינאַכט וועל איך זיך טרעפן מיט שמועגען... דאָס מאָל נאָך שפּעטער ווי אַלעמאָל... הבורהקע וועט איר צייט נישט שענקען...

און פאַראַמאָל איז זי ג י ש ט געוואָרן אין אַ שלאָף אָן חלומות אויף אַ גאַנ־צער נאַכט.

קאַפּיטל דריי און זיבעציק

חשובֿע געסט אין שול

ווען אסתר פּריסיק איז אינדערפֿרי, אַ פּאַרשפּעטיקטע אויף גאַנצע צוויי שעה, געגאַנגען צו דער אַרבעט, האָט זי שוין געטראָפֿן אהרון לעווי און אַנדערע מיטגלידער פֿון דער שול־פֿאַרוואַלטונג אַרומדרייען זיך אומרואיק פֿאַר דער שול.

מ'האָט געמיינט, דער אינספּעקטאָר וועט קומען גלייך צו דער ערשטער לעקציע, ווען די קינדער זענען אויסגערוט, פֿריש און נישט דענערווירט נאָך פֿון וואַרטן אויף זיין פֿאַרהער. און דאָ האָט זיך שוין אין שול אָנגעהויבן די דריטע לעקציע! ס'וואַקסט אָן די אומרואיקייט סיי ביי די לערער, סיי ביי די קינדער. סע זאָל דערפֿון הײַנט קיין צרה נישט אַרויס!

ערשט צום סוף פֿון דער גרויסער הפֿסקה איז אהרון לעווי אַריין אין לערערצימער אַ פּאַרסאַפּעטער:

— זיי פֿאַרן! מיט אַ ברישקע...

— ווער איז דער ז יי ?

— דער שול־אינספּעקטאָר מיטן „קיעראָווניק"* פֿון דער „פּאָוושעכנער".

דער פֿירער פֿון דער „פּאָוושעכנער" שול איז באַקאַנט געווען פֿאַר אַ פֿאַרטייאיש ענדעק. זיין באַגלייטן אַהער דעם אינספּעקטאָר האָט דער שול אוודאי קיין גוטס נישט צוגעזאָגט. חוץ זיין אַנטיסעמיטיזם האָט ער נאָך געהאַט אַ שטאַרקן פֿערזענלעכן טעם צו ווינטשן אַ מפּלה דער יידישער שול. פֿון דעם אַלטן שול־אינספּעקטאָר, אַן ערלעכער, פּראָגרעסיווער מענטש, האָט די שול פֿאַר די לעצטע יאָרן באַקומען די בעסטע אָפּרופֿן. ער האָט געלויבט די דערציונג און אונטעריכטס־מעטאָדן פֿון אירע לערער, די דערגרייכונגען פֿון די שילער און טיילמאָל געשטעלט אַפֿילו די יידישע שול פֿאַר אַ מוסטער דער „פּאָוושעכנער". דאָס אַלץ האָט דער „קיעראָווניק" אָפּגעפּילט ווי אַ באַליידיקונג. זיין שנאה־באַציִונג צו דער יידישער שול האָט ער נישט איינמאָל אַרויסגעבראַכט

---

* לייטער, פֿירער

אויף די בודזשעט־זיצונגען אין דער גמינע, ווו ער איז געווען ראַטמאַן, בעת ס'זענען באַשטימט געוואָרן סובסידיעס פאַר די יידישע שולן. זיינע ווערטער וועגן דער יידישער שול האָבן געזאָטן מיט גיפט.

...איז וואָס איז ער היינט געקומען מיטן נייעם שול־אינספּעקטאָר? צוצוזען מיט די אייגענע אויגן... וועמענס בראָך?

ס'פירט די געסט איבער די קלאַסן אהרון לעווי ווי דער פאָרזיצער פון דער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע.

דער נייער שול־אינספּעקטאָר איז פאַרשפּיליעט אויף אַלע קנעפּלעך. האַלט זיך ערנסט, שטאָלץ און פרעמד. איז פאַרקוקט אין זיך אַריין און איז אומצופרידן:

— ווער האָט עס אָנגעפירט אַזוי פיל בלאָטע אין שטעטל אַריין? אפילו אין פּנים האָט עס אים אַ שפּריץ געטאָן! באַ... און דאָ, אין שול, איז זייער ריין.

ס'קומט אויס, ווי פון דער ריינקייט אין שול איז ער נישט ווייניקער אומצופרידן, ווי פון דער בלאָטע אין שטעטל.

דער „קיעראָוויניק“ איז דווקא העפלעך, צעשמייכלט און צופרידן. נאָר זיינע אויגן שאַרן זיך אַרום איבער אַלע ווינקעלעך, אונטער די בענק, ווי „צוויי געהיים־אַגענטן“: אוי, די זשידקעס, די זשידקעס...

אהרון לעווי רעדט צו די געסט מיט אַ טאָן פון „צולייגן אַ פּלאַסטער צו אַ מכה“. נאָר דאָס צוגעשטראָמטע בלוט אין זיינע באַקן און זיינע גרינלעכע אויגן, וואָס טוען אָפּט אַ בלישטש מיט אַ שנאה־פלעמעלע, זאָגט עדות, אַז היינטיקס מאָל האָט ער דאָ זייער אַ פאַרדריסלעכע אַרבעט.

אהרון לעווי האָט איבערגעכאַפּט אַ בליק־אויסטויש צווישן די ליבע געסט, און אים אַזוי פאַרשטאַנען:

דעם אינספּעקטאָרס בליק זאָגט: — ס'איז דאָך עפּעס גאָרנישט אַזוי שלעכט מיט דער ריינקייט דאָ, ווי דו האָסט עס מיר פאָרגעשטעלט?

און דעם „קיעראָווניקס“ ענטפער: — איך אַליין בין אויך ממש נשתומם — פונוואַנען קומט עס?!

נאָר באַלד דערויף טוען אַ פלעמל זיינע גרויע קאָטער־אויגן, אַ גיפטיק שמייכעלע קריכט אַפיר פון אונטער די פליגעלער פון זיין געדיכטן פאַרריסענעם נעזל איבער די אונטערגעשוירענע וואָנסעלעך, ס'ע שפּאַלט זיך דער רויטער קאַרש פון זיין מויל, ס'טוען אַ צוק זיינע פליישיקע ליפּן, און מיט שליאַכטישער העפלעכקייט טוט ער אַ זאָג אין דער זייט פון אהרון לעווי:

— המם...ווירקלעך... ס'איז צו לויבן... אייער יידישן ספּריט. נישט אַנדערש: איר האָט פּריציייטיק געקריגן מיטגעטיילט — נאָך פון קאָוועל אפשר — אַז דער פּאַן אינספּעקטאָר... אומעטום האָט איר פריינד, יידן. באַ. קיין אומפריינד האָט איר אין מיר אויך נישט. ווען איר פאַרדינט זיך לויב, טו איך עס גערן. איר

זענט אַ פּעיק פאָלק... המם... דאָס וואָלט געווען — די צופעליקע ריינקייט אין שול מיט דער היינטיקער וויזיטאַציע — אַן אויסטערלישער צוזאַמענפאַל פון געשעענישן. המם... מע זעט דאָך, אַז די פּאָדלאָגעס זענען פריש געוואַשן און געשמירט.

— וואָרן געוויינלעך, פּאַניע אינספּעקטאָר, — ווענדט ער זיך צו אים — באָדן זיך דאָ די שילער אין בלאָטע.

ער דערלאָזט נישט לעווין קומען צום וואָרט און רעדט ווייטער:

— וואָס? ער ווייסט נישט וועגן דעם? אַלס „קיעראָווניק" פון דער רעגי־רונג־שול איז זיין פליכט אַן אויג צו האָבן אויפן גאַנצן שול־וועזן אין שטעטל. יאָ. ער האַלט עס פאַר זיין פּאַטריאָטישער פליכט.

דער שול־אינספּעקטאָר הערט אים אויפמערקזאַם אויס, כאָטש זיינע אויגן, דעם אינספּעקטאָרס, זענען כסדר פאַרקוקט אין אייגענער שווייגעניש אַריין.

—מ'האָט אים אָן דר'ערד! — באַווייזט לעווי אַ שעפּטשע צו טאָן עמעצן פון די לערער, פאַרבייגייענדיק, און פּרוווט זיך ווידער אַריינרעדן דעם אינס־פּעקטאָר אין אויער אַריין:

— פאַרקערט, חשובער פּאַן אינספּעקטאָר, ביי אונדז איז תמיד אַ מוסטער־האַפטע ריינקייט, ווי עס זעט עס איצטער און ס'קאָן זיך דערין איבערצייגן דער חשובער פּאַן אינספּעקטאָר. די שול־פאַרוואַלטונג היט זיך, נישט צו פאַרלירן די גוטע „אָפּיניע", וואָס די שול האָט ביז היינט געקריגן פון דעם אינספּעקטאָ־ראַט. און אויך נישט קיין ערגערער ריכטן מיר זיך אויך היינט פונעם חשובן נייעם שול־אינספּעקטאָר.

— פאַראַן פאַרשידענע ריינקייטן, — טוט אַ וואָרטשע דער אינספּעקטאָר — מירן זעען.

זעט שוין לעווי, אַז זיינע העפלעכע רייד קלעפּן זיך צום אינספּעקטאָרס פאַרגליווערטן אויער, ווי מיט ניכטערנעם שפּייעכץ. דער אינספּעקטאָר האָט אפילו יאָ אויפגעהויבן די אויגן, אָבער נישט צו אים — אַ ר י ב ע ר אים: ער זוכט אונטערן סופיט דאָס בילד פונעם פּרעזידענט און דעם ווייסן אָדלער... דאַכט זיך: סיי דאָס בילד, סיי דער אָדלער זאָגן אים מיט ערנסטע בליקן — די שול איז פּאָליטיש כשר. אָבער... אָבער לעווין איז נישט איינגעפאַלן, אַז דאָס מאָל איז דער אינספּעקטאָר געקומען אַהער מיט אַ בפירושער פאַראָרדענונג פו־נעם אינספּעקטאָראַט, צו זיין באַזונדערס וואַכזאַם אין הינזיכט פון פּאָליטישער ריינקייט: דער לערער טאַראַס טאַראַסקיעוויטש, אַן אוקראַאינער, וועלכן די יידישע שול האָט, אמת, אַליין אָפּגעזאָגט, איז פאַרדעכטיק אין אָנגעהערן צום „סעל־ראָב". *

* אַן אוקראַאינישע אַרבעטער־פּויערישע לינקע אָרגאַניזאַציע

קאַפּיטל פיר און זיבעציק

די וויזיטאַציע

ס'קלינגט דאָס גלעקל. ס'הייבן זיך אָן די לעקציעס און די וויזיטאַציע. מיט דער דערלויבעניש פון פאַן אינספּעקטאָר, דערביי בעסנדיק אפילו העפלעך די הסכּמה פונעם לערער, נעמט דער „קיעראָוניק" די שילער אויפן פאַרהער. די קינדער האַלטן זיך און ענטפערן גוט, כאָטש זיי שפּירן אַ געפאַר און זענען אַביסל איבערגעשראָקן. זיי ווייסן און פאַרשטייען עס, די יידישע באַלמעלאָכישע קינדער, בפרט די שילער פון די עלטערע קלאַסן, אַז זיי ווערן איצט עקזאַמינירט פון אַ שונא. זיי שפּאַנען־אָן זייער גאָרן ווילן דעם שונא בייצוקומען. ראַנגלען זיך קאָלעקטיוו מיט אַלערליי מיטלען. איינער האַלט אונטער דעם צווייטן מיט אַ שטום צוקן פון די ליפּן, מיט אַ צערעדט פּנים, מיט אַ באַמוטיקנדיקער מינע און מיט אַ ווונק־פּלעמל פון די אויגן. און אַלע ענטפערן יעדנפאַלס נישט שלעכט.

אהרון לעווי און דער לערער שעפּן נחת, ווערן שטאָלץ, און דער טריומף שיינט זיי אַראָפּ פון פּנים: אונדזערע קינדער לאָזן פון זייערע קעפּ!

די אומגעבעטענע געסט זענען פלייסיק און האָבן מורא אומזיסט אַ מינוט צו פאַרלירן. די צייט פון די הפסקות נוצן זיי אויס אויף בודק צו זיין די אָרדענונג אין די שילערישע טעקעס און העפטן. דאָס איז אַ נייס. אויף דעם האָט מען זיך נישט געריכט. מע זעט באַשיימפּערלעך, אַז „זיי זוכן זיך עפּעס".

— ס'איז היינט אַן אמתער יום־הדין...

אָבער אויך דאָס גייט אַדורך בשלום.

— מ'האָט קיין „קאָנטראַבאַנד" ביי די קינדער נישט געפונען.

— מאַך היינט אין אָוונט אַ קערמאַש, — וואַרפט צו, פאַרבייגייענדיק, דער לערער בעקערמאַן דעם „יש"אָ־פאָרזיצער.

אהרון לעווים פּענסנע־גלעזער טוען אַ גלאַנץ מיט שיין, ווי שויבן קעגן זון־אויפגאַנג:

— געפעלט! כ'וועל איבעררעדן מיט הבורהקע פוקס. ביי איר אין שטוב זאָל עס זיין. לאָמיר גאָר בשלום איבערקומען די „נעילה" — דעם וויזיט אין פינפטן קלאַס.

אין פינפטן קלאַס פירט דער וואַרשעווער לערער, ליבפריד, אַ לעקציע פּוי־לישע געשיכטע. דער אינספּעקטאָר אַליין שטעלט אַ פּאָר פראַגן די קינדער. זיי ענטפערן מיט וויסן, געלונגען.

דעם אינספּעקטאָרס הויט כמורעט זיך אָן, און זיין פּנים גייט אויף פון רוגזה, ווי פון געשווילעכץ.

— אויפשטיין! — טוט פּלוצעם דער אינספּעקטאָר אַ קאָמאַנדעווע מיט דער שטרענגקייט פון אַ פּריסישן פעלדפעבל.

אין אויגנבליק פון צעמישונג הינטער די בענק. די קינדער זענען דערשראָקן, טייל שפרינגען אויף. דעם לערער ליבפרידס פּנים מיניעט זיך מיט רויטס און ווייס, ווי געגליט אייזן. אהרון לעווי אָטעמט אַזוי הויך, אַז סע הערט זיך אין דער שטילקייט, וואָס האַלט איין דעם אָטעם. די קינדער באַוואַרפן זיי מיט צעשוויגע־דלטע פרעגנדיקע אויגן: וואָס הייסט? זייערע גרויס־געוואָרענע אויגן אין די צע־שראָקענע בלאַסע פּנימער קייקלען זיך פון דעם אינספּעקטאָרס בייז פּנים אויפן „קיעראָווניקס" גיפטיק־שמייכלענדיקן, און צוריק.

— אויפזינגען „יעשטשע פּאָלסקאַ"! — פאַלט אַ צווייטער באַפעל.

דעם אינספּעקטאָרס פּרצוף הענגט איבער זיי, ווי אַ שטורעם־וואָלקן, וואָס אָט־אָט ברעכט ער אויס מיט דונער און בליץ, און דעם „קיעראָווניקס" לייכט זיך אַרויס פון הינטער זיין פּלייצע, ווי אַ רויטע אָפּשפּעטנדיקע מאַסקע. ווי מיט צוועגגלעך צעשפּאַרט, עפענען זיך די מיילער ביי די קינדער.

— קינדער, מיר הייבן אָן, — טוט אַ ציטער דעם לערער ליבפרידס ליפּ, בעת ער שטעלט זיך אין דער פּאָזע פון אַ דיריזשאָר און הייבט אויף די הענט. נאָר דאָ טוט ביי אים אַ צוק די ווייע פּונעם לינקן אויג, ווי ס'פּלעגט זיך ביי אים טרעפן אין מינוטן פון אויפרעגונג, און די פּענסנע טוען זיך אים אַ גליטש פון דער שווייצנדיקער נאָז. ער פאַרכאַפּט זיי מיטביידע הענט און פאַרפעסטיקט מיט צוויי ציטערדיקע פינגער אויפן אָרט. די קינדער וואַרטן. דאָס געדויערט בלויז אַן אויגנבליק, אָבער שוין גיסט זיך צוזאַמען אַ דראָענדיקער בריל מיט אַ טויט פון אַ פּוס אין דער פּאָדלאָגע, באַגלייט מיט אַ באַפעל שוין צום דריטן מאָל.

— זינגען!

דעם לערער ליבפרידס האַנט נעמט ענדלעך אַרויסציען פון קלאַס די ערשטע טענער און װאַרטער פונעם הימן. די קינדער װערן רואיקער, זייערע שטימעלעך אחדותדיקער, אין דער הימן הייבט זיך פליסיק אַרויף צום סופיט...

ס'גייט כשורה. נאָר דער קליינער שימעלע שטשערבאַטע, װעלכער פאַר־טראַכט זיך אָפּט טיפער און לענגער פון זייגע חברים װעגן מענטשן, זאַכן און געשעענישן, פאַרשפּעטיקט מיטן זינגען. ווען ער כאַפּט זיך, אַז דער קלאַס איז שוין ווייט אַוועק, דערשרעקט ער זיך — טאָמער באַמערקן „די לייט", אַז ער

באַטייליקט זיך נישט אינעם זינגען. די שרעק צעטומלט אים, און אָנשטאָט אָנצוהייבן צוזאַמען מיטן כאָר, הייבט ער אָן פאַר זיך אַליין פון גאָר צום אָנהייב. זיין פּאַלצעט-שטימעלע טיילט זיך אַרויס קלאָר און ווי חוצפּהדיק אויפן פאָן פון דעם כאָראַלן געזאַנג, ווי ער וואָלט געגאַנגען מיטן קלאַס אין אַ געוועט.

— אויפהערן! — טוט מיט רציחה אַ דונער דעם אינספּעקטאָרס שטים איבערן קלאַס, און זיינע אויגן בליצן.

דעם „קיעראָווניקס“ מאַסקע לאַכט שטום, נאָר מיט בייזער פרייד, דעם קלאַס אין פיל-פּנימדיקן פּנים אַריין. אָט פּלאַצן אים די רויטע באַקן, און די צונג קריכט אים אַרויס. ער טוט זיך מיט שטומען טריומף אַ קער צום לערער און אהרון לעווי.

— אַרויס פון קלאַס! אַלע... — טוט ווידער שטרענג אַ געשריי דער אינספּעקטאָר (מיט אָנצוהערעניש דעם פּאָרזיצער פון דער ייש“אָ, אהרון לעווי), דאָ בלייבן איבער — איך, דער פאַן „קיעראָווניק“ און... (מיט כעס און פאַראַכטונג צום לערער) איר.

ווי דערשראָקענע שעפּסן, שטויסן זיך די קינדער אין איין געזעמל און שטיקן זיך ביים אַרויסגיין הורך דער טיר. מיט פאַרקלעמטע ציין, מיט אַ פּנים, וואָס טוישט די קאָלירן פון בלאַס אויף רויט און קאַפּויער, פאַרמאַכט דער לערער הינטער זיך די טיר אהרון לעווי. ער פאַלט צו צו איר מיט אַ פאַרהילצערטן אויער. וואָס וועט ער אים דאָרט אַריינזאָגן, דער אַנטיסעמיטישער הונט?

אינאָנהייב הערט ער דעם אינספּעקטאָרס הויך בייזערן זיך; אַ שאַד, וואָס נישט די ווערטער! ס'טוט דאָרט שפּאָטיש אַ לאַך דער „קיעראָווניק“. נאָר אָט נעמט רעדן דער לערער ליבפריד. ער איז שוין געקומען צו זיך. זיין טאָן — אַ באַהערשטער, אַ פעסטער. נאָכאַמאָל טוט דער אינספּעקטאָר זיך אַ בייזער, אָבער ליבפריד פאַלט אים אַריין אינעם געבייזער מיט אַ טאָן פון פאַריבל און פירהאַלט, ווי גאַר ער וואָלט אַרויסגעשטעלט אַ טענה... דער אינספּעקטאָר בייזערט זיך שוין נישט, דער „קיעראָווניק“ לאַכט שוין נישט... הייסט עס?... און ביי אהרון לעווי ווערן גרויס די אויגן הינטער די פענסנע-גלעזער פון פאַרוואונדערונג: איז ער טאַקע, ליבפריד, אויב ער האָט אין זיך אַזאַ פעסטקייט — אַ „רויטער“!... ער זאָל נאָר נישט צופיל רעדן... און דאָס ערשטע מאָל טוט לעווי אין געדאַנק אַ שטעל אַקעגן שמעון אַדלערן אַ צווייטן מענטשן — ליבפרידן, און דער פאַרגלייך פאַלט אויס לטובת דעם צווייטן... אין דעם מאָמענט טוט דאָרט אין קלאַס אַ שאַרוּע אַ נערוועז אָפּגערוקטע באַנק, און לעווי טוט פאַרשעמט אַ דריי אַוועק דעם איינגעהאָרכטן אויער פון דער טיר. ער לויפט אַריין אין ליידיקן לערער-צימער.

ער קוקט אַלע ווייל אויפן האַנטזייגערל. די ווייזערלעך רוקן זיך אַזוי פאַמעלעך אויפן ציפערבלאַט, ווי געקראָכן איבער אַ בלאָטע. נאָר אָט האָט ענדלעך

דאָס גלעקל א רוף געטאָן די שילער פון די קלאסן ארויס. מע הערט אָבער נישט דעם געוויינלעכן אויפגערוויש פון די קינדער — זיי געדענקען און די געסט. און ער מוט זיך שנעל א לאָז צום קלאס, פונוואנען דער אינספעקטאָר האָט אים „העפ-לער ארויסגעבעטן".

אין לערער-צימער שלייכן אריין די לערער. ערנסטע, פארזאָרגטע, שווייגנ-דיקע. אדלער גייט צו צום פענצטער, קוקט ארויס מורה-שחורהדיק אויפן שכנות-דיקן שווארצן דאך, וואָס אויף זיין רוקן האָט זיך צעקראקעט א ווראָנע, און זיין אקן, אדלערס, שטאַרט אין צימער אריין אויפצוגעמען א געדיכטן שטאַרקן זעץ; דער לערער בעקערמאן זעצט זיך אנידער שווער מיט א זיפץ אויף א שולבאנק, גראָבט איין די פענסנע-גלעזער אין דער באנק-ברעט און לייענט אויף איר די שווארצע „היראָגליפן" צו געפינען א באשייד אויפן שווערן רעטעניש: צי וועט מען אים צוריקנעמען אין דער „תרבות"-שול? דער לערער ברינמאן נעמט ארויס פון דער שאפע, „דעם פיזיקאלישן קאבינעט", א לענגלעכיק גלעזל, אין וועלכן ער אליין האָט „איינגעמאַריניִרט" א שלאנג אין פאָרמאַלין, באטראכט זי קעגן דער שיין, וואָס פאלט איבער אדלערס פיגור פון פענצטער, ווי ער וואָלט זיך שוין מיט איר געזעגנט. און אָט קומט אריין דער לערער ליבפריד.

אדלער דרייט אויס האָס פנים אין צימער אריין, בעקערמאן הייבט אויף דעם קאָפּ פון די „היראָגליפן", ברינמאן רייסט אָפּ דעם בליק פון דער פאָרמאַ-ליניִרטער שלאנג, — אלע דריי טוען א קוק אויפן קאָנצענטרירטן פנים פונעם לערער ליבפריד.

דעם לערער ליבפרידס פנים איז געפלעקט מיט אזא רויטלעך-ווייסלעכן גלי, ווי אייזן ארויסגענומען פון קוילן אונטער א בלאָזזאק — עס שלאָגט פון אים היץ פון אינעווייניקסטער אָנגעלייגטקייט. די ווייע פון זיין לינקן אויג שרומפט זיך כסדר איין און גלייכט זיך צוריק אויס, ווי ער וואָלט רעדן מיט אומגעזעענע חברים אויפן ווונק...

די לערערס בליקן טוען אים א פרעג:

— נו?... ווי גרויס איז דער בראָך?

און פון זיינע ליפן פאלט אראָפּ אן ענטפער, וואָס דאַרף געזאָגט ווערן:

— אז מע האקט האָלץ, פאלן שפענער...

איצט קוקט ער אויף זיי, צי האָבן זיי פארשטאנען זיין זאָג? און איז גרייט אויסצוהערן זייערע תרעומות און טענות, אָפּצוווארפן זיי מיט דער זעלבער פעסטקייט, ווי דעם אינספעקטאָרס, נאָר אָפּענער, אַניִמירנדיקער...

אָבער קיינער פון די קאָלעגן האָט איצט נישט קיין מוט אים א וואָרט צו זאָגן. ערשט ווען ער גייט ארויס צוליב דער דריקנדיקער שווייגעניש צו די קינ-דער, טוט בעקערמאן הייזעריק א זאָג:

— פונקט ווי מע וואָלט אים אראָפּגעבראכט אהער פאר א האָלצהעקער!...

די חשובֿע געסט האָבן שוין מער נישט באַערט דאָס לערער־צימער מיט זייערע פּערזענלעכקייטן, בלויז מיט קורצע, אָפּגעהאַקטע פֿראַזן האָט דער שול־אינספּעקטאָר באַוויליקט צו מעלדן פֿאַר זיין אָפּפֿאָרן, פֿון זיין געזעגעניש אויף דער בריטשקע, דעם פֿאָרזיצער פֿון דער שול־אָרגאַניזאַציע, לעווין:

— יענער לערער ווערט באַזייטיקט פֿון דער אַרבעט צום נייעם שול־יאָר. המם... זאָל ער העלפֿעכטס דאַנקען, וואָס נישט גלייך אויפֿן אָרט פֿון שול אין... תפֿיסה אַריין. ער זייט קאָמוניזם צווישן די שול־בענק... ווו? ווו מע קאָן זיך מיט מיר זען? אין שול־אינספּעקטאָראַט אין קאָוועל, פֿאַרשטייט זיך. די שול שטייט איצט אונטער א חשד. ענדגילטיק וועט איר גורל באַשטימען, פֿאַרשטייט זיך, דאָס שול־קוראַטאָריום, אָבער... המם... זיין „אָפּיניע“, דעם אינספּעקטאָרס, וועט זיין א דעצידירנדיקע...

דורך די וואָלקנס אין הימל, וואָס זענען צום האַלבן טאָג שיטערער געוואָרן, האָבן זיך דורכגעשלאָגן בלאַסע פּאַסמעס ליכט און געפֿאַלן אויף לעווים פֿענסטער־גלעזער... אפֿשר איז נאָך נישט אַלץ פֿאַרלוירן? — האָט ער א טראַכט געטאָן און מיט זייער א העלפֿער פֿאַרנייגן זיך צוגעשמייכלט צום שול־אינספּעקטאָר, ווען די בריטשקע האָט שווער א ריר געטאָן זיך אין דער טיפֿער בלאָטע.

פֿון די קלעצער, וואָס זענען געליגן ביי דער שול־וואַנט אַזש ביז די פֿענצטער, האָט זיך געטאָן א גאָס נאָך די רעדער פֿון דער בריטשקע א ווייטיקלעכער דין געוויין. דאָס האָט שימעלע שטשערבאַטע באַוויינט זיין „שקאָצעריי“, וואָס האָט געבראַכט אַזאַן אומגליק אויף דער שול.

ער איז געזעסן אויפֿן שפּיץ פֿונעם קלעצער־באַרג, א צעגויפֿגעקאָרטשעטער און צעטרייסלטער פֿון שלוכצעריי, איינער אַליין. קיינער פֿון זיינע קלאַס־חברים איז צו אים נישט צוגעגאַנגען, אַפֿילו נישט קיינער פֿון די לערער... ער האָט געקוילעט די שול אָן א מעסער!... ווי אַזוי וועט ער עס אויף זיינע שוואַכע פּלייצעלעך איבערטראָגן אַזאַ שווערע שולד?

אין זיין צוועלפֿיאָריקער נאַיוויטעט האָט זיך שימעלע אַפֿילו געשראָקן: „אַטאָמער קומען נאָך „יענע“ צו אים אַהיים מיט פּאָליציי און הייסן אַרעסטירן דעם טאַטן, פֿאַרוואָס ער האָט אַזאַ „טייער זינדל“! ער האָט זיך דערמאָנט, שימעלע, אין יענעם טאָג, ווען דער עקזעקוטאָר האָט געלאָזט אַרויסטראָגן פֿון זייער שטוב די זינגער־מאַשין פֿאַר נישט־באַצאָלטע שטייערן... דער טאַטע איז נאָכגעגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, ווי נאָך א מיתה. און די מאַמע איז געשטאַנען ביים פֿענצטער און זיך געריסן די האָר פֿון קאָפּ: „ווער וועט איצט שפּייזן מיינע קינדער?!...“

אויסגעוויינט מיט שימעלעס האַרציק געוויין, איז איצט די בייזע בשורה, וואָס איז, ווי א שוואַרצע כמאַרע הענגען געבליבן איבער דער שול, זיך צעגאַנגען איבערן שטעטל פֿון הויז צו הויז.

אסתר פריסיק איז געווען צעקלעמט, און איר אַראָפּגעהאָנגענער קאָפּ האָט געריכערט מיט מחשבות, ווי כמארעס. זי האָט געטראַכט נישט בלויז וועגן דעם אומגליק פון דער שול, נאָר דער עיקר וועגן איר געליבטן לערער. שמעון האָט זי ליב, אָבער... אויב די שול זאָל, גאָט באַהיט, געשלאָסן ווערן, וועט דאָך שמעון פונדאַנען אַוועקפאָרן, אַרבעטן ערגעץ אַנדערש אין א שול, און זי וועט דאָ בלייבן אַליין אויפן חורבן פון אַלץ.

א מיידל נישט מער ווי פון א יאָר פופצן, האָט אסתר פריסיק זיך דערפילט ווי א לעבעדיקע אלמנה נאָכן לערער שמעון אדלער.

קאַפּיטל פינף און זיבעציק

אַ געזעגענונג

דעם לערער שמעונס צימער איז פול מיט רייך און רויך פון פּאַפּיראָסן: מע האַלט אין איין רעדן וועגן דעם געשעעניש, און מע הערט זיך פון צייט צו צייט צו צו די רייד, וואָס קומען ארויס פון שמעונס מויל הייס און געדעמפּט. שמעון ליגט אויפן בעט, ווייל ער פילט זיך לעצטנס שוואך נאָך די לעקציעס.

אסתרן קומט היינט אויס זעלטן צו פארבלייבן מיט שמעונען אליין.

די פארוואלטונג פון דער יישאָ האַלט אָפּ אָפּטע זיצונגען. אהרון לעווי, דער פּאָרזיצער, רוט נישט. ער איז שוין געווען אין קאָוולע ביים אינספּעקטאָר.

לעווי פאָרט קיין ראָוונע און דערשלאָגט זיך דאָרט אן אינטערווענץ אין קוראַטאָריום. ערשט דאָ ווייזט זיך ארויס, אז דער היגער „קיעראָווניק" — ימח שמו! — שווייגט טאקע נישט. ס'קומען אויף אפילו קלאַנגען, סע זאָל דערינען שטעקן אויך א יידישע האַנט, אז יידעלעך זאָלן דאָ צולייגן א קנייטל צום פייער... עפּעס זענען ניסל בינהאָרן פון די תרבותניקעס און שלמה דעמב פון די תלמוד־תורהניקעס געוואָרן צו אָפּטע איינגייער צום „קיעראָווניק".

אָן פריער פארענדיקט מען דאָס שול־יאָר. דער לערער ליבפריד באקומט א באפעל פון אינספּעקטאָראַט, ער זאָל זיך מעלדן דאָרט. ער פאָרט אוועק אין איילעניש, זיך נישט געזעגענענדיק מיט קיינעם. (בלויז מיט אסתר פריסיק האָט ער זיך געזעגנט, ווייל ער איז געקומען זיך געזעגנען מיט איר איציקן... אָבער זי האָט וועגן דעם קיינעם נישט דערציילט, אפילו נישט שמעונען...). אויב ער איז דאָ הי נישט געשטאַנען אין א געהיימער פארבינדונג מיט די „רויטע"! מע קריגט אויך נישט קיין ידיעה פון אים. צי האָט מען אים טאקע דאָרט נישט איבערגע־געבן אהין וווּ מע דאַרף? צי וואַלגערט ער זיך שוין נישט ערגעץ אין א תפיסה?

און ס'ציען זיך פארביי. דער שול אומרואיקע מעת־לעתן פון זאָרג און קרענקעניש, ווי ביים בעט פון א שווער־קראַנקן, אין דערוואַרטונג אויפן קריזיס.

און אָט — א נייע צרה! דער לערער שמעון, תמיד א קרענקלעכער, האָט זיך צו די היינטיקע פעריען געלייגט אין בעט אריין, ווייזט אויס, גאָרנישט אויף

קיין שפּאַס. מע פֿאַרזאַמלט זיך שוין נישט מער אין זיין צימער. מע כאַפּט זיך בלויז אײַנצײַקווײַז אַרײַן צו אים אים מבֿקר־חולה זײַן. זײַן טעמפּעראַטור הייבט זיך פֿון טאָג אויף טאָג. ער הוסט און שפּײַט. מע שמועסט אַפֿילו, אַז מיט בלוט. דער דאָקטער איז באַאומרואיקט פֿון זײַן צושטאַנד. ער אַליין, שמעון, ווייסט גאָרנישט אַזויפֿיל. און אפֿשר ווייסט ער יאָ, נאָר ער שווײַגט?

איצט איז שוין אסתּר פֿריסיק מיט שמעונען אָפּט צוזאַמען. אויף וויפֿל די אָנשטענדיקייט דערלויבט און ס'איז מעגלעך אויסצומײַדן אַ פֿרעמד אויג וואָר־טשוועט זי בײַ „איר“ קראַנקנבעט. דער קראַנקער האָט פֿאַרלוירן דעם אַפּע־טיט, זײַן אַלטער באָבעס געקעכצן גייען אים נישט אין האַלדז אַרײַן — קאָכט זי, אסתּר, פֿונזייַנעמוועגן, רעדט אים צו צו עסן, אָבער... ער איז ווײַט פֿון איר. אָפּט גייט אויף אַפֿילו אַ פֿרעמדקייט צווישן זיי, ס'הייסט, זי גייט אויף פֿון אים, און אסתּר איז געקרענקט און באַליידיקט. ער, שמעון, דער קראַנקער, איז איצט, צוליב זײַן קראַנקהייט טאַקע, שטאַרקער פֿון איר: זי קאָן דאָך אים נישט פֿיר־האַלטן, אַרויס מיט טרערן — כּדי אים, חלילה, נישט צו ערגערן.

צווישן אירע חבֿרים און חבֿרטעס איז אסתּר דערמלט געווען אפֿשר די אײנציקע, וואָס דער גורל פֿון דער שול האָט זי נישט שטאַרק באַאומרואיקט. די זאָרג פֿאַר שמעונען האָט זי אינגאַנצן פֿאַרשלונגען. כאָטש ווי שמאָל ס'האַלט מיט אים האָט מען פֿאַר איר אויסבאַהאַלטן: מ'האָט זיך אָנגעשטויסן, וואָס זי איז פֿאַרן לערער שמעון, און וואָס ער איז פֿאַר איר.

און דערווײַל האַלט עס, לויט די לעצטע ידיעות, מיט דער שול נישט פֿריי־לעכער, ווי מיטן לערער שמעון; ווער ווייסט, ווער וועמען ס'וועט איבערלעבן. מע וואָלט דעם לערער דאַרפֿן שיקן אין די בערג. — „די בערג, — גיט דער דאָק־טער האָפֿענונג — זענען אומשטאַנד אים צו ראַטעווען, צוריקשטעלן אים אויף די פֿיס אַזוי, אַז ער זאָל זיך נאָך קאָנען שטעלן צו דער אַרבעט“.

דאַרף מען דאָך דערויף האָבן געלט.

האָט אהרון לעווי די דאָזיקע פֿראַגע געשטעלט אויף אַ זיצונג פֿונעם על־טערן־ראַט, און מ'האָט זיך ווי ס'איז אַן עצה געגעבן. צוועלף אַזייגער בײַנאַכט איז צום לערער שמעונס טיר צוגעפֿאָרן יונה סעוועריוק מיט זײַן קאַרעטע אָפּצו־פֿירן דעם קראַנקן צו דער לעמבעריקער באַן.

— זײַ געזונט, באָבע! — האָט שמעון שטיל אַ שעפּטשע געטאָן, שוואַך איבערשפּאַנענדיק די שוועל פֿון זײַן צימער, וווּ ס'האָט געברענט דער אַרײַנגע־דרייטער נאָפֿטלאָמפּ.

די אַלטע באָבע איז אים נאָכגעגאַנגען, ווי אַ גרויער שאָטן, אַ קוש געטאָן פֿאַר אים די מזוזה און אַרויסגעלאָזן אַ שלוכץ:

— כ'זאָל נאָך דערלעבן דיך צוריק צו זען... אַז קוים וואָס איך שאַרוע נאָך מיט די פֿיס.

ס'איז געווען א גאָר טרויעריק געזעגענען. שמעון, אַן אָפּגעצערטער און פאַרחושטער, האָט אויסגעזען אין דער שיין פון אהרון לעווים עלעקטריש לעמפּל ווי א ברעט, וואָס וויגט זיך מיטן שטראָם פון טייך — וווהין ס'וועט אים פאַרטראָגן, וועט עס אים פאַרטראָגן.

אין דער קאַרעטע האָט זיך לעבן קראַנקן געזעצט דער לערער בערל, וועלכער האָט אים באַדאַרפט אָפּפירן ביז צום אָרט און דאָרט איינאָרדענען. קעגנאיבער זיי — אהרון לעווי און אסתר.

אַלע האָבן געשוויגן. דער לערער בערל און לעווי, וועלכע האָבן געוווסט אין וואָס פאַר א שווערן צושטאַנד דער קראַנקער געפינט זיך, האָבן געטראַכט: קאָן זיין, אַז שמעון זעט שוין צום לעצטן מאָל די נאַכט ארום זייער היימשטעטל; אסתר, וואָס האָט עס אַזוי ווייט נישט חושד געווען, האָט געשוויגן צוליב קרענקונג, וואָס שמעון איז איצט אַזוי גלייכגילטיק צו איר. עפּעס ווי ס'וואָלט אים נישט אָנגעגאַנגען, וואָס זי באַגלייט אים אום האַלבער נאַכט צו דער באַן, כאָטש פון איר זייט איז דאָס אַזא גרויסער קרבן: ווגהן קאָן זיך פאַרגלוסטן דערציילן איר טאַטן וועגן דער דאָזיקער רייזע אירער, און... זי האָט לייכט צוגעדריקט די קניעס צו שמעונס און מיטן דרוק שטום געפרעגט: „האָסט מיך ליב? געדענקסט אין מיר?" זי האָט אָבער קיין ענטפער נישט באַקומען, און אירע קניעס האָבן זיך אוועקגעוויגט ווי שעלעכלעך מיט געוויין. ס'איז איר אויסגעקומען ווי צו אַלעמערשטן האָט שמעון אויסגעקרענקט זיין ליבע צו איר... אָדער — צי האָט ער זי גאָר קיינמאָל נישט ליב געהאַט?! זי איז בלויז א שפּיל געווען פאַר אים?

אויף דער קליינער באַנסטאַציע איז געווען אַזוי טונקל און מרה-שחורהדיק, ווי אויף זייערע געמיטער... פאַרוואָס געדויערט אַזוי לאַנג צום אָנקומען פונעם צוג? באמת איז דער צוג אָנגעקומען צו דער באַשטימטער צייט. ס'איז גלייכצייטיק לייכטער און שווערער געוואָרן אויפן געמיט, און זיי האָבן זיך איילוק געזעגנט. זיי האָבן זיך נישט צעקושט: אהרון לעווי — ס'זאָל נישט הייסן פאַרן קראַנקן, אַז ס'איז אַזאַ וויכטיק געזעגענען... אסתר — ווייל שמעון האָט נישט געמאַכט דעם אָנהייב.

— וועסט... שרייבן... שמעון? — האָט אסתרס שטים שטאַמלענדיק געבעטן.

קיין ענטפער איז נישט געקומען. צי האָט ער איר געבעט-פראַגע נישט דערהערט?

אויף צוריקוועגס זענען געפאָרן נאָך עטלעכע פּאַסאַזשירן, און אסתר און לעווי האָבן צווישן זיך קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט. אַראָפּגעגאַנגען פון דער קאַרעטע, האָט לעווי זי געבומען אונטער דער האַנט אָפּצופירן אַהיים. ער האָט זי צערטלעך צוגעטוליעט צו זיך, זי געטרייסט, אַז שמעון, לאָמיר האָפן, וועט אינגיכן צוריקקומען. זי האָט געשוויגן און געוויינט.

א דריק מוענדיק איר הענטל צום געזעגענען, האָט ער זיך פּלוצעם געגעבן א בייג איין צו איר קאָפּ, און זי האָט דערהפּילט א... סמאָקע אין האַלדז. יאָ, א סמאָקע, ווי א נאַסע פּיאַווקע וואָלט זי א באַג געטאָן.

— זאָרג נישט, אסתר, — האָט זי דערהערט זיין אָנגעגליט קול דורך א הייסן סאָפּען — ער וועט צוריקקומען, אונדזער פריינד שמעון. און ביז דעמאָלט וועסטו אויך נישט זיין אייגזאַם — שטעל אוים אויף מיר.

מיט א געפיל פון עקל און פאַרדרוס איז זי אַנטלאָפן פון אים אויף דער הינטערשטער זייט פון זייער שטוב: „יאָ, שטעל אוים אויף אים, און דערפאַר... לאָז זיך שמעלן פּיאַווקעס אויפן האַלדז א האַלבע שעה סך־הכל נאָכן באַגלייטן דיין... און שמעון איז דאָך זיין נאָענטסטער חבר אויך, זיין לערער אפילו!“

אריבערגעקראָכן אין שטוב אריין דורכן קיך־פענצטער, האָט אסתר אראָפּ־געוואָרפן פון זיך בלויז די שיך, אריין אין בעט און געגומען ווייקן די קישן מיט הייסע טרערן פון א יונג ווייבל, וואָס איר מאַן איז, גראָד נאָך א געקריג צווישן זיי, אוועק דינען אין מיליטער... ווען ער וועט זיך פון דאָרט אומקערן, וועט ער זיך נאָך דערמאָנען?...

...דערווייל — האָט אסתר געטראַכט פאַרן איינשלאָפן — בין איך איינ־זאַם. די, וואָס זענען מיר ביז היינט נאָכגעגאַנגען, געשעפּטשעט מיר אין אויער זייער פאַרליבעניש, אָדער געטשעפּעט זיך צו מיר מיט זייער מאַנצבילשער גראָב־קייט, און איך האָב נישט צופריה־געשטעלט זייערע באַגערן (...ווייל איך בין שמעונס און שמעון איז מיינער) — וועלן איצט האָבן דערלעבט אין מיר א נקמה. וועלן מיך בייסן ביי יעדער געלעגנהייט, ווייל שמעון איז נישטאָ, און סע שיצט מיך נישט דער דרך־ארץ, וואָס זיי האָבן פאַר אים. אָדער ווער פון זיי ס'וועט דרייסטער, חוצפּהדיקער ווערן, און צושפּיין צו מיר מיט זיין „טריי־שאַפט“ און „ליבע“, ווי אהרון לעווי, למשל. די מיידלעך ווידער, די פון עלטערן דור, פון שמעונס, וואָס איך האָב אים ביי זיי „אוועקגערויבט“, וועלן שמועסן מיט מיר מיט פאַרזאָרגטע מינעס, מיטפילן מיך זייער שטאַרק, פון גאַנצן האַרצן, פאַרשטייט זיך... און מיך טרייסטן: „נישקשה. ער וועט זיך אומקערן, אונדזער שמעון, געזונט און אויסגעהיילט פון אלע זיינע קראַנקהייטן, פון אלע...“ (ס'הייסט אויך פון זיין נאַרישער ליבע).

קאַפּיטל זעקס און זיבעציק

אין געווירבל פון געפילן

די ערשטע צוויי וואָכן נאָך שמעון אדלערס אוועקפאָרן האָט דבורהקע פוקס געהאט אין אסתרן א פלייסיקע מיטהעלפערין, און די ביבליאָטעק — די פלייסיקסטע לייענערין. כדי זיך אויסצובאהאלטן פאר דער איינזאמקייט, האָט זי פארגראָבן דעם קאָפ אין ארבעטן און אין ביכער.

נאָר אומגעריכט איז געקומען איר גאָרע טרייסט: זי האָט דערהאלטן דעם ערשטן בריוו פון שמעונען. און נאָכן ערשטן — ווייטערע. שיינע פּאָעטישע בריוו, פולע מיט שטילער, פארקלערטער, הארציקער ליבשאפט. „די בערג דערהייבן דעם מענטשן און מאכן אים יונגער, — האָט שמעון געשריבן — און די ריינע דורכזיכטיקע בארג־לופט היילט דעם גוף און לייטערט די נשמה“.

אסתר האָט זיך שוין מער פאר דער איינזאמקייט נישט געשראָקן, פארקערט, זי געזוכט: איר איינזאמקייט האָט געיובלט. זי האָט געשמייכלט, ארייננגעשמייכלט אין זיך פון דער גאָרער וועלט. ווו זי איז געגאנגען, געשטאנען און געזיצן, בייטאָג און ביינאכט — זענען פאר אירע אויגן געשטאנען די שורהלעך פון איר שמעונס בריוו. „מיין שיר־השירים“ האָט זי זיי אין געדאנק גערופן (זי האָט געקענט שלום־עליכמס „שיר־השירים“ פון שול, און מיט שלמה המלכס האָט איר באקענט שמעון). די ווייט און די הייך פון די בערג האָט זיי נישט צעשיידט, נאָר פארקערט, פאראייניקט מיט טויזנטער פעדעם פון בענקשאפט און ליבע.

„...שמעון, פארוואָס ביסטו אזוי ווייט? אוי, שמעון! ווי דו ביסט מיר נאָענט, ווען איך קוק ארויף צו דיר צו די בערג, וואָס מיינע אויגן האָבן זיי קיינמאָל נישט געזען... שמעון, הארציקער מיינער!“

דער ענין פון דער שול האָט זיך געענדיקט ערשט א וואָך פאר די פעריען מיט... פרייד. אסתר פריסיק האָט זיך דערמאָנט איר מאמעס ווערטל „ווען פרייט זיך אן אָרעמאן? ווען ער פארלירט און געפינט“. אפנים — אפילו, ווען ער געפינט א סך ווייניקער ווי ער האָט פארלוירן. מע שליסט זי נישט, די שול, מע

שניידט ביי איר בלויז אָפּ דעם פינפטן און זעקסטן קלאַס. און נאָך א חסד טוט מען מיט איר: ס'ווערט ביי איר נישט צוגענומען דאָס רעכט אויף ווייטער צו האָבן די העכערע קלאַסן. אין דריי יאָר ארום וועט די שול ווידער האָבן אַן ארויסלאָז!

אין פארשטענדיקונג מיט אהרון לעווי, וועלכער שרייבט אויך צו שמעונען, טיילט אים אסתר מיט בלויז די ערשטע העלפט פון דער בשורה וועגן דער שול: זאָל ער זיך נישט איבערנעמען. ווייל — גוט, גוט, נאָך קראַנק איז ער דערווייל, און דאָס שול=יאָר וועט זיך שוין, ווייזט אויס, אָנהייבן אָן אים.

— און וואָס איז מיט אונדזערע קינדער פון פינפטן און זעקסטן קלאַס?

— זיי ווערן לויטן באפעל פון קוראַטאָריום איבערגעפירט אין דער „פּאָוו=שעכנער“.

— טאַקע איבערגעפירט... — ווילט מען זיך ביטער און מע לאַכט מיט יאַשטשערקעס.

כאַפּט מען זיך ערשט איצט: משמעות, אז נישט שימעלע שטשערבאַטעס אויפפירונג בעת דער וויזיטאַציע איז שולדיק אין דער שולס אומגליק, און אויך אפילו נישט דעם לערער ליבפּרידס קאָמוניסטישע טעטיקייט אין שול. דאָס איז בלויז געווען אַן אויסרייד ארויסצורייסן די עלטערע קלאַסן פאַר דער „פּאָווושעכ=נער“. אין די דערפער פּאָלאָניזירט מען די אוקראַינישע שול=קינדער, אין שטעטל דאַרפן אין זכות פון דער פּאָלאָניזאַציע זיין דאָס כפּרה=הינדל די יידישע.

וואָס=זשע טוט מען? מע וועט איינאָרדענען פאַר זיי אַן אומלעגאַלן קורס פון יידיש, יידישער ליטעראַטור און געשיכטע דאָ אין שול. די בעסערע קינדער וועלן זיך ווייטער באַטייליקן אין דעם קינדער=ראַט, אין דער „וואַנט=צייטונג“ און אזוי ווייטער, ווי ביז היינט. דער לערער בערל שטעלט שוין צוזאַמען דעם שעהען=פּלאַן פון דעם קורס.

נישט געזאָרגט! להכעיס די אייגענע און פרעמדע שונאים פּראַוועט מען ערשט דעם יום=טוב פון דעם היי=יאָריקן אַרויסלאָז.

דער נייער לערער איז שוין דאָ. דאָס לערן=יאָר הייבט זיך אָן מיט מזל מיט די פיר לעבעדיק געבליבענע קלאַסן. די לערער וועלן האָבן ווייניק שעהען? מילא: סיווי דערצאָלט מען זיי נישט יעדעס יאָר, וועלן זיי היי=יאָר האָרעווען ווייניקער א ביסל. און... דערווייל מוז מען דאָך פארטרעטן דעם לערער שמעון.

שמעונס בריוו האָבן זיך אָפּגעשטעלט. ער קומט שוין אהיים. אסתר האָט אים אין א פיבערדיק=געהויבענער שטימונג אָפּגעוואַרט פון טאָג אויף טאָג. און איינמאָל אינדערפרי, גייענדיק צו דער ארבעט ספּעציעל פארביי דער שול, האָט מען איר אָנגעזאָגט די בשורה מיט א פאַרשנדיקן בליק:

— דער לערער שמעון איז ביינאַכט געקומען פון די בערג.

זי האָט זיך באהערשט, נישט איבערצוכאפּן די מאָס פון איר ארויסגעוויזענער פרייד. נאָר, אָפּגייענדיק, דערפילט ווי די פרייד האָט זיך אין איר צעטאנצט משוגענערהייט: שמעון איז שוין דאָ! שמעון איז שוין דאָ! שמעון איז שוין דאָ! זי האָט געציטערט, די פרייד, אין איר הארצן, און שמעונס שיר־השירימדיקע שורות פון זיינע בריוו האָבן קאָליריק געשווינדלט פאר אירע אויגן. זי האָט געדולדיק איבערגעווארט ביי דער ארבעט עטלעכע שעה, ביז די נאָענטסטע חברים און שילער וועלן אים אָפּשטאטן זייערע קבלת־פּנים־וויזיטן. ערשט אין דער צייט פון נאָך דער גרויסער פויזע אין שול איז זי צו אים אוועק.

זיך צוגעהערט ווי ס'גייען די לעקציעס אין די קלאסן, זיכער, אז זי וועט איצט שמעונען טרעפן אליין, האָט זי מיט אויפגעשוימט בלוט און א קלאפּנדיק הארץ אָנגעקלאפּט אין זיין טיר:

„...ער דערקענט דאָך מיין קלאפּ, און ווי נאָר איך טרעט איבער די שוועל כאפּט ער מיך ארום!“.

נאָר שמעון איז גאָר געליגן אָן אָנגעטאָענער אויפן בעט, און זיין אָפּגעברענט פּנים האָט בלויז געשמייכלט צו איר פון דעם קישן.

„...פארוואָס אזא קאלטע באַגעגעניש?“

זי האָט פארלוירן דעם גאנצן קוראזש. איז צוגעגאנגען צו אים נישט ווי קיין געליבטע, נאָר אומדרייסט, ווי א שילערין, און אויסגעשטרעקט דאָס הענטל. זיין האנט האָט זי שוואך א צי געטאָן צו זיך, נאָר גלייך אָפּגעלאָזט.

— זעץ זיך, — און זיינע צעשמייכלטע אויגן האָבן געוויזן אויפן ראנד פון בעט.

זי האָט געפּאָלגט זיין בליק, כאָטש ס'איז אין איר אויפגעגאנגען א מראָניקייט נישט צו טאָן עס: „האָט אזוי באדארפט אויסזען אונדזער איצטיק באַגעגעניש?“

זי הייבט אָן רעדן, כדי צו פאררעדן אין זיך דעם ווייטיקלעכן פארדרוס. זיי שמועסן. אָבער די פראזן בלייבן נישט פארענדיקט, קערן אָפּ פון דעם וועג, אויף וועלכן זיי האָבן זיך ארויסגעלאָזט, רייסן זיך איבער און לאָזן זיי סוף־כל־סוף אין אן אומבאהאָלפן שווייגן.

„...וואָס איז געשען? פארוואָס דערווייטערט אונדז אזוי דווקא די נאָענטקייט? און וואָס פילט ער, שמעון? וואָס איז עס פאר אזא שטימונג ביי אים?“

מא... ס'זענען נישט קיין נייעס פאר איר זיינע אומפארשטענדלעכע שטימונגען און פלוצלינגע ענדערונגען אין זיין באציונג צו איר. נישט מער — גראָד איצט, נאָך די בערג בריוו, נאָך זיין שיר־השירים, האָט זי אזעלכעס צומווייניקסטן געקאָנט דערווארטן.

אסתר האָט געקוקט אויף אירע קניען, וואָס האָבן זיך צואיינאנדער צוגעפרעסט, כדי אויסצובאהאלטן זייער דריבנעם ציטער. אָט באלד וועט זי אויסברעכן מיט א געוויין.

צי האָט שמעון דערפילט איר הארץ? גאָר אומגעריכט האָט ער זיך געטאָן א זעץ אויף, צוגעצויגן זיך צו איר און זי אָנגעהויבן צערטלען אָן ווערטער. זי האָט זיך קיין ריר נישט געטאָן, ווי פארגליווערט, און... אויסגעפלאצט מיט א געוויין. איר קאָפּ איז א פאל געטאָן אויף זיין ברוסט. זי האָט דערפילט ווי אירע האָר, דאָס פנים, די אויגן, דער נאקן און די אָרעמס ווערן באשאָטן מיט קורצע אָפגעהאקטע קושן. און צווישן די קושן דערהערט און דערפילט שמעונס הייס געשעפטש אין אויער:

— אסתריקע... (פויזע) אסתריקע, לאָמיר... לאָמיר גאָר חתונה האָבן... רעד איבער מיט דיין טאטן...

דאָס בלוט איז איר הייס א לויף געטאָן אין קאָפּ אריין. זי האָט געפילט און געזען, ווי איר פנים ווערט רויט פון בושה. זי האָט פארקלאמערט דאָס פנים מיט די הענט און... אָן דעם אייגענעם ווילן אויסגעשאָסן א געלעכטער. די נאָכנישט פארטריקנטע טרערן פון איר פריערדיק געוויין האָבן זיך אויסגעמישט מיט די טרערן פון איר איצטיק לאכן. זי האָט געכאפט א קוק אויף שמעונס פנים דורך די שפארונעס צווישן אירע פינגער. ס'איז געווען צעשמייכלט, און פארשעמט און פארחידושט גלייכצייטיק, ווי ביי א מענטשן, וואָס האָט זיך אויסגעגליטשט אין מיטן גאס. האָט זי זיך בערנייס צעלאכט.

אסתר איז געווען צעקוואָלן דערפון, וואָס שמעון האָט זי אזוי ליב באקומען, אז ער איז אפילו גרייט מיט איר חתונה צו האָבן; ס'האָט זי געקיצלט דער עגאָיסטישער געפיל, אז כאָטש איין מאָל האָט זי געקריגן די אויבערהאנט איבער אים: ער פארלאנגט פון איר עפעס, מיט וועלכן זי וויל אים נישט אנטקעגנקומען... זי וויל נישט? איר איז דאָס קיינמאָל אויפן זינען נישט געקומען. חתונה האָבן מיט שמעונען? זי — א מיידל פון א יאָר זעכצן, זיבעצן, ער — א בחור איבער די דרייסיק! המם...

זי האָט זיך ערשט איצט אויף א רגע דערזען אונטער דער חופה מיט שמעונען. און... ווי האָט זי געקאָנט זיך נישט צעלאכן נאָכאמאָל?

— כא־כא־כא! כא־כא־כא!

זי האָט ענדלעך אראָפגעריסן די הענט פון איר צעלאכטן פנים, א קוק געטאָן אויף שמעונען מיט אָפענע אויגן און — דאָס געלעכטער איז אין איר דערשראָקן שטעקנגעבליבן אין האלדז:

זיין פנים איז געווען פארכמארעט, צעווייטיקט, און ער האָט געשוויגן אזוי, ווי ער וואָלט געהאלטן דעם צונג צווישן די ציין פארביסן.

וואָס האָט זי דאָ אָפּגעטאָן? זי האָט געוואָלט אין פאַרלעגנהייט עפּעס אויסשטאַמלען, נאָר אין קעל האָט איר א קרעל געטאָן, ווי א שניט פון א טרוקענעם שאַרפן גראָז.

אין שול האָט זיך צעקלונגען דאָס גלעקל.

— עמעץ קאַן אַריינקומען, — האָט שמעון דורכגעזייעט צווישן די ציין, און אסתר איז מיט א נישט אַרויסגעבראַכטן „גוטן טאָג" אַרויס פון זיין צימער.

אויפן צווייטן טאָג, נאָך א שלאָפלאָזער נאַכט, איז אסתר אין דער זעלבער צייט ווידער געווען דאָ. זי האָט אים ווידער געטראָפן אין דער זעלבער פּאָזע. וואָס נעכטן, בעת איר אַריינקומען. האָט אים דערלאַנגט די האַנט און אומגעבעטן זיך געזעצט אויפן ראַנד פון זיין בעט.

זיי האָבן געשוויגן. שמעון האָט ווי געוואַרט זי זאָל אָנהייבן... ער וואַרט אויף אַ תשובה?, נאָר וואָס קאָן זי אים זאָגן? זיין פּנים איז געוואָרן ערנסט, אַ זאָרג האָט זיך אים געלייגט אויפן שטערן צוזאַמען מיט אַ דריבנעם שווייס, און מיט א פאַרשעמט שמייכעלע האָט ער א זאָג געטאָן:

— איך מיין, אסתר (...נישט, ווי אין די בריוו — אסתרקע), האָסט נעכטן פאַרשטאַנען, אז איך מאַך בלויז א שפּאַס...?

— וואָס רעדן. פאַרשטייט זיך... — האָט זי געשטאַמלט און געשפּירט סיי א באַדויערן עפּעס, סיי א שווערקייט, וואָס האָט זיך איר אַראָפּגעגליטשט פון האַרצן... האָט ער טאַקע בלויז געמאַכט א שפּאַס?

און שוין. זיי האָבן וועגן דעם מער נישט גערעדט. נישט געוואָלט רעדן, ווי „דאָס" וואָלט גאָר נישט פאָרגעקומען, און שוין אויפן אָרט האָבן זיך צווישן זיי צוריק איינגעשטעלט די באַציונגען ווי פאַר שמעונס קראַנקהייט.

שמעון האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אין שול, און די שול-אַרבעט איז אַוועק מיט איר געוויינטלעכן גאַנג. אין די נאָכמיטאָג-שעהען ביז טיף אין אָוונט אַריינגעגען פאָרגעקומען די אומלעגאַלע לעקציעס פאַר די געוועזענע שילער, וואָס גייען איצט געצוואונגענערהייט אין דער „פּאָווערשכנער" שול, געפירט דורכן לערער שמעון און בעקערמאַן. מ'האָט זיך אויך א נעם געטאָן פאַר צוגרייטן א קינדער-פאָרשטעלונג, רעזשיסירט דורכן לערער בערל, וועלכער האָט גלייכצייטיק געאַרבעט מיטן שול-כאָר.

אויך די צייט איז זיך אַוועק מיט איר סדר. דער דרויסן האָט זיך אויסגעלייטערט, די הימלען זיך אויסגעקלערט און אויפגעהויבן, קליינע, נאָר אָפּטע פרעסטלעך האָבן אויפגעפרעסן די בלאָטעס. דאָס שטעטל האָט זיך אַרויסגעהויבן פון זיין איינגעזומפּנקייט, אויסגעצויגן און אויסגעגלייכט די גלידער, לופטיקער און פרייער געוואָרן. לייכטער איז אויך געוואָרן דער שווערער טראָט און די באַוועגונג פון די איינוווינער. ערשטע שטילע שנייעלעך האָבן העלער און רואיקער געמאַכט די געמיטער. קינדער זענען פרייליכע געגאַנגען אין שול.

קאַפּיטל זיבן און זיבעציק

דאָס עפּעלע פאַלט נישט ווייט פון ביימעלע

...אַ זומער־נאַכט. אסתר גייט אַרויס פון שמעונען. ער באַגלייט זי. סוף־כּל־סוף האָט זי אויסגעפּועלט, ער זאָל זי אָפּפירן אַ שטיקל וועג. אין געסל מאַכט זי זיך האַרץ און זאָגט אים אַז...

— איך בין לעצטנס ווידער אומרואיק, שמעון, וועגן...

ער בלייבט שטיין, ווי איינגעבראָכן. זי פילט ווי סע זידט אויף אין אים צאָרן:

— מ ע ר ק ו ם נ י ש ט צ ו מ י ר, — סקאַנדירט ער די ווערטער מיט געציש.

זי קוקט זיך אַרום אומבאַהאָלפן, נאָר די נאַכט מיט אירע שאָטנס שוויגן אומעטיק. הייבט זי אויף דעם קאָפּ צום הימל און דערשפּירט — די שטערן זענען קיל. איבערן זוויד פונעם בית־מדרש־ברונעם הענגט דאָס קרומע קאַלטע מעסער פון דער לבנה אָנהייב חודש. הייסע טרערן קוועלן אָן אין אירע אויגן, און אַלץ הייבט אָן פאַר איר צו שווינדלען... ווי דורך אַ רעגן דערזעט זי זיך אַליין — אַ קליינע קאַץ מיט אַ פול בייכל לויפט אַרום איבער די ברונעם־טשעמבערעס און טוט דול אַ שפּרונג אַראָפּ אין שוואַרצן תהום פון ברונעם... — זי פּלאַצט אַרויס מיט אַ געכליפּ פון רחמנות אויף זיך אַליין און גייט אָפּ. שמעונס טריט הערן זיך נישט הינטער איר. איז ער שוין צוריק אַריינגעגאַנגען צו זיך?

„...ווען מיין טאַטע וואָלט צוגעזען די דאָזיקע סצענע?... וואָס ער וואָלט מיט אונדז נישט געטאָן, וואָלט ער דאָך געווען געהרגעט!"

אָבער — שמעונען האָט זי פּאַקטיש מוחל געווען אַלץ, דעם טאַטן וואָלט זי גאָרנישט מוחל געווען.

צעווישן איר מיט איר טאַטן איז פאַר יענער צייט פאָרגעקומען אָט וואָס:

דאָס מאָל האָט זי זיך פון איר „ליבע־נאַסידעלע" אומגעקערט דווקא נישט אַזוי שפּעט — זיך צוליב עפּעס צעאַמפּערט מיט שמעונען, ווי ס'פּלעגט זיך אָפּט טרעפן יענע צייטן, און ס'איז אַרויסגעקומען אַ ברוגז ומסתם ביז... מאָרגן. זי האָט דעריבער אָנגעקלאַפּט אין טיר העכער און דרייסטער — ער מעג הערן, דער טאַטע.

ווי איבעראַשט אָבער איז זי געוואָרן, ווען נאָך איידער זי האָט באַוויזן רעכט אַריבערצושפּאַנען די שוועל, האָט איר דעם טאַטנס האַנט אַ פּלעם געטאָן אין באַק, און אַ שפּיץ נאָגל האָט איר אַ בים געטאָן אין דער וויע פונעם לינקן אויג!...

פון ווייטיק האָט זי אַרויסגעלאָזן אַ געשריי, וועלכן זי האָט פאַרפילפאַכט און פאַרטיפערט, מחמת איר רציחהדיקן צאָרן פאַר דער אומפאַרדינטער פיזישער באַליידיקונג און מחמת איר דאָרשט נקמה צו נעמען. זי האָט געגוואַלדעוועט מיט אַ קול פון אַ געקוילעטן און נישט־דערקוילעטן:

— מיין אויג! מיין אויג! געוואַ־אַלד! איך ווער בלינד! כ'ווער בלינד!

בעת מ'האָט זי אַריינגעפירט אין צימער, האָט זי זיך געדרייט און געוואָרפן, געלאָזט זיך אויסטאָן, ווי אליין וואָלט זי עס נישט געקאָנט, און נישט אויפגעהערט צו יאָמערן:

— אוי, דאָס אויג! דאָס אויג!

צופעליק האָט זי געכאַפּט אַ קוק אויפן זייגער — „וואָס איז דאָס?! ער לויפט מיט גאַנצע צוויי שעה! המם... דאָס האָט מיר „דער קרומער" אַזוי צוגעדינט: וויטערגערוקט דעם זייגער, כדי... קומט אויס, אַז דער טאַטע איז גאָרנישט אַזוי־פיל שולדיק. אָבער... וואָס הייסט, ער שלאָגט? אַ קינד בין איך? כ'וועל זיך מיט אים אָפּרעכענען".

ווי נאָר אסתר האָט זיך אינדערפרי אויפגעכאַפּט, איז זי גלייך ווידער אַרויס מיטן יאָמער:

— דאָס אויג! דאָס אויג!

זי האָט געכאַפּט אַ קוק אין שפּיגל און געזען: די וויע איז רויטלעך, אויפגע־שוואָלן, און אונטערן אויג הענגט אַ בלויער „לאַמטערן". אָבער דאָס אויג אַליין איז לויטער, און ס'האָט אַפילו אַ פינקל געטאָן צו איר מיט אַ שמייכעלע.

זי האָט ווייטער געטאָן אירס — געיאָמערט אָן טרערן: קיין טרער האָט זי בשום אופן נישט געקאָנט אַרויסקריגן. ווי נאָר די מאַמע, אָדער זייער שכנה פעסיע חווה, האָט געוואָלט צורירן די פינגער צו איר פּנים, האָט זי כלומרשט אויפגעצי־טערט. ווען מ'האָט אויפגעעפנט די לאָדן, האָט זי גענומען יאָמערן, אַז זי קאָן נישט פאַרטראָגן דאָס טאָג־ליכט. מ'האָט זיי געמוזט צוריק פאַרמאַכן, און די טונקלקייט אין צימער האָט צוגעגעבן איר צושטאַנד אַן ערנסטן אויסזען. זי האָט ווייניק געגעסן און געמאַכט זיך, אַז זי עסט גאָרנישט.

ס'איז אַריבער אַ טאָג, נאָך אויפן צווייטן האָט זי ווידער געפּראַוועט די זעלבע שטיק. האָט קיינעם פון די שטוביקע צו זיך נישט צוגעלאָזן. רואיק גערעדט האָט זי בלויז מיט איר חברטע, שבעלע קאַגאַן, און מיט אהרון לעווי, וואָס שמעון האָט אים געבעטן גיין צו איר געוויר ווערן.

זי האָט באַפוילן צו שמועגען, אַז ער קאָן זיין רואיק — מאָרגן־איבערמאָרגן וועלן זיי זיך זעען. ווי נאָר אָבער יענע זענען אַוועקגעגאַנגען, האָט זי ווידער אָנגעהויבן פון צייט צו צייט צו יאָמערן.

אין שטוב איז אָנגעוואַקסן אומרו: אַן אויג! מיט אַזאַ זאַך טאָר מען זיך נישט שפּילן! אסתר האָט דעם אומרו דערפילט אַפילו אין טאַטנס שטים, און זי האָט זיך „געטישעט". דאַדיע האָט געשיקט נאָכן דאָקטער. ער האָט איר געמאָסטן די טעמפּעראַטור — ניין, נישטאָ קיין היעכערונג. ווען ער האָט אָבער געפּרווט באַטראַכטן דאָס אויג, האָט זי געהאַלטן די ווייע צוגעשלאָסן — זי קאָן זי בשום־אופן נישט עפענען. און אַז ער האָט געפּרווט זיך צורירן מיט אַ שפּיץ פינגער, האָט זי אַזוי האַרצרייסנדיק אַ געשריי געטאָן, אַז ער האָט אומבאַהאָלפן אַראָפּגעלאָזט די הענט:

— אַז כ׳זע נישט דאָס אויג, קאָן איך גאָרנישט זאָגן. לוזט זי שרייט... המם. קוים וועט זיך הייבן די טעמפּעראַטור, דאַרף מען גלייך פאָרן מיט איר קיין לוואָוו צו אַ ספּעציאַליסט. דערווייל זאָל זי פּרווון מיט דער אייגענער האַנט צולייגן אַ קאָמפּרעסל...

מינציע האָט פאַרבראָכן די הענט. די „בנים" האָבן אָנגעהויבן בורטשען קעגן טאַטן:

— ס׳אי׳דאָס עפּעס פאַר אַזאַ מין שלאָגן!...

— ׳עט אסתרן אויסרינען אַן אויג, — האָט געסטראַשעט דער „בומאַזיע" — ׳עט זיך טאָן חושך אין שטוב.

דאָס אַלץ האָט געווירקט אויף ראַדיען, ער זאָל זיך איינבילדן, אַז מיט אסתרן איז אפשר באמת אַ גרוים אומגליק געשען. איר אויג איז אין סכנה, אויב נישט נאָך ערגער. און ער איז דאָך דער חייב! דאָס געוויסן האָט אים געגריזשעט. בעת די „בנים" האָבן צו אים געבורטשעט, איז ער שטום, פאַרביסן געגאַנגען פון איין צימער צום צווייטן. צום סוף האָט ער אַריינגעשלייכט צו אסתרן אין צימער און גענומען צוגיין צו איר. נאָר ס׳האָט אים אָפּגעגאָסן, ווי מיט אָקרעפּ, איר יאָמער:

— אוי, דאָס אויג! דאָס אויג! איך ווער בלינד!

דאָ האָט ראַדיע אַ געשריי געטאָן פאַרשטיקט און ווילד:

— גיי איך זיך הענגען!

און ער איז אַרויסגעלאָפן דורך דער הינטערשטער טיר. אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז ער לויפט אין קוזניע אַריין.

— לויפט אים נאָך! לויפט אים נאָך, קינדער! — האָט זיך מינציע געכאַפּט פאַרן קאָפּ.

— פאַרהאַלטס אים! פאַרהאַלטס אים! — איז זי פאַרקראָכן מיט די פינגער הינטער איר טיכל און גענומען זיך רייסן די האָר — דער גזלן וועט זיך,

גאַט באַהיט, א מעשה אַנטאַן! — און זי האָט זיך געטאָן א זעץ אַנידער, ווי אין חלשות.

דער ערשטער האָט „דער קרומער" געטאָן אַ צעשפרייט די פיס און אַ לאָז זיך געבן טאַטן. דערנאָך זענען ארוים בוניע און די דינסט.

צו אסתרן אין צימער איז דעמלט אַריינגעקומען איציק און באַהערשט און פעסט, נאָר מיט פאַרדרוס אַ זאָג געטאָן:

— שעם זיך, אסתר!... אזוי צו פייניקן דעם טאַטן איז... איז... פע! כ'האָב געמיינט — פון דיר וועט עפּעס לייטישערס אַרויסקומען...

אסתר האָט אים אָנגעקוקט מיט צעעפנטע אויגן, איר פנים — ווייס ווי קרייד מחמת שרעק צוליבן טאַטן, און אנגסטן זענען איר ארוים אויפן שטערן.

איציק האָט זיך צוריקגעלאָזט, נאָר פון דער שוועל אויסגעדרייט צו איר דעם קאָפּ:

— און דו שרעק זיך נישט... ער וועט זיך אַזוי הענגען, ווי דו ביסט בלינד... בלינד איז נאָר דיין שכל... — און זיין פנים איז צוזאַמען מיט אַ לייכטן שמייכל פאַרשווונדן פון יענער זייט טיר.

אין א פּוּפצן מינוט ארום האָבן נפתלציע און די דינסט צוריק אריינגעפירט דאַדיען אין שטוב. אסתר האָט זיך צוגעהערט מיט אַ געמישט געפיל: פון פאַר־לייכטערונג, וואָס מיטן טאַטן איז קיין אומגליק נישט געשען, און געשטילטער נקמה אין אים — ווי מע פירט אים אַריין אין זיין צימער, און ער געמט זיך אויס־טאָן צו לייגן זיך אין בעט אַריין: „כ'האָב אים גוט אָנגעלערנט! ער וועט שוין פאַרגעדענקען אויף לאַנג צו... האַלטן די הענט ביי זיך. און... ווען ער וואָלט זיך, חלילה, געהאָנגען?"

ווי כיטרע אסתר איז נישט געווען, האָט איר דער טאַטע איבערגעכיטרע־וועט — אויף איר אָנשטעל האָט ער געענטפערט מיט אַ צווייטן... ווי מינציע פלעגט זאָגן: „דאָס עפּעלע פאַלט נישט ווייט פון דעם ביימעלע, און דאָס ביימעלע שטייט נישט ווייט פון דעם געפאַלענעם עפּעלע".

אויף מאָרגן איז אסתר אויפגעשטאַנען פון בעט. דאָס געשווילעכץ איז געווען אינגאַנצן אָפּגעגאַנגען. זי האָט זיך אַרומגעבונדן דאָס אויג צו פאַרשטעלן דעם „לאַמטערן", און איז אַוועקגעגאַנגען צו דער ארבעט, כדי צו גיין ביינאַכט צו שמועגען: שוין צוויי מעת־לעת האָבן זיי זיך נישט געזען! און אַלץ איז אַוועק ווי פריער, נאָך בעסער — דער טאַטע האָט אינגאנצן אויפגעהערט צו קאָנטראָלירן זי אין די נעכט.

קאַפּיטל אַכט און זיבעציק

צווישן דעם געליבטן און געליבטן ברודער

דער נאַכטיקער דרויסן איז געווען אַן אַנלבנהדיקער, בלויז זייער שאַרפע שטערן האָבן דורכגעשטאָכן דעם טונקעלן הימל. די לופט — פראָסט, וואָס שרפּעט און פאַרכאַפּט דעם אָטעם. דער שניי האָט געסקריפּעט אונטער די טריט בייז און שניידנדיק, ווי ער וואָלט שטראָפן אסתרן פאר די שעהען ,וואָס זי האָט פארבראכט ביי שמעונען און פאר איר שפּעטן אהיימגיין.

ס'האָט איר געשראָקן דאָס סקריפּען פון אירע טריט, טאָמער ציט עס צו דאָס אויג פון אַ צופעליק פאַרשפּעטיקטן פאַרבייגייער: פונוואַנען גייט עס אַ מיידל איינע אַליין אין אַזאַ שפּעטער צייט אין אַזאַ פראָסט?!.... אירע זינדיקע טריט (אַזוי האָט זי עס געפילט) האָבן זיך באַמיט אי צו גיין גיך, כדי וואָס שנעלער פּטור ווערן דעם וועג, אי צו פאַרלירן אין דער וואָגיקייט, נישט צו געבן קיין אָפּקלאַנג אין דער איינגעפרוירענער שטילקייט. אין איר קאָפּ האָט געשווינדלט אַ צעטומלעניש, און איר באַוווסטזיין איז געווען ווי פארנעפּלט. א רגע האָט פאר איר אַ שוועב געטאָן דאָס געשטאַלט פון פּרצעס „שרה בת טובים“ איבערן שניי אין איר הייליקער שליחות. אין איר צעוויטיקט האַרץ האָט זי מקנא געווען שרה בת טובים סיי אויף דער לייכטקייט פון איר גאַנג, סיי אויף זיין הייליקייט. מקנא געווען דאָס כלה-מיידל, וואָס שרה בת טובים האָט געטראָגן פאַר איר די גאָלדענע פאַנטעפעלעך — סיי פאַר די פאַנטעפעלעך, סיי פאַר איר כלהשער צניעות...

ביי זייער הינטערשטער טיר האָט זי דערהערט טריט הינטער זיך, ווי עמעץ וואָלט זיך אונטערגעגנבעט. דאָס האַרץ האָט אין איר אַ שפּרונג געטאָן. נאָר באַלד האָט זי דערזען לעבן זיך איר איציקן. אויך ער האָט זיך ערשט אומגעקערט פון ערגעץ: אפשר פון פעלצן, וו ס'טרעפן זיך צוזאַמען די יידישע חברים, ווען ס'קומט צו זיי עמעץ פון קאָוולע, און אפשר פון דער פערשטאָט, וו ס'טרעפן זיך צוזאַמען די יידישע חברים מיט די אוקראַינישע... האָט ער אויך אויף וואָס מקנא צו זיין שרה בת טובים?...

זיי האָבן צווישן זיך קיין וואָרט נישט פאַרביטן. ער — מחמת תרעומות אויף איר, זי — מחמת אַ געפיל פון שולדיקייט. יעדער האָט זיך געהאַט זיין סוד, וואָס איז צווישן זיי קעגנזייטיק קיין סוד נישט געווען. איציק האָט זיך אַראָפּגעבויגן און אויפגעמאַכט דעם געהיימען קייטל פון דער דרויסנדיקער זייט, וועגן וועלכן ס'האָבן געוווסט בלויז זיי ביידע און דאָס דינסטמיידל, וועלכע פלעגט אָפּן לאָזן די טיר פון אינעווייניק, ווען זיי זענען אין דער היים נישט געווען. זיי זענען אויף די שפּיץ פינגער אריין אין שטוב און — גלייך אין די בעטן.

אסתר האָט אין איר צערודערטקייט נישט געקאָנט איינשלאָפן. האָט אַרויסגעדרייט אַ ביסל דעם לאָמפּ אויף איר טישל ביים בעט, אַפּערגענומען פון אונטערן צוקאָפּנס איר שמעונס בריוו און אָנגעהויבן זיי לייענען שוין צום צוועלפטן מאָל. און ווי אַלעמאָל האָבן איר די שיינע צאַרטע שורות באַרואיקט און איינגעשלעפערט. זי איז טאַקע אַזוי ביי דער שיין פון לאָמפּ איינגעשלאָפן, וואָס ס'טרעפט מיט איר אָפט...

— — — זי אַרבעט ביי דער שניידער־מאַשין. גאָר מאָדנע — ס'איז נישט ביי דבורהקע פוקס אין שטוב! ס'איז אינעם קלאַס־צימער, וווּ זיי האָבן געלערנט מיט שמעונען „שרה בת טובים"!... אָט שטייט דאָך נאָך די הויכע, ברייטע שאַפע מיט די גלעזערנע טירלעך — „דער פיזיקאַלישער קאַבינעט", וואָס געפינט זיך אונטער דער השגחה פונעם לערער בערל. דורך די שויבן קוקן אַרויס די סלויעס מיט זשאַבעס, יאַשטשערקעס און שלענג, איינגעבאַלזאַמירטע אין פאָרמאַלין... אַ?! ווער באַהאַלט זיך עס אויס דאָרט הינטערן איינפיסלדיקן גלאָבוס? צוויי איינגעשרומפּענע מענטשעלעך, שרעטעלעך. זי דערקענט זיי! דער לערער ליבפריד פון וואַרשע מיט איר איציקן. ליבפריד לערנט איציקן אין אַ בוך... דער לערער ליבפריד קוועטשט כסדר די פענסנע אויף דער נאָז, קנייטשט דעם פאַרשוויצטן שטערן, די וויע פון זיין לינקן אויג צוקט, בעת ער לייענט און פאַרטייטשט איציקן. איציק קוקט אויף דער רויטער לבנה דורכן לערער בערלס מיקראָסקאָפּ. זיין פּנים איז באַשיינט, ווי פון אַ שׂרפה — ער זאָל זיך נאָר נישט אָנצינדן, חלילה! און וואָס זיצט זי דאָ אין שול אין אַזאַ געפּאַר? זי נייט... און זי פאַרסטריגעוועט דערווייל איר אייגן חופּה־קלייד, אַ ווייס זיידנס, אַ לאַנגס ביז די שפּיצן פון די גאָלדענע פּאַנטאָפעלעך, וואָס שרה בת טובים האָט איר געבראַכט אַ מתנה פון שמעונען. ווי וועט זי אויסזען אין דעם קלייד? די נעזלעך פון די פּאַנטאָפעלעך טוען זיך אַלעמאָל אַ שטעק אַרויס פון אונטערן זוים פונעם קלייד — ווייַ צו איר! — ...ניין, ס'איז נאָך דערווייל קיין קלייד נישט. דער ווייכער זיידענער שטאָף פּאַלדעמעט זיך אויף איר שוים און כוואַליעט זיך, ווי שניי. ס'ווייעט פון אים אַזאַ קעלט אין שוים אריין. ער כוואַליעט זיך אראָפּ פון אירע קניעס אויף דער פּאָדלאָגע. אוי! ער זאָל זיך כאָטש נישט איינפלעקן — די שול־פּאָדלאָגע איז דאָך געשמירט מיט נאַפטאָלי... אַזאַ צרה! — דער פּאַסטריגע־פאָדעם איז אויסגעגאַנגען. זי

נעמט אַריינציען אַ צווייטן אין נאָדל־אויערל, נאָר דאָס אויערל דרייט זיך אַוועק — ס'וויל פון דעם פאָדעם גאָרנישט הערן. — „פאַרוואָס? פאַרוואָס? דערקלער עס מיר, שמעון“, — ווענדט זי זיך צו אים, דערזעענדיק דורך דער וואַנט, ווי זי וואָלט זיין פון גלאָז, ווי ער דרייט זיך אַרום איבער זיין צימער עפּעס זייער נישט צופרידן. ער קוקט אויף איר פון הינטערן פאַרשוויצטן, פינצטערן שטערן און ברומט: — „ווער סטריגעוועט עס וויים זייד מיט רויטן פאָדעם?... קכאַ, קכאַ, קכאַ!...“ — און ער פאַרקייכט זיך מיט אַ הייזעריקן, בייזן הוסט, און כראַקעט אויס אַ שטיק לייבעץ מיט רויטע בלוט־פעדעמלעך. זיי פאַרשטענדיקן זיך מיט טרויעריקע בליקן און פאַרשפּייען זיך: דער רויטער פאָדעם צו איר חופּה־קלייד איז פון דעם בלוט פון זיין האַרצן — וויל דערפאַר די נאָדל פון אים נישט הערן און געדענקען... די נאָדל איז זילבערדיק־מאַטעווע און מרה־שחורהדיק, ווי שמעונס בליק. זי איז טאַקע שמעונס בליק אַליין, די נאָדל! און ווען זי פּרוווט זיך אַ צווייט מאָל דורכציען דורך איר אויערל דעם פאָדעם, טוט זי א בייג אראָפּ דאָס קעפּל, קיילעכיקט אויס דאָס רוקנדל, און טוט איר אַ שטעך אריין איר גיפּטל אין מינדסטן פינגערל אריין. אין פינגערל ווערט היים־היים, און ס'גייט אַרויס אויף דעם אַ רויט אַגעסט־שוויי־סעלע. — „אוי!“ — טוט זי א קרעכץ פון ווייטיק און שרעק. א כאַפּ דאָס פינגערל אין מויל אריין. סמאָקעט אויס דערפון דאָס בלוט. אַ דין־דינטשיק וואַרעם בלוט־שנירעלע רינט אַריין אין איר צונג־שיסעלע. רינט רינט און ווערט אַלץ דיקער און דיקער. אַ גאַנצער שטראָם פליסט שוין אונטער איר שאַרבן און רוישט, רוישט אין די אויערן. זי פאַרכלינעט זיך דערשטיקט צו ווערן און רייסט אויף די אויגן — — —

קאַפּיטל נײַן און זיבעציק

אַ רעוויזיע בײַ דאָדיע קאָוואַל

דער זייגער שלאָגט פיר. דוכט זיך, אַז סקריפּענדיקע טריט גייען פאַרבײַ איר פענצטער. דוכט זיך, אַז זיי זענען פאַרגאַנגען צו דער הינטערשטער טיר. אסתר הייבט זיך אויף פון געלעגער, כאַפּט אַרויף דעם בייגעם כאַלאַט און שלײַכט אַרײַן, טאַפּנדיק אין דער פינצטער, אין קיך אַרײַן. אין שטאַל רייסט זיך דער הונט מיט אַ רציחהדיק בילערײַ. נאָר קיינעם אין שטוב וועקט עס נישט פון שלאָף־זינקעניש. אויך דאָס דינסט־מיידל, לויט איר אָטעמען, שלאָפט געשמאַק. דער הונט לאָזט אַרויס אַ וויינענדיק קוויטשעלע, און מער הערט מען אים נישט. דוכט זיך, אַז מע שפּאַרט זיך אין דער טיר אַרײַן. „גנבים, אָדער גזלנים!?" — טוט איר אַ זעץ אין הארצן. זי וויל אַ געשריי טאָן, נאָר די שרעק האָט איר פאַרשפּאַרט די קעל. דערווײַל דערהערט זי מיט פאַרלייכטערונג, אַז אין שטוב גייט שוין אום פון צימער צו צימער אַ דערשטיקט געדודער.

— קטאָ טאַם?* — פרעגט דער טאַטע, גיכער בייז ווי דערשראָקן. — חברה „בנים"!

זי לויפט צוריק. אין דעם מאָמענט טוט אַ יאָג פון קיך מיט פראָסט, ווי מע וואָלט געשפּרייט אַ טעפּיך פון געפרוירענעם ווינט אונטער אירע באָרוועסע פיס.

ס'איז אַרײַן אַ גרופּע פּראָסטיקע, זיך זידלענדיקע לײַט. ס'בליצן אויף שטראַלנדיקע שטעכנדיקע פינגער פון עלעקטרישע לעמפּלעך, וואָס טאַפּן אַרום די פינצטערניש. צווישן ליכט און שטאַרק־פינצטערניש בלענדן אויף די ווײַסע שאָטנס פון די שטוביקע אינעם אונטערוועש, און סע באַוועגן זיך דאָ און דאָרט, ווי געשפּענסטער, די פיגורן פון די נאַכט־געסט מיט רעוואָלווערן אין די הענט. אסתר שאַרט זיך אַרײַן צו זיך אין צימער, קלײַבט איילִיק צוזאַמען שמעונס בריוו, וואָס ליגן צעוואַלגערטע אויף איר געלעגער, און פאַרשטעקט זיי אונטער דער קישן, ווי אַן אוצר. זי וויל זיך לייגן צוריק אין בעט אַרײַן.

---

* ווער איז דאָרט?

— אַרויס פון די געלעגערס! — פּאַלט אַ שטרענגער באַפעל -- אַנטאָן זיך און זיצן בלייבן אויף די ערטער.

— נישט שמועסן צווישן זיך! קיין פּאַרע פון מויל נישט לאָזן!

— פרויען! צינדט אָן לאָמפּן אין אַלע צימערן...

אסתר מיט דעם דינסט־מיידל טוען עס. ביי אַלע שטוביקע זענען איבער־געשראָקן־בלאַס די פּנימער און בלאַנדזשענדיק די אויגן; מינציעס — פּינטלען, ווי זי וואָלט וויינען מיט אומגעזעענע טרערן. די פּנימער פון די באַוואָפנטע געסט זענען רויט פון פראָסט און טרייף בלוט. אויך זייערע אויגן בלאָנדזשען, נאָר זוכנ־דיק און בייז פאָרשנדיק. זיי זענען צוויי פארשוינען אין ציווילער קליידונג (געהיימ־אַגענטן, הייסט עס) און צוויי אין פּאָליציייאישער אוניפאָרם. איינער פון זיי איז דאָך זייערער אַן אַלטער באַקאַנטער — ריזשיק.

איינער פון די ציווילע לייגט אַנידער אויפן טיש אַ דיקע לעדערנע טעקע, דאָס היטל און אַ ברויניגג. אַ בלאָנדער, צעקאָשמעטער קאָפּ האָר, האַרטע האָר פון אַ יעזש, אַן אַרויסגעשטאַרצטער שטערן, פון אונטער וועלכן ס׳קוקן אַפּער קליינע חזירישע אויגן אָן וויעס, נאָר מיט בייזע פינקעלעך פון דער טיף אַרויס, און באקן פולע און הארטע, ווי פעסט געשטאָפּטער קעלבאַס, — דער איז אוודאי דער נאַטשעלניק.

— פשאַקרעוו! — קאַכט עס אין אים אויף פון דער הוילער הויט, און זיין פּאררימענע נאָז מיט די גרויסע נאָז־לעכער ווערט נאָך פּאררימענער. — פאַרוואָס האָט מען נישט גלייך די טיר געעפנט?

— אַז מ׳האָט נישט געהערט נאָר אָנקלאַפּן, וויעלמאָזשני פּאַן, — זאָגט ראָדיע, וועלכער זעט איצט אויס אינגאַנצן אַנדערש, ווי שטענדיק, נישט ווייל ער איז אַזוי דערשראָקן, נאָר — אָן דעם היטל, די אויגן נישט אין שאָטן פונעם דאַ־שעק, איז זיין בליק אַן אָפענער און ערלעכער — כ׳האָב געמיינט... גנבים...

— שווייגן, פשאַקרעוו! דאָ אין שטוב האָט מען נישט קיין רעספּעקט פּאַר דער מאַכט... המם. פאַרוואָס האָט דאָ, צו אַלדי כאָליערעס, געברענט אַ לאָמפּ ביז פיר אַזייגער פּאַרטאָג? אַ זיצונג פון אַ קעמערל, אַ? ווו זענען זיי געלם געוואָרן, די לייט? האַ?

און ער קוקט זיך ארום, דער געשטאָפּטער קעלבאַס, ווי ער וואָלט זוכן געהיי־מע טירן אין די ווענט. ווי דאָ בלייבט זיין פּרצוף שטיין אויף אסתרס ברוסט. באלד וועט ער נעמען גראָבן מיט זיין שנויץ אין די פאַלדן פון איר כאַלאַט. ס׳ווערט איר איבלדיק, און זי בייגט זיך אויף צוריק.

— דער לאָמפּ, — שטאַמלט זי — האָט געברענט ביי מיין בעט... כ׳האָב געלייענט אַ ... בוך, און אַזוי בין איך איינגעשלאָפן.

— אַ בוך!... — האָט ער איבערגעשפּעט — מיר וועלן באַלד זען, וואָס פאַר אַ בוך דאָס איז.

— רעווידירן! — און די רעוויזיע האָט זיך אָנגעהויבן.
— ווער איז דאָ דער געזעל דאַנילאָ סאָיקאָ? זאָל ער צוגיין.

דאַנילע איז צוגעגאַנגען פויל, מיט א פארשלאָפן־אומצופרידן פּנים, קראַצנ־דיק זיך תמעוואַטע אונטערן העמד אין פּאַזוכע. דאָס האָט באַדאַרפט הייסן אַזוי פיל ווי: צו וואָס האָט מען אַרויסגעריסן אַ פאַרהאָרעוועטן אָרנטלעכן פויערגייונג פון סאַמע מיטן זיסן שלאָף אַרויס?

דער געשטאָפּטער קעלבאַס האָט אים מיטן בליק געבערעגט די העלע ברעמען און אַ פרעג געטאָן כמעט ווייך:

— איז וואָס וועסטו מיר זאָגן, ליבענקער, מיט גוטן וועגן דער אַנטי־מלוכה־שער ארבעט פון דיין באַלעבאָס זינדל, איציק פּריסיק?

דאַנילע האָט אויפגעהערט זיך צו קראַצן, פאַרוואונדערט אַ קוק געטאָן אויפן פרעגער, אַ הייב געטאָן די ברייטע אַקסל און געענטפערט גלייכגילטיק:

— יאַ ניטשאָהאָ נע זנאַיו* .

— ווייסט פון גאָרנישט?! — האָט דער געשטאָפּטער קעלבאַס מיטאַמאָל א ריטשע געטאָן. — ביסט קיינמאָל נישט געווען מיט אים אויף א מאַסוווקע אין וועלדל?... גיין?... אויף טרוקן צי אויף נאַס... וועסטו שוין ביי מיר וויסן!

איציקן איז ווי א קיל ווינטעלע דורכגעלאָפן דורך די ביינער. איבער זיין פּנים איז אַריבער אַ שאָטן פון בלאַסקייט: דער אויסטערלישער אויסדרוק „אויף טרוקן צי אויף נאַס“ האָט אים אויסגעזאָגט, ווער עס „קיניגט“ דאָ פאַר זיי — נישט קיין אַנדערער ווי זאַרעמבאַ, „דער קאַט פון וואָלין“, וועלכער האָט אין לויצק, אין 24־טן יאָר, געקאַטעוועט יונגעלעכע ייִנגלעך און מיידלעך, קינדער נאָך כמעט, וואָס נישט איינער פון זיי איז פאַרבליבן אַ קאַליעקע אויפן גאַנצן לעבן, און אייניקע אַן אוקראַי־נישע לערערין דערקאַטעוועט צום טויט...

— און ביי דיר, מייסטער, האָט ער נישט געשטרייקט סאָיקאָ, אָט דאָס אומ־שולדיקע לעמעלע? — האָט דער געשטאָפּטער קעלבאַס אריינגעשאָסן א שאַרפן בליק דאַניען אין די אויגן אריין.

דאַניעס אויגן האָבן אים אַנטקעגנגעזשאַריעט, ער האָט קיין איין מאָל נישט קיין פינטל געטאָן איבער זיי מיט די וויעס:

— ביי מיר שטרייקן?... וואָס זשע ער האָט קיין צייַן נישט?... און איך האָב נישט קיין הענט?...

די ווערטער און דער טאָן זענען געווען איבערצייגנדיק. דער „קאַט“ האָט א שמייכל געטאָן.

---

* כ'ווייס גאָרנישט

— און ווער איז איציק פּריסיק? — האָט ער ווידער א פרעג געטאָן, אראָפּ־געלאָזט דעם חזיר־פּרצוף צו די פּאַפּירן פאר זיך און געגומען גראָבן אין זיי מיט די אויגן.

כאָטש בלאַסלעך אויפן פּנים און מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן, ווי פאַרגליווערטן בליק, שטייט איציק פאר דעם געשטאָפּטן קעלבאַס א באַהערשטער, ווי א מענטש, וואָס האָט זיך צוגעגרייט צו יעדן פאַל. ער ענטפערט אויף די פראַגן נישט תיכּף ווי זיי ווערן געשטעלט. צעקייעט זיי פריער ביי זיך אין די געהירן, און דערנאָך ערשט קומט די תשובה. ס'איז קענטיק, אַז דאָס רעגט שטאַרק אויף דעם געשטאָפּטן קעלבאַס, וועלכער לאָזט קיין בליק נישט אראָפּ פון זיינע טרוקענע ליפּן און וואַרט אָפּ דעם ענטפער מיט אַן אויפגערעגט פּויקן מיט די פינגער אויפן פּאַפּיר.

אסתּר הערט די פראַגן און ענטפערס, אָבער אין צעטומלעניש באַנעמט זי זיי נישט. עטלעכע מאָל ווערט דערמאָנט דער נאָמען פון לערער טאַראַס טאַראַשקיעוויטש, דער וואַרשעווער לערער ליבפריד, און זי דערמאָנט זיך אין איר חלום, מיט א וואָך צוריק.

די רעוויזיע איז אין פולן ברען. ס'ווערט איבערגעוואָלגערט דאָס בעטגעוואַנט פון אַלע בעטן. אַלץ ווערט אַרויסגעשליידערט פון קאָמאָד, פון קופערט, פון די שאַפעס. אַלע קעשענעס פון מלבושים ווערן איבערגעקערט. אַלץ ווערט איבער־געטאַפּט, אַפילו דאָס קויטיקע וועש, וואָס ליגט אין קיך אין א פאַס. ס'ווערט דורכגענישטערט ווו א ווינקעלע און ווו א שפּאַרונע.

אָבער דאָס, וואָס זיי זוכן, איז דערוויייל נישט געפונען געוואָרן. וואָס וויטער האָבן די רעווידירער אַלץ מער געוואָרטשעט און זיך געזידלט. קיין איין זאַך איז נישט צוגעטראָגן געוואָרן צום טיש פון „דעם תלין פון וואָלין". זיינע אויגן האָבן געגלייט, דאָס פּנים און דער האַלדז־און־אַקן געזאָטן, און די דיקע ליפּן געשוימט, בעת זיין ווייטערן פאַרשן איציקן.

מיטאַמאָל האָבן זיך די הינער אין פאָדערהייזל צעשריגן מיט באַנומענע הייזעריקע קולות, ווי מע וואָלט זיי געשלעפּט פון די נאַסידעלעס צום שוחט. איין פאַרשוין האָט אַן עפּן געטאָן דעם קאַטוך און אים פאַרפלייצט מיט ליכט פון זיין עלעקטרישן לעמפּל. האָבן זיך פון דאָרט געטאָן א שיט אַרוים בוניעס טויבן מיט צעפּאָכעטע איבערגעשראָקענע פליגל, זיך א הייב געטאָן צו דער סטעליע און צעפלויגן דורך די אָפענע טירן איבער אַלע צימערן. פונעם ווינט פון זייערע פליגל האָבן זיך געטוקט די פייער־צינגלעך אין די לאָמפּן, און ס'זענען זיך צעפלויגן די פּאַפּירן פונעם טיש ביים באַמשעלניק. ער איז אין זיין אויפגעקאָכטקייט אויפגע־שפּרונגען, א כאַפּ געטאָן דעם ברויניגנג פון טיש און פלינק, מיט ראָזמאַד, א זעץ געטאָן מיט אים אין דער הייך. א פליענדיקע טויב האָט א צאַפּל געטאָן מיט די פליגל און געפאַלן אויף דער פאָדלאָגע. זי האָט איין מאָל, צוויי מאָל שלאָבעריק

אַ פּאַטש געטאָן מיט זיי, אויסגעצויגן זיי, ווי עפּעס אוועקשאַרנדיק, אַ דריי געטאָן זיך אויף זיי אַ האַלבן קרייז, אַ צוק געטאָן און געבליבן ליגן פאַרשטאַרט. אינגאַנצן אַ ווייסע, איז איר קעפּל שוואַרץ געוואָרן פון בלוט.

— בעסטיאַ! — האָט זיך „דער תלין פון וואָלין“ מיט אַ שמייכל צוריקגעזעצט אויפן אָרט און גענומען צוזאַמענלייגן די צעפלויגענע פּאַפּירן, וואָס ריזשיק האָט אויפגעהויבן פון דער פּאָדלאָגע.

— מיין שענסטע, בעסטע טויב! — האָט פון ערגעץ איינגעהאַלטן אַ זיפץ געטאָן בוניע. קיינער האָט אַוודאי נישט געהאַט אַזויפיל צער פאַרן דאָזיקן קרבן, ווי ער.

— איינער פון אייך און דו, ריזשיק, גייען רעווידירן די קוזניע, — איז געקומען אַ ווייטערער באַפעל. — די שליסל!

— אוי! — האָט מינציע אָפּגעקרעכצט, בעת דאָדיע האָט אַרויסגעטראָגן די שליסל פון זייער צימער.

אסתר האָט פאַרשטאַנען דער מאַמעס געמיט: אין דער „סטעלמאַשניע“ דאָרט וועלן זיי שוין אַוודאי מאַכן אַ בראָך צו דער גאַנצער „פּאָסעסיע“... אין דער מאַמעס אויערן שטייט שוין באַצייטנס דער בהלהדיקער גערודער פון די עופות: דאָס גאָגערן פון די גענדז, דער קוואַ־קוואַ פון די קאַטשקעס און דער האָלדער־האָלדער פון די איידעלע אינדיקעס.

דערווייל איז פון דרויסן געקומען אַ נייער פאַרשוין און האָט ראַפּאָרטירט דעם נאַטשעלניק. פון זיינע רייד איז קלאָר געוואָרן, אַז גלייכצייטיק קומען פאָר רעוויזיעס אין שטעטל אין נאָך הייזער. און ס'ווערט דערפון אי שווערער, אי לייכטער אויפן געמיט.

ענדלעך טראָגט איינער פון די לייט אַריין פון אסתרס צימער אַ ביכל און לייגט עס פאַרן נאַטשעלניק. זי דערקענט עס: בערס „געשיכטע פון סאָציאַליזם“, וואָס זיי האָבן געלערנט ביים לערער שמעון אויפן קורס.

— וועמען געהער דאָס בוך? — פרעגט דער נאַטשעלניק, אַ בלעטער טוענדיק עס, און דערזעט אויף דעם מיט בפירושער אַנטוישונג די צענזור־דערלויבעניש.

— מיינס, — רופט זיך אָפּ אסתר.

ער שטעלט אָן אויף איר די ברעמענלאָזע חזירישע אויגן מיט די בייזע פּינקעלעך פון זייער טיף אַרויס, ווי ברען־גלעזלעך, און טוט אַ וואָרטשע מיט אַ מינע, ווי אַ זויערלעכקייט וואָלט אים אַרויפגעגרעפּצט:

— צופיל זשידאָווסקע חוצפּה אין דיין פאַררייסן נעזל... נישט קיין יידיש נעזל... המם. זוכט נאָך דאָרט ביי איר אויפמערקזאַמער.

אין דעם איינגבליק טראָגט מען אים אונטער שמעונס בריוו צו אסתרן — אַ צעשאָטן פּאַקעטל מיט א ראָז שנירעלע. אסתרן לויפט דאָס בלוט אין פּנים אריין.

— דאָס זענען מיינע פּריוואַטע בריוו, — זאָגט זי ווי מיט פּראָטעסט.

— פּריוואַטע? — דרייט דער נאַטשעלניק דאָס פּאַקעטל, און זיין קול און פּרצוף זענען פול מיט שפּאָט. — פונוואַנען? פון וועמען?

— פון טאַטאַרווו, פון די בערג... פון א קראַנקן. מיינער א לערער...

— המם... — האָט ער געפּאָרשט איר רויט־פלאַמענדיק פּנים, ביז זיין בליק איז געפאַלן אויפן שלייפל פון דעם ראָזן שנירעלע — אַזוי... ליבע־בריוו. א ראָמאַן. המם... זייער שיין...

און ער האָט אַ שמיץ געטאָן דאָס פּאַקעטל:

— וואָז מיט דעם טינופת!

די בריוו זענען זיך צעפלויגן, ווי פריער די טויבן. אסתר האָט זיך געטאָן אַ בייג אַראָפּ און צונויפגעקליבן פון דער פּאָדלאָגע אירע געשענדטע רעליקוויעס. זי איז אריין מיט זיי צו זיך אין צימער, פארשטעקט דעם קאָפּ מיט זיי צוזאמען אינטער דער קישן און צוגעפאלן צו זיי מיט די ליפּן, ווי... אַזוי דארף קושן א מאמע אירע קינדער, וואָס די פייערלעשער האָבן ארויסגעראטעוועט פונעם ברענענדיקן הויז.

דערווייל איז אריבער די נאכט, און מ׳האָט גאָרנישט געפונען אזוינס, נישט אין שטוב, נישט אין קוזניע. פון די באריכטן, וואָס מ׳האָט כסדר געבראכט צום נאַטשעלניק, האָבן זיי געוווסט, אַז ס׳זענען שוין פאראן ארעסטירטע. צי וועט עס איציקן אויסמיידן?

ס׳האָט אָנגעהויבן שאריען אויף טאָג. דאָס דינסט־טיידל גייט צו צום נאַטשעלניק און בעט א דערלויבעניש צו גיין אין שטאַל אריין אויסמעלקן די קו:

— די קו האָט זיך ערשט נישט לאַנג צוריק אָפּגעקעלבט, — דערקלערט זי — דאָס קעלבל האָט מען פּארקויפט, קאָן די מילך איבערגעבערענט ווערן אינעם אייטער.

די קו אין שטאַל האָט מיט א ווייטיקלעכן רופנדיקן מו־ו־ו אונטערגעהאלטן איר בקשה...

— מע קאָן, — האָט „דער תלין פון וואָלין", וואָס זיין אויער און האַרץ זענען פארשטאָפּט געווען פאר די ווייגעוואלטן פון זיינע פארפייניקטע קרבנות, אומגע־ריכט רחמנות געקריגן אויפן שטומען צונג — ריזשיק! באַגלייט זי.

דאָס, וואָס דער געשטאָפּטער קעלבאָס האָט זיך דערבארעמט אויף זייער קו, האָט עפּעס פארלייכטערט אלעמענס געמיט: אפשר וועט ביי זיי פּאָרט אַלץ אַריבער בשלום.

דאַדיע האָט זיך מיט געמאַכטער הכנעה דערנענטערט צום טיש, און אסתר האָט ארויסגעלייענט פון זיינע אייגן א כיטרע כוונה:

— און גאָט בעטן דערלויבט אונדז דער וויעלמאָזשני פּאַן? מיר זענען, איך און מיינע קינדער, פּראָסטע לייט, אָבער גאָטספאַרכטיקע...

— המם... דאָ פאַר מיר אין די אויגן קאָן מען, — צעשפּילט זיך א שמייכעלע אויפן גלאַנץ פון דעם נאַטשעלניקס קעלבאָס־באַקן.

— „בנים", — ריזיקירט דער טאַטע א רוף צו טאָן שטיל אויף יידיש — דאַוועננען... קומט צו דאַוועננען.

און ער נעמט אראָפּ פונעם משוואָק ביים פּענצטער דעם טלית־זאַק.

די „בנים" קומען באַלד געהאַרכזאַם צו יעדער מיט זיין תפילין־זעקל. לינקע אָרעמס ווערן אנטבלויזט און ארומגעוויקלט מיט רצועות, היטלען ווערן ארויפגערוקט און לאָזן פאַרפעסטיקן איבער די שטערנס די „של־ראָש"ס, און דאָס אַלץ ווערט באַגלייט מיט אַ באַוועגן פון די ליפּן און מיט א ברומעניש אונטער דער נאָז.

איין איציק שטייט און רירט זיך נישט פון אָרט. דער טאַטע קוקט אויף אים מיט א בליק, אין וועלכן ס'איז אויסגעמישט באַפעל מיט געבעט, און „דאַוונט אויף יידיש":

— דער אָדון לאָזט נישט אראָפּ די „עינים"... זיי זאָלן נאָר פון די לעבער ארוים... טו דאָס אייגנע, וואָס די „בנים"... זאָל ער זעען, אז... די קוקערס זאָלן אים אויסרינען.

אסתר האַלט זיך קוים איין פון אויסצושיסן א געלעכטער.

אָבער איציק — ווי ער וואָלט נישט געהערט. בלויז זיינע קינבאָקן, פאַרקלעמטע, באַוועגן זיך עקשנותדיק. ער ווייסט, אז „דאָס יידלען זיך" קאָן גאָרנישט ענדערן די לאַגע. און מאַכן זיך פאַר אַ פּאַיאַץ, כדי צוליב צו טאָן טאַטע־מאַמע, וויל ער נישט. באַר דאַדיע, וואָס אים קומט אויס, אַז אַלץ איז איצט אָפּהענגיק דערפון, צי איציק וועט „אָנמעסטן די תפילין" אָדער נישט, פאַרלירט אַלץ נישט די האָפענונג אויסצופועלן עס ביי איציקן, דעם „ערלעכן עקשן".

— נפתליע, דערלאַנג אהער זיין תפילין־זעקל, — טוט ער „א דאַוון", און אז דאָס געשעעט, נעמט ער אויפקניפּן דאָס בענדל.

דער נאַטשעלניק פירט איבער א נייגעריק־פאַרשנדיקן בליק פונעם טאַטן אויפן זון און צוריק. דאָס בענדל איז אויפגעבינדן. דאַדיע שטעקט אריין די דלאָניע, נעמט אָן מיט די פינגער א תפיל ארויסציִען און דערפילט עפּעס אַ וואַכקע צעקראַכנקייט אונטער זיי. ער טוט א קוק אריין אין תפילין־זעקל, און ס'ווערט אים „פינצטער־גרין" אין די אויגן: די פּאָטשעוועקע און די תפילין זענען באַוואַקסן מיט שימל, ווי מיט א קרעץ... ער טוט שנעל צוריק א פאַרבינד דאָס תפילין־זעקל און דערלאַנגט עס א מבולבלער איציקן. איציק נעמט עס פון זיין האנט, טראָגט עס אָפּ אויפן אָרט, וו ס'איז געהאָנגען, און קומט צוריק.

דער „קאט" טוט אים א שטאָך מיט א שאַרפן בליק, ווי א בין־גיפט, און אַ שפּאָטיש שמייכעלע שפּילט אים אין די ליפּן־ווינקלען:

— המם... קאָמוניסטן טאָרן נישט גאָט בעטן... המם... — און הייבט אָן צו־נויפלייגן די פּאַפּירן אין טעקע אריין.

סע קומט אויס, אז די רעוויזיע איז געענדיקט אָן קיין שום רעזולטאַט. טוט אים דעריבער דאָדיע א פרעג, אראָפּציענדיק די תפילין:

— צי וועט אונדז דערלויבט זיין גיין אין קוזניע ארבעטן?

— „אָוושעם"*, חוץ די צוויי — איציק פּריסיק און דאַנילע סאָיקאַ. זיי...

אין דעם מאָמענט איז פאַרן נאַטשעלניק שטייענגעבליבן איינער פון די אגענטן מיט אויסגעשטרעקטע דלאָניעס. אין איינער — עפּעס אַ פאַרשטויבט און פאַר־שימלט צעעפנט ביכל, אין דער צווייטער — א פארגעלט זייטל פּאַפּיר, צונויפגע־לייגט אין פירן:

— אַזוי איז דאָס געלעגן דערין.

דער געשטאָפּטער קעלבאַס האָט געכאַפּט א בליק אין ביכל — יידישער דרוק, האָט ער גלייך אוועקגעדרייט דערפון דאָס פּנים און גענומען דאָס צונויפגעלייגטע פּאַפּירל. צעעפנט עס און א ווירע געטאָן דעם בליק איבער די שורות, האָבן זיינע אויגן פריידיק אויפגעלויכטן קעגן דעם געפינס:

— אַהאַ! אַן אויפרוף!... המם... פון יאָר 1920... „טויט די פּוילישע פּריצים... זאָל לעבן..." המם...

— נאַ, לייען איבער נאָכאַמאָל, — האָט ער מיט שפּאָט אויסגעשטרעקט דאָס פּאַפּירל סאָיקאָן.

סאָיקאָ האָט עס פויל גענומען מיט די פינגער, אריינגעקוקט דערין, עס צוריקגעלייגט אויפן טיש און מיט א טאָן, ווי ער וואָלט זיך געוווּנדערט אויף זיך אַליין, וואָס ער האָט עס גאָר אין האנט גענומען:

— איך קאָן דען לייענען?...

— אַהאַ! ע ר האָט עס פאַר דיר געלייענט, פּריסיק. המם... נאַ, פּריסיק, דערקענסט עס?

איציק האָט בלויז צוגעבויגן דעם קאָפּ דערצו און — ווירקלעך עס דערקאָנט. ס'איז „די שיימע", וואָס ער האָט מיט צען יאָר צוריק באַקומען „א מתנה" פונעם לערער בעקערמאַן אין פּריצישן הויף, ווען די באָלשעוויקעס האָבן דאָרט געהאַט די ביבליאָטעק, און ער האָט זי „באַהאַלטן", פארשטופּט אין אַן אַלטער קינה עפּעס, איבערצולייענען עס אַמאָל, און פארגעסן דערין... איז אָט דער „אמאָל" אים איצטער אנטקעגנגעקומען. ער האָט געהויבן די פּלייצעס און געזאָגט — אַן אמת:

* פאַרשטייט זיך

— איך האָב דאָס פּאַפּירל קיינמאָל נישט געלייענט.

— איז אפשר וו ע ס ט ו מיר זאָגן, אלטער, — האָט דער געשטאָפּטער קעלבאס אַ רײַשע געטאָן אויף דאַדיען — פונוואנען ס'האָט זיך דערנומען אזא מין סחורה צו דיר אין שטוב? א?!

דאַדיע, געשטאַרקט פון איציקס האלטן זיך, האָט זיך נישט דערשראָקן און געענטפערט באדענקט, מיט הפסקות:

— זארעז-זארעז... דער פריץ האָט געזאָגט „אַן אויפרוף פון יאָר 1920“... די באָלשעוויקעס זענען דעמלט געווען הי... אין פארשיידענע שטיבער איינגעקוואר-טירט געווען... אויך דאָ ביי מיר אין שטוב... האָט עס אוודאי איינער פון זיי דאָ איבערגעלאָזן... אָט דער, מיין ייִנגל, איז דעמלט נישט מער ווי צען יאָר אלט געווען...

— דיין בענקארט איז א באָלשעוויק געווען נאָך ביי זיין מאַמען אין בויך! — האָט דער נאַטשעלניק א רײַשע געטאָן, און צו ריזשיקן:

— די צוויי... די קייטעלער.

איציקס לינקע האַנט ווערט באלד צוגעקייטלט צו דאנילעס רעכטע.

— ווײַ איז צו דער מאַמעס אויגן! — טוט זיך מינציע אין חלשות א זעץ אראָפּ אויף דער פּאָדלאָגע.

די דינסט און אסתר טוען אַ כאַפּ די מאַמען אונטער די אָרעמס און פירן זי אין צווייטן צימער זי אָפּצומינטערן. נפתלציע מיט בוניעקן בלייבן שטיין מיט פּנימער בלאסע ווי קאַלך און פארשטאַרטע אויגן. אײַן דאַדיע פארלירט זיך נישט. זיינע קינבאַקן באַוועגן זיך, ווי פריער ביי איציקן, זיין זשאַריענדיקער בליק איז באַהאָפטן מיט איציקס. זייערע בליקן זענען צוזאַמענגעגליט.

— מאַרש! — באַפעלט דער נאַטשעלניק.

— זיי געזונט, טאַטע! — טוט איציק פון דער שוועל אַ מאַך מיט דער פרייער רעכטער האנט. זיין קול איז געגוג הויך און פעסט, כאָטש הייזעריקלעך — זייט געזונט, מאַמע, אסתרקע! בריד...

די פארמאַכטע טיר פארטויבט זיין שטים.

— קינדער, — האָט דאַדיע אַ זאָג געטאָן — גייט אין קוזניע אריין... איך וועל דאָ בלייבן א ביסל מיט דער מאַמען.

אָבער ער איז צום ווייב נישט אריינגעגאנגען. ער האָט זיך געשלייכט, ווי א שאָטן, מיט אַן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ, לענגוים דעם צימער פון וואַנט צו וואַנט, מיט אַ ווייטיק אין דער ליידיקער ברוסט, „פונוואנען מ'האָט אים א שטיק הארץ ארויסגעריסן“.

מיטאַמאָל איז ער שטיינגעבליבן. ער האָט דערשפּירט, אז דאָס ווייב איז אריינגעקומען. ער האָט אויסגעדרייט צו איר דאָס פּנים, און זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט. האָט מינציע אויסגעגאָסן פון זיך א געיאָמער:

— דאָריע לעבן... וואָס האָט ער אונדז אָפּגעטאָן, דער קלוגער זון?... נאָך ערגער פון חנהן... אזא שאנד! אזאַ ווייטיק אין הארצן און א שאַנד אין פּנים... אויף אונדזערע עלטערע יאָרן...

דעמלט איז דאָריע, צו אסתרס גרויסער שטוינונג, צוגעגאנגען צום ווייב, זי ארומגענומען, א דריק געטאָן צו זיך, זי אָפּגעלאָזט און, קוקנדיק איר אין די אויגן, ווי מיט תרעומות:

— וואָס איז, מינציע?... וואָס פאר א שאנד?... וואָס פאר א שלעכטס האָט ער אָפּגעטאָן, אונדזער איציק?... האָט, חלילה, א מענטשן געהרגעט?... האָט עמעצן אויפן טראקט באראבעוועט?... עמעצן אין שטעטל באגנבעט?...

מינציע האָט אים געהאָרכט בליפענדיק, זיך געזעצט אויף דער באַנק און ווייטער געגאָסן געוויין:

— זיי וועלן אים, חלילה, אומברענגען דאָרט... ער וועט אין תפיסה פאר־פוילט ווערן...

אסתר האָט זיך געשראָקן — אָט באלד־באלד פּלאצט דעם טאַטנס געדולד! אָבער דער טאַטע, צי זיך באַהערשט, צי זיך גאָרנישט באדארפט באַהערשן, האָט ווייטער גערעדט צו דער מאַמען איידל און באהיטעוודיק, ווי זי, אסתר, האָט אמאָל געזען די באָבע ליבע חיה פארדראָטעוועז א מאקרעטע:

— מינציע, הער. איך וועל טאָן אַליץ, וואָס סע וועט זיין אין מיר געוועגדט. כ'על זיך לאָזן קאָסטן... כ'זאָל אפילו דארפן בלייבן ביי איין העמד... איך...

דאָס עפּענען זיך פון דער דרויסנטיר האָט אים איבערגעריסן. אויף ד ע ר זייט שוועל איז געבליבן שטיין א גאָר אומגעריבטער גאסט: שימקע „דער בענסוי־רעאומוירע". זיינע ליפּן האָבן א צוק געטאָן, אָבער קיין „גוטמאָרגן" איז פון זיי נישט אַראָפּגעפאַלן. אסתר האָט א בליץ געטאָן מיט א דערשראָקענעם זיגזאגעדיקן בליק אויף אים און דעם טאַטן: סע זאָלן דאָ באלד נישט פליען קיין פּעטש!... אָבער דער טאַטע האָט בלויז א וויש געטאָן שימקעס פּנים מיט אַ נישט־ניחאדיקן בליק, און איז א שווייגנדיקער ארייַנגעגאנגען צו זיך אין צימער.

ווי נאָר שימקע האָט געעפנט דאָס מויל צו זאָגן א וואָרט דער מאַמען, האָט זיך דערהערט דאָס עפענען זיך פון דער טיר אין קיך. ס'האָט אריינגעשלייכט, אין אַן איינגעריבענער טונקעלער שאַל, אָן א „גוטמאָרגן", די שכנה פעסיע חווה, מיט א פארחושכט פּנים, וואָס איז צוזאמענגעגאָסן מיט דעם שאָטן פון דער שאַל, די אויגן טרוקן און אויסגעלאָשן, זיך אנידערגעזעצט לעבן מינציען און אנגעהויבן רעדן מאַנאָטאָן:

— מינציע קרוין... אין איין פינצטערער נאַכט האָט אונדז ביידע איין בראָך געטראָפן... איך בין געבליבן איינע אַליין... ווי אַ פאַרוואָלגערטער שפּאָן... מיין חנאַ איז אין ווילנע... און מיין נחומען האָט מען אוועקגעפירט א געקאָוועטן, ווי דיינעם... אָטאפּנים, אז מע טאָר קיין אָרנטלעכער קינד נישט זיין...

— זיי זענען נישט די אײנציקע, — האָט שימקע געפּרוּווט אַרײַנשטעלן אַ טרייסטוואָרט דער מאַמען. — מ׳האָט אויך פאַרנומען: בנימין פעלץ דעם באַגרעבערס, מײשקע בינהאָרן, שלײמקע װעמפּל דעם קצבס, לײזער שאַפּיר פון בײם קאָפּליערס טײך און יאַנקל ראַבינאָװיטשיק דעם באַלבלער כאַמולע... יאָ, מ׳האָט אויך אַרעסטירט דעם אוקראַינער, דעם לערער טאַראַשקיעװיטש מיט זײַן װײַבס יונגער שװעסטער... און אויף דער פּערשטאַט, זאָגט מען, האָבן זיי גאָר געמאַכט אַ בראָך צװישן די גויים... מאַ, גויים װי גויים... נאָר די ייִדן — פרעג פאַרװאָס האָט זיך זיי געװוּנט שטופּן צו די קאָמוניסטן?... אַ װאַזשנע תכלית...

דערויף האָט זיך דאָדיע באַװיזן אין דער טיר. זײַנע אויגן זשאַריען שימקעס פּנים, און ער טוט אַ זאָג רואיק, טרוקן און שאַרף, װי ברענענדיקער פראָסט:

— די רגע אַרויס פון אונדזער שטוב!

אָן אַ װאָרט צו זאָגן דרייט זיך שימקע אויס, גייט אַרויס און פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר, שטיל און אַ קלאַפּ.

— װען זיי װאָלטן װעלן מיר אים פאַרבײַטן, — רעדט דאָדיע װי צו דער פאַרמאַכטער טיר — איציקן אויף אים, אָט דעם גנב... װאָלטן מיר געזען, אַז ס׳איז דאָ יושר אויף דער װעלט.

אין דערוואַרטונג אויפֿן פּראָצעס

— מאַן און ווייב באַהעפטן ליידן

שטאַרקער נאָך ווי פריידן... — פאַרטרויעט זיך מינציע דאָדיע קאָוואַלס פאַר פּעסיע חווהן.

דאָס דאָזיקע שפּריכוואָרט האָט מינציע אויסגעטראַכט נאָכן „טאָפּעלן בראָד", וואָס סע האָט זיי היינטיקס יאָר געטראָפֿן: איציק איז אין תּפיסה, און בושקע — אין מיליטער. דאָדיע איז צו איר האַרציקער געוואָרן. ווי אַ מאַן צו אַ ווייב. ווי צו דער מאַמע פון זיינע קינדער. ווי... אַ מענטש צו אַ מענטשן. כאָטש מיט דער פּרנסה איז אזוי שווער היינט, אזוי שווער!

— ריבונו־של־עולם! — זיפצט מינציע אָפּ פאַר דער אַלטער מאַמען. — פאַרוואָס איז ער נישט געווען אזוי, דאָדיע, אַלע זיינע יאָרן?...

און די אַלטע ליבע חיה שאָקלט פרום מיטן קאָפּ און גיט איר צו פאַרשטיין:

— אין זאַטע יאָרן קערט דער זינדיקער מענטש אָפּ דאָס פּנים פון אן אויסגע־באַקן לעכטיק ברייטל. נישט אנדערש, גיב אים גאָט שמילץ דערצו. אין הונגער־צייט קוויקט ער זיך מיט אַ פּיסנע ווישקראַב.

כאָטש, צוריקגערעדט, אין איין זאַך איז ער, דאָדיע, נאָך אַ גרעסערער עקשן ווי געווען. ד אָ ס וויל זי דער מאַמען נישט דערציילן. זי קאָן ביי אים בשום־אופן נישט אויספּועלן, ער זאָל פאָרן קיין קאָוולע צום רבין און אנידערלייגן פאַר אים אַ פּדיון פון איציקס וועגן, ווי אַמאָל פאַר אהרונען.

— נאָר נישט פאַר א י צ י ק ן! — האָט ער געזאָגט מיט עקשנות. — ער וואָלט געטענהט און געווען גערעכט: „האָסט גענומען גאָלד און געוואָרפן אין מינופֿת!"

האָט ער אפשר, דאָדיע, גלאָט געזשאַלעוועט די עטלעכע זלאָטעס, וואָס קומען אים היינט אָן אזוי שווער? איין קלייניקייט! — די קוזניע האָט דאָך אָנגעווירן דריי פּאָר הענט: בושקעס, איציקס און דאַנילעס... נישט אומזיסט דערציילט מען (צי ס'איז אמת, צי פון שונאים אויסגעטראַכט), אז ווען עס טראָגט אָן צו שימקען

אין קוזניע אַ פויער פון א ווייט דאָרף: „וווּ איז ערגעץ די קוזניע פון דודקא קאָוואַל?“ — איז דער „בן“ אומפאַרשעמט און ענטפערט מיט א קאַלטער לעבער: — „עהע! זיך דערמאָנט! דודקאָ קאָוואַל איז שוין לאַנג געשטאָרבן...“ נײן, ער זשאַלעוועט נישט, דאָדיע, כּל־זמן ער איז נאָך אימשטאַנד. אפילו בושקען, דעם „בו־מאַזיע אין שפּאָרן“ (צוליב זײן הייך איז ער אַרײַן אין די דראַגונער) שיקט ער פון צייט צו צייט קיין רעמבערטאָוו, ווו ער דינט, א פּאָר צענטליק זלאָטעס. אײַנאָנהייב האָט עם דאָדיע געטאָן „פון זיך אַליין“. דערנאָך האָט א זעלטענער בריוו פון בושקען באַשטעטיקט דעם טאַטנס קלוגשאַפט. דער בריוו איז געווען געשריבן, דורך א פרעמדער האַנט, נאַטירלעך, אויף פּויליש, און מיט א פרעמדן נוסח: „ער דאַנקט העפלעך און האַרציק די ליבע עלטערן פאַר די צוגעשיקטע עטלעכע זלאָ־טעס. זײ קומען אים גאָר שטאַרק צוניץ. מער נאָך ווי טאַטע־מאַמע קאָנען זיך עם פאָרשטעלן. אַז ער וועט זיך, מיט גאָטס הילף, אומקערן אַהיים געזונט און שטאַרק פון דער סלוזשבע פאַרן טייערן פאָטערלאַנד, וועט ער די טייערע עלטערן אָפּצאָלן דעם חוב מיט די אייגענע הענט אין דער קוזניע, און, אַך, ווי עס בענקט זיך אַהיים און נאָך די היימישע עסנס, וואָס די טייערע מאַמע גרייט צו! מיט דער פען קאָן מען נישט אַלץ אַרויסשרייבן. בפרט, אַז מע דאַרף נאָך אָנקומען דערמיט צו עמעצן אַנדערש, און אַליין איז מען אַ קאַליקע“.

די דאָזיקע שורות, „געשריבענע נישט מיט בושקעס קאָפּ“, געלייענטע און פאַרטײַטשטע פון אסתרן איין מאָל און נאָך א מאָל, לויטן טאַטנס באַפעל, האָבן אונטער דאָדיעס אַראָפּגערוקטן דאַשעק געמאַכט קנייטשן זײַן שטערן וועגן „די קעסט, מיט וועלכע מע שטאָפּט דעם „בן“ זײערן דאָרט בײַ פּאָניען“. און מינציע, נאָכפאָרשנדיק די גאַנצע צייט דעם אויסדרוק פונעם מאַנס פּנים, האָט לסוף פאַר־פלאָכטן און פאַרבראָכן די פינגער:

— אַ בראָך איז צו דער מאַמעס בייגער! סע קומט דאָך אוים, חלילה, אַז דאָס קינד הונגערט דאָרט!

האָט איר דאָדיע געטאָן א שפּעט איבער מיט געמאַכטער בייזקייט, כּדי איר גרינגער צו מאַכן אויפן האַרצן:

— דאָס ק י נ ד !... אפשר וואָלסטו געפאָרן קיין רעמבערטאָוו עם אָנזייגן?!... אַ דראַגונער — איז דאָס קעסל פאַר אים ווייניק... שאַ־נאָר... — און אַ בלאַסער ביטערער שמייכל באַווייזט זיך אויף זײַן פּנים — און אפשר פאַרשאָט אים דאָס טרפות צום מאָגן?... וועט זיך פרייען זײַן פרומע באָבע ליבע חיה.

מיט א צייט שפּעטער איז „דער גאַנצער בראָך קלאָר געוואָרן, ווי אויף דער דלאָניע“, פון א בריוו אויף ייִדיש, אויך געשריבן, נאַטירלעך, דורך דער האַנט פון אַ פרעמדן: „די לאַגע בײַ דער היגער חברה־קדישאָ איז נישט קיין פויגלדיקע. די חברה־נושאים, צו וועלכע עס געהערן אויך אײַער זון און דער שרייבער פונעם דאָזיקן בריוו, באַקומען אויף די סעודות ווייניק אָפּצועסן, ווײַל די גבאים האָבן ליב

צו זשליאַקען וויין, און פאַר די פּראָסטע יונגען לאָזט מען איבער פאַרוואָסערטן בראָנפן. דאָס עסן, טרעפט זיך אָפט, באַקומט זיי נישט וויל. סע געשעט אַפילו אַזאַ מין מעשה: נאָך איינער א סעודה האָט די גאַנצע חברה באַקומען די „סראַטשקע" — אַזוי, זאָגט אייער זון, הייסט עס ביי אייך. אויף פּראָסט יידיש הייסט עס — פאַרסמט דעם מאָגן. מ'האָט געמוזט אַלעמען אויספּאָמפּעווען די קישקעס". אונטערגעשריבן איז געווען „אייער זונס א חבר".

אסתר האָט, לייענענדיק דעם מאָדנעם בריוו, געהויבן די קאַנטיקע פּלייצעס, און מינציע האָט געקוקט מיט צעעפנטע שטייפע אויגן, צוליב דער אומפאַר־שטענדלעכקייט — ווי ארום איז זייער דראַגונער אין א פּרעמדער שטאָט פּלוצעם אַריין אין אַ חברה־קדישאַ?! ביז אסתר האָט זיך ענדלעך געכאַפּט, און דאָדיע האָט אויפגעקלערט, אז דער בריוו איז געשריבן פאַרשטעלט, מיט א יידיש קעפּעלע, אז די חברה־קדישאַ מיינט דאָ דאָס „וואָיסק", די חברה־נושאים — די זעלנער און די גבאים — די אָפיצערן.

דעמלט האָט זיך מינציע א צעפּלאַטער געטאָן מיט צעשפּרייטע הענט, ווי אַ הון מיט די פליגל פאַר דער שחיטה:

— פינצטער און ביטער איז אונדז געבער, דאָדיע! דאָס קינד קאָן דאָך גאָר דאָרטן שטאַרבן אויך!... אָן א מלחמה, חלילה...

— ראַביזשניקעס! — האָט איר דאָדיע דאָס מאָל אונטערגעהאַלטן מיט צאָרן אויף עמעצנס חשבון, נאָר באַלד איבערגעגאַנגען אויף א ווייכערן טאָן, צו טרייסטן דאָס ווייב — דערפאַר, מינציע, וועסטו שוין צוליב נפתליען קיין צרות נישט האָבן... האָסט דאָך אים געבוירן מיט א ווייסן ביליעט.

נפתליע „דער קרומער" האָט אין דער מינוט, אפשר דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן, א קוק געטאָן אויף דער מאַמען נישט מיט קיין פיינטלעכן בליק: שוין מאַקע בעסער אָרבעטן אין קוזניע און עסן דער מאַמעס געריכטן, איידער גיין אין פאָלק זיך לאָזן אויספּאָמפּעווען די קישקעס... מילאַ, האָט ער צערעפּעטע פיס — עלהיי מע פלעגט זיך אמאָל לאָזן מאכן דעם ערגסטן חסרון צום פּריזיוו... אמת, סע וואָלט געווען — איין פוס זאָל זיין צערעפּעט, נישט ביידע...

און דאָדיע האָט אָפּטערער געשיקט די זלאָטעס צו זיין דראַגונער, כאָטש וואָס ווייטער, אַלץ ענגער איז געוואָרן אין קעשענע. וואָרן וואָס שייך איציקן האָט ער הייליק אָפּגעהיט זיין וואָרט: „איך זאָל אַפילו דאַרפן בלייבן אין איין העמד..." ער האָט נישט געזשאַלעוועט צו שיקן אים אין תפיסה פונעם שענסטן און בעסטן, כאָטש מ'האָט געשמועסט, אז זיי האָבן דאָרט, די חברה, א קאָמונע און טיילן זיך גלייך אויף גלייך, די וואָס קריגן פון דער היים א „וואַלוועקע", און די וואָס נישט.

— גיי, דאָדיע קאַוואַל, — טוט אמאָל דאָדיע א זיפץ ביים איינפּאַקן — פאַרמע אָן א וועלט... זיי א בריה!

— אז מע קאָהמעט אַן אייגן עוף, כאַפּט דערביי אַ פּרעמדס אויך אריין אַ זשאַרנע, — טרייסט אים מינציע, שוין אָן שרעק, טאָמער הייבט ער איר אָן, ווי אַמאָל, אריינצולייגן אין די יאָרן.

און דאָדיע טייטשט איר אוים זיין מיין:

— נישט וועגן זיינע „טאָוואַרישטשעס" דאַרט רעדט זיך עס... טילאָ... אָבער ווי פיל נעמט דאַרט פריער אראָפּ די תפיסה אליין, די לייטישע לייט דאָרט?... וואָס מיינסטו, דאָרט זענען קיין „גבאים" נישטאָ?

די פּעקלעך פאַר איציקן טראָגט דאָדיע אליין אוועק אויף דער פּאָטשט, כאָטש יעדעס מאָל, ווען ער קומט פון דאָרט צוריק, זיפצט ער אָפּ:

— טאָמער וואָלטן לייט פארגעסן, מוז איך זיי אליין דערמאָנען אין מיין בראָד...

— קנייפּ די באַקן, די פארב זאָל שטיין — „סמייעט" מינציע אים צו באַרואיקן מיט דער חכמה פונעם פאָלק — דער אייבערשטער וועט העלפן, אז די וואָס פרייען זיך אויף אונדזערע ליידן, וועלן צעפּוקט ווערן פון אונדזערע פריידן... אַז איציק וועט ווערן אוים אסטראָזשניק.

אָבער כדי איציק זאָל ווערן אוים אסטראָזשניק, מוז קודם פאָרקומען אין קאָוולער קרייז־געריכט דער פּראָצעס פון די פיר און זעכציק אוקראַאינער און יידן — צווישן וועלכע עס ציילט זיך אויך איציק — באַשולדיקטע אין קערן צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון מערב־אוקראַינע, אין פאַרשפּרייטן אומלעגאַלע ליטעראַטור און אפילו אין זאַמלען געווער...

דער פּראָצעס ווערט אָפּגעלייגט פון חודש צו חודש. וואָרן וועמען זאָל עס דאַרפן ארן? אדרבה, זאָלן זיי וואָס לענגער זיצן, די וואָס זיצן, און מע וועט זיי אפשר מוזן באַפרייען... די זאַך פארציט זיך אין דער לאַנגער באַנק אריין. ס'איז אַריבער איין ימים־נוראים, און ס'דערנענטערט זיך שוין אַ צווייטער, און זיי זענען איינגעפּעקלט דערוויייל. און ווי זאָגט מען: אַ פארשלעפּטע קרענק איז אַ זיכערער טויט.

—מאמע, — זאָגט מינציע און פּינטלט אראָפּ אַן אָנגעלאָפּענע טרער פון אַ ברעם — מערטשעשעס, ימים־נוראים וועלן מיר אין שול פאַלן כורעים צום רבונו־של־עולמס פיס... מירן אויסוויינען מיט טרערן די פּאָדלאָגע און אויסבעטן ביי אים אונדזער קינד... אונדזער איציקן, פון דער פינצטערער הייל ארויס... פונעם תפיסה־קבר, וו מ'האָט אים לעבעדיקערהייט באַגראָבן...

— ווי יוסף הצדיק אין דער מדבר פון דעם גרוב ארויס, — האַלט איר אונטער די אַלטע מאַמע מיט אַ ניגון פון „צאינה־וראינה" און טריפט פונדעסטוועגן אַריין אַ קראָפּליע פּרומען סם אין דער טאָכטערס האָפענונג — אוי־ווי! נעבעך צו אונדז!... יוסף איז דאָך געווען יעקב אָבינוס אַ זון און אליין אַ צדיק, און איציק

דאָדיע קאָוואַלס וואָס?... סיידן מאַקע נאָר דער זכות פון די הייליקע אָבות וועט אים און אונדז ביישטיין.

אַ פערשטאָמער פויער, אויך אַ מאַמע פון אַן ארעסטירטן זון, האָט דאָדיען אין קוזניע שטילערהייט דערציילט, און דאָדיע חזרט עס איבער פאַר ווייב און קינדער אין דער היים: מע שעפּטשעט זיך, עס זאָל זיך ווידער אָנהייבן אַ מלחמה צווישן פּוילן און רוסלאַנד... און ד אָ ס, זאָגט מען, פאַרערגערט די לאַגע פון די, וואָס דאַרפן געמשפּט ווערן...

— אַז איינעמען זאָלן שוין אונדזערע שונאים אַ בימערן סם, — שעלט מינציע פאַרביטערט — ווי זיי האָבן אונדז און אונדזערע קינדער דאָס לעבן פאַר־ביטערט! אַז איינעמען זאָל ע מ ע צ ע ר אַ מיתה־משונה... אַז מלחמה זאָל שוין מיט ע מ ע צ ן האַלטן דער מלאך־המות!...

— אָמן! — טוט אַ זאָג יונה סעווערזיוק, וואָס זיצט דאָ גראָד — איך קאָנט, מינציע, בענטשן, ווי דער בעסטער כוהן אין בית־מדרש. ווי שאַמע שמש צום כוהנים־דוכענען.

דערפילט זיך מינציע געשטאַרקטער פון דער דאָזיקער לויב פאַר דאָדיען אין די אויגן, און ציט ווייטער:

— אוי, פאָטער אין הימל! צי האָבן מיר נאָך אַליץ געהאַט ווייניק מלחמה?... און דאָ איז אונדזער בושקע אַ דראַגונער. די דראַגונער, זאָגט מען, שיקט מען די ערשטע אין פייער אריין. ווי אמאָל די קאָזאַקן... גלייך אַ קאָזאַק וואָלט נישט פון אַ מאַמעס שויס אַרויסגעקומען... וויי־וויי! און מיר האָבן איצט צ ו ו י, אין קאָן איינגעשטעלטע — בושקען און איציקן.

און אַט האָט מען אָנגעהויבן שמועסן, אַז — שוין, אינגיכן וועט פאָרקומען דער פּראָצעס. איז איינמאָל אין אַן אָוונט, סליחות־צייט, אַריינגעקומען צו דאָדיען אין שטוב סראָלקע בינהאָרן, דער מאַמע פון מיישקע בינהאָרן, וועלכער דאַרף געמשפּט ווערן צוזאַמען מיט איציקן. סראָלקע בינהאָרן איז אַ יידל אַ מאָגערס, אַן פלייצעס, אָבער יעדן איז באַוווסט, אַז ער איז אויסגעווען אַ וועלט. אַ באַרע־דעוודיקער. אַז ער נעמט רעדן, קאָן ער אַ וועלט איבעררעדן. אַנידערגעזעצט זיך, האָט ער ארויסגענומען דאָס שמעקטאַביקפּושקעלע פון דער פאַלטע־קעשענע, גע־נומען דערפון אַ שמעק טאַביק, פאַרצויגן, אַ זשמורע געטאָן מיט די גרויע אויגן, אַריינגעקוקט מיט זיי טיף און פרעגנדיק אין דאָדיעס, וואָס זשאַריען אונטער דעם אראָפּגערוקטן דאַשיק: צי וועט ער לאָזן פון זיך עפּעס אויסקאָוועז, דער קאָ־וואַל?... און איז גלייך צוגעטראָטן צום ענין:

— היינטיקע קינדער זענען עס אפילו נישט ווערט, מע זאָל דאַרן דעם קאָפּ פאַר זיי. נאָר אַ מאַמע בלייבט דאָך פאָרט אַ מאַמע, וואָס, ניין? ווי זאָגט מען אין די סליחות — „כרחם אָב“, אַ מאַטנס האַרץ טוט דאָך וויי... איז מיט וו אָ ס מע קאָן נאָר און וו י מע קאָן נאָר... מע דאַרף שטעלן פאַר די קינדער אַן

אַדוואָקאַט — דעם גרעסטן אַדוואָקאַט פון לעמבעריק, וואָס ער איז אי אַן אַדוואָקאַט אי אַ דאָקטאָר — לייב לאַנדע. ער מאַכט, זאָגט מען, פון שוואַרץ ווייס. וועט ער ביי אונדז מאַכן פון רויט בלויס. נישט מער — מיט וועמען, פרעג איך דיך, גייט מען דאָ צום טיש?... אַז אַלע זענען זיי, מחילה, קבצנים, דלפנים, לאַזעבניקעס, דאַרע און קוואַרע קישקעס. אַ פּאָר פון זיי האָבן גאָר קיין עלטערן נישט. אַבי זיי שטופּן זיך צו זאָגן אַ דעה, ווי די וועלט צו פירן... האָב איך, סראָלקע ביגהאָרן, זיך אַ טראַכט געטאָן: צו דאַדיען, אַ ייד אַ באַלעבאָס, וועל איך פונדעסטוועגן אַריינגיין איבערשמועסן. — יאָ — יאָ, נישט — נישט... ווילסטו ווערן אַ שותּף צו דער זאַך, איגיינעם שטעלן דעם אַדוואָקאַט פאַר אונדזערע קינדער, איז מהיכא־תּיתי... איך מיין, דו האָסט זיך מיט אַזאַ שותּף נישט וואָס צו שעמען... אין צווייען וועט עס אויסטראָגן ביליקער פאַר יעדן איינעם. ווערסט דאָך נישט וועלן לאָזן די קוזניע אַן אַ באַלעבאָס, וועל איך פאָרן אַליין, און מ'עט איינשפּאָרן אַ העלפט אויף די הוצאות... פאַרשטייט זיך, אויב דו וועסט דווקאָ וועלן אויך פאָרן, איז מהיכאָ־תּיתי. דאָס איז שוין, ווי דו ווילסט. כאָטש ס'איז אַרויסגעוואָרפן געלט אומזיסט. וואָרן וואָס און וויאַזוי מיטן גרויסן אַדוואָקאַט צו רעדן, דאַרף מען סראָלקע בינהאָרן נישט פּיקן אונטערן צונג...

און דאָס שותּפות איז ביי אַ הייסער גלאָז טיי אָפּגעמאַכט געוואָרן: דאַדיע קאָוואַל האָט אָנפאַרטרויט סראָלקע בינהאָרן אַ „מאַטניא געלט" אויף צו ראַטעווען צוזאַמען מיט זיין מיישקען אויך זיין איציקן.

— איך וועל טאָן פאַר דיינעם גלייך ווי פאַר מיינעם, — האָט אים בינהאָרן פאַרזיכערט שוין ביי זיין אַוועקגיין — און לאָמיר האָפן, אַז מירן אויך מאַכן אַ שותּפותדיקן לייקעך־און־בראָנפן, ווען די קינדער וועלן מיט גאָטס הילף אַרויס פון געפענקעניש.

— כ'האָ' דען געהאַט אַן אַנדער ברירה, — האָט דאַדיע אַ וואָרטשע געטאָן נאָך בינהאָרנס פאַרמאַכן הינטער זיך די טיר — איבערלאָזן די קוזניע?... און דער דעדער מיטן אַדוואָקאַט וואָלט דאָך סיווי געווען טאַקע ער, נישט איך... אַז ער וואָלט וועלן, וואָלט ער מיר סיווי איבערגעכיטרעוועט. איז שוין דען טאַקע גאָר קיין יושר נישטאָ אויף דער וועלט?...

און מ'האָט ביי דאַדיע קאָוואַל אין שטוב אָנגעהויבן לעבן מיט דער אָפּגעפרישטער האָפענונג, אַז דער אַדוואָקאַט לאַנדע, וואָס איז אויך אַ דאָקטאָר, וועט ברענגען איציקן די אמתע רפואה. וואָרן ווי געשיקט זיך עס אַנדערש? אַז ס'קאָסט אָפּ אַזויפיל געלט, און דער אַדוואָקאַט איז אַ וועלט־אַדוואָקאַט! און דאָ גייען דאָך פאַראיינוועגס אויך די ימים־נוראים — געשיקט זיך עס, אַז מע וועט ביים רבונו־של־עולם גאַרנישט אויספּועלן?...

נאָך גראָד דער יום־כיפּור האָט זיך פאַרענדיקט נישט פרייליך. ווען דער עולם, אויסגעמאַטערט פונעם לאַנגען תּענית, האָט זיך אַרויסגעלאָזט פון בית־מדרש,

און די שטאַרק פרומע האָבן זיך פונדעסטוועגן געשטעלט מחדש זיין די לבנה, האָט זיך איבערן הימל פאַרנומען אַ רויטקייט פון אַ שרפה... און כאָטש ס'איז ווייט פון שטעטל — קיין גוטער סימן איז עס נישט.

אויף מאָרגן איז באַוווּסט געוואָרן: ס'האָט געברענט אין דאַלצקער הויף. די פּאַראָבקעס זאָלן האָבן אונטערגעצונדן דעם יונגן גראַפס שייערן מיט די שוין אויסגעדראָשענע תבואות.

— פון אַזאַ זאַך ווען די געמשפּטע אויפן קאָוולער פּראָצעס קיין טובה נישט אַרויסקומען, — האָט מען נאָכגעזאָגט ביי דאָדיע קאָוואַל אין שטוב פון יצחק אורים ווענן — דאָס האָבן זיי עס אַזוי געלערנט די פּאַראָבקעס צו באַגיין זיך מיט די פּריצים...

— און מיר האָט היינט פונקט קאַפּויער געזאָגט אַ שגץ פון דער פערשטאָט,— האָט אַ זאָג געטאָן דאָדיע — איך וויל אים ביים נאָמען נישט אָנרופן... די קאָמוּ־ניסטן לערגען זיך ביי די פּאַראָבקעס, אַז מע דאַרף טאַקע זיין קאָמוּניסטן... די פּאַראָבקעס האָבן אונטערגעצונדן דעם גראַף, ווייל ער האָט פון זיי דעם גאַנצן זומער די קליי פון די בייגער אַרויסגעצויגן...

קאַפּיטל איין און אַכציק

אין אומרואיקע טעג

די טעג, ווען אין קאָוולער קרייז־געריכט האָבן זיך אָפּגעוויקלט די פּאַרהאַנדלונגען פונעם גרויסן פּאָליטישן פּראָצעס פון די פיר און זעכציק באַשולדיקטע אין קאָמוניסטישער טעטיקייט אויפן געביט פון קאָוולער פּאָוויאַט, זענען געווען — כאָטש שוין שפּעטהאַרבסטיקע און קורצע — טרוקענע, ווינטלדיקע, זוניקע און נאָלדשייַנענדיקע.

— דער פּאָטער אין הימל האָט געגעבן אַזעלכע געשענקטע לעכטיקע טעג, — האָט די זקנה ליבע חיה געמילדערט דער טאָכטערס שווער געמיט נעבעך — איז עס, לאָמיר האָפן צו גאָט, אַ גוטער און לעכטיקער סימן, אַז ער וועט זיך דערבאַרעמען...

— אוי, ווי דערלעבט מען עס שוין, מאַמע! — האָט מינציע אָפּגעזיפצט און געוואַרט, די מאַמע זאָל נאָך עפּעס אַ ז ו י נ ס רעדן...

— ס'איז עפּעס אַזוי, — האָט טאַקע די אַלטע געצויגן ווייטער — ווי נעילה־צייט. די זון זעצט זיך, איר שיין ליגט אויף די שפּיצן ביימער, אויף די דעכער און אויף דער נשמה פון דעם פרומען מענטשן... זאָלן זיי שוין טאַקע האָבן, אונדזער איציק און נחום פעסיע חוהס, אונטערגעחתמעט געוואָרן הייַנטיקן יום־כיפּור דאָס גוטע לעבעדיקע קוויטל. די קינדער — טאַקע שלעכטע קינדער — זענען שוין אפשר גענוג אָפּגעקומען פאַר זייערע זינד קעגן גאָט און מלכות...

— מע זאָגט, — צעשלוכצט זיך מינציע — אַז מע פייניקט זיי דאָרט אין תפיסה... ער זאָל זיך כאָטש אומקערן אַהיים אַ געזונטער און קאָנען ווייטער אַרבעטן... און פעסיע חווה וועט שוין אַפּנים זיין אַזוי אין קאָוולע די גאַנצע צייט ביז איבער דער ספּראַווע... נו, וואָס? אַז זי האָט דאָ נישט אין שטוב קיינעם נישט. אַ שפּאָן — וואָס איז איר די נפקא־מינה, ווו ער וואַלגערט זיך... זי הונגערט דאָרט אַוודאי אונטער ביי אונדזער צביהן... נאָר דערפאַר — האָט זי כאָטש די זכיה צו זעען איר קינד יעדן טאָג. און מיין דאָדיען בין איך מקנא...

— וואָס ביסטו אים מקנא? — פרעגט די אַלטע, דערפילנדיק, אַז דער טאָכ־טערס צונג איז געשטרויכלט געוואָרן עפּעס.

— ווייס איך דאָרטן. נאַרישקייטן. „אַ צונג איז ווי אַ לעדערנער דישעל"... — לעקט מינציע אָפּ די ליפּן מיטן „דישעל", צו באַווייזן, אַז זי וועט קיין נאַרישקייטן נישט רעדן, און זאָל די מאַמע נישט פרעגן.

זי קאָן דאָך נישט, מינציע, אויסזאָגן דער מאַמען איר בראָך, אַז דאָדיע האָט פאַראַכטאָגן מחלל שבת געווען, פרייטיקצונאַכטס פארטאָג געפאָרן מיט דער באַן קיין קאָוולע צוצוזעען, ווי מע פירט איציקן מיטן קאָנוואָי... האָט זיך געפונען אַ צייט, ווען גאָט צו דערצערענען!...

דער פּראָצעס האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע און טיפע פאַראינטערעסירונג נישט נאָר אין טריסק, נאָר אויך ביי דער גאַנצער באַפעלקערונג אין קאָוולע. די געשענקטע וואַרעמקייט און זוניקייט פון די טעג האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט צו זיין אין דרויסן און נאָכקוקן פונעם טראָטואַר, ווי מע פירט די געמשפּטע מיט אַזאַ גרויסן „פּאַראַד" פון דער תפיסה איבער דער מאָנאָפּאָל־גאַס, מיצקעוויטש־גאַס און דער וואַרשעווער צום געריכט־הויז. דאָס ליכט פונעם אומגעווייגלעכן גאָלד־שימערנדיקן שפּעטהאַרבסט האָט באַשיינט דעם פּראָצעס מיט עפּעס אַזאַ מין אָרעאָל פון דערהויבענער פייערלעכקייט.

די צייט איז דעמלט געווען אין גאַנצן לאַנד, אין שטאָט און אין דאָרף, אַ קריזיסדיקע און צעוויייטיקטע, אַ ליידנדיקע פון אַרבעטלאָזיקייט און פאַראָרעמטקייט, אַ פּאָליטיש־אויפגערודערטע און יוירנדיקע. אין קאָוולער פּאָוויאַט און נאָך אין אייניקע פון וואָלין האָט מען זיך געגרייט צו צוגאָב־סיים־וואַלן. די ערשטע זענען דורך דער פּאַשיסטישער רעגירונג געפּסלט געוואָרן, כדי פּטור צו ווערן פון אַ ריי „אומגעוואונטשענע" דעפּוטאַטן, וואָס די ווילער פון די דאָזיקע פּאָוויאַטן האָבן געשיקט אין סיים. איז ערשט דאָ אָנגעגאַנגען אַ שטאַרקע אַגיטאַציע מצד די רעכטע פּאַרטייען און נאָך אַ שטאַרקערע, אַן אָפענע און געהיימע, מצד די לינקע פּאַרטייען. זיי האָבן געשאַפן אַן אַנטיפאַשיסטישן בלאָק, כדי ווידעראַמאָל אַריינ־צופירן אין סיים די געהעריקע דעפּוטאַטן: מענטשן איבערגעגעבענע דעם פּאָלק, מענטשן, וואָס זאָלן טאָג־איין, טאָג־אויס דעמאַסקירן די האַנדלונגען פון דער רעגירונג.

די רעגירונג האָט, פאַרשטענדלעך, קעגנגעווירקט דעם אַנטיפאַשיסטישן בלאָק מיט אַ שטרענגערישער און באַצווינגערישער האַנט. לסוף האָט זי פּשוט אויף אַ „געזעצלעכן" אופן געפּסלט זיין וואַל־ליסטע, און דערמיט אָפּגעשניטן פאַר די אמתע שליחים פונעם פאָלק דעם וועג צום סיים. מענטשן מיט קעפּ האָבן זיך קלאָר געמאַכט און געשמועסט, אַז דאָס דורכפירן דעם פּאָליטישן פּראָצעס גראָד איצט איז אויך איינס פון די מיטלען אָפּצושרעקן דעם ווילער. דער פּראָצעס האָט טאַקע וועמען אָפּגעשראָקן, אָבער וועמען — אַ באַווירקטער פון דער לינקער אויפ־

קלערונג און אַגיטאַציע — פאַרקערט, געשטאַרקט אין זיין ווילן אַסענגצושטעלן זיך דער מאַכט פון געוואַלט און אומרעכט.

...פאַרוואָס האָט די אויספאָרשונגס=מאַכט פאַרצויגן אין דער לאַנגער באַנק אַריין דאָס דורכפירן דעם פּראָצעס? ווייל קעגן אַ סך אַרעסטירטע האָט זי נישט קיין גענוגנדיקע באַווייזן, און מע וועט מוזן אַרויסלאָזן זיי פון די בלוטיקע נעגל אויף דער פריי. והא=ראיה: דער פּראָצעס גופא ווי ער פאַרציט זיך! דער פּראָקוראָר דזשעוולסקי וואַרפט זיך דאָך ווי אַ שלאַנג, וואָס מע האַלט אין איין אָנטרעטן אים אויפן וויידל. אָ, נישט קיין לייכטן ביסן האָט ער, דער פּראָקוראָר. נישט אַזוי לייכט בייסט מען איין די פאַרטיידיקונג פון אַזאַ אַדוואָקאַט, ווי דאָקטאָר לאַנדאַו, די פּראַגעס פונעם אַדוואָקאַט זאַיאָנץ (...ער איז שוין גראָד נישט קיין האָז, דער זאַיאָנץ... אויב ער איז נישט אַמאָל אַליין געכאַפּט אין דער ליבקער מעשה...) און די „חוצפּהדיקע" ענטפערס פון יענע באַשולדיקטע, וואָס האָבן שוין סיווי נישט וואָס אָנצוווערן.

...דער פויער וויל נישט לאָזן זיך פאַרוואַנדלען אין אַ שקלאַף און טראָגן דעם יאָך פון אַן אָקס, בעתן שלעפּן דעם אַקער. ער שטרעבט, פאַרקערט, אויסצורייבערן פון זיין ערד דעם פּוילישן גוטבאַזיצער און זיינע פּאָליצייאישע משרתים. ...אַזוי האָבן עס געטאָן ערשט נישט לאַנג צוריק אין קאָוולער פּאָוויאַט די דאָלצקער פּאַראָבקעס, און אַזוי קומט עס פאָר נאָך אָפטערער נישט אין איין פּאָוויאַט אין גאַליציע... עס רייכערט זיך און עס ברענט. און די מאַכט טופּעט מיט די פיס און מיינט, אַז זי וועט מיטן טופּען איינלעשן די שרפה.

אָבער די יידישע פּאַרטיי=קאָכלעפל, וואָס באַטראַכטן זיך פאַר באַוווסטזיניקע און באַרופן באַוווסטזיניק צו מאַכן דאָס אומבאַוווסטזיניקע פאָלק, האָבן אין זייערע פּאַרטיי=קלובן, אין די בתי=מדרשים און קלויזן געלאָזט הערן אַנדערע געדאַנקען:

— דאָס אַלץ איז אפשר ריכטיק... זאָל זיין אַפילו — טאַקע ריכטיק, — האָבן געטענהט די ציוניסטן מכל=המינים — אָבער וואָס פאַר אַ מחותנים דערצו זענען יידישע ייִנגלעך און מיידלעך?... ווער פאַרבעט זיי אויף דער פרעמדער חתונה?

— וואָס שטופּן זיי זיך מיט מסירת=נפש אין די תפיסות פאַר פרעמדע געשעפטן?

— ס'איז אַוודאי אַ רחמנות אויף זיי, נאָר ווער איז זיי שולדיק? זיי בריען זיך דאָך אָפּ מיט דער הייסער קאַשע, וואָס זיי האָבן אַליין פאַר זיך פאַרקאָכט.

— נישטאָ וואָס מיט זיי זיך צו צערעמאָניען!... און אַז זיי זענען יידן, איז וואָס?... איז נאָך ערגער פאַר זיי! מע דאַרף אויסראַמען דעם חמץ, נישט מיט קיין פלעדערוויש — מיט אַן אײַזערנעם אָנגעגליטן בעזעם...

„אַ וואָרט אין דעם ענין" האָט אויך גענומען דער באַרימטער קאַמינער רב, וועלכער האָט מיטן כוח פונעם היגן סטאַראָסטע מאַגס געקען די קאָוולער קהילה=

קדושה און געוואָרן, קעגן איר ווילן, דער קרויניגישער מרא־דאתרא. ער איז לויט אַן „אָנצוהערעניש“ פונעם סטאַראָסטע אַרויסגעטרעטן אין דער גרויסער שטאָ־טישער שול מיט אַ דרשה לכבוד די וואַלן. מיט בפירושע אייזערנע פסוקים און מימרות האָט ער דערוויזן, אַז יעדער ייד, וואָס טראָגט דעם צלם־אלוקים נישט נאָר אויפן פּנים, נאָר אויך אין הארצן, איז מחויב צו שטימען פאַר דער איינציק אמתער וואַל־ליסטע פון אונדזער רעגירונג, ירום־הודה, ווייל: „דינא דמלכותא דינא“ — די געזעצן פונעם מלכות זענען די געזעצן פון דער תורה, אָדער, ווי עס זאָגט עס דער דייטש אויף יידיש: „באַפעל איז באַפעל!“... ווייל עס שטייט גע־שריבן: „הוה מתפלל בשלומה של מלכות“ — זיי מתפלל פאַרן פרידן פונעם מלכות...

און דערד־אַגב האָט ער אויך „גענומען שטעלונג צום ענין פון דעם פּראָצעס, וואָס „טאָטשעט זיך“ * ביי אונדז אין שטאָט“:

— זיי, די יידישע ווילע יונגען און מיידן, וואָס דער קרויניגישער פּראָקוראָר, פאַן דזשעוווולסקי, האָט זיי אָוועקגעזעצט אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק, מיינט עס דער פּסוק אין שיר־השירים: „כרמי שלי לא נטרתי“ — מיין אייגענעם וויינ־גאָרטן — די תורה און דאָס יידישקייט — האָב איך נישט אָפּגעהיט... זיי טאַקע זענען עס די „שועלים קטנים מחבלים כרמים“ — די קליינע פיקסלעך, וואָס מאַכן אַ תל פון די וויינגערטנער, וואָס גייען האַנט ביי האַנט מיט יענע, וועלכע ציגדן אונטער דאָס האָב און גוטס פון זייערע הארן, די פּריצים און מושלים... זיי, די קליינע, נישטיקע פיקסלעך, זענען „חכמים בעיניהם“ — האַלטן זיך אַליין פאַר די קלוגעטשקע, משטיינסגעזאָגט... קלוגער פון אונדז, זייערע זיידעס און טאַטעס מיט בערד... אָבער אַז סע יאָגט זיי אָן דער „איש־ציד“ — דער יעגער מיט דער ביקס, דער פּראָקוראָר פאַן דזשעוווולסקי, איז „אנה מפניך אברח“ — וווהין וועלן זיי פון די קוילן פון זיין ביקס אַנטרינען?... טאַקע נאָר אבינו־שבשמים קאָן זיי העלפן... אָבער מיר קאָנען דאָך ביי אים אַפילו נישט בעטן פאַר זיי. ווייל מיר זענען פאַרנומען — ווי מיר האָבן שוין פריער געזאָגט — מיטן מתפלל זיין פאַרן שלום פונעם מלכות... און אַז סע וועט זיין שלום ביים מלכות, וועט שוין ממילא, מיטן אייבערשטנס הילף, אויך זיין שלום על ישראל... ונאמר אמן!

* פון פויליש: וואָס ווערט געפירט

קאַפּיטל צוויי און אַכציק

אינעם לעצטן טאָג פון פּראָצעס

פרייטיק, דעם לעצטן טאָג פון חודש אָקטאָבער, האָט דאָדיע אַ זאָג געטאָן צו אסתרן:

— פּאָרסט באַלד מיטן באַן קיין קאָוולע. מאָרגן איז דער לעצטער טאָג פונעם פּראָצעס. זע, דו זאָלסט שטיין וואָס נעענטער ביים וועג, אַז איציק זאָל דיך דערזעען...

אסתר האָט זיך דערמיט שטאַרק דערפרייט, כאָטש ס'איז איר איינציייטיק אַ שאָד געווען: דער בעסטער אָוונט מיט שמועסן איז דאָך פרייטיקצונאַכטס, פאַרן מאָרגנדיקן פרייען טאָג. און ער וועט נישט פאַרשטיין, שמעון, וואָס ס'איז מיט איר פּלוצעם געשען.

— און דו, טאַטע? טאָמער, חלילה...? — האָט זי אַ פרעג געטאָן, די רעשט שוין דערטראַכטנדיק: טאָמער, חלילה, ווערט איציק פאַרמשפּט?

— איכל זיין מאָרגן גאַנצפרי, ווי פאַראַכטאָגן.

— ווידער?... האָט זיך דאָס פרעגנדיקע וואָרט מיט אַ דערשראָקענעם פאַראיבלדיקן טאָן אַרויסגעכאַפּט פון מינציעס מויל, ווי אַ זיפץ, און די רעשט פון דער פראַגע איז שטעקנגעבליבן שרעקעוודיק אין געדאַנק: ווידער פאָרן אום שבת? מחלל שבת זיין?

— ווי־דער... — האָט דאָדיע א וואָרטשע געטאָן צולהכעיסדיק עמעצן, און זיין פּנים איז חושכער געוואָרן — לאָזן הייגט די קוזניע אויף הפקר איז אַ גרעסערע עבירה... צוליב מיין פאָרן היינט ביינאַכט וועט פון גאָטס באָרד קיין איין ווייסע האָר נישט געמינערט ווערן.

מינציע האָט אונטערטעניק און רעזיגנירט אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און פאַרקוועטשט די ליפּן מיט די פינגער, ווי א שליסל אויף זיי אויפגעהאָנגען. ערשט ווען ער איז ארויס, האָט זי אָפּגעזיפצט אויף א קול:

— אוי־וי!... אַ מענטש האָט אויפגעהערט זיך בייזערן אויפן ווייב, בייזערט ער זיך נאָר אויף גאָט אַליין. איציקל זאָל נאָר צוליב זיין עבירה נישט ווערן דאָס כּפּרה־הינדל...

אויף מאָרגן, שבת אינדערפרי, האָט זיך דאַדיע, אַן אָפּגעדראָזשעטער און עפּעס וואָס איבערגעבאָפּט, א שווייגנדיקער און ערנסטער, אין דער שבתדיקער פּאַלטע, געלאָזט פון זיין זונס שטוב אין קאַוולע אויפן „באַמבע"־געסל, באַגלייט פון ביידע זייטן פון אהרונען און אסתרן, צו דער תפילה. די זון האָט וואַרעם און לייטזעליק אָראָפּגעקוקט פונעם קילן לויטערן הימל, כאָטש אין דער לופט האָבן זיך געשושקעט קיל־פייכטע ווינטעלעך: ס'איז שוין שפּעטער אָסיען, שפּעטער אָסיען... די ברייטע וואַרשעווער גאַס, מיט די רייען צוגעשלאָסענע קראָמען פון ביידע זייטן, מיט די גאַרישע שילדן, וואָס רעדן איצט גלאַט אין דער וועלט אריין, איז געווען שבתדיק אויפגערוימט און דערוואַרטנדיק — ווי אויפן אויסגאַנג פונעם פּראַצעס היינט. דאָ און דאָרט איז געגאַנגען א שבתדיקער, באָרדיקער ייד מיטן טלית אונטערן אָרעם. דאָ און דאָרט זענען געשטאַנען שבתדיק פּאַרפּוצטע שמועסנדיקע רעדלעך. פּאָר־לעכווייז און דרייליגגווייז האָבן געשפּאַצירט יונגטלעכע און יונגוואַרג. אין דער זעלבער ריכטונג וואָס זיי. כּלומרשט שפּאַצירן זיי זיך, אָבער אינדערמאַמתן לאָזן זיי זיך אויך אַהין, צו דער תפילה.

די פּריסיקס האָבן פּאַרקערעוועט אין דער מיצקעוויטש־גאַס. די נאַקעטע קעפּ פון די יונגינקע קאַשטאַן־ביימלעך פון ביידע זייטן ברוק זענען דורכגעלויכטן פון דער זון. די ווייניק פּאַרבליבענע, פּאַרגעלט־ברוינע בלעטער אויף זייערע ליסינעס איז שוין איבערצוציילן. דערפאַר זענען דאָ אויף די טראָטואַרן פון ביידע זייטן געדיכט די שפּאַצירנדיקע פּאָרלעך. נישט ווייט פונדאַנען צו גיין הייבט זיך אָן די מאָנאָפּאָל־גאַס, וואָס פירט צום גרויסן פּוסטן תפילה־פּלאַץ. אַוועקצושפּאַצירן אהין גלייך איילט מען זיך נישט, ווייל אין דער צייט איז דאָרט טאָג־טעגלעך פול מיט פּאָליציי־פּאַטרולן, פּוסגייער און רייטער. מע האָט זיי ליב פונדערווייטן, כאָטש גראָד לעצטנס פּאַרטשעפּען זיי קיינעם נישט. זייערע פּנימער זענען ערנסט־שווייגנ־דיקע, אָבער נישט קיין בייזע, ווי ס'וואָלט אייגנטלעך געווען צו דערוואַרטן.

— זיי האָבן געמוזט אזא באַפעל באַקומען, — האָט מען געשמועסט צווישן די שפּאַצירנדיקע — זיך אויפצופירן איידל־פיין, העפלעך. אדרבה, זאָל זען די באַפעלקערונג, ווי די מאַכט באַציט זיך צום פּאָלק... שטימט זשע, זשידקעס און כאַמעס, פאַר דער רעגירונגס־ליסטע!

זענען ווידער געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געשמועסט פאַרקערט:

— אפשר איז טאַקע אינדערמאַמתן אַנדערש געוואָרן. מע האַלט אין איין שמועסן, אַז מע האָט די ארעסטירטע שרעקלעך געקאַטעוועט אויף דער אויספאָר־שונג. און איצט פירט מען זיי דאַך יעדן טאָג צום געריכט, אהין און צוריק, מיט פרייע הענט — אָן קייטעלעך...

דאָדיע מיטן זון און דער טאָכטער האָבן פאַרקערעוועט אין דער מאָנאָפּאָלנאָס. אָפּגעגאַנגען א שטיקל וועג — זע נאָר! פון א זייטיק געסל קומט אָן זייער שכנה פעסיע חווה, פאַרהילט אין איר שאַל, ווי א שאָטן. איר פּנים איז אַזוי חושך, אַז ס׳זע זעט אויס — די אויגן זענען איר אויסגעלאָשן און זעען שוין נישט אפילו קיין הײמישן מענטשן. זי גייט פאַרביי. ערשט אסתרס רוף שטעלט זי אָפּ. זיי בלייבן שטיין אין שאָטן פון א הויז, לעבן געפאַרבטע שטאַכעטן, הינטער וועלכע נאַקעטע קוסטעס באַווייזן זייער סקעלעט — א נעץ פון מאָגערע ריטלעך. בלאָנדזשענדיק מיט די בליקן אין דער דאָזיקער טויטער נעץ, פאַרטוישן זיי צווישן זיך עטלעכע ווערטער. מער לאָזט זיך עפּעס נישט רעדן. הייבן זיי אַרויס די בליקן און טוען מיט זיי א זוך אינעם אַרום. דער תפיסה־פּלאַץ איז נאָך פאַרשטעלט פאַר זיי. ס׳זע זעט זיך שוין אָבער אַרויס דער זשאַווערנדיקער דאַך פון דער הויכער תפיסה און אונטער אים א פּאַסיקל גרויע וואַנט מיט לענגלעכע און שמאָלע פאַרקראַטעװעטע פענצטערלעך... אין דעם מאָמענט קוקן אפשר אַרויס פון דאָרטן זייערע קינדער.

— וואָס איז דאָס? — האָט דאָדיע אָנגעשטעלט א פרעגנדיקן בליק אויף אהרונען.

ס׳האָט זיך פון יענער זייט געלאָזט הערן א שלאַבעריק הירזשען פון פּויערישע פערדלעך, אַ בענקענדיק מרוקען פון קי, א גרילצענדיק קוויטשען פון חזירים, און פון הינטער די דאָזיקע קולות — א טויבלעך גערויש פון מענטשלעך גערייד און טומלענדיקע געשרייען.

— ס׳איז דאָרט, אויפן תפיסה־פּלאַץ טאַקע, דער יאריד, — האָט אהרון אַ וואָרטשע געטאָן.

— אַ יאריד אום שבת, ווען די יידישע קראָמען זענען געשלאָסן? — האָט דאָדיע ווי אַ טענה צום זון.

— טאַקע נאָר אום שבת, טאַטע, — ענטפערט אהרון מיט פאַרדרוס אין טאָן אויף עמעצן — אויף צולהכעיס די יידן... כאָטש נעם שטעל זיך אַוועק אין קוזניע אַרבעטן אום שבת... אונדזער סטאַראָסטע איז אַן אַנטיסעמיט... כאָטש אונדזער קאַמינער רב איז מיט אים איין קנעפּל.

— וואָס זשע שטייט איר? — האָט זיי א שטויס געטאָן א שטים הינטער די פּלייצעס — מע וועט זיי דאָך שוין אינגיכן אַרויספירן.

ס׳איז געווען דער שנעל אָנגעקומענער סראָלקע בינהאָרן. ער איז שטייענגעבליבן, האָט אויפגעהויבן די פאַרקוועטשטע דלאָניע מיטן טאַביקפּושקעלע צו דער נאָז, א צי געטאָן דערפון מיט די נאָזלעכלעך — איינס, צוויי, און מיט די גרויע אויגן, אויפגעוועקטע און פייכטע צוליב דער אַרייגעטאָמטער ביטערער שאַרפקייט, שאַרף אַרייגעקוקט דאָדיען אונטערן אַראָפּגערוקטן דאַשעק:

— כ'האָ' נעכטן נאָכאַמאָל גערעדט מיטן גרויסן אדוואָקאַט. מנא... ער איז פרום געוואָרן: „גאָט קאָן העלפן, האָט ער געזאָגט, און אן אדוואָקאַט איז אפילו נישט קיין מלאך...". הערסט, קלער איך זיך, ווען די זאָלסט זיין א מלאך, וואָלסטו דאָך ביי מיר און דאָדיע קאַוואַל אזויפיל געלט נישט געווען גענומען...

— און וואָס 'עט זיין מיט מ יי ז קינד? — האָט פעסיע חווה אויסגעזיפצט די פראַגע. די ווערטער — אויסגעהווילטע, אויסגעלאָשענע, ווי אירע אויגן.

— אין הימל האָבן מיר אלע דעם אייגענעם מליץ־יושר, — האָט איר סראָלקע נישט געגרן צוגעוואָרפן דעם ענטפער, ווי א ביין, און זיך א שאר אוועקגעטאָן מיט א פארדראָסיק פיינטלעכן געדאנק: מ'האָט פון קהל געבעטן איר בחור מיטן שקראַפעליטשנעם פרצוף צו גיין איבערמאכן די וועלט!... אזעלכע שטופן זיך אויך זאָגן א דעה אין וועלט־זאכן!...

זיי זענען אים שווייגנדיק נאָכגעגאנגען און ארויסגעקומען צום תפיסה־פלאַץ. ווי גרויס ער איז, איז ער באַשטעלט מיט דארע פויערישע פערדלעך און וועגענער, וואָס שטאַרצן מיט די דישעלעס אינדערלופטן, מיט מרוקענדיקע קי און כריוקענדיקע חזירים, מיט געבונדענע שרייענדיקע עופות, און צווישן דעם אַלץ — אוקראַאינישע פויערים און פּאָליעשוקעס, מיט האָריק־שטעכיקע פנימער, און פויערטעס, מיט יארידישער הייסער צעטומלטקייט אין די אויגן.

— אָווא! א היפשער יאריד היינט, — מרוטשעט אהרון, ווי געטראכט אויפן קול — א גרעסערער ווי שטענדיק... ווי אויך זיך געשטעלט אויפן פּראָצעס.

אינמיטן דעם פּלאַץ, ווי מע וואָלט אים „פּארקעמט א שרונט", ציט זיך אן אָפּגערוימטער, שטויביקער, גרויער שליאך ביז צום ברוין־רויטן טויער פון דער תפיסה. דער שליאך איז לענגוים באַשטעלט מיט באוואָפנטע פּאָליציאנטן. גרופּקעס רייטער־פּאָליציי מעסטן אים מיט די פאַמעלעכע שפרייזן פון זייערע פערד. זיי שפּאַצירן איבער אים צירלער־מאַנירלעך, ווי בלויז זיך צו באַווייזן, פּאַראַדירן. דער שטאָלץ פון יעדן רייטערס פנים און פיגור גיסט זיך צוזאַמען מיטן שטאָלץ פונעם קאָפּ און שלאַנקן באַגריוועטן האלדז פון זיין פערד און פארוואנדלט זיי אין איין באַשעפעניש — מענטש־פערד, אָדער פערד־מענטש.

די ציווילע שטאָטישע, די דרייסטערע, וואָס קומען צו אפילו אהער, מיידן אוים דעם שליאך, ווי דער שטויב אויף אים וואָלט געווען קרעץ. ווער ס'וויל זיך דערשלאָגן נעענטער, שלייכט זיך אריין צווישן די פורן. דאָ פילט מען זיך זיכערער און היימישער. אויך די טריסקער לייט האָבן זיך אזוי דורכגעשלאָגן און אָפּגעשטעלט האלבוועגס פון דער תפיסה. אָפּווארטנדיק, האָבן זייערע בליקן ארומגעבלאָנדזשעט, דאָ — איבער די רויטבאקיקע, פולקארקיקע און ברייטפלייציקע מוידירטע, דאָ — אויפן תפיסה־טויער, א מרה־שחורהדיקער, ווי געפארבט מיט בלוט, וואָס איז אויף אים פארגליווערט געוואָרן.

סראָלקע בינהאָרן איז שוין דאָ לעבן זיי נישט געווען. ווי אָנשטאָט אים, איז איצט לעבן זיי געשטאַנען א צווייטער טאַטע פון אן ארעסטירטן — באַסקל קצב, באַסקל וועמפּל, וואָס רעדן, ס׳הייסט בייזערן זיך, פּלעגט ער בלויז אין יאַטקע, בעת אויסהאַקן פלייש פאר באַלעבאָסטעס מיט פּאררייסענע נעז; אין פארטועגקייט האָבן זיי גאָרנישט באַמערקט, ווי ער איז צוגעקומען.

וואָס העכער די זון האָט זיך אויפגעהויבן אין הימל איבערן פּלאַץ, אַלץ מער שטאָטישע, מיינסטנס יוגנטלעכע, האָבן זיך אַריינבאַקומען צווישן די פורן. זייער שבתדיקע פאַרפוצטקייט האָט זיך אויסטערליש ארויסגעטיילט אויפן פאָן פון דער יארידישער וואָכעדיקייט. זיי האָבן פאַרנומען ערטער ביים ראַנד פונעם שליאַך... ווען זשע וועט מען זיי שוין ענדלעך אַרויספירן? און דערווייל האָט דער יאַריד גע־יאַרידעוועט, געטומלט, ווי ער וואָלט די טויטע תפיסה מיט איר לעבעדיקע באַוואָפנטע שומרים אפילו אין דער לינקער טשופּריגע נישט האָבן.

נאָר אָט איז פארן טויער פון דער תפיסה געוואָרן אַ באַוועגונג. ס׳האָבן זיך דאָרט אויסגעפאָרמירט עטלעכע רייען רייטער־פּאָליציאַנטן. דער טויער האָט צעעפנט זיינע צוויי העלפטן, ווי צוויי פינצטערע פליגל פון א פויגל־געשפּענסט, און ס׳האָבן פון דער תפיסה־פינצטערניש ארויסגעשפּאַנט די געמשפּטע. פאָרוויין מיט פרייע הענט. יעדע פּאָר געקאָנוואָירט פון צוויי פּאָליציאַנטן, צו איינעם פון יעדנס זייט. אין א געווויסן אָפּשטאַנד פון דעם לעצטן פירלינג רייטן ווידער רייען פּאָליציאַנטן. צו אזא שמירה זענען שוין טאָקע איבעריק קייטעלעך.

די געמשפּטע גייען מיט א שלאָבעריקן אָבער רואיקן טראָט, די קעפּ אויפגע־הויבן, מיט געשלאָסענע אומבאַוועגלעכע ליפּן. נאָר זייערע אויגן, צעעפנטע און דורשטיקע, נישטערן צווישן די שטייענדיקע מענטשן פון ביידע זייטן: אפשר אן אייגענער?... א היימישער באַטש?...

זיי גייען. גייען. גייען.

די טריסקער לייט לאָזן דורך פאר זייערע זוכנדיקע בליקן א פּאָר נאָך א פּאָר.

— אוי! — טוט פּעסיע חווה א קרעכץ, א שטרעק טוענדיק זיך פאָרויס — מיין קינד!... נחום... מיין נחום... שוואַרץ... חושך... דער טאַטען זאָל זיין פאר דיר... מיט בנימינען, מיט בנימין פּעלץ גייט ער...

— טאַטע! — טוט אסתר א צי דעם טאַטן האסטיק פאר דער האנט — דאָרט איז אונדזער איציק!... זעסט?... ער גייט מיט טאראַם טאראשקיעוויטשן... זעסט?... ער האָט אונדז אויך דערזען... ער שמייכלט...

דאָדיעס בליק האָט זיך פארטשעפּעט מיט איציקס. יאָ, ער שמייכלט, איציק... און ער — קאָן נישט צוריקשמייכלען... אים, דעם טאַטן, וואַרגט עפּעס אין האלדז. ווי א פּאָר צונויפגעזאַמלטע, אויסבאַהאַלטענע טרערן וואָלטן דאָרט פאַרגליווערט געוואָרן אין א האָגל־קייקעלע, נישט ארויסצוקוועטשן, נישט אראָפּצושלינגען...

און פּלוצעם —

צענטליקער הענט האָבן זיך, ווי אויף אַ צייכן פון אַן אומגעזעענעם דיריזשאָר־שטעקעלע, אַ הייב געטאָן איבער די קעפּ פון די געפּירטע מיט ווייסע פּעקעלעך אין די דלאָניעס. די דלאָניעס האָבן אַ שוווּנג געטאָן אין דער לופט, ווי צום אָוועקפליִען, און איבערן יאַריד זענען זיך, ווי מחנהלעך לייכטע פייגל, צעפלויגן פּאַפּירלעך, פּאַפּירלעך... שטאָטישע צוקוקער און פּויערים האָבן געטאָן אַ שטרעק אויס צו זיי הענט מיט פּאַנגענדיקע פינגער... פּעסיע חווה האָט געטאָן אַ כאַפּ איינס אין פלי און אַ פאַרשטעקט עס, ווי אַ מציאה, אין טרוקענעם בוזעם... די פּאָליציאַנטן זענען צעמישטע געבליבן הינטערשטעליק זייערע פּאָרלעך. נאָר באַלד האָט זיך דער הערט אַ קורצער באַפעל. זיי האָבן האַסטיק אַרויסגעכאַפּט עפּעס פון די מונדירן־קעשענעס, זיך אַ וואָרף געטאָן צו די פּאָרלעך מיט קייטעלעך אין די פינגער און גענומען צושליסן די געפּירטע האַנט צו האַנט, אַ רעכטע צו אַ לינקע, אַ לינקע צו אַ רעכטע...

ביי די צוקוקער איז פאַרשפּאַרט געוואָרן דער אָטעם. מ'איז געווען אַזוי פאַר־כאַפּט און פאַרשלונגען פונעם געשעעניש, אַז ס'האָט זיך געדאַכט: דער גאַנצער יאַריד — די פערד, בהמות, חזירים, עופות — אַלץ איז אַנטשטומט געוואָרן. מ'האָט געגאַפט מיט צעשראָקענע פּנימער און אָנגעצונדענע אויגן: וואָס וועט זיין ווייטער?...

— „נאַפּשוד"*! — האָט פון אַ פערד אַראָפּ אַ רייטשע געטאָן אַ פּאָליציי־אָפיצער מיט בלוטיקער רציחה.

און ווידער איז געשען אַן אויסערגעוויינטלעכע זאַך, ווידער ווי אויף אַן אומגע־זעענער באַוועגונג פון אַן אומגעזעען דיריזשאָר־שטעקעלע:

אַלע צוזאַמענגעקייטלטע פּאָרלעך האָבן זיך געטאָן אַ זעץ אַנידער אויפן גרויען שטויב פונעם שליאַך, און ס'טוט זיך אַ הייב אַ צאָרנדיקע שטים אויף אוקראַיניש, ווי פון אַ מענטשן, וואָס איז אויף דער העלפט באַגראָבן אין דער ערד:

— מענטשן! ברידער אוקראַינער און יידן! מיר פּראָטעסטירן קעגן די קייטעלעך!

— כ'דערקאָן דאָס קול, — טוט אסתר הייס אַ סאַפּע — ס'איז דער לערער טאַראַס טאַראַשקיעוויטש. אָט זיצט דאָרט לעבן אים צוגעקאָוועט אונדזער איציק.

— „נאַפּשוד"! — האָט ווידער אַ פּאָליצייאישע יאַפּע דראָענדיק אַ רייטשע געטאָן.

אָבער טאַראַס טאַראַשקיעוויטש רייסט אים איבער מיט אַזאַ קול, ווי דורך אים וואָלט אַ הילך געטאָן אַלע אין די קייטעלעך געשמידטע פּאַראַמאָל:

— זאָלן מענטשן זעען!... מיט די קייטעלעך אויף די הענט — וועט זיך קיין איינער פון אונדז פון אָרט ניט רירן!

---

* פּאָרוים

דערויף האָבן די פּאָליציאַנטן גענומען האַקן מיט די קאָלבעס, מיט רציחה און רציחהדיקן גערימש, אין די זיצנדיקע צוזאַמענגעשמידטע פּאָרלעך, וואָס יעדער איינער פון זיי האָט בלויז איין פרייע האַנט צו באַשיצן די געפּערלעכסטע ערטער פון זיין באַדראָטן הפקרדיקן קערפּער. די געמימיתטע האָבן מאַקע פאַרשטעלט מיט זיי די קעפּ, די פּנימער און פון הינטער זיי אַרויס געענטפערט מיט הילפלאָזע גרויזאַמע קולות. ניט בלויז בעל-מכאוב און מאַטערניש, נאָר אויך רוגז און פאַרדראָס, ווי אין אַ פאַרברענטער האַלדז.

בערך אַ זייגער שפּעטער האָט זיך מיין קרבן אויפגעהויבן פון דער ערד — גאַנץ אין בלוט, די הויזן צעריסן, דאָס העמד צעפיצלט. אַ בחור ניט גרעסער פון אַ צוואַנציק יאָר, און אויף זיין פּנים איז געלעגן אַ ביסל פון דעם שטילן שרעק...

וואָס האָט ער געזען? אַפשר די גרויסע בהמה, וואָס איז אַוועקגעלאָפן פון שחיטה-הויז, און איז דורך אַ לאַנגן אומשטאַנד אַרויס פון איר צוליב ערגעץ אין אַ פעלד, בין אויסגעמאַטערט, און זיך פאַרשטעלט אין אַ ווינקל...

— ניט שלאָגן!... ניט שלאָ-גן!... ניט שלאָ-גן!...

ביי די ראַנדן פונעם שליאַך האָט זיך פונעם יאַריד אַרויס, פון דאָ און דאָרט, דערהערט אַ יאָמער-געשריי, אַ דערשראָקענער קרעכץ פון אַ מאַמען אָדער אַ שוועסטער. אסתר פּריסיק האָט דערזען אַ קאָלבע איבער איציקס קאָפּ, און אַ ווילדער קווימש האָט זיך פון איר קעל אַרויס אַריינגעשניטן אין דער צעפּיי-ניקטער לופט. פעסיע חווהן האָט זיך אויך ענלעכס געדאַכט. זי האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און געפאַלן חלשות אויף די אונטערכאַפּנדיקע הענט פון אַ פּויער.

באַלד האָבן אויך אייניקע פונעם יאַריד — טאַטעס און ברידער פון די אַרעסטירטע — אָנגעהויבן שרייען, צאָרנדיק-פּראָטעסטירנדיק:

— קאַטעס! ניט שלאָגן!... ניט שלאָגן, קאַטעס! קאַטעס! קאַטעס!...

די קולות האָבן זיך פון מינוט צו מינוט פאַרמערט, געהעכערט, געדיכטער געוואָרן, ביז לסוף האָט זיך אַ ריס געטאָן איבערן יאַריד צום הימל אַ באַפעל-געשריי פון אַ גאַנץ פאָלק:

— ניט שלאָגן!... ניט שלאָגן!... ניט שלאָגן!...

ערשט האָט זיך געדאַכט: סע שרייט דער גאַנצער יאַריד, יעדער אויף זיין קול, זיין שפּראַך און שטייגער — די פערד, בהמות, חזירים, עופות, דער גאַנצער יאַריד-טומל — קעגן דעם רציחהדיקן אַקט, וואָס ווערט דאָ באַגאַנגען אין מיטן העלן טאָג קעגן אומבאַשיצטע ערלעכע מענטשן. דאָ און דאָרט איז אַ פּויער אַרויף אויף אַ וואָגן, שטאַרצנדיק צווישן די אויפגעשטעלטע דישעלעס, וואָס קאָנען זיך פאַרוואַנדלען אין קאַלט געווער, מיט אַ פאַררִיסענעם קאָפּ און ווייט-צעעפנט שרייענדיק מויל, כדי זיין שטים זאָל וואָס העכער און ווייטער דערגרייכן...

ראַפּטעם האָבן די פּאָליציאַנטן זיך פאַרלוירן און אַראָפּגעלאָזט די באַוואָפנ-טע הענט. די צעממיתטע אַרעסטירטע האָבן מיטאַמאָל איבערגעריסן די געשרייען. די פּאָליציאַנטן זענען געשטאַנען איבער זיי ווי פאַרשפּילטע.

די פּריסיקס האָבן ווידער דערזען זייער איציקן. אַ זיצנדיקער קוקט ער אַרויף צו זיי. אויף זיין צעקרימטן פּנים, פון ווייטיק אוודאי, בלאַסט ווידער אַ שמייכעלע... פעסיע חווה, אַן אָפּגעמינטערטע, איז געזעסן אויף אַ וואָגן און, אָנגעשפּאַרט מיט ביידע הענט אויף זיין לייטער, געגלאָצט מיט די אויגן. ס'האָבן זיך פאַר זיי גע-דרייט און געשווינדלט רעגנבויגנס, און פונעם פּילקאָלירן שווינדלעניש אַרויס

האָט אלעמאָל זיך ארויסגעטוקט איר נחומס פנים — א בלאַס־געל־בלוים, ווי דאָס פנים פון איר מאַן בעת זיין גסיסה... אָבער זיינע אויגן זענען לעבעדיקע, גלאַנצן ארום פייכטע, גרויסע און פיבערדיקע... זי האָט אלע ווייל א טאפּ געטאָן זיך ביים הארצן. צי ווייל עס האָט איר ווי געטאָן, צי ווייל לעבן דעם איז געלעגן דאָס פּאפּירל, וואָס איז אפשר געוואָרפן געוואָרן פון איר נחומלס האנט...

צוויי דריטער־פּאָליציאַנטן האָבן אוועקגעלאָפירט צו דער מיצקעוויטש־גאַס. מסתם, נאָך א פאראָרדענונג פון דער העכערער מאכט... וואָס וועט דאָ ווייטער זיין? עס קאָן דאָ ווערן היים... מיט וואָס וועט זיך עס פארענדיקן? אָבער קיינער אויפן יאריד רירט זיך נישט פון אָרט אָפּצוציען פון דעם אָרט פון סכנה. עס האלט זיי א געשפּאנטע דערוואַרטונג, ווי צווישן צוויי שלאַכטן, איינע א שוין פאָרגעקו־מענע און געווונענע און א צווייטע, וואָס דאַרף ערשט קומען. פאַרקערט, דאָ און דאָרט צים ארום דערווייל, דאָ איינער, דאָ א צווייטער, א געכאַפּטן אויפרוף און — ווער סע לייענט אים מיט די אויגן בלויז פאר זיך, ווער — שעפּטשענדיק, אָבער אזוי, אז אַ דערלעבנשטייענדיקער זאָל אויך הערן:

„...ארבעטער און פויערים! דאָס פּסלענען די אנטיפאשיסטישע וואַל־ליסטע, דער ווילדער טעראָר און די ארעסטן וועלן נישט אָפּשרעקן די ארבעטנ־דיקע מאסן... דאָס אָפּגעבן די שטים פארן אנטיפאשיסטישע לאַגער — דאָס איז א דעמאָנסטראַציע... פאר א רעוואָלוציאָנערער לייזונג פונעם איצטיקן קריזיס... קעגן די צוגרייטונגען פון א מלחמה קעגן ראַטנפארבאנד...“

„...דעם 16טן און 23טן ליסטאָפּאַד זאָל קיינער פון אייך נישט פעלן ביי דער וואַל־אורנע... זאָל לעבן אַן ארבעטער־ און פויערים־רעגירונג!“...

„...חברים!... פּאשיסטישע באנדעס וועלן זיך באַמיען צו טעראָריזירן די פּראָלעטאַרישע ווילער. שטעלט זיך אין זייער שוץ, ברידערט זיך מיטן רעוואָ־לוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט... נידער מיטן פאשיזם!... זאָל לעבן די קאָמו־ניסטישע פּארטיי פון מערב־אוקראַינע!...“

ביסלעכווייז האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען פרישע פּאָליציי־גרופּקעס שוין נישט נאָר אהער אויפן שליאַך, נאָר אויך הינטער דעם יאריד, וועלכער איז לסוף געשטאַנען ארומגערינגלט מיט א דראָענדיקער קייט באוואָפנטע. ווער ס'האָט געהאט א פּראָ־קלאַמאַציע — אָדער ער האָט זי פארשטופּט ערגעץ טיפער אין פּאזוכע צי אין היי פון וואָגן, אָדער געלאָזט זי פאלן צווישן די רעדער.

ערשט אין א האלבער שעה ארום זענען צום אָרט פון די „שטרייקנדיקע ארעסטירטע“, וועלכע זיצן נאָך אַלץ אויף דרערד, צוגעפאָרן פיר גרויסע פאר־מאַכטע לאסט־אויטאָס, באזעצטע מיט פּאָליציאַנטן. ערגעץ האָט זיך צעקנאַלט אַ וואָרנדיקער, אָפּשרעקנדיקער זאַלפּ... די פּאָליציאַנטן, אראָפּגעשפּרונגען, האָבן זיך א וואָרף געטאָן אויף די זיצנדיקע. נישט געשלאָגן זיי, נאָר אויף כוח, צוויי אויף איינעם, ארויפגעשלעפּט אויף די אויטאָס. די „שטרייקערס“ האָבן זיך נישט

געלאָזט, אָבער קיין קולות און געוואַלדן מער נישט געמאַכט. זיי האָבן אפּנים גע־האַלטן, אַז זיי האָבן שוין זייערס דערגרייכט. אָנגעפּאַקטע און פאַרמאַכטע, האָבן זיך די מאַשינעס אַ לאָז געטאָן מיט אומפּעט פאָרויס, די רייט־פּאָליציי נאָך זיי, און געלאָזט הינטער זיך שטויב, פּוסטקייט און נישט געשטילטן צאָרן.

ערשט איצט, ווען דאָס געפאַר איז שוין אייגנטלעך געווען אַריבער, האָבן אַ סך פּויערים גענומען אײַליק און בייז, וואָרטשענדיק און שעלטנדיק, שפּאַנען די פערד־לעך אַהיימצופאָרן. אַ פאַרשטערטער יאַריד.

— אַז פאַרשטערט ווערן זאָל דאָס לעבן פון די שונאים פונעם פאָלק!...

* * *

זונטיק פאַרטאָג זענען די טריסקער לייט אַהיימגעפאָרן מיט דער באַן. זענען געזעסן אין איין קופּע, ווי זיך געטוליעט איינער צום אַנדערן, פאַרחושכטע און דערשלאָגענע, ווייל — אָן די קינדער. איציק פּריסיק, מיישקע בינהאָרן, נחום וואָלף און שלוימקע וועמפּל זענען פאַרמשפּט געוואָרן אויף פיר יאָר תפיסה; לייזער שאַפּיר פון דער מאָנאַסטירער גאַס און יאַנקל ראַבינטשיק, דער באָלבלער — אויף פינף יאָר.

איינצייטיק מיטן טראַסקעניש פונעם לויפנדיקן צוג האָט אויף זיי אַלע גע־הויערט אַ שווער שווייגעניש. אסתר, מיטן קאָפּ אויפן טישעלע ביים פענצטער, האָט עטלעכע מאָל, נישט אויסהאַלטנדיק דעם דרוק פונעם שווייגן, געלאָזט הערן אַן איינגעהאַלטן העשען, און דעמלט האָט איר דער שאָטן פּעסיע חווה גענומען גלעטן איבערן קאָפּ און געשעפּטשעט מיט אַ שטים פון הוילן אָטעם:

— קינד... דו האָסט נישט וואָס צו וויינען... ביסט נאָך אַ יונגט... די עטלעכע יאָר וועלן אַריבער... איך, זעסטו... ווער ווייסט, צי איך וועל דערלעבן...

איין סראָלקע בינהאָרן, וועלכער האָט זיך אָן אויפהער געמינטערט מיט זיין שמעקטאַביק, דאָס מאָל אַ באַקראָפּליעטער מיט חלשות־טראָפּנס, ווי אום יום־כיפּור, האָט פון צייט צו צייט אַרייַנגערעדט אין דאָדיען:

— ווען נישט דאָס היינטיקע מטורפע לאָבוזערייַ זייערס מיטן אויפרוף, וואָלט אפשר מיינער און דיינער, און אפשר נאָך אַנדערע אויך, געווען אַרויס געבשרט... מ'האָט זיך געשושקעט אין שטאָט, אַז דעם אויפרוף האָט זיי אויף אַ זעונג אָפּגע־שמעקט דער אַדוואָקאַט זאַיאָנץ... גיי פאַרשטיי! אַ מענטש מיט „פּאַטשאָט", אַן אַדוואָקאַט, און שעמט זיך נישט צו פאַרנעמען זיך מיט אַזעלכענע יינגלשע מעשות. שוין אָ'גערעדט, וואָס דאָס הייסט — געשטעקט אַ געזונטן קאָפּ אַ לייב אין פּיסק אַריין...

— נו, מיט אַ יאָר ווייניקער פון יענע צוויי האָבן אונדזערע טאַקע פּאָרט גע־

קריגן... דאָס איז אדאנק דעם אדוואָקאַט לאַנדע, פאַרשטייט זיך, המם... נאָר געלט האָט ער פונדעסטוועגן גענומען ביי אונדז צופיל... אָ?...

— און דער לערער, ווי הייסט ער דאָרט ביי זיי? טאראס טאראשקיעוויטש, מיט זיין ווייבס שוועסטער — גאַנצע אכט יאָר שווערע תפיסה!...

דאַדיע שווייגט אַלץ הארטנעקיק. פּרווט סראַלקע „אים א קיצל טאָן" מיט א ווערטל:

— ער האָט זיך עס כשר פאַרדינט!... שטאָט צו לערנען מיטן ווייב, ווי מע האָט א קינד, האָט ער זיך נאָר פאַרנומען מיט דער שוועגערין...

נאָר דאַדיע איז איצט „נישט קיצלדיק", ציט ער ווייטער:

— מאַ, האָבן אונדזערע נאָך גוט אָפּגעשניטן... האָט מיר דערמלט געקאָנט איינ־פאַלן, אויף וואָס פאר א מין באלאליי קע ער לערנט דאָס שפּילן מיין סמאר־קאַטע ייִנגל?!... איך וואָלט אים געוועזן די פּיס אונטערגעבראָכן, איידער ער איז צון אים געגאַנגען!

— האָסט דאָך היינט געזען, ווי די חברה לאָזט זיך אונטערהאקן די פּיס, — טוט אים סוף־כל־סוף דאַדיע א זאָג מיט א סטערדישן טאָן.

— איך זע, דאַדיע, — צאָלט אים סראַלקע גלייך אָפּ מיט באַלעבאַטישן שפּאַט — אז דו האָסט אויף דער עלטער דרך־ארץ באַקומען פאר דיין לייטישן בחור... מע ווערט א ביסל עובר־בטל אויף דער עלטער, וואָס?

דאַדיע האָט נישט מער ווי א קוק געטאָן אויף אים מיט אַ זשאַריענדיקן פאַר־ביטערנדיקן בליק. האָט שוין סראַלקע „אראָפּגעלאָזט דאָס באַלעבאַטישע ווידעלע":

— נו, מע דארף טאָן א שטאַרקן פאַרצי טאַביק און מאַכן נאַכט.

אין דעם מאָמענט האָט אין דאַדיעס מוח, אונטערן אראָפּגערוקטן דאַשעק, אַ שימער געטאָן א שפּילנדיקע פראַזע, ווי סע קומט אמאָל ארויס ביי זיין נארישער מינציען: „ווער סע מאַכט נאַכט, און ווער סע וויל מאַכן טאָג..."

ער האָט דערפילט, דאַדיע קאָוואַל, אז דאָס איז אַן אָפּשיין פון א ליכ־טיקן געדאַנק ערגעץ טיף אין אים. אָבער ער, מיט זיין „גראָבן קאָפּ", איז נישט אימשטאַנד אים צו באַנעמען. ער האָט מיט א זוכנדיקן בליק א קוק געטאָן אין פענצטער אריין. די שויב איז שווארץ, און אייגנדיק קריכן אויף איר נאַסע ווערעם... סע שפּריצט אויף איר אַן אַסיענדיקער רעגן. דער ליכטיקער געדאַנק ערגעץ טיף אין אים פארגייט דערווייל אין טאַטעשן צער און פינצטערניש.

קאַפּיטל דריי און אַכציק

דאָס לעבן גייט מיט זיין געוויינלעכן גאַנג

ביי דאָדיע קאָוואַל אין שטוב איז דאָס לעבן דערווייל זיך געגאַנגען מיט זיין געוויינלעכן גאַנג: מיטן גאַנג פון שלום מאַכן מיט די זאָרגן און צרות, פון באַפּעסטיקן זיך אין דער האָפענונג אויף בעסערע צייטן, פון אַריינכאַפּן אַ ביסעלע נחת.

די טאָכטער דבורה, אין ניסביזש, האָט געבוירן נאָך אַ יינגל — מזל־טוב! ביים זון אהרון, אין קאָוולע, איז געבוירן געוואָרן נאָך אַ מיידל — מזל־טוב! ביים ברודער שימקע, דאָ הי — נאָך אַ יינגל — מזל־טוב! ס'זאָל נאָר נישט זיין אין טאַטן אריין (דעם רוצח!), געראָטן...

די משפּחה פאַרמערט זיך, אָן עין־הרע.

— אוי! — זיפצט מינציע אָפּ מיט אַ גלייכווערטל:

אויסטראָגן אַ קינד איז אַ צאַצקע, האָבן עס — אַ קאָזאַטשקע, אָבער אויפהאָדעווען — אַ טאַטשקע...

איינמאָל איז אַראָפּגעקומען צו גאַסט פון פּאָלק בושקע „בומאַזיע“. אַן אויסגעפּוצטער און אויסגעגלאַנצטער. אַ דראַגונער, אַן אמתער דראַגונער. אפילו „דער קרומער“ האָט פאַר אים אָפּשיי. אַז ס'איז גאָרנישט צו גלייבן, אַז דאָס זאָל זיין „דער בומאַזיע“! ביז... ביז ער עפנט דאָס מויל און הייבט אָן דערציילן וועגן דעם לעבן אין דער קאַזאַרמע. דעמאָלט ווערט קלאָר, אַז קלוגער איז ער, חלילה, נישט געוואָרן, „דער בומאַזיע“. ער האָט נאָר אַ ביסל פאַרגעסן יידיש צו רעדן. עפּעס דערציילט ער וועגן אַ באַטאַליאָן זעלנער דאָרט אין רעמבערטאָוו, וואָס האָט זיך צעבונטעוועט בעת די מאַנעוורעס... ווען ער וואָלט געווען זיין אין דאָזיקן באַטאַליאָן... אָאָאָ! וואָלט אים געווען זיין ביטער און פינצטער... ער וואָלט דאָך אויך געווען געמוזט זיך בונטעווען גלייך מיט אַלע... וואָרן וואָס — ער איינער אַליין קעגן אַ גאַנצן באַטאַליאָן... אַזוי קאָן מען דאָך אויך נישט...

— וואָס הייסט, ז'האָבן זיך צעבונטעוועט? — איז דער טאַטע געווען צו וויסן — ז'האָבן נישט געוואָלט מאַכן די מאַנעוורעס?

— ניין, טאַטע, נישט דאָס... מאַנעווערעס איז מאַנעווערעס. אז מ'הייסט מאכן, מאַכט מען. דערויף איז מען זעלנער. פאר אזא קונץ — שיסט מען.

— איז וואָס זשע?

— וואָס זשע?... כ'ווייס? ז'האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון ארבעט גלאַט.

— גלאַט איז דאָס, אויף וואָס דו זיצסט... — האָט זיך שוין דאָריע דענער־ווירט — וואָס הייסט פון ארבעט גלאַט?

— אַזוי... די אָפיצערן האָבן באפוילן פארריכטן די וועגן, האָבן זיי נישט געוואָלט, כאַטש... המם, כאַטש גיב זיי א קרענק!

— אָן אַ פארוואָס?

— ז'האָבן געשריגן, די זעלנערס, אז די־אָ ארבעט קער נישט צו זייער דינסט... אַז די אָ אַרבעט דאַרפן טאָן פּראָסטע ארבעטער...

— און זיי וואָס זענען? נישט קיין פּראָסטע זעלנער?

— פּראָסטע, ראַזומיע שיען*, פּראָסטע. פויערים... נאָר ז'האָבן זיך אָנגענומען פאר די ארבעטער...

— וואָסערע ארבעטער? און וויאַזוי האָבן זיי זיך דאָס אָנגענומען. רעד מיט אַ טאָלק!

— אַזוי, טאַטע... ווען מע וואָלט צו דער־אָ ארבעט גענומען ארבעטער, וואָלט מען יענע באַצאָלט... און אזוי זענען זיי ארבעטלאָזע, די ארבעטער... כ'ווייס? אַזוי גוט אינגאַנצן האָב איך עס נישט פארשטאַנען טאקע... כאָטשיק מיין קאָלעגע, טאַקע דער יידישער בחור, וואָס האָט אייך אמאָל געשריבן א בריוו, האָט עס מיר געוואָלט געבן צו פארשטיין...

— ער! — זיפצט אָפּ דאָריע און זאָגט שטיל, ווי צו זיך אין בוזעם אריין — אונדזער איציק וואָלט עס דיר געדאַרפט געבן צו פארשטיין, וואָלסטו שוין אפשר פארשטאַנען...

— נאָך מיר נאָך... — ציט דער דראַגונער ווייטער — איז מען דערויף אַ זעלנער, אז מע זאָל טאָן, וואָס דער אייבערשטער הייסט...

— דער אייבערשטער? — איז מינציע אינגאַנצן צעטומלט — מ'האָט זיי דען באַפוילן, די סאָלדאַטן, אין אייבערשטנס נאָמען? דער קשאַנדז האָט זיך אויך אריינגעמישט?

— מהם... — איז דער דראַגונער נישט ווייניקער צעטומלט, וויאַזוי דאָס דער מאַמען אויסצוטייטשן — דער אייבערשטער האָב'עך געמיינט: די אייבערשטע „שאַרזשע", ס'הייסט, דער עלצטער... איך זאָג, טאַטע, קאָם ביסטו א זעלנער, דאַרפסטו טאָן, וואָס מע הייסט דיר... קיינע שום דאגות פאר אנדערע דאַרפסטו נישט האָבן — מעג עס זיין ארבעטער, צי ארבעטלאָזע דאַרטן... „טשי יא

---

* פאַרשטייט זיך

וויעם"?*... אפשר?... אוי, האָט מען דערנאָך געלערנט בלק מיט זיי, מיט די בונ־טאָוושטשיקעס!...

ווען עמעץ אין שטעטל, אזא, וועלכן ער, בושקע דאָדיע קאָוואלס, באטראכט פאר א פארשוין, וואָס פארדינט זיך אויף כבוד, כאָטש ער איז נישט מער ווי א ציווילער, האָט אויסגעשטרעקט צו אים א שלום־עליכם־האנט, — האָבן דעם דראַגונערס גלאנציקע באשפאָרנטע שטיוועלעך מאשינעל געגעבן א שלאָג זיך אָן איינס אין צווייטן, און די רעכטע האנט זיך א הייב צום היטל אויף אָפּגעבן „טשעשטש"**, לאָזנדיק יענעמס האנט וואַרטן אויף איר פעסטן זעלנערישן דרוק.

— אָ, דאָס הייסט אן אמתער דראַגונער! — האָט אים דער פעטער שאמע שמש געמאכט דערביי א קאָמפּלימענט און מיט החמנות אונטערגעשמייכלט — איך האָב לענגער געדינט אין צארישן מיליטער, אָבער ווי נאָר אהיימגעקומען, איז מיר די תורה גלייך ארויס פון די פיס.

— ביי אים זענען אָבער די פיס דער קאָפּ, — האָט אונטערגעהאלטן דעם חוזק יונה סעווערניוק און א בליץ געטאָן מיט זיין בעלמע, דעם „וויסן בילעט", וואָס האָט אים געראטעוועט פון דעם זעלנעריי.

פונקט אזוי האָבן דעם דראַגונערס פיס און רעכטע האנט געארבעט שבת צום דאַוונען אין בית־מדרש. שוין עטלעכע מאָל האָט אים דער טאטע ארייננעוואָר־פעט אין אויער:

— הער אויף צו טראַסקען מיט די רגלים... ביסט נישט אין קיין קאזארמע — אין א מקום־קדוש...

— „פשעפּראַשאַם"***... זיי פרעגן דען ביי מיר?... טראַסקען פון זיך אליין... ווי א מאשין... „דיסציפּלינא"...

ווען מ'האָט אים אויפגערופן צו דער תורה, און דער טאטע האָט געטאָן א וואָרף ארויף דעם טלית אויף זיין אקסל, איז דעם דראַגונער היים געוואָרן אין די ביינער. ער האָט געהאַט דאָס געפיל, אז ער גייט ארויס אין אן אטאקע. ער האָט זיך געלאָזט צום באלעמער מיט פעסטע שפּרייזן, אזוי אז דער טאטע האָט קוים נאָכגעהאלטן זיין טראָט. דאָס קלאַפּן פון זיינע אָפּצאַסן האָט זיך געלאָזט הערן איבערן גאנצן איינגעשטילטן בית־מדרש־רוים, און לסוף זייער צונויפקלאַפּ, בעת ער איז געבליבן שטיין לעבן בעל־קורא פארן ספר־תורה. ווען נישט דער טלית, וואָס האָט געשטערט זיין רעכטער האנט זיך אויפצוהייבן ביז דער געהעריקער הייך, וואָלט גאנץ קהל געזען ווי ער גיט אָפּ „טשעשטש" דעם ריבונו־של־עולם. צו דער

---

* איך וויים?

** מיין אכטונג

*** אנטשולדיקט

ברכה מאַכן האָט ער זיך דערפילט, „ווי פון זאָטל ארויסגעפאַלן"... זיין פנים האָט אויסגעזען ווי פריסיק, פון אונטער וועלכן ס'גליען ארויס קוילן. ער האָט גע־שטאַמלט, און זיינע ליפן האָבן נאָכגעזאָגט דעם בעל־קורא, וואָס האָט אים אונטער־דערלאַנגט די ווערטער שעפּטשענדיק. אָ, דאָדיע האָט זיך אָנגעגעסן מיט געווג שאַנד. ער האָט זי אָבער אויפן אָרט אויסגעקויפט, אונטערזאָגנדיק בושקען אַ „בעבור־שנדר", וואָס איז איבער זיינע הייניקע כוחות...

— אַ פערד פאַרט אויס א וועלט, און קערט זיך אום אין שטאַל אריין — דאָס זעלבע פערד... בלויז עלטער א ביסל, — האָט זיין פעטער יונה סעוועריוק געבליצט מיטן אייגל אויפן „דראַגונער" אום שבת־צונאַכטס ביי זייער טיש, אַרום וועלכן ס'זענען געזיצן ביי א קערטל דאָדיע מיט די „בנים", דער מאַדיאַר און משהקע „דער קאָטער", וואָס ביי זיי אין קראָם פלעגן זיי געמען.

אויף מאָרגן פאַרנאַכט איז בושקע צוריק אוועקגעפאָרן אין פאָלק אריין, כדי אין א פאָר חדשים ארום צו פאַרשאַפן טאַטע־מאַמע נאָך א גרעסערן נחת מיטן אומקערן זיך אהיים שוין אן אָפּגעדינטער.

בושקע האָט דעם דראַגונער־מונדיר פאַרביטן אויף זיינע אלטע ארבעטס־בגדים אין קוזניע. ווי א זכר פון זיין דראַגונישער דערהויבנקייט זענען אים פאַר־בליבן בלויז די געפּאַסטע גלאַנציקע שטיוועלעך, נאָכן אראָפּנעמען פון זיי די שנייד־אייזנדלעך. מיט די דאָזיקע שטיוועלעך פלעגט ער זיך פאַרפּוצן אום שבת צו גיין אַ שטאָלצער אין בית־מדרש דאַווענען און אום זונטיק ארויסצולאָזן זיך מיט אַ „שיקסע" אויפן שפּאַציר הינטערן שטעטל.

ס'האָט זיך אים געדאַכט, בושקען, אז מיט די דאָזיקע שטיוועלעך נעמט ער אָפּ די יידישע און די נישט־יידישע וועלט. ער, ווען ער וואָלט נאָך האָבן אויף זיי די שנייד־אייזנדלעך, די שפּאָרן!

נו, די וועלט האָט ער מיט זיי נישט אָפּגענומען, אפשר טאַקע צוליבן פעלן פון די שפּאָרן. פון די שטיוועלעך איז אפילו נישט נתפּעל געוואָרן עטל דער מומע יאַכוועדס. ער האָט זיך איצט געפּרוּווט דערקריגן צו איר — שוין נישט, ווי עפּעס אַ יאָלד, מיט ליבע־שמיבע, נאָר, ווי אַן אויסגעדינטער דראַגון פון דער פּוילישער ארמיי, ווי א טאַטנס א סטאַטעטשנע קינד — דורך שיע מלמד דעם שדכן, וואָס האָט אויסגעשדכנט דעם ברודער אהרון.

— עטל דער מומעס, — האָט ער געזאָגט דעם שדכן — איז שוין איצטער נישט קיין מיידעלע ביי דער מאַמעס פאַרטעך. זי איז שוין א כלה־מויד, וואָס דאַרף נישט וואַרטן אויף טאַטע־מאַמעס יאָ. זי האָט שוין אליין א דעה איבער זיך. זאָל זי אליין נאָר זאָגן דאָס וואָרט יאָ...

אָבער עטל האָט גראָד געזאָגט קורץ און שאַרף:

— ניין!

— איך האָב נישט ליב קיין אויסגעווייקטן הערינג־מילך! — האָט זי זיך פארקרימט פאר א חברטע מיט א רמז אויף בושקעס הויט־קאָליר — ער איז מאַטשיק, און אָן עסיק האָט ער קיין טעם נישט.

אין דאָזיקן זאַג האָט מען גלייך געקאָנט דערקענען איר באָבע רייזיע, דער סארווערינס לשון, ווען זי איז נאָך געווען רייזיע.

דאָדיע קאָוואַל האָט וועגן עטלס אָפּזאָג געוווסט דורך שיע מלמד, און מורא געקראָגן — דער „בן" זאָל נישט אַמאָל צוליב צער און כעס אויף „יאָכוועדס מויד" א פארקלאַפּ טאָן הינטער זיך דעם טויער פון זיין קוזניע און אריבער צום ברודער, צו שימקען, ווי בושקע האָט אים אַנומלט געשראָקן. דער „בעל־תכלית" באַארבעט אים שוין מסתמא.

האָט דאָדיע צוגעאיילט דעם שדכן, ער זאָל זיך א נעם טאָן צו בושקען אויף אַלע כלים — „די וועלט איז, חלילה, קליין? ס'איז א „זאסעכע" אויף מיידן?!" און שיע מלמד האָט באוויזן, וואָס ער קאָן: ער האָט בושקען צוזאמענגעפירט אין קאָוועלע מיט א ראטנער קאָוואַלס א מיידל, און דאָס פּאָרל „איז מיט מזל צוגע־זאָגט געוואָרן איינס צום אנדערן". די כלה איז געווען א הויכע, פולע און יאָדערדיקע מויד, אז מע האָט געקאָנט פון איר „אויסטרויען" צוויי אזעלכע עטל דער מומע יאָכוועדס.... ווען מיידלעך וואָלטן געשטאַנען צום פריזיוו, וואָלט מע זי זיכער צוגע־נומען, ווי אים, בושקען, אין דראַגונער!...

— וואָס, — האָט בושקע געברומט צו זיך אליין אונטער דער נאָז — וואָס איז אזוי דער יחוס מיט איר, מיט עטל דער מומעס? וואָס זי איז אזוי איידל אויפן גוף? וואָס זי איז מער קליידל ווי מיידל? המם...

האָט דאָדיע זיך צוגעאיילט און געמאַכט אים למזל פאר א חתן. און גאָר אינ־גיכן איז דאָדיע קאָוואַלס „שטוב" געווען אין ראטנע אויף בושקעס חתונה. ס'זענען דאָרט אויך געווען דער קאָוולער זון, אהרון, מיט זיין גאָלדען, און די ביסכיזשער שוועסטער, דבורה, מיט איר הערצלען. ס'איז אויך געווען די קאָוולער מומע, צביה, מיט איר שפרהן, א היפּשע מויד שוין און נישט קיין קלענערע באַשערין, ווי זי איז געווען אמאָל: איר נאַשוואַרג איז איצט געווען — ייִנגלער. זי איז נישט געווען קיין אויסקלייבערין.

די חתונה איז געווען כלומרשט א פריילעכע. אָבער טאַקע נאָר כלומרשט. אסתר האָט ארויסגעלייענט א פארבאָרגענעם אומעט פון טאַטנס אויגן, און פון דער מאַמען האָט זי נישט איינמאָל א דערשטיקטן זיפץ אויפגענומען.

שימקע מיטן ווייב זענען אויף דער חתונה נישטאָ — מ'האָט אים אפילו נישט פארבעטן, דעם שונא, דעם רוצח! נפתליע „דער קרומער" האָט אליין נישט גע־וואָלט מיטפאָרן — ער קאָן דאָך נישט די קאַליקע פיס פון זיך אָפּשניידן און אין דער היים לאָזן. פון דער באָבע רייזיעס שטוב איז אויך קיינער נישטאָ צוליבן נישט־צושטאַנדגעקומענעם שידוך מיט עטלען; אז ווען איז דאָס געווען א שמחה ביי זיי

אין שטוב אָן דעם פֿעטער שאמען! אויך קיין אנדערע פֿון די טריסקער אייגענע איז נישט געקומען צוליב די גרויסע הוצאות — א נסיעה פֿון ניינציק קילאָמעטער. און אז אויף א שמחה איז נישטאָ די גאנצע משפּחה, קאָן שוין קיין אמתע פֿרייד נישט זיין. און דער עיקר, דער עיקר — וואָס מע היט זיך וועגן דעם מיט א וואָרט זיך ארויסצוכאַפּן — איציק איז נישטאָ אויף דער חתונה, איציק זיצט אין תּפֿיסה... פֿרעגט פֿארוואָס: ער האָט, חלילה, עמעצן באגנבעט?

אויפֿן צווייטן טאָג, צו די האָליאשטשענעס, וואָס מע פֿראוועט שוין היינט נישט און נאָר זייער נאָמען איז ווי א געדעכעניש פֿארבליבן, האָט מען זיך איילִיק גענומען קלייבן אהיים צו פֿאָרן: דאָס „געשעפֿט“, די קוזניע הייסט עס, ווארט אויף די הענט.

צום געזעגענען זיך האָט דאָדיע קאָוואל פֿון אונטערן אראָפּגערוקטן דאשיק שאַרף, זייער שאַרף ארייגעקוקט דעם פֿרישגעבאקענעם יונגנמאן אין די אויגן אַריין:

— הער, דראגונער, מיט קאָפּ! — האָט ער אים געלערנט — „חתן דומה למלך“ — דו רוסט זיך, איצטער אָפּ א וואָך צייט פֿון דער ארבעט, זייער שיין. נאָר געדענק — דו ווייסט נאָר אליין נישט סארא גאָלדענע הענטלעך ס'הענגען דיר אראָפּ פֿון די אקסלען. דיין שווער באקומט איצט אין קוזניע אריין א פּאָר ידים, וואָס קאָוועןגאָלד. ס'האָט זיך אים אזוינס אוודאי נישט געחלומט אפֿילו. א תּלמיד פֿון דאָדיע קאָוואַלס חדר. איז זאָלסטו זיך נישט לאָזן שפּייען פֿון שווער אין דער קאשע אריין. טאָמער וואָס — איז האָסטו א טאַטן אין טריסק ביז הונדערט און צוואָנציק יאָר...

און דאָ האָט ער אויסגעשטרעקט די האנט צום געזעגענען זיך מיט דער נייער שנור, נאָר געערדט נאָך אַלץ צום „בן“:

— נו, און דיין צפּורה געפֿעלט מיר העכסט... מע דערקאָנט גאָרנישט אויף איר פּנים, זי זאָל האָבן נעכטן א גאנצן טאָג נישט געגעסן און... הממ... דו זאָלסט איר האָבן געשלאָגן צו דער אָדער...

צפּורהס געזונט פּנים האָט זיך געטאָן א צינד אָן מיטאמאָל, ווי א שויב קעגן זונאונטערגאנג. אירע אויגן, פֿארלאָפֿן מיט פֿלאם, האָבן אן אויגנבליק א סמאליע געטאָן איר יונגן מאנס פּנים, און ס'האָבן זיך אויף דעם א מיש געטאָן א ראָזע פֿארב מיט א צופֿרידענעם תּמעוואטן שמייכל. דער דראגונער האָט אויסגעזען ווי א חדר־יינגל, וואָס די שלעכט־פֿארשפּיליעטע הייזלעך זענען אים אראָפּגעפֿאלן אינמיטן גאס, און ער האָט געשטאמלט, ווי נישט צו דער זאך:

— קוים עפּעס־וואָס, פֿאַר איך גלייך צו דיר, טאַטע...

דריט בוך

צווייטער טייל

קאַפּיטל פיר און אַכציק

אַ קללה צווישן די געליבטע

אויך די ליבע צווישן אסתר פּריסיק און שמעון אדלער האָט זיך נאָך אַלץ געצויגן מיט איר געוויינלעכן גאַנג, מיט שמעונס פּאַראַטן און אסתרס אייפּער־זוכט־סצענעס, מיט די אָפּטע, אָבער קורצע הפסקות צווישן ברוגזן און איבער־בעטעכצן.

שמעון איז שוין לכל־הדעות געווען אַן אַלטער בחור, וואָס „ווייסט אים דער גוטער יאָר!“, ווי ס'האָבן זיך אויסגעדריקט נישט־שונאים, אָדער „ווייסט אים דער שוואַרץ יאָר!“, ווי ס'האָבן זיך געבייזערט שונאים, צי ער וועט נאָך הערן אַמאָל קלעזמער שפּילן.

— אַז מע שפּילט אַ ליבע, זענען קלעזמער איבעריק... — באַווייזט מאָטיע גפן דער ציוניסט אַ מויזענעם צאָן קעגן דעם פּירער פון די יידישיסטן.

— ווען דאָדיע קאָוואַל וואָלט נישט פּאַרדרייט געווען דער קאָפּ צוליבן בחור אין תּפיסה, — זאָגט סראָלקע בינהאָרן און איז מפסיק מיט אַ צי טאַביק אין די נאָזלעכלעך, אײנס, צוויי — וואָלט ער שוין לאַנג אויפגעהויבן איבער זיין קאָפּ דעם האַמער: „אָדער גיי מיט מיין מויד אונטער די פיר דרענגלעך, אָדער גיי אין דרערד אריין אַליין!...“

— ...נאָר זי, אסתר, אסתר המלכה, דאָס ווייב פון אחשורוש, — טענהט שאַמע שמש ביי זיך אין שטוב — אַ מויד שוין איבער די צוואָנציק, וואָס טראַכט זי זיך? צי מיינט זי נאָך אַלץ, אַז פון דער דאָזיקער איבערגעוואָקסענער, איבער־געפּריעטער תבואה וועט אַמאָל אַרויסקומען אַ לעבל ברויט?

זעלטן־זעלטן איז אסתרן אפשר איינגעפאַלן, אַז — יאָ. האָט דאָך איר אַמאָל שמעון פאָרגעלייגט חתונה צו האָבן. אָבער געוווסט האָט זי, אַז — נישט... זי וויל עס אַליין נישט... פון זיין לערערײ האָט ער קוים אַליין אויסצוקומען. סיידן — דאָדיע קאָוואַל זאָל וועלן נעמען אַן איידעם אויף קעסט!... נאָר וואָס דען? אַזוי גייט עס שוין. אַליין עס אַנדערש מאַכן קאָן מען נישט, נישט ער, נישט זי. סע

מוז עפּעס געשען, סע זאָל אַנדערש ווערן. און דערווייל?... דערווייל מוז מען זיין ביי מענטשן אין די מיילער...

דערווייל האָט זיך אסתר געפּייניקט, געגריזשעט פאַרבאָרגענערהייט, ביז פון דעם גריזעניש איז איר דאָס בלוט קאַליע געוואָרן. טאַקע ממש קאַליע געוואָרן: ס'האָט זיך איר געמאַכט אַ געשוויר הינטערן אויער.

צוליב דער געענגטער לאַגע אין שטוב האָט מען זיך נישט געאיילט רופן דעם דאָקטער. עט, אַ געשוויר דאָרט! נאָר אסתר האָט גלייך אַפּנים זיך געפונען אין אַ בייזן צושטאַנד, אויב זי האָט געלאָזט זיך היילן פון דער באָבע ליבע חיה און דער שכנה פעסיע חווה מיט באַבסקע רפואות. די מיטלען האָבן קנאַפּ-וואָס געהאָלפן. פאַרקערט, ס'האָט זיך אָנגעהויבן העכערן די טעמפּעראַטור. די קראַנקע האָט פאַרלוירן דעם גאַנצע אַפּעטיט. איינמאָל האָט זיך איר פאַרדרייט דער קאָפּ, ווי אַ מינוט פאַר חלשות. האָבן זיך טאַטע-מאַמע דערשראָקן, און דאָדיע האָט געשיקט נאָכן דאָקטאָר. ווי דער דאָקטאָר האָט בלויז אַ קוק געטאָן, איז אים אַרויף אַ היץ אויפן פנים, און ער האָט זיך מיט בייזע אויגן צעבייזערט אויף אַ קול:

— און ווער האָט עס געהיילט די קראַנקע פאַר מיר? זאָל ער ווייטער היילן!... שוין באַלד לויפט מיט איר קיין לוואָוו! דאָס אייטער קאָן אונטערקומען צום מאַרך, און ס'וועט זיין נאָך אַלעמען.

אין שטוב איז געוואָרן אַ מהומה. ס'איז אויך געוואָרן אַ מהומה אין שטעטל: דער דאָקטער זאָל האָבן געזאָגט, אַז ער האָט מורא, ס'איז שוין שפּעט. ס'זענען געקומען צו איר זיך געזעגענען די חברים און חברטעס. דאָס האָט נאָך מער פאַרגרעסערט די בהלה אין שטוב. די קראַנקע איז געלעגן פאַרטראַגן.

אסתר האָט נישט געפילט די סכנה, וואָס לויערט איבער איר קאָפּ. ווי דורך אַ הייסער וואַטע אין די אויערן האָט זי גלייכגילטיק אויפגענומען וואָס ס'קומט פאָר אין שטוב... ווער זאָל פאָרן? דער טאַטע קאָן נישט איבערלאָזן די קוזניע. די מאַמע אַליין וועט זיך קיין עצה נישט געבן. דער פעטער שאַמע? די באָבע הייזיע איז שוין עובר-בטל, זי פירט זיך אויף ביי זיך אין צימער ווי אַן עופעלע... „איידער צו ליגן אין אַזאַ געמיט, מיינע שונאים, אויפן געלעגער, איז שוין גלייכער אין קבר אריין!‟ — דערציילט מען נאָך פון דער מומע יאָכוועדס וועגן, אין מע וואַרט טאַקע פון טאָג אויף טאָג, די אַלטע זאָל פאָלגן דער טאָכטערס עצה, — איז ווי זשע קאָן דער איידעם אין אַזאַ לאַגע אויף אַ טאָג אַפילו אָפּפאָרן פון דער היים!

נאָר דאָ זענען געשען צוויי אומגעריכטע זאַכן פאַראַמאָל, וואָס האָבן אויך אסתרן אין איר פאַרטראָגנקייט קלאָר געמאַכט אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד זי געפינט זיך: ס'זענען אַריינגעקומען זיך געזעגענען מיט איר אהרון לעווי און... שמעון! זיי האָבן אויסגעהערט די טענות וועגן — ווער וועט פאָרן? האָבן זיך וועגן עפּעס פאַרשטענדיקט מיט די אויגן און שנעל אַרויסגעגאַנגען. אין פּופּצן

מינוט אַרום זענען זיי געקומען צוריק, נאָר שוין נישט אינצווייען — זיי האָבן פאַר זיך אַריינגעלאָזט שימקען, דעם טאַטנס קאָנקורענט...

— מאַמע, — האָט ער שטיל געזאָגט, די אויגן פאַרשטאָכן אין דער פּאָדלאָגע, כּדי זיך נישט צו באַגעגענען מיטן טאַטנס בליק — איך מיט דיר וועלן זי אָפּפירן, אסתרן.

דאָדיע האָט זיך אָנגעצונדן, אַ קוק געטאָן אויף א י ם, אויף די לייטישסטע יינגלעך פון שטעטל, אַדלערן מיט לעווין. פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָבן זיי אים, זיין שונא, זאַבאַרקע אַהער געבראַכט, האָט ער בלויז אַ וואָרטשע געטאָן דעם ווייב אין אויער אַריין:

— ווי זאָ ג ס ט ו, מינציע, אַז מע דאַרף דעם גנב, שניידט מען אים פון דער תּליה...

און פאַרביסן די ליפּן, איז ער אַרויסגעגאַנגען.

אויפן צווייטן טאָג האָט מען אסתרן אין לעמבעריק געמאַכט אַן אָפּעראַציע און געראַטעוועט איר לעבן, „וואָס איז געהאָנגען אויף אַ האָר“. אויפגעכאַפּט זיך אין אַ פּאָר שעה אַרום פון דעם שלאָפגעטראַנק, האָט זי דערפילט, ווי ס'איז איר ליכטיק געוואָרן אין אַלע גלידער. ווי די זון, וואָס האָט אַריינגעשיינט דורכן פענצטער, וואָלט זיך אין איר אַריינגעגאָסן. דער ברודער, שימקע, וועלכער האָט באַצאָלט פאַר דער אָפּעראַציע פון דער אייגענער קעשענע, האָט זיך נאָך דעם זעלבן טאָג מיט איר געזעגנט: ס'וואָרט אויף אים „דאָס געשעפט“. אויך די מאַמע איז נישט געווען לענגער ווי אַ פּאָר טעג: „ס'וועט נישט קלעקן קיין געלט — נסים, וואָס לעווי האָט דעם טאַטן געגעבן אַ הלוואה“. (צי איז עס נישט אַמאָל פון שמעונס קעשענע?... — האָט אסתר אַ טראַכט געטאָן) זי אַליין אָבער האָט געמוזט בלייבן דאָ אַ פּאָר וואָכן אין אַ פּריוואַטן הויז און אויסקוקן אויפן טאַטנס געלט.

נאָכן „אויסליידיקן דעם טאַטנס קעשעניעס“ האָט זיך אסתר אַ געזונטע אומגעקערט אַהיים. בלויז אַ ראָזלעכער העפט, ווי אַ ווערעמל, הינטערן אויער האָט באַצייכנט דאָס אָרט, פונוואַנען דער טויט האָט אויף איר געלויערט.

אין דער היים האָט זי אַלץ געטראָפן, ווי געווען. צווישן טאַטן מיט שימקען איז צו קיין איבערבעטעכץ נישט געקומען, ווי מע וואָלט געקאָנט דערוואַרטן: האָט דאָך שימקע דאָס מאָל געהאַנדלט, ווי ס'פּאַסט פאַר דאָדיע קאָוואַלס אַ זון, און נישט געקומען אַפילו מאָנען דאָס געלט, וואָס ס'האָט אים געקאָסט די אָפּעראַציע.

— נישקשה, — האָט זיך דאָדיעס פּנים געריכערט — ער האָט מיך מער אויסגעבייטלט. ס'קומט מיר נאָך ביי אים אַ שיינער רעשט — אויסקרענקען זאָל ער אים, דער בן־סורר־ומורה!

אַנדערש האָט זי געטראָפֿן איר שמעונען, נאָך וועלכן זי האָט שוין אַזוי גע־בענקט.

שמעון איז איר געוואָרן אומטריי, ווען זי איז געווען פֿונדערווייטן, ער איז עס איר געווען אויך איצט, ווען נאָך ער האָט געהאַט אַ געלעגנהייט דערצו. אין אַ קליין שטעטל קאָן מען זיך לאַנג מיט קיין פּריוואַטע נישט־ערלעכע באַציונגען נישט אויסבאַהאַלטן. מע פּלעגט איר אַלץ דערטראָגן. אירע אמתע חברטעס — מיט מיטגעפֿיל, אַנדערע — מיט נקמהדיקער שאָדן־פֿרייד. באַזונדערס פֿלעגן זיך אין איר נוקם זיין מיט זייערע שטעכלקעס די יונגע חברים, פֿון אירע יאָרן, וועלכע האָבן געהאַט מיט איר „אַלטע חשבונות" און באַטראַכט אירע באַציונגען מיט שמעון אַדלער, מיט דעם, אמת, זייער חשובן, אָבער פֿאַרט אַלטן בחור, ווי אַ פּאַ־ראַט קענען דעם גאַנצן יונגן דור. אָ, ווי זיי פֿלעגן איר דאָס „אויספּערען די גאַל", ווי מע זאָגט עס אין וואָלין! כאָטש זי האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז צווישן זייערע רייד און אירע אויערן שטייט אַ וואַנט.

ס'האָט אסתרן גענאָגט די אייפֿערזיכט — אַן אייפֿערזיכט, וואָס האָט זיך ווייניקער דערגנערט פֿון איר ליבע צו שמעונען און מער פֿון דעם געפֿיל פֿון באַ־ליידיקונג און שאַנד פֿאַר „דער וועלט". אויך אייפֿערזוכט איז פֿאַראַן ערלעכע און אומערלעכע — אסתרס איז אָפּט געווען פֿון דעם לעצטן מין. אומערלעכע אייפֿערזוכט דערגנידעריקט שטענדיק דעם מענטשן, און אסתר האָט זיך איינמאָל דערגנידעריקט אַזוי ווייט, אַז זי איז ווי אַ שפּיאָן נאָכגעגאַנגען שמעונען אויפֿן וועג אים נאָכקוקן. זי האָט געזען, ווי ער נעמט זיך אַראָפּ מיטן פֿעלד צו אַ געוויסן „ערטעלע" צווישן קוסטעס, וואָס איז זיי געווען גוט באַקאַנט... צי גייט שמעון אַהין בלויז מיטן צוועק צו לייענען דאָס ביכל, וואָס ער טראָגט אונטערן אָרעם, אָדער...? אָפּגעהאַלטן זי פֿון צוצוגיין אַהין און דורכקוקן דורך די צווייגלעך האָט איר נישט דאָס געפֿיל, אַז זי טוט אַ העסלעכע זאַך, ווי די מורא, אַז מאָמער „פּאַקט" זי אים, וועט ער איר דאָך דאָס נישט מוחל זיין, און ס'וועט צו אַלץ נעמען אַ סוף. אַזאַ סוף האָט זי זיך נישט געוווּנטשן, ווי מע ווינטשט זיך נישט קיין שענדלעכן טויט.

שמעון, ווען ער האָט שוין נישט געקאָנט פֿאַרלייקענען, פֿלעגט זיינע פֿלירטן מאַכן פֿאַר איר צו קליינגעלט; ליב באמת, הייסט עס, האָט ער בלויז זי. אסתר האָט געוווּסט, אַז דאָס איז אַ ליגן, אָבער ס'איז איר לייכטער און באַקוועמער געווען אים צו גלייבן — האָט זי אים „געגלייבט", ביז מ'האָט איר אונטערגעטראָגן וועגן זיינעם אַ נייעם פֿלירט. האָט ווידער אויסגעבראָכן צווישן זיי אַ געקריג, אַ ברוגז, וואָס האָט זיך ווידער, ווי שוין אַזויפֿיל מאָל, פֿאַרענדיקט מיט אַ שלום. דער שוואַכער צד, דער איבערבעטנדיקער איז צום אָפֿטסטן געווען — אסתר.

זיי האָבן ביידע, פֿאַרבאָרגן אין זיך, שוין אויסגעקוקט אַן אויסגאַנג פֿון דער לאַגע, א סוף. אָבער — עפּעס אַ לייטישן סוף.

איינמאָל, ליגנדיק לעבן שמעונען אין דער גערדיכטער פינצטערניש, וואָס האָט געהויערט איבער זייער געלעגער, איז געשען אזא פאַל:

...אין בייסעניש פון אייפערזוכט האָט זי שמעונען „געמאכט א סצענע“. ער האָט זיך נישט צעבייזערט, אָבער אויך נישט פארענטפערט. האָט דאָס מאָל הארטנעקיק געשוויגן. זיין שווייגן האָט אסתרן געמאכט אויפגעזידן. האָט זי פאַר־לוירן איבער זיך די שליטה, און פון איר מויל האָט, ווי פון א פארזידנדיקער כלי, אַ שפריץ געטאָן אויף אים א קללה — איינע פון יענע קללות, וואָס זי פלעגט אזוי אָפט הערן אין דער היים. זי האָט זיך אַליין דערשראָקן. א פארבים געטאָן די ליפּן ביז בלוט. שמעונען, האָט זי געפילט, האָט עס ממש געטאָן א טראָג אונ־טער, ווי א שלאנג וואָלט אים א ביס געטאָן. ער האָט זיך געטאָן א רוק אָפּ פון איר אויפן ראנד פון בעט און א צישע דורך פארקריצטע ציין, ווייטיקלעך־שפּאָטיש:

— ראָדיע קאָוואַלס טאָכטער!...

ס'האָט אין שמעונען א געשריי געטאָן נישט נאָר זיין פערזענלעכע באַליידיק־טע איידלקייט, נאָר אויך זיין באַליידיקטער רבנישער יחוס... אסתר האָט ד אָ ס נישט אָפּגעפילט. זי האָט בלויז געפילט די קללה, וואָס ליגט צווישן זייביידע — די קללה, וואָס איז פון איר איינגעווייד געקומען. ווי אַ שולדיקע און פארמשפּטע, האָט זי אים געטאָן א האלדז ארום:

— שמעון!

ער האָט זי א שטויס אָפּ געטאָן פון זיך. זי האָט ווייטער מיט עקשנות שרע־קעוודיק געצערטלט און גערעדט מיט הייסן געשעפּטש:

— ווי איז מיר! וואָס האָב איך דאָ אָפּגעטאָן! ס'האָט זיך מיר ארויסגע־כאַפּט... שמעון! שמעון! איך האָב דאָך דיך ליב, שמעון!

זיין רוקן איז געווען פון האָלץ. דאָס פוסטע שטיקל פלאַץ צווישן זיי, אָנגע־פילט מיט איר קללה, האָט זיך איר אויסגעדאכט ווי א תהום, וואָס צעשיידט זיי שוין אויף אייביק, אויף אייביק. ס'בלייבט איר איבער בלויז זיך אויפצוהייבן און אַוועקגיין... פארוואָס טוט זי עס טאקע נישט?... אויף וואָס נאָך וואַרט זי? ער זאָל איר א טרייב טאָן: „גיי!“?...

נאָר פּלוצעם האָט זי, ווי דורך א וואנט, דערהערט א געוויין... ע ר וויינט! ש מ ע ו ן וויינט! דער אייגענער שמעון, וואָס זיינע שיינע בריוו ליגן ביי איר אין דער היים פארבאָרגן, ווי אן אוצר, און זייערע שורות לייכטן אויף אין איר זכרון, ווי נאָר זי רופט זיי ארויס!

זי האָט זיך א וואַלגער געטאָן מיטן פּנים צו דער וואנט, און פון איר ארויס האָט איר געוויין געענטפערט זיינעם, ווי א ווידערקול.

די בשותפותדיקע טרערן האָבן זיי ביסלעכווייז שלום געמאכט און ווידער פארבונדן.

קאַפּיטל פינף און אַכציק

אסתר צעשיידט זיך מיט שמעונען

דער לערער בערל ברינמאַן איז געווען א בחור פון מיטעלער ווקס, א פּלייציקער און ברוסטיקער. זיין פּנים — אַן ערנסט-אומעטיקלעכס, מיט פאַרטרוימטע ברוינע אויגן. זיין הויט-קאָליר — אַ מאַטעווע, צייטנווייז, אין א שלעכטער שטימונג — אַש-קאָליריק און גרינבלעך, ווי ער וואָלט געליטן אויף דער „שווארצער קרענק“. זיין שטים — א ברוסטיק-ווארעמע, און גערעדט האָט ער פּאַמעלעך, באַדאַכט און ערנסט, ווי א מענטש וואָס האלט זיין וואָרט פאַר וויכטיק און וויל, אַז אויך אַנדערע זאָלן עס אזוי באַטראַכטן. ער האָט זיך איבערגענומען מיט זיינע קענטעניש און מיט זיין שפּילן פידל, אָבער אָפטער געשפּילט באַלאַלייקע, וואָס האָט זיך אים בעסער איינגעגעבן. צייטנווייז פלעגט ער אומגעריכט אריינפאַלן אין אַ פריידיקער שטימונג. דעמלט האָט ער שוין גערעדט גראָד א ביסל צו הויך, געוויצלט זיך און געלאַכט פון די אייגענע וויצן, כאָטש ביי די צוהערער האָבן זיי נישט ארויסגערופן אזא רעזאָנאַנס. בעת א חבריש קערמעשל האָט ער ליב געהאַט אויסצוטרינקען און גוט אָפּצועסן. דאָס פּנים פאַרגייט אים דעמלט מיט א לעבעדיקער ראָזקייט, די אומעטיקע אויגן גיסן זיך אים איבער, ווי די געטראַנקען וואָלטן אים ארויף צום קאָפּ, ער רעדט אויף א הויך קול, לויבט זיך אליין און רימט זיך, כלומרשט אין שפּאַס, שפּילט אויף דער באַלאַלייקע, טאַנצט און ברענגט אריין אין התפּעלות די מיידלעך און די יונגע ווייבלעך. די יונגע מאַמעס פון דער שול האָבן פון אים אָנגעקוואָלן.

ווי א לערער איז ער געווען זייער איבערגעגעבן דער שול און שטאַרק ארבעטזאַם. צו די שילער האָט ער זיך באַצויגן חבריש און אפילו פּאָטערלעך. זענען טאַקע די שילער געווען צו אים אויסערגעוויינלעך צוגעבונדן. לעבן דעם לערער שמעון אדלער איז ער געווען דער צווייטער פון „די זיילן פון דער שול“.

און דערפאַר — ווען דער לערער בערל ברינמאַן האָט זיך געקליבן אוועקצופאָרן ארבעטן אין דער שטאָט, וו ס׳וווינען לעצטנס זיינע עלטערן, איז דאָס געהאלטן געוואָרן בסוד.

ברינמאַנס אַרויספאָרן האָט אַ שטויס געטאָן (אַזוי האָט עס געזאָלט הייסן) אויך שמעונען: געגנוג געאַרבעט אין אַזאַ קליין שטעטל.

אין דער אמתן איז שמעונס מאָטיוו גיכער געווען דער ווילן: איינמאָל פאַר אַלעמאָל פּטור ווערן פון דעם ליבע-פאַרבינדעניש „אויף אַ לייטישן אופן". צי איז אים, שמעונען, דער באַשלוס זיך צו צעשיידן לייכט אָנגעקומען? אסתר האָט דאָס נישט געוווּסט. איר אָבער האָט עס ווי געטאָן. דווקא דעמלט האָט זיך איר אויסגע-וויזן, אַז זי האָט אים ליב מיטן גאַנצן לייב-און-לעבן, נישט געקוקט אויף אַלע זיינע גרויסע און קליינע פאַראַטן. אַזוי האָט זי עס אין פלוג געפילט, אָבער דאָס איז געווען בלויז אַן איבערשטער שטראָם פון געפיל. טיף אונטער אים האָט געריזלט אַ שטראָמל אין דער קעגנגעזעצטער ריכטונג: „...זאָל ער! וועט אפשר גרינגער ווערן צו לעבן... רואיקער... פרייער..."

אויסקוקנדיק צוויי ביינע לערער, ווילנער סעמינאַריסטן, האָט די יידישיסטישע יוגנט דאָס אוועקפאָרן פון די אַלטע לערער, „די זיילן פון דער שול", באַטראַכט פאַר אַן אומגליק און אפילו פאַר אַ שלעכטער האַנדלונג מצד זיי: ווער ווייסט, צי די שול-עלטערן וועלן איצט נישט ענדערן זייער באַציונג צו דער שול ביז אַרויס-נעמען די קינדער. דער אַרויספאָר פון די לערער איז דעריבער פאָרגעקומען ברוגזדיק, אָן געזעגענונגען, אפילו צווישן די אייגענע.

זיי זענען אָפּגעפאָרן אין איין טאָג, הגם אין קאָוולע האָבן זיי זיך געדאַרפט צעפאָרן אין באַזונדערע ריכטונגען: זאָל מען זיין נאָך אַ פּאָר שעה צוזאַמען. אויפן וואָקזאַל זיי צו באַגלייטן זענען געווען בלויז אַהרון לעווי, טייבל לייטערמאַן, דעם לערער בערל ברינמאַנס „מיידל", וועלכע דאַרף איצט פאַרשיינלעך איבערלעבן דאָס זעלבע וואָס אסתר; אסתר און אירע נאָענטסטע חברטעס, שבעלע קאַגאַן און רחל האַרן; די אביטוריענטן פון ווילנע — די ברידערלעך לעווי פון דער דאָר-טיקער יידישער גימנאַזיע, און חנא וואָלף פון דעם לערער-סעמינאַר; מיט אים איז אויך מיטגעקומען זיין חבר נפתלי הובעלמאַן, וועלכער איז פון דער שול-באַנק גלייך צוגעטראָטן צו זיין טאַטנס מעבל-וואַרשטאַט.

אוודאי וואָלט אסתר געווען אַ סך צופרידענער, ווען קיינער וואָלט שמעונען נישט באַגלייט, און זי וואָלט זיין די איינציקע. נאָך באַזונדערס איז איר געווען נישט צום האַרצן הובעלמאַנס בייזיין. ער פלעגט זי צום אָפּטסטן און שטאַרקסטן פאַרפאָלגן מיט זיין ליבע און אפילו מיט אייפערזוכט-סצענעס, צו וועלכע ער האָט די מינדסטע רעכט נישט געהאַט. ער האָט אָבער געהאַלטן, אַז ער האָט יאָ רעכט, ווייל „ער קאָן אָן איר נישט לעבן".

קיל איז צושטאַנדגעקומען שמעונס געזעגענען זיך מיט אסתרן.

— וועסט שרייבן, שמעון? — האָט זי געפרעגט ווי פון יוצא וועגן.

— איך ווייס? — האָט ער געענטפערט אין איר טאָן. — אַז ס'וועט זיין צייט...

צוזאָגן און נישט האַלטן קיין וואָרט איז געווען קעגן זיין מאָראַל.

ווען דער צוג האָט זיך אַוועקגעצייגן, און דער פייף פון לאָקאָמאָטיוו איז בלאָנדזשענדיק אויסגעגאַנגען ערגעץ הינטערן ווייטן האָריזאָנט, איז אויף דער סטאַציע געוואָרן לער און שטיל מיט דער לערקייט און שטילקייט, וואָס געמען שטיקן דאָס געמיט מיט אומגעזעענע געשפּענסטיקע הענט. אסתרס בליק האָט נאָכגעבלאָנדזשעט די שטיקלעך רויך, וואָס האָבן זיך איינגעזאַפּט אין דעם בלויען הימל.

זיי האָבן זיך אומגעקערט אַהיים צופוס. לעווי האָט גענומען טייבל לייטער־מאַן אונטער דער האַנט. עמעץ האָט דערויף אַ פינטל געטאָן מיטן אויג און בלאָס אַ שמייכל געטאָן... מ'האָט עס פאַרשטאַנען: מילא, זיי וועט זיך גיך טרייסטן נאָך ברינגמאַנען. און אסתר פריסיק?... אסתר האָט זיך אַריינגעכאַפּט אינמיטן צווישן אירע חברטעס, ווי זי וואָלט זיך דאַרפן שיצן פאַר עפּעס. די יינגלעך זענען געגאַנגען באַזונדער. זיי האָבן אָנגעהויבן, לגמרי נישט צוגעפּאַסט צו דער שטי־מונג, רעדן אויפגעלעבט און זאָרגלאָז. עטלעכע מאָל געפּרוווט אַריינציען די מייד־לעך אין זייער געשפּרעך, אָבער ס'האָט זיך זיי נישט איינגעגעבן. אסתרס חברטעס האָבן אַוודאי אָפּגעפילט איר שטימונג, יעדנפאַלס פאַרשטאַנען איר געמיט־צו־שטאַנד.

זיי האָבן שוין גענומען דערנעענטערן זיך צום שטעטל. די יינגלעך האָבן אָנגעהויבן שמועסן צווישן זיך שעפּטשענדיק, דורכגעקלונגען מיט דינע שפּאָטנ־דיקע געלעכטערלעך. לויט די בליקן, וואָס זיי האָבן אַלע וויילע געוואָרפן צו זיי, האָבן די מיידלעך פאַרשטאַנען, אַז דאָס גייט איצט די רייד וועגן אסתרן. נאָר זיי האָבן זיך געמאַכט נישט הערנדיק און נישט פאַרשטייענדיק.

מיטאַמאָל האָבן די יינגלעך אויפגעזונגען אַ באַקאַנטע פרייל עכע מעלאָדיע. די ווערטער האָט געברומט בלויז נפתלי הובעלמאַן, נאָר וואָס ווייטער, אַלץ העכער און דייטלעכער. ער האָט אַרויסגענומען אַ פּאַפּירל פון אַ קעשענע און פון צייט צו צייט געכאַפּט אין דעם אַ בליק. האָט עפּעס אָנגעהויבן גיין זיך וואַקלענדיק און זינגען אויף אַ קול פון אַ שיכור, וואָס קערט זיך אום אַהיים פונעם יאַריד. זיי האָבן דערהערט נייע ווערטער:

אסתר גייט צוריק פון באַן און וויינט:
זי האָט אַ טעות ג'האַט, זי האָט געמיינט...
שמעון, שמעון
וועט צוריק נישט קומען,
אוי־וויי! אוי־וויי!

דעם „אוי־וויי!“ האָבן אונטערגעכאַפּט די איבעריקע און זיך צעשאָטן אין אַ געלעכטער.

אסתר וויינט, בעת זי גייט פון באַן צוריק:
זי האָט אַ טעות ג'האַט — אַוועק דאָס גליק...
שמעון, שמעון
וועט צוריק נישט קומען,
אוי־וויי! אוי־וויי!

אסתר גייט צוריק פון באַן און וויינט:
נישט זי, נאָר עפּעס אַנדערש שמעון האָט געמיינט...
שמעון, שמעון
וועט צוריק נישט קומען,
אוי־וויי! אוי־וויי!

אסתר גייט צוריק פאַרוויינט פון באַן:
זי האָט אַ טעות ג'האַט — ער וועט נישט זיין איר מאַן...
שמעון, שמעון
וועט צוריק נישט קומען,
אוי־וויי! אוי־וויי!

און דער „אוי־וויי! אוי־וויי!" ווערט כסדר אונטערגעכאַפּט פון די חברים, און זיי צעשיטן זיך אין געלעכטער.

הייסט עס, אַז אָנשטאָט צו נעמען אין איר נקמה, ווי ער האָט זי אַנומלט געשראָקן, „מיט אַ מעסער מיר און דיר אין האַרצן אַריין" — נעמט ער דאָס די נקמה מיטן דאָזיקן פּאַפּירענעם חלף... אָבער ווי טומ עס זייער. ס'האָט אויפגעקאָכט אין אסתרן דאָס בלוט. זי האָט זיך אינסטינקטיוו אַ באַוועג געטאָן צו די ייִנגלעך. נאָר אירע חברטעס, וועלכע האָבן כלומרשט נישט געהערט דאָס געזאַנג, האָבן זי, כלומרשט ווי אָן אַ כוונה, פאַרהאַלטן אונטער די הענט. ווען פאַר די אויגן וואָלט איר נישט געשטאַנען שמעון, אַ פאַרנדיקער איצט אין וואַגאָן, וואָלט זי זיך מסתם פון זיי אַרויסגעריסן, צוגעלאָפן אַהין און מכבד געווען נפתלין פּראָסט־פּשוט מיט אַ פּלעט אין פּנים. האָט זי זיך אויך געמאַכט כלומרשט נישט הערנדיק, פאַררעדט זיך מיט די חברטעס און געטראַכט: האָסט מיך געראַטעוועט ערשט פון אַ סקאַנדאַל, שמעון — פאַר געזונט!

זיי זענען מיט שנעלע טריט צוגעקומען, אסתר מיט די חברטעס, צום „קרו־מען געסל". זיי האָבן צו יענע אַ שאָקל געטאָן „אויף ווידערזען!" און פאַרקערע־וועט אין געסל אַריין — פּטור!

קאַפּיטל זעקס און אַכציק

די פּעדעם האָבן זיך איבערגעריסן

מיט אסתרן האָט שמעון פּונדעסטוועגן נישט מיטאַמאָל איבערגעריסן. „...וואָס? ער איז פּון יענע גוטע יונגען, וואָס ציען אַריין אַ מיידל אין זייער נעץ, נאָגן זי אויס, ווי אַ שפּין אַ פליג, און לאָזן זי איבער אויפן בארא̈ט פון הפקר? איז דאָך אסתר (אסתרקע?...) נישט בלויז אַ מיידל, מיט וועלכער ער איז יאָרן אַזוי נאָענט געווען, נאָר אויך זיינע אַ געוועזענע שילערין און איצטיקע חברטע!...“ — האָט שמעון געקלערט אין זיין... איינגעשמועסטער ערלעכקייט. און, כאָטש זעלטן, נאָר פון צייט צו צייט האָט אסתר פון אים אַ בריוול, אַ חבריש, אַ היימיש, געקריגן. אונטערגעשריבן — „דיין געוועזענער לערער...“

נאָר וואָס ווייטער זענען שמעונס בריוולעך אַלץ זעלטענער געוואָרן. ס'האָט זיך אין זיי געשפּירט דער נאָכצאָפּל פון זיינע אַמאָליקע געפילן, וואָס לעשן זיך, לעשן זיך אויס. אויך אסתרס ענטפערס זענען געווען, וועדליק איר כאַראַקטער, נעבעך איינגעהאַלטן: זיין צודרינגלעך הייסט — פאַרענדיקן אינגאַנצן. אירע געפילן צו שמעונען פלעגן זיך דעמלט טוישן, אָנהייבנדיק פון שטאַרקער ליבע־בענקשאַפט ביז בימערע תרעומות, באַליידיקונג און האס. יאָ, אַפילו האס: פאַרוואָס שרייבט ער אַזוי ווייניק? נישט שוין־זשע האָט זי זיך אַפילו אויף דעם נישט פאַרדינט ביים דאָזיקן עגאָיסט?!

אַזוי־ווי אויף צו להכעיס האָבן זיך חברים און חברטעס פאַראינטערעסירט — ווער מחמת פריינדשאַפט און מיטגעפיל, און ווער מחמת דערלעבטער נקמה:

— וואָס שרייבט דיר עפּעס דיין שמעון? — האָבן געפרעגט די פריינד, שבעלע קאַגאַן און רחל האָרן.

— וואָס שרייבט דיר עפּעס שמעון אַדלער? — האָבן געפרעגט די בייזוויליקע, דערהויפּט פון די באַלעבאַטישע, אונטערשטרייכנדיק מיט שמעונס פאַמיליע־נאָמען זיין העכערקייט און אָפּגעפרעמדטקייט פון אסתרן, דאָדיע קאָוואַלס טאָכטער. און די טייטש פון דער פראַגע האָט זי באַדאַרפט פאַרשטיין אַזוי: ער האָט דיך אויסגענאָגט, שמעון אַדלער, ווי אַ לימענע, און אַרויסגעוואָרפן אויפן

מיסט... וואָס דען האָסטו זיך, נאַריש, פֿאַרריסן מיידל, איינגערעדט — אַז אַ חבר איז ער דיר? דער געלערנטער שמעון אַדלער? אַז ער קאָן דיר נאָך ווערן עפּעס מער?...

דער גאָרער שפּאָט און די גאַנצע באַליידיקונג איז געווען געווענדט אויסשליסלעך קעגן אסתרן. קעגן שמעונען האָט זיך אַפֿילו קיין פֿירהאַלט נישט געשפּירט: אים, אַ בחור, איז אַלץ מותּר!

דערפֿאַר פֿלעגט שמעונס אַ גרוס צו אסתרן אין בריוו צו חברים נישט אַזוי דערפֿרייען איר האַרץ און נשמה, ווי היילן איר באַליידיקטן און צעווייטיקטן שטאָלץ: „ער שעמט זיך נישט מיט איר, שמעון אַדלער! אַז ער שיקט גריסן דורך אַנדערע — קאָן דאָך עס הייסן, אַז ער שיקט אויך איר בריוו אַליין פֿון צייט צו צייט... און אַז איינמאָל אין אַ יובל איז טאַקע צו איר אָנגעקומען, ווי אַ פֿאַרבלאָנדזשעטער וואָגלער, שמעונס אַ בריוו, איז זי געווען אַזוי קליינלעך, אַז זי האָט זיך באַמיט, וואָס מער חברים זאָלן וויסן וועגן אים, דעם דאָקומענט פֿון שמעונס באַציונג צו איר, אין געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער איז נישט קיין זעלטענער גאַסט ביי איר: נישט וועגן אַלע בריוו דאַרף זי דאָך רעדן...

נאָר אָט האָט די צייט זיך אויסגעצויגן שוין זייער לאַנג, און פֿון שמעונען קיין בריוו איז נישטאָ און נישטאָ. שוין? איז דאָס שוין די אונטערשטע שורה? זי וועט נאָך פּרוּוון זיך אַ ראַנגל טאָן. זי וועט אים שרייבן. און געשריבן האָט זי אים אָט וואָס: „...ער איז דאָך איינזאַם אין דער פֿרעמדער שטאָט. האָט נישט ווער סע זאָל זיך אומקוקן אויף זיין בחורישער באַלעבאַטישקייט. אַלע זיינע שקאַרפּעטן זענען שוין אַוודאי אויסגעריבן — ווער זאָל זיי אים פֿאַרצערעווען? איז בעט זי אים — ער פֿאַרשטייט? זי בעט אים, ווי אַ חבֿרטע — זאָל ער זיי איר צושיקן דורך פּאָסט, און ער וועט זיי ווי צום שנעלסטן צוריקבאַקומען גאַנצע און זויבערע...“

די ווייכע אזשורענע פֿאַרהאַנגען אויף די פֿענצטער פֿון אסתרס צימער האָבן, בעת איר אויפֿהייבן די אויגן אַ זוך צו טאָן אַ פּאַסיק וואָרט, געקוקט אויף איר מיט טויזנטער לעכעלעך-בליקן און געשמייכלט-געשפּעט פֿון איר אומבאַהאָלפֿנקייט, פֿון איר וועלן איינרעדן זיך שיינע, דערהויבענע געפֿילן. איר בליק האָט זיך אַ גלימש געטאָן איבערן שפּיגל, און זי האָט דערזען, ווי אירע באַקן האָבן זיך באַגאָסן מיט רויטקייט פֿון שאַנד ביים געדאַנק: „ווי קאָמיש מיין „ביטע“ וועט אויסזען אין זיינע אויגן, אויב... ער האָט זיך שוין דאָרט „איינגעשאַפֿן“ אַ מיידל!“

די תּשובֿה אויפֿן דאָזיקן בריוו האָט נישט לאַנג געלאָזט אויף זיך וואַרטן. זי האָט אַנטהאַלטן, אמת, קאַרגע שורות, אָבער ס'זענען געווען אין איר אויסדרוקן פֿון געריכטקייט, וואָס האָבן אַרויסגערופֿן די דערמאָנונג פֿון שמעונס בעריבריוו. אסתּרס אויפֿגערודערט בלוט האָט זיך דעריבער אויסגעדאַכט, אַז זיי קומען

פון זיין וואַכזאַם האַרץ. אָבער — אוי־וויי! — איר „ביטע“ האָט ער צום סוף אָפּגעווענדט מיט אַ ביטערן שפּאַס: „אָט ווען דו וואָלסט קאָנען, אסתר, פּאַרצערעווען מיר דאָס האַרץ, וואָס אַזויפיל געפיל־פעדעם זענען שוין פון דעם אויסגעריסן געוואָרן, וואָלט איך עס דיר מיט פולן צוטרוי געשיקט — אדרבה באַווייז דיין בריהשקייט! אָבער שקאַרפּעטן... נישט שוין־זשע וועט זיך נישט געפינען דאָ איין אָרט אַ וועלכע ס'איז מיידל, וואָס זאָל קאָנען און וועלן מיר טאָן אַזאַ געפעליקייט?“.

און כאָטש פאַרענדיקט האָט זיך זיין שפּאַסיקער ערנסט מיט אַ פרעגצייכן, איז אסתרן שוין געוואָרן קלאָר: יאָ, ער האָט שוין דאָרט אַזעלכע. וואָרן, ווי דען אַנדערש, שמעון וועט זיך אויסלעבן אָן אַ מיידל ביי דער זייט!

ביז אהרון לעווי האָט אויף איר איינמאָל אָנגעשטעלט זיינע אויגן — פּראָזשעקטאָרן פון אַן אויטאָמאָביל, וואָס פאָרשן דעם וועג אין ביינאַכטיקער פינצטער — און געזאָגט מיט אַ פרייל־צעלאַכט פּנים:

— מיר קאָנען דערוואַרטן אַ שמחהלע אינגיכן. שמעון אַדלער, שמועסט די וועלט, זאָל זיך האָבן צונויפגעחברט דאָרט מיט אַ לערערין. צו דיר האָט ער גאָרנישט געשריבן וועגן דעם?

— וואָס הייסט, ניין? — האָט אסתר מיט אַן אויסרייד אַוועקגעדרייט דאָס פּנים אויף אַ זייט און באַנוצט דאָס נאָזטיכל, כדי זיך נישט צו פאַראַטן — אוודאי ווייס איך ביי שמעונען אַלץ פריער ווי אַנדערע...

און — שוין! דער לעבעדיקער שמעון אַדלער, וואָס האָט שוין דאָרט אין דער פרעמד אַ פרעמד מיידל, איז פאַר אסתרן געוואָרן אַ מומיע. לעבעדיק איז פאַר איר געבליבן בלויז שמעון, איר אַמאָליקער שמעון — אין איר באַליידיקט האַרץ, אין איר זכרון, אין זיין בריוו־פּאַקעט מיטן ראָזן בענדעלע אַרומגעבונדן.

יעדעס מאָל, ווען אסתרן באַפאַלט דאָס געפיל פון אַליינזיין, פון בענקשאַפט נאָך צערטלעכקייט, לייגט זי זיך מיטן פּאַקעט אין בעט אַריין, דרייט זיך אויס מיטן פּנים צו דער וואַנט און קוויקט זיך מיט די בריוו, ווי... אַזוי האָט זיך מסתם שמעון, דער קראַנקער שמעון, וואָס האָט זי אַזוי ליב געהאַט, געקוויקט מיט דער לופט פון די בערג, מיט זייער שיינקייט. ווי שיין זענען זיינע בריוו! זי האָט געלייענט און געשמייכלט, געלייענט און געלאַכט — וויפל הומאָר ער האָט טיילמאָל! זי האָט געלייענט און... געוויינט... שמעון איז געשטאָרבן דאָרט אין די בערג. זי איז אַ יונגע אלמנה. זי וואָלט זיך דאַרפן קליידן אין שוואַרצן. ס'וואָלט איר געקליידט... און — אירע מחשבות זענען אוועק גאָר אויף אַנדערע וועגן... ווען איציק וואָלט נישט געזיצן אין תפיסה, וואָלט זי אפשר איצט... אַנטוישט אין אייגענעם גליק... גענומען זוכן גליק פאַר אַנדערע... זי וואָלט מיט איציקן צוזאַמען...

פאַר יענער צייט האָט אסתר אָנגעהויבן צעטרענצלען איר האַרץ אויף לייכטע, נישט ערנסט־גענומענע פלירטן, אויף קליינע, אויבנאויפיקע געפילעכלעך. אין דער

שטעמלדיקער יוגנט האָט דעמלסט שטאַרק געווירט. נישט געקוקט וואָס אַ היפּשע גרופּע יידישע און אוקראַינישע בחורים און אַפילו צוויי אוקראַינישע מיידלעך האָבן זיך געפּייניקט אין תפיסה, איז די אונטערערדישע קאָמוניסטישע טעטיקייט ווייטער אָנגעגאַנגען. עפּנטלעך איז עס געקומען צום אויסדרוק אין דער דערנעענטערונג צווישן דער יידישער און אוקראַינישער יוגנט. אויף די ספּעקטאַקלען פון דעם אוקראַינישן אַמאַטאָרן-קרייז פלעגט די יידישע יוגנט קומען מאַסנווייז. אויך אויף די יידישע ספּעקטאַקלען האָט מען געקאָנט אַמאָל זען אַן אוקראַינישן בחור, אָדער מיידל, כאָטש זיי האָבן דאָך קיין יידיש נישט פאַרשטאַנען. ס'האָט דעמלט, לויט יונה סעווריוקס זאָג, „אויסגעבראָכן די כאָליערע פון מיידלעך מיט שקצים און יינגלעך מיט שיקסעס".

— צייטן! צייטן! — שמייכלט ער, יונה סעווריוק, און זיינע אויגן, סיי דאָס געזונטע, סיי דאָס פאַרבעלמטע, זשאַריען און וואַרפן אַ רויטע שיין אויף זיין פּנים — אַפילו די רבנים זענען קאַליע געוואָרן. הערט, וואָס דעם דיינס איידעם, אונדזער נייער רב האָט געזאָגט — „מיט אַ סיקסע איז על-פּי-דין גאָרניסט אַזוי סרעקלעך, סרעקלעכער איז מיט אַן אסת-אים..." פונוואַנען ווייסט ער עס, דער ליטווישער ישיבה-בחור, אַז מיט אַ סיקסע איז נישט אַזוי סרעקלעך? ער האָט צוגעשטעלט אַ האַנט צו איר פּייערטאָפּ, און זיך נישט אָפּגעבריט?

אויך אסתר איז דעמלט נכשל געוואָרן מיט דער דאָזיקער עבירה. איציק איז דאָך נישטאָ — אין תפיסה. ס'האָט צו איר אָנגעהויבן צוצושטיין זייער איידל און פיין אַן אוקראַינישער בחור, אַ זון פון אַ „באַלעבאַטישן" טאַטן. ווי אַ שאָטן פלעגט ער אויסוואַקסן לעבן איר און פאַרפירן אַ שמועס. ער האָט איר לגמרי נישט אינטערעסירט, נאָר אַזאַ שטילער און צוריקגעהאַלטענער, ווי קיין יידיש יינגל איז עס קיינמאָל נישט, צו וואָס זאָל זי אים פאַרטרייבן? זי נעמט דאָך אים נישט ערנסט. זאָל ער זיך איר נאָכשלעפּן, זי דאַרף זיין צניעותדיקער פון אַנדערע?...

זי איז דעמלט געווען פוסט, אסתר פּריסיק.

גראָד אהרון לעווי האָט פאַר דעם געהאַט פאַריבל אויף איר. נישט פאַרן עצם גיין מיט אַן אוקראַינישן בחור. פאַרקערט, ער אַליין, כאָטש „דעם שטאָטגבירס זינדל", איז שוין דעמלט געווען געכאַפּט אין סימפּאַטיעס צו די רויטע און האָט זיך אויך אַרומגעפירט מיט מאַראַס מאַראַשקיעוויטשעס יינגסטע שוועגערין. נאָר טאַקע דאָס האָט ער איר פירגעהאַלטן, וואָס, אַ שוועסטער פון אַ קאָמוניסט, וועלכער פּייניקט זיך אין תפיסה, האָט זי צו טאָן מיט אַן אוקראַינישן נאַציאָנאַליסט... אויף וועמען זי האָט פאַרביטן שמעון אדלערן!

קאַפּיטל זיבן און אַכציק

שלוימקע מאָרגנטוי

אויף פֿײַערונגען פֿון דער יידישער שול האָט לעצטנס אָנגעהויבן אַראָפּצוקומען פֿון קאָוולע, אַלס דעלעגאַט פֿון דער דאָרטיקער פּרץ-ביבליאָטעק, אַ יונגער בחור מיטן נאָמען שלוימקע מאָרגנטוי. ער פֿלעגט אַרויסטרעטן מיט אַ קורצער באַגריסונגס-רעדע, וואָס האָט תּמיד געמאַכט אַן אײַנדרוק.

שלוימקע מאָרגנטוי פֿלעגט אײַנשטיין בײַ זײַן היגן פֿעטער, יאַנקעלע מאָרגנטוי, אַ מאַגדעטנע מענער-שנײַדער, אַ פֿאַרהונדערטער באַלמעלאָכישער באַלעבאָס מיט אַ נאָמען פֿון אַן ערלעכן מענטשן. אויך שלוימקעס פֿאָטער אין קאָוולע, ישראל מאָרגנטוי, איז געווען אַ מענער-שנײַדער, נאָר נישט קיין טאַנדעטניק — אַ גוטער שנײַדער. ער איז אויך געווען מער באַלעבאַטישער מענטש. זײַן הויכער שטערן, די ברייט-צעקעמטע, פֿײַנע, צווייִשפּיציקע באָרד, זײַנע איידעלע מאַנירן אַפֿילו בײַם אָנמעסטן אַ מלבוש, אָדער נעמען אַ מאָס, — האָבן מיט איינגעהאַלטענער שטאָלצקייט געזאָגט: דער גורל האָט אין מיר אַ טעות געהאַט — איך האָב גאָר באַדאַרפֿט זײַן אַ גבאי בײַ אַ גוטנייִדן, אָדער אַ משגיח אין אַ ישיבה...

זײַן בן-יחיד, שלוימקע, האָט זיך בײַ זײַן וואַרשטאַט אויסגעלערנט די מלאכה און איז בײַ אים געבליבן אַרבעטן. מ'האָט געלעבט באַלעבאַטיש. נאָר באַלעבאַטישע מענטשן איז שווערער געווען זיך אַן עצה צו געבן אין דער מלחמה-צײַט. צו ישראל מאָרגנטוי אין שטוב האָט זיך אַרײַנגעקריגן דער הונגער, האָט אַלע אין שטוב אויסגעצערט, און ער אַליין, ישראל, האָט זיך אינגאַנצן געזעגנט מיט דער וועלט. שלוימקע האָט גענומען פֿירן דעם וואַרשטאַט בײַ דער קנאַפּער מיטהילף פֿון דער מאַמען, וועלכע האָט דאָך געפֿירט די שטוב-באַלעבאַטישקייט. די פֿאַרדינסטן זענען געווען קוים אויף פּרנסה, ווײַל שלוימקע איז געווען פֿון די פֿאַמעלעכע טוער; צונעמען געזעלן און זיי עקספּלאָאַטירן, ווי ס'טוען אַנדערע, האָט אים „נישט דערלויבט זײַן פּראָלעטאַריש געוויסן". חוץ דער מאַמען האָט ער נאָר געמוזט שפּײַזן זײַנע צוויי שוועסטער, וואָס הגם זיי

זענען געווען וועש־גייטאָרינס, האָבן זיי זייערע פּאַרדיגסטן געמוזט שפּאָרן אויף חתונה־אויסשטייער.

שלוימקע מאָרגנטוי האָט שווער געהאָרעוועט, און זיין מי איז קענטיק גע־ווען אויף זיין פּנים און דער גאַנצער פיגור: מאָגער און קנאָכיק. א פאַרשלאָפענע פוילבלעכקייט האָט זיך אַרויסגעפילט פון זיין שטיל רעדן און זיינע פּאַמעלעכ־דיקע באַוועגונגען. פונדעסטוועגן האָט ער נאָך אָפּגעשפּאָרט א שפּאָר ביסל צייט פאַר געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. „די וועלט" האָט געהאַלטן פון אים. מ'האָט אים געשעצט און געליבט: אַן ערלעכער, א פיינער בחור. נישטאָ וואָס צו רעדן.

ביי די טריסקער באַלמעלאָכישע מיידלעך האָט שלוימקע מאָרגנטוי אַרויס־גערופן נאָך א גרויסע פאַראינטערעסירונג: א גרויסשטאָטישער, א פאַרשטייער און דערצו נאָך א שיינער יונג. אסתר האָט זיך צוגעקוקט, ווי מיידלעך פרווון פאַנגען זיין אויפמערקזאַמקייט מיט צוגעלאָזענע שמייכלעך, מיט פיינע רייד, וואָס זענען אוודאי אוים קלוג אין די אייגענע אויגן, מיט פּוטערדיקע ליב־חניפה־לעך. נאָר שלוימקען נעמט עס נישט. ער איז ווי געפאַנגען פון זיין אייגענער שטילקייט. זי האָט באַמערקט, אַז אפילו טייבל לייטערמאַן, דעם לערער ברינ־מאַנס „געווזענע", האָט אים געפּרוווט פאַרציען אויף איר שטריקעלע, אָבער דאָס שטריקעלע האָט זיך איבערגעריסן.

מאָרגנטוי האָט זיך אַרויסגעוויזן נישט פאַר עפּעס א ליאַדע פלאָטישקע, וואָס צוליב א ווערעמל, אָדער קרישקעלע ברויט לאָזט זיך עס גלייך פאַנגען אויף דער ווענטקע, נאָר פאַר א העכט, וואָס דו ווערסט אים פאַרנאַרן נאָר מיט א לייטישן ביסן.

אַרום אסתרן האָבן זיך מיידלעך בלומרשט גלייכגילטיק געוויצלט:

— שלוימקע מאָרגנטוי איז דיר נישט קיין ייִנגל...

— ער איז נישט פאַר אונדזערע מיידלשע כוחות...

— ווייס איך! — בייסט אים א מיידל מיט שאַרפע ציינדלעך — ער דאַרף בכלל נישט קיין מיידל. א נדן מסתם דאַרף ער...

דאָס האָט געוועקט אין אסתרן א טראָציקייט: און איך וועל זיי באַווייזן, אַז... אַז איך דאַרף נאָר וועלן!

פאַרבאָרגן פאַר איר אייגענעם באַוווסטזיין איז עס אפשר געווען א טראָ־ציקייט קעגן שמעונען, וועלכער שרייבט נישט און שרייבט נישט.

האָט זי זיך „צופעליק" געפונען „א גלייכגילטיקע" לעבן א קרייזל אַרום שלוימקען.

— זייט באַקאַנט.

זי האָט אים נאָכלעסיק דערלאַנגט איר הענטל. ער איז בפירוש רויטלעך גע־וואָרן און ווי פאַרגעסן אַרויסצולאָזן אירע פינגער.

— ראַכט זיך, — האָט זי אונטערגעשמייכלט — אַז מיר האָבן זיך אַמאָל באַקענט... אין קאָוולע?

— ווירקלעך, — האָט ער צוריקגעשמייכלט מיט הנאה און גלייך איז אים בעסער געוואָרן אויפן האַרצן, פונקט ווי עס וואָלט ער דאָ אַזאַ "שאַנס" אויף... אָבער אין זיין פּנים אַריבער אַ שאָטן — ס'איז געווען יענעם פּרייטיק, ווען ביי אונדז איז פאָרגעקומען דער גרויסער פּראָצעס... אויפן טראָטואַר האָט אונדז באַקאַנט געמאַכט אייער קאָוולער קוזינקע...

אסתר איז גלייך זיכער געוואָרן, אַז דער "העכט" איז אַ געפאַנגענער. ס'האָט זיך פאַרבונדן צווישן זיי אַ שמועס, ווי קיינער וואָלט נישט געווען דערביי. האָט זיך טאַקע באַלד געשאַפן אַרום זיי אַ פּוסטקייט, וואָס מאַכט פרייער דאָס געמיט. אהרון לעווי האָט אויף אסתרן, פאַרבייגייענדיק, אַ גלאָץ געטאָן מיט זיינע פענסנע־גלעזער, ווי אַ גזלן, און זי האָט אים צוגעשמייכלט. דער לערער בעקערמאַן האָט ממש אַריינגעשטעקט צווישן זיי דעם קאָפּ, זיי ווי אַרומגעווישט מיט זיין קורצער ראיה, אַרומגעשמעקט מיטן געדיכטן נעזל, אַ ברום געטאָן: "אַ!..." און איז אָפּגעגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעבויגענער פּלייצע.

דעם זעלבן אָוונט נאָך איז שלוימקע געוואָרן מיט אסתרן היימישער און באַרעדעוודיקער. זי האָט זיך ערשט דערוווּסט פון אים מיט גרויס חידוש, אַז זייער ערשטע באַקאַנטשאַפט אין קאָוולע איז נישט געווען קיין צופעליקע. ער, שלוימקע, האָט די באַקאַנטשאַפט געזוכט... וואָס עפּעס? זי איז אים אַזוי געפעלן מיט איר אויסערלעכקייט? דאָס אפשר אויך אַ ביסל. נאָר דער עיקר: ס'איז צו אים דערגאַנגען וועגן איר חברשאַפט און פריינדשאַפט מיטן לערער אַדלער. ער האָט געהערט זי באַרעדן, פאַראורטיילן — האָט עס אים פאַראינטערעסירט. ער האָט די רכילותן, פאַרשטייט זיך, נישט געגלייבט. ער שעצט צופיל דעם לערער אַדלער. פאַרקערט, ער האָט זיך אויסגעטייטשט — אויב אַזאַ ווי דער לערער אַדלער איז אַזוי פאַראינטערעסירט מיט איר, מיט אַ יונג מיידל, וואָס לערנט זיך אַ פאַך, איז זי זיכער נישט קיין דורכשניטלעכע. זי איז אים טאַקע דעמלסט געפעלן געוואָרן. פונדעסטוועגן האָט ער מער נישט געזוכט קיין טרעפונגען מיט איר, ווען ער פלעגט אַמאָל קומען אַהער — ער וועט דאָך נישט זיין קאָנקורירן אין פריינדשאַפט מיטן לערער אַדלער! אָבער... ער האָט נאָכגעפאָרשט איר לעבן די גאַנצע צייט. איצטער, אַז אַדלער איז אַוועקגעפאָרן, איז שוין עפּעס אַנדערש... וואָס? אַדלער שרייבט זיך נאָך איצט אויך איבער מיט איר? המם... דאָס איז זייער שיין פון אַדלערס זייט. ער, שלוימקע, וואָלט זיך אויך גערן איבערשרייבן מיט איר, אויב זי האָט נישט האָקעגן. ער קאָן איר צושיקן ביכער פון דער פּרץ־ביבליאָטעק, אַזעלכע, וואָס זענען אין דער היגער נישטאָ... יאָ, ער וועט עס טאָן מיט פאַרגעניגן.

און זייער פריינדשאַפט איז געווען געשלאָסן.

די צייט איז געגאַנגען. שלוימקע מאַרגנטוי האָט אָנגעהויבן אָפטער צו קומען קיין טריסק צו גאַסט. אויך אסתר האָט געפונען געלעגנהייטן צו פאָרן קיין קאָוועל צו גאַסט צו איר ברודער אהרון. און זייערע אָפטע טרעפונגען האָבן פאַרשטאַרקט זייער פריינדשאַפט און זי פאַרוואַנדלט אין עפּעס מער.

אין שטעטל האָט מען שוין אָנגעהויבן צו שמועסן, אַ סך פריער איידער אסתר מיט שלוימקען האָבן צווישן זיך עס געטאָן, אַז דאָ גייט זיך אויספּיקן אַ לייטישער שידוך.

— זי טויג זיך צו דער מלאכה, פריסיק, — האָבן זי מיידלעך נישט־פאַרגינערינס, צווישן זיי אירע קוזינקעס, זרח דעם רויטנס אַלטע מיידן, באַליידיקט הינטער די אויגן — פריער האָט זי נישט אַנדערש געוואָלט ווי פאַנגען אַן אַדלער... נאָר אַז שמעון אַדלער איז אַוועקגעפלויגן אין די ווייטע הימלען, האָט זי אַ ביסל אַראָפּגעלאָזן פונעם טאָן און זיך גענומען כאַפּן אַ געוויינלעכן פויגל. אָבער אויך שלוימקע מאַרגנטוי איז זי נישט ווערט. מע וועט נאָך זען, וואָס ד ע ר פויגל וועט איר אָפּשפּילן...

צו שמעון אַדלער איז דורך אהרון לעווי דערגאַנגען וועגן אסתרס „פּאַראַט“, סיי מיטן אוקראַיִנישן נאַציאָנאַליסט, סיי מיט מאַרגנטויען דעם בונדיסט, און ער האָט זיך שוין צו איר נישט געלאָזט הערן אפילו מיט קיין גרוס אין די זעלטענע בריוו צו די חברים. אמת, זי האָט זיך עס איצט שטאַרק צום האַרצן נישט גענומען, אָבער ס'האָט איר פאַרדראָסן, ווייל ס'איז איר געווען נישט באַקוועם צוליב שלוימקען: ער זאָל זיך, חלילה, נישט אַנטוישן אין איינעם פון זיי ביידע...

ער וואָלט איר אַ גרויסער שאָד געווען, שלוימקע. ווייל אומבאַמערקט איז אין איר אָנגעוואַקסן אַ שטילע ליבע צו אים, ווי ס'איז אויסערלעך נאָך שטילער געווען זיין ליבע צו איר. אַ גאַנץ קיילעכיק יאָר האָט געדויערט ביז שלוימקע האָט זיך דערלויבט אַרומצונעמען זי און אַ קוש טאָן.

ווי איינגעהאַלטן און איידל ער איז בנוגע איר! דווקא דאָס האָט גורם געווען, זי זאָל זיך אָפּט דערמאָנען אין שמעון אַדלער. דער קאָנטראַסט צווישן זיי אין דער הינזיכט איז געווען זייער אַ שטאַרקער. שמעון אַדלערס ליידנשאַפט איז געלאָפן צום ציל מיט אימפּעט, וואָס האָט אַנטשפּראָכן איר היציקן טעמפּעראַמענט. שלוימקע אָבער, געפּענטעט פון זיין באַשיידנקייט, אומדרייסטקייט און מאָראַלישער פיינקייט, האָט ווי געבלאָנדזשעט נאָך זיין ליידנשאַפט, און — ווער ווייסט, ווען ער וועט צום ציל אָנשפּאַרן.

אסתר האָט שלוימקעס פיינקייט אָפּגעשאַצט. ער האָט דערמיט ביי איר אויסגענומען. זי האָט אָנגעהויבן אַפילו באַטראַכטן אים פאַר אַ בעסערן מענטשן פון שמעון אַדלער, אָבער... פון זיין פאַמעלעכדיקייט פאָרט געליטן. ער האָט איבערגעלעבט זיגערישע געפילן, און זי... האָט זיך געשעמט פאַר זיין זעלבסטגעבאַרעריי.

שמעון אדלערס פּאַקעטל בריוו פֿון די בעטן איז נאָך אַלץ געלעגן אָפּגעהיט בײַ איר, ווי אַ טײַערער אָנדענק, אָבער פֿאַר אירע אויגן האָט זי עס שוין מער נישט אָפּגעבראַכט. זײַער אָרט האָבן איצט פֿאַרנומען די אָפּטע בריוו פֿון שלוימקען. זיי זענען אוודאי נישט אַזוי שיין געשריבן ווי שמעון אדלערס, אָבער... זיי האָבן די העכערקייט פֿון אויפֿריכטיקייט און אמת.

שלוימקע האָט שוין אָנגעהויבן קומען קיין טריסק אויף יעדן שבת, כאָטש ער האָט צוליב דעם געהאַט אויסצושטיין קרענקונג און האַרצעסגיש פֿון זײַן פֿאַרפֿרומטער מאַמען:

— אַז איך האָב נישט געהערט נאָך, — האָט זי אים געעקבערט — דער פֿעטער יאַנקעוו זאָל דיך כאָטש איינמאָל פֿאַרבעטן צו זיך אויף שבת.

— אַז ווי הייבט זיך עס אויף דער איינציקער מאַנצפּאַרשוין אין שטוב און לאָזט איבער די ווײַבער, די מאַמע און די שוועסטער, אַליין בײַם שבתדיקן טיש? דאָס לעבן פֿאַרשטערט ער אונדז!

— אַז פֿאַרשטערט זאָל שוין ווערן, פֿאָטער אין הימל, דאָס לעבן פֿון די... וואָס פֿירן מײַן זון אַראָפּ פֿון גלײַכן וועג און פֿאַרקערן אונדז די שבתים און יום־טובים צו תשעה־באָבן!

שלוימקע פֿלעגט זײַן מאַמען נישט ענטפֿערן אויף אירע נאָגנדיקע רייד און קללות; ער האָט זיך געגרויזלט, צוזאַמענגעפּרעסט די באַקציין, געשפּילט מיט די קינבאַקן און געטאָן זיך זיינס.

פֿאַרפֿאָרן פֿלעגט ער, פֿאַרשטייט זיך, צו זײַן פֿעטער, יאַנקעוו שניידער, בײַ אים עסן די שבתדיקע דרײַ סעודות, נאָך פֿרײַטיקצונאַכטס ביז גאָר שפּעט זיך פֿאַרזיצן בײַ אסתרן אין צימער. דער טאַטע פֿלעגט עס איר נישט פֿירהאַלטן. פֿאַרקערט, אים אַפֿילו היימישלעך אויפֿנעמען.

ער וואָלט נישט געווען אומצופֿרידן, דאָריע קאָוואַל, צו האָבן שלוימקען פֿאַר אן איידעם. כאָטש אָפֿן האָט מען נאָך בײַ זיי אין שטוב וועגן דעם נישט געשמועסט. מ'האָט נישט געקאָנט אָפֿן שמועסן וועגן אַ שמחה אין שטוב, בעת פֿאַר אסתרן איז, דאָך געווען טעטלציע דער קרומער... נו, און איציק „דער בעל־יושר" איז דאָך נאָך אויך אַ האָפֿענונג צום לעבעדיקן גאָט, אַז ער וועט אַ לעבעדיקער פֿון תפֿיסה אַרויס... ס'ווערט דאָך שוין נעענטער, ווי ווײַטער.

קאפיטל אכט און אכציק

ווער עס וואַרט אויף איציקן פון תפיסה

קיין געזעל אויף בושקעס אָרט האָט דאָדיע קאָוואַל נישט געוואָלט צונעמען, כאָטש ס'איז אים אַלץ שווערער אויסצוהאַלטן דעם זונס, ש'מקעס, קאָנקורענץ: זיי לאָזן זיך היינט נישט לערנען, די געזעלן, און מ'איז גרייט צו רעדן אנטקעגן אויך. ער האָט זיך נאָך צו אַזעלכע זאכן נישט צוגעוווינט. און ס'איז נישט פאר זיין כאראקטער און זיינע יאָרן זיך צוצוגעוווינען. די פארערגערטע לאגע ביי אים אין שטוב האָט זיך שוין אָנגעהויבן אָנצוזען אפילו אין די טעלער צום טיש. מינציע פלעגט, אויסטיילנדיק האָס עסן, אינטערזיפצן, צושאָקלען מיטן קאָפּ און שווייגן. בלויז איינמאָל, ווען דאָדיע האָט זיך אויפגעהויבן און געגאנגען נעמען צו פארדייבערן, האָט זי א זאָג געטאָן:

— ס'איז ווינטער ביי אונדז אין שטוב, און איך דארף מאכן פון שניי גאָמלקעס... מיטן רויך פון די פּאַפּיראָסן וועסטו די צרות נישט פארשטעלן, זאָלסט אפילו „פּאקעווען" אָן אן אויפהער.

דאָדיע האָט באשלאָסן צו ווארטן אויפן „איינענעם געזעל", אויף איציקן פון תפיסה. אייביק אין תפיסה וועט ער דאָך נישט זיצן, און די צייט שטייט נישט. אָט האָט זיי די צייט געשענקט נאָך אַן איינקל: ראטנע האָט זיך געלאָזט הערן — ציפּורה בושקעס איז געלעגן געוואָרן מיט א יינגל. איינער פון דער „רויטער חברה", שלוימקע וועמפל, איז שוין א באפרייטער אהיימגעקומען, מע זאָגט, ווייל „ער האָט זיך דאָרט גוט אויפגעפירט". וועט איציק אויך זיין אין דער היים, כאָטש ער פירט זיך דאָרט נישט גוט אויף...

אַלץ אין שטוב האָט אָנגעהויבן דערמאָנען אין איציקן און ווארטן אויף אים, ווי טאטע־מאמע. אויסטערליש — ס'האָט אין אים דערמאָנט נישט בלויז דאָס, וואָס יאָ'ז אין שטוב דאָ, נאָר אפילו דאָס, וואָס וואָלט געדארפט זיין, נאָר ס'איז שוין פון זינט יענעם פארטאָג, ווען מען האָט אים, איציקן, אוועקגעפירט, מער נישטאָ: נאָך דעם הונט, וואָס איז אין יענער נאכט געפאַלן טויט אין שטאַל, האָט מען שוין קיין צווייטן נישט צוגענומען; נאָך דער טויב, וואָס איז דעמלט

פּאַרטאָג אין שטוב געהרגעט געוואָרן, זענען די טויבן ביי זיי געוואָרן אַלץ ווייניקער — בוניע האָט פאַרלוירן דעם חשק צו זיי, ביז ער האָט זיך געזעגנט מיט דער לעצטער.

נאָר שטאַרקער פון אַלץ האָט דערמאָנט אין איציקן — ווי קאָמיש דאָס האָט אויסגעזען אין אסתרס אויגן! — זיין תפילין-זעקל, וואָס איז פון יענעם אומגליקלעכן פאַרטאָג אָן געהאָנגען אין פאָדערשטן צימער אויף אַ צוויעקל פון אַ פאָרהאַנגל. דאָריע פלעגט עס פון צייט צו צייט אַראָפּנעמען, אַרויסנעמען פון דעם די תפילין, אויספּוצן זיי און צוריק אַריינלייגן. קוקנדיק אויפן טאַטן, האָט די מאַמע זיי לעצטנס אַוועקגעטראָגן צום סופר זיי איבערצוקוקן, ווי דאָס וואָלט געווען דאָס וויכטיקסטע פאַר איציקן, ווי נאָר ער וועט איבערטרעטן די שוועל פון דער היים.

דערפאַר אָבער האָט זיך געדאַכט, אַז די ברידער און די אייניקע שוועסטער וואַרטן אויף אים צום וויכטיקסטן — יעדער איינער איז פאַרנומען מיט זיינע אינטערעסן.

נפתליע „דער קרומער", ווי דער עלטסטער פון די „בנים" איצט אין שטוב, שוין אַ פינפאונצוואַנציקער, האָט זיך אָנגעהויבן פירן מעשה-באַלעבאָס. זיך אַפילו גענומען פילן ווי אַ חתן-בחור און זיך „סטראָיען" — צי האָט ער שוין נישט קיין כלה-מיידל אויפן אויג? אפילו מיט דער „פּאָסעסיע" פאַרנעמט ער זיך ווייניקער. לעצטנס האָט ער באַשלאָסן: שוין, מער קיין אינדיקעס וועט ער נישט האַלטן — ער האָט נישט ליב דאָס איידל-געפּאַטשקעטע עוף.

בוניעק — אַ בחור פון אַן אַכצן-ניינצן יאָר, אַ מאָגערלעכער, שלאַנקער און באַהענטער, מיט אַ טונקל פּוכעלע אונטער דער נאָז און אַ שטילינקער ווי אַ טויב — האָט דערמאָלט געשפּילט זיין ערשטע ליבע מיט אַ באַלעבאַטיש מיידל, אַ חלוצקע אין דער הכשרה. אָט-אָט, און ער אַליין ווערט אַ חלוץ. פון אים האָט מען, ווי אַן אויסנאַם, נישט געפאָדערט, ער זאָל זיך אָפּרייסן פון דער היים און גיין אויף הכשרה צוזאַמען מיט די איבעריקע חברים. דאָס וואָלט מען ביי זיין טאַטן, ביי דאָריע קאָוואַל, נישט געפועלט. מ'האָט מורא געהאַט גאָר מיט אים אָנצוהייבן. „דער חלוץ וואָלט געקאָנט קריגן פון אים חילוץ-עצמות...".* ס'האָט געהייסן: דער חבר בוניעק איז אַלע יאָרן געווען, איז איצט און וועט זיין אויך ווייטער אויף הכשרה ביי זיין אייגענעם טאַטן, ביז מע וועט אים זאָגן: — „עלה!" — זיי עולה קיין ארץ-ישראל... פון הייבן דעם שווערן האַמער איבער דער קאָוואַדלע ביז הייבן אים איבער אַ פעלדז אין קלאָסעוו איז קיין גרויסער חילוק נישט. וויפל פון זיין פאַרדינסט ער קאָן אַריינברענגען אין דער קאָלעקטיווער קאַסע, ברענגט ער אַריין. דינגען זיך מיט זיין טאַטן, וויפל ער זאָל אים

* געמיינט: געבראָכן די ביינער.

צאָלן, איז דאָך נישט שייך. פון זיין זייט איז גענוג פיין, וואָס ער שטערט אים נישט צו חברן זיך מיט די חברים... מע דאַרף זיין אַ „מסתפק במועט". * מיטן חבר בוניעק פּריסיק האָט מען דורכגעבראָכן די וואַנט צו די היגע האַנטווערקער. נאָך אים וועלן קומען נאָך יינגלעך און מיידלעך פון די האַנטווערקער. און די יידישיסטן, און די „רויטע" וועלן עס צוקוקן אויף צעפּוקעניש...

פון חבר בוניעק ווערט בלויז פאַרלאַנגט, ער זאָל די שבתים און ימים־טובים פאַרברענגען צוזאַמען מיט די חלוצים, עסן זייער שפּייז און טרינקען זייער וואַסער, און זינגען זייערע לידער, און טאַנצן זייערע טענץ, כדי אַזוי אַרום זיך צוצוגעוווינען צו אַ חלוציש לעבן. און דאָס היט ער עריִלעך אָפּ, חבר בוניעק. יעדנפאַלס פאַרברענגט ער, ווען ער איז נאָך פריי פון דער היים, מיט דער חברטע דער חלוצקע, וואָס אַלע זענען מודה, אַז זי האָט אויף אים אַ גוטע השפּעה. זי לערנט אים רעדן העברעיש, און ער האָט זיך שוין עפּעס אויסגע־לערנט אויך. אַ שטיקל צייט האָט מען אים אפילו אין קוזניע ביי דער אַרבעט געהערט חזרן אַ מין לידל: „אַת יפה, אַת יפה, אַת יפה!". ** „אַני אֹהב אותך, אַני אוהב אותך!". *** „אַת יפה, אַת יפה!". ביז ס'האָט אים נישט דאָריע איינ־מאָל אַ ברען געטאָן:

— דו קריגסט באַלד אַ כמאַל פון מיר, „גיוניעקל", אין דער מאָרדעטשקע! וואָס איז דאָס פאַר אַ פּעקען אינמיטן דער אַרבעט! אַרבעט האָט פיינט, אַז מע מאַכט זי פּע!

און אסתר, די איינציקע שוועסטער? וואָס אמת, איז אמת — זי איז גע־ווען פאַרנומען מיט איר שלוימקען און זייער ליבע.

* וועלכער באַגנוגנט זיך מיט ווייניק.
** דו ביסט שיין.
*** איך האָב דיך ליב.

ק אַ פּ י ט ל   נ י י ן   א ו ן   אַ כ צ י ק

אַלץ צײַטיקט אױס די צײַט

אַלץ צײַטיקט אױס די צײַט און אױך — די פֿאַרהעלטעניש צװישן אַ בחור מיט אַ מײדל. אסתּר פּריסיקס און שלוימקעס מאָרגנטױס ליבע האָט זיך אין משך פֿון עטלעכע יאָר אױסגעשפּילט סײ פֿאַר לײַט, סײ פֿאַר זײ אַלײן. ס'איז זײ קלאָר געװאָרן, אַז זי װעט זיך פֿאַרענדיקן אונטער דער חופּה. זײער אָפט פֿלעגן זײ פֿירן שמועסן, װי זײ װעלן זיך אײַנאָרדענען.

אסתּר האָט ביסלעכװײַז צוגעװױנט שלוימקען צום געדאַנק, אַז ענדלעך װעט ער אַלײן מוזן אַ רעד טאָן מיט איר טאַטן ערנסט װעגן דער זאַך. פֿון זיך אַלײן װעט עס דאָך נישט צושטאַנדקומען. שיקן װידער צום טאַטן אַ שדכן האָט נישט מאָרגנטױען דעם בונדיסט און נישט אסתּרן דער ײִדישיסטקע, װאָס עס קלעקן איר שױן נישט די ביכער פֿון דער טריסקער ביבליאָטעק, נישט געפּאַסט: סע װאָלט דאָך פּשוט קאָמיש געװען, אַ חרפּה פֿאַר חברים און חבֿרטעס! בײַ זײ איז דאָך ליבע און... חבֿרישקײט, װי קאָנען זײ עס דערלאָזן צו אַזאַ קרעמערישקײט, װי שדכנות. ס'איז אַזױ אױך געגנוג, װאָס מע װעט מוזן לאָזן פֿראַװען מיט זיך די אַלע חתונה־צערעמאָניעס. גאָר צו דערצו — פֿאַרפֿאַלן! — איז קײן עצה נישטאָ, מע מוז עס טאָן צוליב אירע עלטערן און נאָכמער צוליב זײַן פֿרומער מאַמען. מע לעבט דאָך אין פֿאַשיסטישן פּױלן, אין נישט אין ראַטנפֿאַרבאַנד. (שלוימקע מאָרגנטױ האָט פֿאַר זײַנע פּאַרטײ־חברים די בונדיסטן געהאַט דעם פּגם, װאָס ער טײלט נישט זײער שנאה צום ראַטנפֿאַרבאַנד). נאָר אַפֿילו דאָרט, האָט מאָרגנטױ געזאָגט, האָט פֿונדעסטװעגן זײַנער אַן עלטערער ברודער חתונה געהאַט װי ס'פֿירט זיך בײַ ײדן.

ביז אײנמאָל אין אַ שבת פֿאַרנאַכט צו שלוש־סעודות...

אסתּר האָט אָפּגעװאַרט שלוימקען בײַ זיך אין צימער. די „בנים" זענען שױן געװען אַרױסגעגאַנגען פֿון הינטערן טיש. די מאַמע האָט זיך געפּאָרעט אין קיך. בײַם טיש זענען פֿאַרבליבן בלױז דאָריע מיט שלוימקען. דאָריע האָט נאָך

אונטערגעבראָכן א רעשטל זמירות. ס'האָט שוין אָנגעהויבן טונקל ווערן. האָט אסתר דערהערט דורך דער אָפענער טיר שלוימקעס א שעפטש:

— רב דאָדיע.

— ס'י? — פרעגט אים דער טאַטע, אַזוי ווי ברוגזלעך, וואָס ער שלאָגט אים איבער דעם ניגון אונטער דער נאָז אָנשטאָט אים אונטערצוהעלפן.

אסתר האָט דערפילט ווי שלוימקע מאַכט זיך האַרץ, און איר האָט זיך גע־דאַכט, אַז איר האַרץ הייבט אָן צו קלאַפּן צוזאַמען מיט זיינעם.

— איר זאָלט נישט מיינען, רב דאָדיע, — האָט ווי געציטערט שלוימקעס שטים און איז געבליבן שטיין א רגע — איר זאָלט נישט מיינען, רב דאָדיע, אַז איך קום גלאַט אַזוי אַריין צו אייער אסתרן...

— פאַרשטייט זיך, אַז (אסתר איז שוין געשטאַנען ביי דער טיר און געזען דורך דער שפּאַרונע דעם טאַטנס אויגן אַרויסגליען פון אונטער דעם אַראָפּגע־רוקטן דאַשעק) גלאַט אַזוי... צו קיין מויד גייט מען נישט.

— איר האָט א טעות, רב דאָדיע. איר זאָלט מיר מוחל זיין. איך בין נישט ווי אַנדערע יינגלעך.

— וואָס? — האָט דער טאַטע זיך ווי פאַרחידושט מיט א שפּאַט־שמייכע־לע — ס'פעלט דיר עפּעס, חלילה, צו דיין מאַנצבילשקייט? ביסט א בעל־מום, פאַר קיין יידישן בחור געראַכט?

אסתר האָט געזען אין דער טונקלקייט, ווי דער טאַטע באַטראַכט אים ערנסט־פאַרשנדיק. דעם טאַטנס קאָפּ האָט איר איצט אויסגעזען, ווי דער קאָפּ פון א קאָטער אונטערן טיש מיט גליענדיקע אויגן, בעת זיינער א שפּיץ אויער כאַפּט אויף פון ערגעץ א מויזגלאָך א מינדסטן שאָרך.

— המם... — האָט ער א ברום געטאָן און שטיל געבליבן אין דערוואַר־טונג.

שלוימקעס פּנים, אויף וועלכן ס'איז געפאַלן די בין־השמשות־שיין פונעם פענצטער, האָט זי נאָך בעסער געזען, אָבער נאָר אין פּראָפיל, פון וועלכן זי האָט אַראָפּגעלייענט א טייל פון זיין צעמישעניש. ס'איז א רגע שטיל געווען צווישן זיי. אסתר האָט שיר נישט אַריבערגעטרעטן די שוועל, כדי די שווערע שטיל־קייט איבערצורייסן. נאָר שלוימקעס שטים האָט זי אָפּגעהאַלטן.

— ס'הייסט, — האָט שלוימקע שווער אַרויסגעשלעפּט די ווערטער פון מויל — איך קום אַריין צו אייך אין שטוב... מיט אַן ערלעכער כוונה...

— זייער פיין... המם...

— מיט דער כוונה, אַז...

— אַז וואָס?

— אַז אייער אסתרקע זאָל ווערן מיינע.

— נו־נו! — פאַקט אים דער טאַטע מיט דער שנעלקייט פון אַרויסציען אַ װוּנטקע מיט אַ פישל פון טייך — זי מעג װערן דיינע. שוין גענוג געװען מיינע.

אסתרס האַרץ האָט אַ זעץ געטאָן, און אין שטוב איז, דאַכט זיך, אַזוי לאַנג שטיל געװען, ביז איר האַרץ האָט זיך אָנגעהויבן באַרואיקן.

— און עס װעסטו װייב װעסטו קאָנען געבן? — האָט אים דער טאַטע אַ פרעג געטאָן מיט פריינדלעכער אויפגעלייגטקייט אין קול.

— איך פאַרדין... נישט צו פאַרזינדיקן, חב דאַריע... נאָר...

— װאָסער נעבעכעניש קװעטשט דיר?

—איך מיין...

— נדן מיינסטו? המם... ס'איז דאָך אַ ליבע ביי אייך... גיט מען אויך נדן? מיינע האָט מיר נישט געגעבן, און איך האָב אויף קיין נדן, חוץ ביי מיינע איי־גענע הענט, ביי קיינעם נישט געפרעגט... און װי פירט מען זיך עס היינט ביי די היינטװעלטיקע? אַ?

שלוימקע האָט געשװיגן, און דער טאַטע האָט װייטער געצויגן פון זיי דעם קליי פון די עצמות:

— המם... און פאַר דער מויד אַליין, װי זי גייט און שטייט... אַ נאַקעטע... װעסטו מיר, חלילה, קיין שיינעם דאַנק נישט זאָגן? כ'מיין, װעסט בעסער װערן.

ס'האָט אסתרן װידער אַ טראָג אונטער געטאָן. אָט טוט זי זיך אַ רייס צום טיש. נאָר דער טאַטע האָט שוין װידער גערעדט באַרואיקנדיק:

— נו, גוט. דאַריע קאַװאַל האָט שוין, ברוך־השם, איין טאָכטער חתונה געמאַכט. אין נדן און אויסשטייער איז, חלילה, קיין מניעה נישט געװען... המם... צװיי הונדערט „לאָקשן" (דאָלאַר) באַרעם װעט גענוג זיין? המם. נו, און פון אויסשטייער איז אַװדאי נישטאָ װאָס צו רעדן — אסתר איז ביי מיר די מיזינקע — כ'װעל זיך נישט פאַרשװאַרצן דאָס פנים... זאָל נאָר איציק אַהיימקומען... װי נאָר ס'ע װעט װערן קלינגענדיקער אין דער קעשענע...

שלוימקע האָט אַריינגעלייגט דאָס פנים צװישן די האַנטפלאַכן, און אסתר האָט עס מער נישט געזען. זי האָט זיך אַ צעשמייכלטע צוריקגעקערט צום פענצטער און פאַרגעשטעלט װי זי קושט שלוימקען און דעם טאַטן דורכאַנאַנד איינעם נאָך דעם אַנדערן.

— מינציע! — האָט דער טאַטע אַריינגעשריגן אין קיך אַריין. — דער־לאַנג נאָר אַ לאַדישקע פרישע „פידסמעטאַנע" — אונדזער גאַסט איז אַװדאי היים געװאָרן... לאָז ער זיך אָפּקילן מיט אַ פרישן טרונק.

דער טאַטע און שלוימקע האָבן זיך צעלאַכט, און זייער געלעכטער האָט זיך אויסגעמישט אין דער פינצטערניש.

— נו, איך גיי דאַװענען מעריב, — האָט דער טאַטע אַ זאָג געטאָן.

אין אַ רגע אַרום האָבן אסתּר מיט שלוימקען זיך אַרומגעכאַפּט אין איר צימער.

— לאָמיר דאַווענען מעריב! — האָט אסתּר אַ קוויטש געטאָן, און זיי האָבן זיך געהאַלדזט און געקושט מיט אַ באַזונדערער פֿייערלעכקייט און גלייכצייטיק מיט עפּעס אַן אויסטערלישער, פֿרעמדאַרטיקער אָפּיציעלקייט, וואָס בעסער וואָלט געווען אָן איר. נאָר אַזוי ווי זי איז פֿאָרט געווען, איז גוט געווען זי צו פֿאַרשווייגן איינער פֿאַרן אַנדערן, זי אין זיך בייצוקומען.

דערנאָך האָבן זיי לאַנג, לאַנג געשמועסט צווישן זיך אין דער פֿינצטער און זיך געמאָלט זייער קומענדיק צוזאַמענלעבן.

יענע נאַכט איז שלוימקע, כלומרשט בגנבה פֿאַר די שטוביקע, פֿאַרבליבן ביי אסתּרן, ביז זייער שטאָל־טויער האָט אַ סקריפּ געטאָן אַרויסצולאָזן די סי אין משעהדע אַריין.

קיינער און גאָרנישט האָט זיי נישט געשטערט צו זיין פֿאַראייניקט אין זייער ליבע. שמעון אַדלערס בריוו־פּאַקעטל אונטערן בעט אין אַ קעסטל איז געלעגן ווי אַן אורנע אַש פֿון אַ געשטאָרבענעם, וואָס איז איר אינגאַנצן אַרויס פֿון זינען...

זי האָט שנעל אַרויסגעפֿירט שלוימקען דורך דער קיך־טיר, אַז קיינער זאָל אים נישט דערזען, כאָטש זי איז זיכער געווען — אַלע אין שטוב שטויסן זיך סייווי אָן, אַז ער האָט ביי איר איבערגענעכטיקט.

ווען זי איז אַריינגעקומען צוריק אין שטוב, האָט זי דערהערט עמעצן אָנקלאַפּן אין דער פֿאָדערשטער טיר... זאָל עס זיין שלוימקע? — האָט זי זיך פֿאַרוווּנדערט און מיט אַ שטאַמלענדיקער האַנט זי אויפֿגעקייטלט. דער פֿריידיקער קוויטש, וואָס האָט זיך פֿון איר אַרויסגעריסן, האָט אויפֿגעוועקט אַלע אין שטוב. ס׳איז פֿאַר איר געשטאַנען, אַ פֿאַרוואַקסענער און פֿינצטערער, אַן אָפּגעצערטער און בלאַסער, מיט בלויע רינגען אונטער די איינגעגראָבענע אויגן, וועלכע האָבן אַרויסגעגליט ווי זשאַר פֿון אונטער אַש, אַן אייגענער און פֿרעמדלעכער גלייכצייטיק — איר ברודער איציק, שוין נישט קיין זיבעצניעריק בחור נאָר אַ מאַנצפֿאַרשוין, אַ פּריזיוווניק.

נאָך העכער פֿינף יאָר תּפֿיסה האָט איציק אַריבערגעשפּרייזט די שוועל פֿון דער היים און געבליבן שטיין אומבאַוועגלעך, ווי באַזעסן פֿון שטילשווייגן.

נאָך איידער אסתּר האָט באַוויזן אים אַרומצונעמען, האָט שוין דער טאַטע, אַ ווייסער, אינעם אונטערוועש, זיך געקושט מיט אים. די מאַמע האָט אים מיט אַ פֿרייד־געוויין, וואָס איז אַרויסגערונען אין דעם פֿאַרטאָגיקן דרויסן, געצויגן צו זיך:

— איך האָב דאָך אויך אין דיר אַ שטיקל חלק, מיין זון, זון מיינער! איציק „בעל־יושר“...

די ברידער, נפתליצע און בוניעק, וואַרטנדיק ביז איציק וועט פריי ווערן פון מאַמע־מאַמע, זענען געשטאַנען פונוויטנס מיט נאָך פאַרשלאָפענע אויגן און צעשמייכלטע פנימער. יאָ, אפילו נפתליצע „דער קרומער הונט" האָט גע־שמייכלט. זיין ליגקע האַנט האָט אונטערגעהאַלטן די הויזן, און די רעכטע זיך געשטרעקט צו געבן „רעם תפיסהניק" שלום.

אסתר האָט געוויינט און געלאַכט גלייכצייטיק ווי אַ... משוגענע. אַ שאָד, וואָס איר שלוימקע וועט נישט די דאָזיקע סצענע.

— שלום עליכם! — האָט אים ענדלעך נפתליצע אַ טרייסל געטאָן די האַנט און זיי איבעראַשט מיט זיין איספיר (אַז ווער וואָלט זיך עס געריכט אויף אים!) — קום, איציק, איך וועל דיך אָפּהאַזירן מיט מיין ברייטווע... ווי אַ חלפל...

קאַפּיטל נײַנציק

וואָס איז דער מער מיטן גאַסט ?

דאָדיע קאָוואַל, וואָס מיט העכער פינף יאָר צוריק, אין יענעם ווינטער־באַגינען, ווען מ'האָט איציקן, א צוגעקאָוועטן צו האַנטלען, אַרויסגעפירט פון שטוב, האָט ער אַ זאָג געטאָן צום ווייב: „וואָס איז, מינציע?... וואָס פאַר אַ שאַנד?...״ — האָט אין משך פון איציקס תפיסה־יאָרן געהאַלטן אין איין פעמער אויסקאָוועו אונטערן אַראָפּגערוקטן האַשעק ביי זיך אין שאַרבן דעם זעלבן געדאַנק: „וואָס פאַר אַ שאַנד? קיין שום שאַנד נישט!״.

...וואָס? ער האָט, חלילה, עמעצן באַגנבעט, איציק? צי באַרויבט, חלילה? זיין אייגענער ברודער, דער בן־סורר־ומורה, שימקע, מעג ווערן די כפּרה פאַר אים זיבן מאָל אַ טאָג!

...וואָס? ס'איז אים נישט געפעלן געוואָרן די וועלט, איציקן, דאָדיע קאָוואַלס „בן״? איז וואָס? אים אַליין, דאָדיע קאָוואַל, געפעלט זי אויך נישט. ס'איז אַ וועלט פון גזלה און רציחה! ווייניק האָט ער זיך, דאָדיע קאָוואַל, אָנגעליטן אויף דער האָזיקער וועלט? ס'איז טאַקע נישטאָ קיין אמת און יושר אויף איר.

...צופיל מיוחסים פאַרמאָגט זי, די וועלט, און פרעג — וואָס איז אַזוי דער יחוס מיט זיי? וואָס זיי טראָגן די איידל־געפּאַטשקעטע הענט פאַרלייגט אויף די „וויהייסטמענעסעם״ און וואַרטן, אַז אַזעלכע דאָדיע קאָוואַלס, אַזעלכע איציקס און זייער גלייכן זאָלן אויף זיי האָרעווען? דעם ישוויים פאַרגיסן?... וואָס זיי קאַרחען, די מיוחסים, זייערע פוילע הענט בלויז אויף אין מויל אַריין מיט זיי צו לייגן און מיט „אשר יצרם״ זיך אונטערצוווישן? אויפן פרעס און אויפן דאָס?

...נישט מער, דאָדיע קאָוואַל איז עלטער, איז ער קלוגער פון זיין „בנאָק״, פון זיין „שטשעניאָק״, פון זיין „בעל־יושר״. ער פאַרשטייט, אַז כאָטש די וועלט איז ווערט צו גיין אויפן פייער, וועסטו זי אָבער נישט אַוועקלייגן אויף דער קאָוואַדלע און איבערקאָוועו... ער וועט אַרויס פון „חדר״, איציק, פטור ווערן פון דעם לויצקער קאַטס קיינטשיק, חתונה האָבן, עלטער און געשטעלטער ווערן — וועט ער אַליין פון זיך לאָזן.

...דערווייל לאַכט פון אים דער טאַטע זײַנער... מיט יאַשטשערקעס.

...צו טייער האָט ער באַצאָלט, איציק, פאַר זיין יושר, פאַר וועלן איבער-מאַכן די וועלט. אי צוגענומען פון טאַטנס קוזניע אַ פּאָר הענט אויף יאָרן און שווערער געמאַכט צו שפּילן דעם קאָן מיט שימקען, אי ער האָט זיך פאַר דער וועלט פאַרשוואַרצט דאָס פּנים און וועט שוין אויף לאַנגע יאָרן פאַרבלייבן ביים צונאָמען „דער רויטער", ווי זיין פעטער זרח. המם... יעגער ווייסט כאָטש פאַר-וואָס — פאַר זיין יידישקייט, פאַר זיין רויטער באָרד... איז עס ביי אים גאָר אַ כבוד-זאַך.

...נאָר זאָל זי פאַרברענט ווערן, די וועלט! און אירע לייטישע ציגנער — פוילן זאָלן זיי הינטער זייערע ציין אין די עיפּושדיקע מיילער, ווי איציק איז אַנדערע ווי ער, פוילן געבעד אין די תפיסות! — — —

אין דאַדיע קאָוואַל אין די ערשטע טעג נאָך זיין איציקס אומקערן זיך אַהיים געווען מאַקע זייער נחת-רוחדיק אויפגעלייגט. ממש אַ יום-טובדיקע שיין האָט פון אים אָפּגעשלאָגן. ער האָט געהאַלטן אין איין אונטערטרייבן מינוציע, כאָטש ס'איז אינגאַנצן איבעריק געווען, זי זאָל אים צופילגעווען, „דעם תפיסה-ניק" — ס'וואַרט שוין אויף אים און קאָן זיך נישט דערוואַרטן די קאָוואַדלע... אימערצעשעם, נאָך שבת. דערביי איז דאָס וואָרט „תפיסהניק" אַנגעוואָרעמט מיט פאָטערלעכער געריהמקייט, וואָס ווי קומט עס גאָר צו דאַדיע קאָוואַל, און זאָגט עדות, אַז עס גייט דאָ נישט דער עיקר אין דער קאָוואַדלע, ווי אין איציקן אַליין. ער פלעגט אפילו אין די דאָזיקע טעג פאַרלאָזן פריער די קוזניע און אַהיימקומען, דאַדיע.

— מע דאַרף אַ טראַכט טאָן וועגן לייטישער אָנטועכץ פאַר איציקן, — האָט ער אַ זאָג געטאָן דאָנערשטיק, זיך קראַצנדיק מיט זאָרג הינטערן היטל, ווי ער וואָלט וועלן פון דאַרט אַרויסקראַצן דאָס געלט, וואָס איז נייטיק דערצו, און ער האָט עס נישט.

אויך פון איציקן — אַלע טאָג פריש אַרומגעראַזירט מיט נפתלציעס ברימווע, ווי אַ חלפל, ווי ער וואָלט מיט כוח און פלייס אַראָפּגעקראַצט פון פּנים „דעם אַרעסטאַנט", אַנגעטאָן אין זיינע פאַרפינפאַריקע מלבושים, פון וועלכע איז איצט מיט הענט און פיס אַרויסגעוואַקסן — האָט אָפּגעשלאָגן אַ שיין. אפשר איז דאָס געקומען פון זיין בלאַסקייט, וואָס איז צוליב זיין אָפּגעראַזירטקייט ווי נאָך בלאַסער געוואָרן, און אפשר פון זיין אינעווייניקסטער, הגם פאַרשוויגענער און פאַרבאָרגענער פרייד, וואָס די פרייהייט האָט אים צוריקגעבראַכט, נישט אין מיליטער-דינסט אריין, מיט וועלכן מ'האָט אים אין תפיסה געשראָקן, נאָר אַהיים צו טאַטע-מאַמע, ברידער און שוועסטער — סייווי, ער האָט אויסגעזען, אויב נישט יומטובדיק, איז צומווייניקסטן חול-ומועדיק.

איציק האָט, אויף זיין אַלטן שטייגער, מער געשוויגן ווי גערעדט. אויף די

פרימאָרגנס פלעגט ער זיך שפּעט פאַרליגן אין בעט, ווי אויסגעמאָנט פון דעם א טייל־ווייזן חוב, וואָס איינגאַנצן אים דעקן וועט עס שוין קיינמאָל נישט ביכולת זיין, דאָס בעט: אַזוי פיל נעכט האָט ער זיך אָפּגעפּייניקט אויף א צעמענטענער פאָדלאָגע, וואָס דרינגט דורך דעם גאַנצן גוף מיט אירע קאַלטע נאָדל־שטראַלן, אַז ס'הייבט זיך דיר אָן אויסצודאַכטן — נישט דו ליגסט אויף איר, נאָר זי אויף דיר, ביז איר ווערט ביידע איינס, און די פאָדלאָגע הייבט אָן צו שפּירן דיין מענטשלעכן צער, ווי דו שפּירסט איר טויטע קעלט...

אויך דעם גאַנצן טאָג פלעגט ער אינערגעץ נישט גיין, ווי ער וואָלט נישט וועלן מיט קיינעם זיך באַגעגענען, ווי ער וואָלט שוין אויף אייביק איבערגעריסן מיט זיינע געוועזענע חברים, סיי די, וואָס האָבן ווייטער פאָרגעזעצט די אונטער־ערדישע אַרבעט פאַר דער צייט פון זיין זיצן אין תפיסה, סיי די, וואָס זענען פון דער תפיסה, ווי ער, באַפרייט געוואָרן. ער האָט שוין, הייסט עס, מער נישט בדעה זיך צו פאַרנעמען מיט „די נאַרישקייטן“, וואָס אַז מע טוט זיי אָפּ, מוז מען פאַר זיי צו טייער באַצאָלן, אַקוראַט ווי מע וואָלט אָפּגעטאָן די גרעסטע „חכמה“.

בלויז צו דער קוזניע פלעגט זיך איציק יעדן טאָג נאָכן פרישטיק צוכאַפּן, שטיין דאָרט א האַלבע שעה, שווייגנדיק און ערנסט זיך צוקוקן צו דער אַרבעט און צוריק אַהיימגיין.

וואָס זשע האָט ער געטאָן גאַנצע טעג? א מענטש מוז זיך דאָך מיט עפּעס פאַרנעמען, כדי נישט צו שטאַרבן פון נודנאָטע. ער האָט געלייענט ביכלעך, יידישע און פּוילישע. ווייזט אויס, אַז ער האָט זיך דאָרט אין תפיסה אויסגעלערנט גלאַטיקער די עברי. אויך אין ביבליאָטעק, וווּ ער האָט די ביכלעך גענומען, פלעגט ער זיך נישט לאַנג פאַרזאַמען. האָט דאָרט מיט קיינעם קיין שמועסן נישט פאַרפירט. ס'האָט זיך געדאַכט, — ער איז געוואָרן נאָך שווייגנדיקער ווי אַמאָל. ס'גלוסט זיך אים נישט רעדן וועגן דעם וואָס איז געווען, ער וויל אין דעם פאַרגעסן און אַז אויך אַנדערע זאָלן אין דעם נישט געדענקען.

טאַטע־מאַמע האָבן צווישן זיך געשמועסט, דאָס הייסט דאָדיע האָט גערעדט, און מינציע האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, מיט הסכמה, אַז איציק האָט זיך, ווייזט אויס, געענדערט צום גוטן, א דאַנק גאָט, און קוים וועט ער זיך מיט חשק א נעם טאָן צו דער אַרבעט אין קוזניע, וועט ער זיין א לייט, און מע וועט נאָך אין אים נחת דערלעבן.

נאָר אין איין זאַך האָט זיך איציק בפירוש נישט געענדערט — און דאָס האָט קיין גוטס נישט פאָרויסגעזאָגט! — אין יידישקייט. איציק האָט זיך אויף זיין אַמאָליקן שטייגער צו זיינע תפילין נישט צוגערירט. נאָך ערגער, האָט זיך נישט, נישט ווי אַמאָל, דערמיט אויסבאַהאַלטן. דאָדיע האָט זיך נישט ווייסנדיק געמאַכט, און עס אַראָפּגעשלונגען, ווי א ביטערע פיל. נאָר אָט האָט זיך דאָדיע פלוצעם געכאַפּט, אַז איציקס תפילין, וואָס זענען אין זיינע תפיסה־יאָרן געהאָנ־

נען אויפן ביישטידל פון פענצטער, האָבן נאָך זיך איבערגעלאָזן א ליידיקן פלאַץ, און א צוק פון פארדרום האָט זיך א שלענגל געטאָן אין זיינע ליפן-ווינקעלער. ער האָט מיט באַרעדעוודיקער אָנגעלאָדענער שווייגעוודיקייט פארדרייט א צי-גאַר, פאַרדרייבערט און גענומען לאָזן פאַרקלערטע רויך-רינגען. דערנאָך האָט זיך צוזאמען מיטן רויך ארויסגעוויקלט אויך זיין רוגזא:

— יאָ דאווענען, נישט דאווענען — זאָל שוין זיין, אז דאָס איז דיין זאך. אָבער וואָס פאר א מחותן ביסטו געווען צו משעפען די תפילין? דאָס האָסטו עס געטאָן, הא? די תפילין זענען דאָך פאר מיין געלט געקויפט געוואָרן!

איציק האָט א קוק געטאָן אויפן טאַטן מיט א בליק, ווי א ציגל פון א וואָגשאָל, וואָס וועגט אָפּ א געדאַנק — ער האָט אָפּגעוווגן אויף וויפל דער טאַטע איז אין כעס, און ווי אזוי ער, איציק, דאַרף אויף דעם רעאַגירן. ער האָט א שי-מער געטאָן מיט א בלאַסן שמייכל, וואָס האָט זיך צוזאמענגעגאָסן מיט דער בלאַסקייט פון זיין פּנים:

— זיי זענען דיינע, טאַטע, די תפילין, דיינע... כאָטש איך ווייס נישט פאַר-וועמענס אַרבעט זיי זענען געקויפט... כ'האָב זיי בלויז צוגענומען פון מיינע אויגן, ווייל...

ער האָט ווייטער געטראַכט א רגע, מיט וואָס אונטערצוקויפן דעם טאַטן און אויסגעפירט מיט א באַנייטן שמייכל:

— זיי טוען דאָך גאַרנישט, מיינע תפילין... און איך האָב נישט ליב קיין ליידיקגייער, וואָס זיצן נאָך דערצו אויבנאָן.

דאָדיע איז טאַקע מיט דעם זאַג געווען אונטערגעקויפט, און ווען איציק האָט אויסגעפירט:

— ווער דאַרף זיי האָבן?!

האָט שוין דאָדיע געמאַכט בלויזן אָנשטעל:

— איך, איך דאַרף זיי!

— הענגען זיי טאַקע, — האָט איציק געזאָגט ווי מיט נצחון איבערן טאַטן — ביי דיר אין צימער אויפן גרויסן צוואָק איבער דיין צוקאָפּנס... ווען דו שטעלסט זיך אויף אמאָל אינדערפרי אויפן בעט אָנצוטאָן די הויזן, קאָנסטו זיי אפילו קושן, טאַטע, פונמיינעטוועגן...

— ווי ער האָט זיך עס צערעדט פאַר דער גאַנצער צייט! פוי! — טוט דאָ-דיע א שפיי אויס א פארדרייבערט שטיקל לחות און א קוק אויף אים פון אונטערן אראָפּגערוקטן דאַשעק מיט א נחת-רוחדיקן בליק — העכער פינף יאָר האָט מען דאָרט געקנעלט מיט דיר אין „חדר”, געלערנט דיר דרך-ארץ מיטן קיינטשיק, און דו האָסט זיך קיין ייִדישקייט נישט אויסגעלערנט.

דאָס ערשטע דורכוועטלען זיך צווישן טאַטן און זון איז געווען פאַרענדיקט, און די מאַמע, וואָס איז געווען דערביי, האָט אָפּגעזיפצט מיט דערלייכטערונג.

קאַפּיטל איין און נײַנציק

אוי-ווײ איז צו דער מאַמעס אויגן!

פּרייטיק פֿאַר מיטיק-צײַט איז איציק געשטאַנען בײַ דער קוזניע, און ווען ער האָט זיך אויסגעדרייט אוועקצוגיין, האָט אים דער טאַטע פֿאַרהאַלטן:

— וואָס איז דאָס געיעג, איציק? ווי מיינסטו, פֿאַר די פֿינף יאָר האָסטו גאָרנישט פֿאַרגעסן פֿון אונדזער תּורה ווי צו קאָוועז? האָסט גאָר דעם קאָפּ דערצו?

— דער קאָפּ, ווי דער קאָפּ, — איז איציק ווידער שטייענגעבליבן מיט אן אומעטיקלעכן שמייכל — נאָר צי איך האָב הענט-און-פֿיס דערצו, וועסטו זיך איבערצייגן די קומענדיקע וואָך. וועסט מיך א נעם טאָן צום האַמער און קאָוואַדלע אויף אַן עקזאַמען.

— איז גיי זשע שוין טאַקע אַהיים, — איז דאָדיע צופֿרידן און עפּעס באַזאָרגט גלייכצייטיק — און קוק אַריין אין דער שיסל ראָסלפֿלייש. דאָרט וועסטו געפֿינען דײַנע פֿאַרלוירענע כּוחות.

נאָר איציק איז אַרויס פֿון זײַן פֿאַרטראַכטקייט מיט א פֿראַגע, וואָס האָט גאָר אינגאַנצן נישט קיין שייכות צו דעם שמועס:

— און ריזשיק דער פּאָליציאַנט קומט נאָך הײַנט אויך אַהער?

— וואָס איז, — ווערט דאָדיע אָנגעצויגן און טוט אים א בליץ מיט א פּאָרשנדיקן בליק — ווילסט אים פֿאַרבעטן אויף שבת צום קוגל? האָסט שוין גאָרנישט קיין בעסערע פֿרײַנד אין וועמען זיך צו דערמאָנען, ווי נאָר אין דעם קבֿרן ריגעם?

— יאָ, א גוטער פֿרײַנד, — טוען איציקס ליפּן א צוק פֿאַרביטערט, און ער פֿאַרענדיקט אָבער באַלד גלײַכגילטיק מיט ווערטער, וואָס בעטן זיך א צאָרנדיקן טאָן — אויב דער הונט טראָגט נאָך דעם קאָפּ אויף זיך, וואָלט געווען א יושר, אים די פֿיס אונטערצוהאַקן, זיי זאָלן אים שוין מער אַהער נישט פֿירן.

— קאָנסט זײַן רואיק, ער האָט... ריזשיק, אַ... אַ... המם... אַוואַנסירט, — האָט בוגיעק פֿאָרט אַרויסגעקוועטשט פֿון זיך דאָס נײַע וואָרט, וואָס ער האָט גע-

נאַשט פון זיין מיידל די באַלעבאַטישע חלוצקע — ער איז שוין היינט דער פּאָליצײַ־קאָמענדאַנט פון דעם מאַציעווער פּאָוויאַט.

— אַזוי? — האָט איציק אַ זאָג געטאָן טרוקן, זיך אויסגעדרייט און איז אַוועקגעגאַנגען.

דער טאַטע מיט די ברודער האָבן אים נאָכגעקוקט, ווי אַ גייענדיקע רעטעניש. איז ער נאָך אַלץ דער אייגענער, איציק? אַ „בעל־יושר“, נאָר אַ פאַרשטעלטער?... נישט בלויז אין יידישקייט?

די דאָזיקע רעטעניש האָט דאָדיען געפּייניקט דעם גאַנצן טאָג... אויב ער וועט אַלץ זאָרגן פאַר דער וועלט, ווען זשע וועט ער ווערן אַ מענטש פאַר זיך?

פאַרנאַכט, נאָך מינציעס ליכטבענטשן, איז דאָדיע אַרויסגעקומען פון זיין צימער שבתדיק אָנגעטאָן, דער אָנבליק — פייערלעך, נאָר מיט אַ פאַרבאָרגענער דאגה אין די אויגן. מיט דער דאָזיקער דאגה האָט ער אַ זוך געטאָן די „בנים“ צו גיין מיט זיי אין בית־מדרש דאַווענען. נפתּלציע און בוניעק זענען שוין טאַקע געשטאַנען גרייטע. איציק אָבער איז געלעגן אויסגעצויגן אויף דער באַנק קעגן די שבת־ליכט, און אָפן ביכל אין זיינע הענט האָט פאַרשטעלט זיין פּנים. ס'איז געווען קלאָר — וועגן גיין דאַווענען טראַכט ער אפילו נישט. דאָדיע האָט אַ רגע געקוקט אָנגעשטרענגט אויף די טאָוול־ווענטלער פון דעם ביכל, ווי ער וואָלט דורך זיי באַטראַכט איציקס פּנים, האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, אַ זאָג געטאָן: „קומט, ווער עס גייט“, און איז אַרויסגעגאַנגען. נפתּלציע מיט בוניעקן — נאָך אים.

— גיי כאָטש אַריין אין קיך, — האָט די מאַמע געזאָגט מיט אַ בקשה — דאָ גייען מענטשן פאַרביי און זעען אַלץ, וואָס אין שטוב טוט זיך.

אין אָוונט צו דער סעודה איז וועגן דעם קיין רייד נישט געווען. נישט מער, דאָדיע האָט שוין פאַרגעסן אונטערטרייבן מינציען, זי זאָל איציקן אונטערפּילנעווען. מינציע האָט עס אַליין געטאָן. מ'האָט געגעסן שווייגנדיק. די פאַרמאַטערטקייט פון דער וואָך אַרבעט, דאָס זאַטקייט פון די שבתדיקע מאכלים און די טשאַדענדיקע וואַרעמקייט פון כיסל בראָנפן האָבן געצויגן צו די געלעגערס. דאָדיע האָט אייליק געהייסן צומאַכן די לאָדן, טאָמער יאָגט עס אָן געסט, וואָס דאַרפן נישט וואַרטן אויף קיין פאַרבעטעכץ: די באָבע ליבע חיה, די שכנה פעסיע חוה, דעם שכן בעריש וועלוול שוסטער, אָדער גאָר די מומע לאה מיט איר יונגה סעוועריוק. און מ'איז פאַרפרי געגאַנגען שלאָפן.

ס'האָט נישט לאַנג געדויערט, און דער שלאָף האָט דורכגעזאַפּט די וואַרעמקייט פון דער גאַנצער שטוב. וואַרעמקייט, שלאָף און שבתדיקע מנוחה. איין אסתר איז לאַנג־לאַנג נישט איינגעשלאָפן און קיין מנוחה נישט געהאַט: גראָד אויף היינטיקן שבת איז איר שלוימקע נישט געקומען, כאָטש זי האָט אים נאָך זונטיק גלייך מודיע געווען וועגן דער גרויסער פרייד ביי זיי אין שטוב...

...איז די פרייד צוליב א באפרייטן „רויטן" נישט באזונדערס איינגענומען פאר א בונדיסט?... און ווי וועט זיך איציק אצינד באציען צו אים, דעם בונדיסט, וואס דארף ווערן זיין שוואגער?... צי אפשר האט דארטן די פרומע מאמע זיינע גענומען איבער שלוימקען די אויבערהאנט?...

עטלעכע מאל איז דאדיע אריינגעקומען צו אסתרן אין צימער א קוק טאן אויפן זייגער. ווייזט אויס, אז אויך ער האט קיין מנוחה נישט.

אינדערהפרי, ווען איציק האט אויסגעטרונקען די צווייטע גלעזל־בראנפן, פעט־אויגיקע גלאז מילך פון פיעקעליק און ווידער א נעם געטאן דאס ביכל שטאט דעם סידור, האט שוין דאדיע נישט אויסגעהאלטן און א זאג געטאן מיט א טאן, געמישט פון באפעלערישער בייזקייט און ערגערניש, וואס ס'איז דערצו געקומען:

— זאג נאר.. המם... דו ווילסט טאקע דעם טאטן...? קום דאווענען! מע וועט דאך דיך היינט אויפרופן צו דער תורה!

— גיי אליין, טאטע, — האט איציק מיט איינגעהאלטענער רואיקייט אוועקגעלייגט דאס ביכל אויפן טיש, אבער נישט כדי דעם סידור צו נעמען — איך טרעט דיר אפ דאס אויפרופעניש.

— דו טרעטסט מיר אפ? — איז אין דאדיען אנגעוואקסן היץ — א דאנק דיר, געטרייער „בן", פאר דער טובה, — און מיטאמאל האט עס אים געטאן א ציינד אונטער, און אין זיינע אויגן האבן אויפגעפלאקערט שוועבלעך — אויב נישט מיט גוטן, וועסטו ביי מיר, „בעל־יושר", גיין מיט בייזן!

— כע־כע! — איז ביי איציקן ארויסגעקומען אנשטאט א לאך עפעס א כארכל, וואס האט זיך איבערגעריסן, און ער האט, צו זייער אלעמענס צעטומלט־קייט געטאן א קנעפל אויף זיין אויבערהעמד און מיטאמאל עס א צעכראסטע.

— אוי־ווי איז צו דער מאמעס אויגן! — האט מינציע א קוויטש געטאן און זיך געכאפט מיט ביידע הענט פארן קאפ, ווי זי וואלט וועלן דעם קוויטש דער־שטיקן אין זיך.

איציק האט, ווי אפגעבריט פון דער מאמעס הייסן קוויטש, גלייך אייליק צוריק פארשפיליעט דאס אויבערהעמד. נאר דאס, וואס ער האט פאר זיי געהאט אפגעדעקט, איז שוין פון פאר זייער בליק נישט פארשוווּנדן:

...לעם איציקס „הארצלעפעלע" האט זיך געפינצטערט אן אויסהוילונג, ווי א לאך א פויסט די גרייס, און איבערן שאטן פון דער אויסהוילונג איז געלעגן צעוואלגערט א ראזלעך־בלוייער קרעל פון א פארוואקסענעם אפעראציע־שניט. אינגאנצן האט עס אויסגעזען ווי עפעס א באשעפעניש, א מין וואמפירל, וואס האט זיך א נעסט געמאכט אין איציקס מאגער לייב לעבן זיין הארץ, און עס באגט, עס נאגט זיין בלוט פון דארטן...

— אָט דאָס האָט מיר געמאכט „דער קאט פון וואָלין“, — האָט ענגדלער איציק שטיל־אומעטיק אין פייערלער געזאָגט — א ריפּ צעבראָכן... און אויך ער האָט ביי מיר גאָרנישט אויסגעפירט.

— צוליב דעם האָט מען עס דיך פונעם פּריזיוו באפרייט, — האָט דאָדיע פּלוצעם פאר זיך אליין און פאר אלעמען אנטדעקט — און וואָס איז געשען מיט אונדזער דאנילען, וואָס דו דרייסט זיך אלץ ארוים נישט צו רעדן וועגן אים? אים האָבן זיי פארפייניקט צום טויט?...

— ערגער... — האָבן א צוק געטאָן איציקס ליפּן — צו משוגעת... האָסט גוט געזאָגט, טאַטע — אונדזער דאַנילע... איז אַראָפּ פון זינען.

אסתר האָט געזען ווי איבערן טאטנס פּנים איז איבערגעלאָפן א בלאסקייט, ווי א פראָסטיק ווינטל. ער האָט א כאפּ געטאָן פון טיש דעם טלית־זאק, געטאָן אים אַ רוק אַרונטער הינטערן אָרעם און אַ דריק, ווי ער וואָלט עמעצן גענומען שטיקן... דאָס האָט ער אוודאי געשטיקט אין געדאנק דעם „תלין פון וואָלין“, וואָס האָט אים נאָך פינף יאָר תפיסה אָפּגעשיקט אהיים דעם זון, אָבער נישט דעם געזונטן אַרבעטער, און נישט זיין געזעל, דאַנילען...

— דאָדיע, — האָט מינציע גערעדט אומנייטיקע רייד — אז ער טויג נישט אין מיליטער... ווען ער וועט געזונט ווערן, איציק, וועט ער גיין אין בית־מדרש אריין.

איציק האָט גענומען דאָס ביכל פון טיש און איז אריינגעגאנגען אין א צווייט צימער. דאָדיע האָט יאושדיק א מאך געטאָן מיט דער האנט, איז ארויסגעגאנגען און אָפן געלאָזן די טיר, ווי אויף הפקר.

נפתלציע און בוניעק זענען אים דאָס מאָל נישט גלייך נאָכגעגאנגען אין בית־מדרש אריין.

קאַפּיטל צוויי און נײַנציק

צרות צוליב נדן

„...ווי שווער און שטרויכלענדיק ס'איז דער גאַנג צום ציל פון פערזענלעכן גליק אויפן וועג פון דער האַרבער ווירקלעכקייט! — האָט אסתר פריסיק געטראַכט — צי וועט ענדלעך דער טאַטע א רעד טאָן וועגן תנאים ביי אונדז? אויף וואָס וואַרט ער? דער מאַטעריעלער פונדאַמענט פון אונדזער שטוב איז צעוואַקלט. איציקס באַפרייונג פון דער תפיסה האָט שוין גאָרנישט געקאָנט העלפן. מ'האָט אים דאָרטן פאַר „גאָר א שיינעם לייט געמאַכט". ער איז קוים צו די כוחות געקומען. און כאָטש ער אַרבעט איצט, לויטן טאַטנס רייד, פלייסיקער ווי אַמאָל, פאַרטראַכט זיך ווייניקער, ווי ער וואָלט אין תפיסה שוין אַלץ געוואָר געוואָרן, — קאָן ער דאָך פאָרט נישט פאַרטרעטן בושקעס צוויי ידים. ס'פעלט אים אָפט אוים לופט אין די „בלאָז־זעק", אין די לונגען, וואָס מע האָט אים דאָרט אונטערגעהאַקט. אפנים, אז דער מאַמעס „פילגעס", הייסע ציגן־מילך מיט פאַטעקע געמישט, איז נישט בכוח זיי צו פאַרגיסן, די לינגען... קיין אָפּגעשפּאָרטער גרייטער קאַפּיטאַל איז ביים טאַטן זיכער נישט פאַראַן".

„...צי שטעלט ער נישט, דער טאַטע, אויף אונדזער ליבע און מיינט דערמיט צו סילוקן דעם נדן, און דערפאַר זיין לאַנג שווייגעניש?..."

לעצטנס, טראַכט אסתר, האָט דער טאַטע געענדערט זיין פאַרהאַלטן זיך צו שלוימקען: קומט ער צו גאַסט — און ער קומט איצט זייער אָפט — רוקט דער טאַטע טיפער אַראָפּ דאָס דאַשיקל איבער די אויגן און דערזעט אים קלאָמפּערשט נישט.

ערשט אז שלוימקע גייט אים אונטער האַרט צום אַראָפּגעלאָזטן דאַשיקל:

— גוט מאָרגן אייך, רב דאָדיע! — שטעקט אים דער טאַטע אָפּ א שלום־עליכם פון יוצא וועגן, קערט זיך באַלד אוועק, טוט עפּעס א רעד צו עמעצן פון די שטוביקע און לאָזט שלוימקען שטיין, ווי אן אָפּגעשמיסענעם.

ס'איז אסתרן קלאָר — דער טאַטע היט זיך איבערצובלייבן מיט שלוימקען איינ אויף אויג, טאָמער וועט דער שפּעטערדיקער „גאַניידעם" ווידעראַמאָל באַ־

קומען לשון. דאָס ערשטע מאָל, דעמלט ביים שלוש=סעודות איז עס אים אָנגעקומען שווער, צום צווייטן מאָל קאָן עס אים אָנקומען גרינגער.

אסתרן האָט זיך געדאכט, אז זי איז זיך ריכטיק משער דעם טאטנס געדאנקען: „...דאכט זיך, אזא נעבעכל, דער בחור, קאָן קיין פליג אויף דער וואנט נישט פארטשעפען. נאָר מע זעט דאָך — די מויד האָט ער פונדעסטוועגן געקאָנט פארטשעפען. אזוי, אז זי הענגט אים אויפן האלדז, ווי א קאלב אין יאטקע אויפן האָק... טויג ער דאָך צו עפעס יאָ... איז נו, זאָל ער באווייזן, וואָס ער קאָן אָן דעם טאטנס נדן!“.

ס'איז איר נישט איינגעפאלן, אסתרן, אז נאָך איציקס אהיימקומען אין אזא געבעכדיקן צושטאַנד, איז דעם טאַטן קלאָר געוואָרן, אַז ער איז שוין א פאַרפאַלענער קבצן, ווי קאָן ער זיך שוין גלייכן צו זיין שימקען ... אַז דעם צוגעזאָגטן נדן וועט ער נישט אימשטאַנד זיין צו סילוקן. ווו וועט ער נעמען די „לאָקשן“? די בראַטאָקלעד פון אמעריקע וועלן אים שיקן? אז ס'איז אים א בזיון צו קוקן שלוימקען אין די אויגן אריין... ער, דאָדיע קאָוואל, וועט דאָך נישט גיין זיך פארענטפערן פאר אייגענע קינדער... זיי זענען נישט קליין אליין דאָס צו פארשטיין!

צו איר טאַטנס געדאַנקען, האָט זיך אסתרן געדאַכט, איז זי אַליין דערגאַנגען, און די רייד פון איר שלוימקעס פאַרפרומטער מאַמען זענען צו איר דערגאַנגען דורך שלוימקעס קאַרגע ווערטער און דורך רכילות פון פרעמדע לייט.

מאָרגנטויען וואָלט אייגנטלעך נישט שווער געווען צו נעמען אויף זיך דעם עול פון אויסהאַלטן זיך מיט אַ ווייב, הגם ער האָט נאָך אַלץ געאַרבעט אָן געזעלן, קיינעם נישט אויסצונוצן. מיט די אייגענע צען פינגער איז ער אימשטאַנד געווען צו פאַרדינען ברויט און צום ברויט דין געשמירט. זיי וואָלטן דעריבער גריילעך געקאָנט גיין אונטער דער חופה און זיך באַזעצן ווי מאַן און ווייב אין אַן אייגענער נעסט. אָבער שלוימקע האָט אויף זיינע שוואַכע פלייצעס און שטילן ערלעכן געוויסן געטראָגן אַזש דריי הויקערס — די פאַרפרומטע מאַמע און צוויי עלטערע שוועסטער, וועלכע ער האָט געהאַלטן פאַר זיין פליכט איינצואָרדענען פריער פון זיך. קיין נדנס פאַר די שוועסטער האָט דער טאַטע נישט איבערגעלאָזן. פון זייער אייגענער אַרבעט, וועש=נייעריי, האָבן זיי קיין נדנס, פאַרשטענדלעך, נישט געקאָנט אָפּשפּאָרן; גענוג אז זיי האָבן אויסגעהאַלטן זיך אַליין מיט דערנערונג און קליידונג און נישט געפאַלן דעם ברודער צו לאַסט. איז כאָטש שלוימקע איז דער זון, און לויטן יידישן דין געהער דעם טאַטנס גאַנצע ירושה (די שטוב און דאָס באַלעבאַטישקייט, דער שניידער=וואַרשטאַט מיט דער ניימאַשין) צו אים, — פונדעסטוועגן טראַכט גאָר שלוימקע נישט אַנדערש, אַז אַלץ מיטאַנאַנדער געהער צו דער מאַמען מיט די שוועסטער. העכסטנס, אויב די מאַמע וועט מסכים זיין, קאָן פאַר אים פאַרבלייבן די ניימאַשין. איז ווי קאָן ער נעמען און חתונה האָבן אָט אַזוי=אָ, ווי מע גייט און מע שטייט, מיט די בלוי=

זע צען פינגער און נאָדל־פּאָדעם, העכסטנס מיט אַ ניימאַשין?! מע וועט דאָך נישט נעמען די ניימאַשין אויף די פּלייצעס און גיין מיט איר, ווי מיט אַ קאַטע־רינקע, איבער די הייזער!

אמת, אַז אשתרס האַרץ האָט אויף שלוימקעס „מאַראַל" נישט מסכים געווען. זי האָט געהאַלטן, אַז ער פאַרשמעלערט זיך אַליין זיינע רעכט, אַלץ געהער אים, פריער פון אַלץ דאַרף ער זאָרגן פאַר זיי ביידע. אָבער זי האָט נישט געוואָגט צו קערעווען אים אין דער ריכטונג: האָט געציטערט צו פאַרטונקלען איר אָרעאָל פון העכערקייט אין זיינע אויגן. נו, און דער שכל האָט דאָך איר געזאָגט, אַז ער איז גערעכט. ווי קאָן ער, אַ סאָציאַליסט, האַנדלען אַנדערש?

שלוימקעס פאַרפרומטער מאַמען, אַ יידענע, וואָס איז נאָך פאַר איר מאַנס לעבן „אין די הייזן געגאַנגען", איז בכלל נישט ניחא געווען דער שידוך מיט דער „טראַסקעוויטשער מויד". ערשטנס: דער יחוס — איר מאַן, עליו־השלום, איז טאַקע אויך געווען נישט מער ווי אַ שניידער, אָבער... אַ באַלעבאַטישער מענטש, גאַנץ קאַוולע קאָן אויף דעם עדות זאָגן, און אין אַלץ פלעגט ער געהאָרכן זי, זיין ווייב... פריער דער אייבערשטער, דערנאָך זי.. און ווער איז דאָס, איך בעט אייך, דאָדיע קאָוואַל?!... און ווער איז דאָס, איך זאָלט מיר געזונט און שטאַרק זיין, דער מוידס היגער עלטערער ברודער, דער קאָוואַל, וואָס וווינט אויף דער „באָמבע"־גאַס? און נאָך אייגער אַ ברודער איז דאָך געווען אַ „סיביר־ניק"... זי וועט זיך דאָ אין דעם שיינעם יחוס איינקויפן! צווייטנס: אַז די מויד לאָזט מיט זיך שפּילן אַ ליבע, ווי, להבדיל, ביי די אומות־עולם, וואָס דאָס אַליין איז שוין אַ געגוגער בראָך — וועט דאָך קיין גדן נישט זיין. און דאָ דאַרף מען האָבן אַזש דריי גרנם — פאַרן זון און פאַר ביידע שטעטער, זיי מיטן אייבערשטנס הילף חתונה צו מאַכן!

אַזוי פלעגט זי פירלייגן אירע טענות פאַר לייט, פאַר שכנטעס, וואָס זענען אַריינגעקומען אין שטוב עפּעס לייען אָדער אַ מוטל טאָן. אַזוי פלעגט זי זיך אַראָפּרעדן פאַר קליענטן, בעת דער זון האָט זיי אַ מאָס אַראָפּגענומען אָדער אַ בגד געפּאַסט, כדי אירע רייד זאָלן אַריין אין קאָפּ שלוימקען, וואָס איז פאַר־טרוד אין דער אַרבעט, אין די אויערן זענען אים מיט וואַטע פאַרלייגט:

— אַ מויד, וואָס שפּילט אין ליבע (און ס'איז ביי איר נישט די ערשטע, רעדן לייט) — פו־פו־פו! — איז טאַקע אפשר צו לייט... צו די היינטיקע „לייַ־טישע" בחורים, אָבער צו גאָט איז זי שוין אוודאי נישט...

— און פרעגט, וואָס האָט ער אין איר, דער זון מיינער, דערזען? מע זאָל כאָטש זאָגן — אַ מויד אַ יפה־פיה, אַ מויד אַ פאַרשוין. אַ פירקאַנטיקע „שטיק" מיט אַ גאַנצן קאָפּ נידעריקער פון אים, פון מיין שלוימקען. אַ פּאָר גרויסע ברייטעשעמעלטע אויגן, וואָס ווילן איינשלינגען די גאַנצע וועלט בחורים, מיט אַ קליין פּאַרריסן גויאיש נעזל. און אַ פראַגט האָט עס — אַז ווער ווייסט וויפל

שמאַטעס מע האָט אַהין אַריינגעטאָלעט, כדי ס'זאָל פאַר די מאַנצבל אַרויסקומען יצר־הרעדיקער!

אַזוי פלעגט זי איר, אסתרס צוקינפטיקע ליבהאַרצעדיקע שוויגער, באַרעדן פאַר פרעמדע מענטשן, פון איר אַ קאַריקאַטור מאַכן, כדי זי צו פאַרמיאוסן אין שלוימקעס אויגן, ער זאָל זיך פון איר, ווי פון אַ טרייפן ראָש, אָפּטשעפּען. שלוימקע פלעגט זיך דערביי מאַכן נישט הערנדיק, פאַרטאָן כלומרשט אין דער אַרבעט, דווטלען זיך אײַנדרויסן און גליען פון פאַרדרוס און קרענקונג פון אינעווייניק, אָבער פאַרבייסן די ליפּן און שווייגן. אַ מאַמען רעדט מען נישט אַנטקעגן. אַזוי איז ער דערצויגן געוואָרן פון קינדווייז אויף — אַז די מאַמע רעדט, שווייגט מען. טיילמאָל פלעגט ער אַפילו אַריינשמייכלען צו זיך אין די ליפּן־ווינקלען, און דאָס האָט געהייסן: פּלוידער, פּלוידער זיך, מאַמע, וועגן מיין אסתרקען, וואָס דיר גלוסט זיך, פאַרמיאוס זי, פאַרמיאוס זי... אָבער איך ווייס זיך מיינס... און זי וועט זיין מיינע, אסתרקע!

אָנשטאָט פיינט האָבן זיין מאַמען האָט מאָרגנטוי פיינט געהאַט איר פרומקייט, איר פרומע וועלט, איר גאָט.

— מיין מאַמעס הייסע פרומקייט האָט מיך געמאַכט פאַר אַ הייסן בונדיסט, — האָט ער אסתרן אַמאָל אַ זאָג געטאָן — דערפאַר גופא קום איך איר אַ דאַנק...

ער אַליין האָט אויף זיין מאַמען קיין שלעכט וואָרט נישט גערעדט און אסתרן נישט געלאָזן.

— און מיין שלוימקע, — פלעגט זיין מאַמע איבערדרייען די מטבע אויף דער צווייטער זייט — אַזאַ שיינער פאַרשוין ווי ער איז, אַזאַן אָרנטלעך קינד ווי ער איז!... ווען ער וואָלט זיך נאָך דערצו לאָזן פירן פון זיין מאַמען אין זיינע טאַטנס דרכים! מיט מיין שלוימקען וואָלט איך דאָך קאָנען אַ שידוך טאָן — אי מיט מחותנים, ס'זאָל זיין מיט וועמען צום טיש צו גיין, אי אַ לייטישער נדן זאָל זיין, אַז אויך די שוועסטער די יתומים זאָלן קאָנען פון אים געניסן... וואָס? ס'אי', חלילה, אַן עוולה? לייטישע קינדער — די טעכטער מיינע, הלוואי אַזאַ שנור, ריבונו־של־עולם!... אי אַ באַלעבאַטישע כלה זאָל זיין, אַ שיינע און לייטישע, אַז גאָט און לייט זאָלן מקנא זיין.

— אַר־אַר! האָרכט ער זי האָד נישט, שלוימקע. דעם טאַטנס אויגן, עליו־השלום, זענען מיט שערבלעך צוגעדעקט, מיינט ער, דער זון דער שוטה, אַז ער זעט נישט הורד זיי. אַיי, זעט ער! און די אַלטע מאַמע, די צעבראָכענע אלמנה? — מילא, כיבוד־אם היט ער נישט אָפּ אין אַנדערע זאַכן אויך. אַז פאַר גאָט אַליין האָט מען היינט קיין מורא נישט!...

— כיבע... פו־פו־פו! אַ כישוף, רחמנא ליצלן, האָט אים די מויד אָפּגעטאָן. מיט ליבעקרייטעכצער אים אָנגעפּויעט, דעם פערד.

— איז מילא, איז פארפאלן, וואָס קאָן איך, א שוואכע אלמנה, טאָן? מסתם האָב איך זיך, זינדיקע, ביים אייבערשטן אויף מער כיבוד פון מיין זון ניט פארדינט. זיין טאטע אין קבר טוט זיך פאר אים ניט געווג באמיען. ער, זיין טאטע, עליו השלום, איז אויך פאר זיין לעבן אן אפגעלאָזענער מענטש געווען: יאָ — יאָ, ניט — ניט... אז מיך ביי דער זייט האָט ער ניט איצט... איז נו, זאָל שוין זיין די, ווי ער וויל. אָבער ווי ביי יידן זאָל עס כאָטש זיין — פאר דער התונה תנאים שרייבן, און אין די תנאים זאָל זיין א נחן איינגעשריבן. דער נדן זאָל גיין פאר די טעכטער, און דערפאר זאָל דער זון בלייבן ביי דער שטוב מיטן באלעבאטישקייט.

— קוים ניט, — איז זי אמאָל ארייַנגעפאלן אין צאָרן צוליב שלוימקעס עקשנותדיק שווייגן און האָט געברענט, ווי א טרוקענער שפאָן — דו הערסט, שלוימקע, וואָס איך בין דיר מתרה? אַט הערן לייט: — זאָלסט זיך פארנעמען פון מיין שטוב, ווי דו גייסט און שטייסט. מיט גאָטס הילף וועל איך זיך אליין אן עצה טאָן. ער איז דער אבי־יתומים, און פון יתומות — אוודאי. גיי אוועק, ווי א שלעפער, צו דער מויד, א געלעגער זיך אויסצובעטלען... א טמא געלע...

— הער שוין אויף, מאַמע! איך בעט דיך... — האָט ער איר טאַקע געבעטן, שלוימקע, כאָטש זיין שטים האָט געציטערט פון אויפרעגונג, און איז ווידער אנטשוויגן געוואָרן.

— אייער שלוימקע איז ניט קיין מענטש, — האָט זיך אָנגערופן באַגייסטערט די שכנה, וואָס איז דערביי געווען — ער איז אַ מלאך!

— אַ געפאלענער מלאך, — האָט שלוימקעס מאַמע געזאָגט מיט שטאָלץ און באַדויערן גלייכצייטיק און „איינגעלייגט די קראָם" — פארשלאָסן דאָס מויל אויף אַ קורצערער אָדער לענגערער פּויזע.

קאַפּיטל דרײַ און נײַנציק

אַן איבערגעריסענע קאָרטנשפּיל

ס׳וועָרט אָוונט. אין פֿאָדערשטן צימער ברענט שוין דער לאָמפּ. אסתר זיצט אין איר צימער אין פֿאַרקלערטער דערוואַרטונג: מאָרגן, דינסטיק, איז אַ „טאַבל=טאָג“,* מען אַרבעט נישט — אפֿשר וועט זיך שלוימקע אַראָפּכאַפּן צו גאַסט אויף אינמיטן דער וואָך? אויב יאָ, וואָלט ער שוין באַדאַרפֿט זײַן.

— גוטן אָוונט!

דער טאַטע איז דאָרט אַרײַנגעקומען פֿון מנחה=מעריב. נישט אַליין. זי דערקענט לויט די שטימען: נפּתּלציע און בוני; ווער נאָך? „דער מאַדיאַר“ — געקומען מסתּמא אָפּמאָנען אַלטע חובֿות פֿאַרן פֿירן דאָס אײַזן פֿון לודמיר; און נאָך אײנער — מײשקע „דער שוואַרצער קאָטער“ — מסתּם האָט אים זײַן מאַמע, טויבע דבֿורהניום, וואָס זי נעמען בײַ איר אין קלײט, געשיקט מיטן בוך זיך אָפּרעכענען... אויב אַזוי, וועט שוין זײַן „פֿרײלעך“: דער טאַטע וועט זיך קאָכן אויף דער מאַמען, פֿאַרוואָס זי האָט אים ווידער געמאַכט אַזאַ גרויסן „צאָט“, הלמאַי זי לײדיקט אויס טויבע דבֿורהניום גאַנצע קראָם, אַז אויסלײדיקן זאָל זיך איר שוין דער בויך! און די קללה, געוואָרפֿן כּלומרשט אויף דער מאַמעס קאָפּ, וועלכע ער האָט שוין לאַנג=לאַנג אויפֿגעהערט צו שעלטן, מײנט נאָר די קרעמערין, וואָס דער טאַטע איז זי חושד, אַז זי באַוואָרנט זיך פֿאָרויס און שרײַבט צו איבעריקס.

...נײן. ס׳איז נישט דאָס. זײ זעצן זיך גאָר דאָרט כאַפּן אַ קערטל... אינמיטן אַ וואָכנדיקן מיטוואָך? נו, יאָ, מען אַרבעט דאָך נישט מאָרגן. פֿאַרוואָס זשע איז שלוימקע נישט געקומען?

זי הערט זיך צו מיט אײן אויער צום שפּילן דאָרטן. פֿון טאַטן האָרכט מען נישט קײן פּאַרע. „דער מאַדיאַר“ באַסעוועט מיט זײַן בויך=שטימע, ווי גערעדט פֿון אַ לײדיקער פֿאַס אַרויס. נפּתּלציע שעלט אויף ייִדיש און אוקראַיִניש אוים=

* מלוכהשער פֿײערטאָג.

געמוישט. איין איציק איז דאָרט נישטאָ... די תפיסה־יאָרן האָבן אים עפּעס אַנדעריש געלערנט... און ער שפּילט אַפּנים ווייטער די אַלטע שפּיל, אין וועלכער מע שטעלט דאָס לעבן אין קאָן... בוגי פּייפט אונטער מוזיקאַליש — אַן איבערבלייבעניש ביי אים פון דער צייט, ווען ער האָט זיך טאָג און נאַכט אָפּגעגעבן מיט די טויבן, אָבער איצטער פּייפט ער אויס די „התקוה". „דער שוואַרצער קאָטער" מורליקעט עפּעס אונטער דער נאָז, ווי ער וואָלט געשפּילט אויף זיינע שוואַרצע וואָנסעלעך, וואָס הייבן אים ערשט אָן אַרויסשפּראָצן.

אסתר איז פאַרטאָן אין מחשבות... „דער מאַדיאַר", וואָס איז אַהערגעקומען קיין טריסק אין דער מלחמה־צייט, האָט דאָ חתונה געהאַט און פאַרבליבן, דערמאָנט איר איר ערשטע קינדערישע ליבע מיט בראָנסקין, וואָס איז אויך אין יענער צייט געקומען אין שטעטל... ווי טרויעריק די דאָזיקע ליבע האָט זיך פאַרענדיקט... דערנאָך איר צווייטע ליבע מיט שמעון אַדלער... האָט זיך אויך גאַנץ טרויעריק פאַרענדיקט... און איצט די לעצטע?... פאַרוואָס טאַקע האָט שלוימקע נישט אויסגענוצט דעם מאָרגנדיקן פרייען טאָג? וועט ער קומען מאָרגן גאַנץ פרי? שאַ נאָר... ס'דערנענטערן זיך טריט צו דער פאָדערשטער טיר. אַ? ניין, ס'איז נישט ער.

ס'האָט אַ בראַזגע געטאָן די קליאַמקע. און ווייל דער, וואָס איז דאָרט אַריבערגעטרעטן די שוועל, האָט אסתרן אויף אַן אויגנבליק כּמעט אויסגעדאַכט צו זיין איר שלוימקע, איז זי צוגעגאַנגען צו דער אָפּגעלענטער טיר און אַריינגעקוקט אַהין פון דער פינצטערניש פון איר צימער. איר שלוימקעס אַ היגער קוזין — מאיר מאָרגנטוי. שלוימקע לעבט זיך מיט אים חברלעך. זי איז מיט אים קוים באַקענט. ער האָט אַ טבע, דער מאיר מאָרגנטוי, רויט צו ווערן, ווי אַ צוויק, פאַר פרעמדע מענטשן און די רייד דורכצולאָזן דורך דער נאָז, צוליב וועלכן זיי קומען אַרויס ווי איינגעהילט אין אַ שאָרך. שטייט ער טאַקע איצט, אין אָנגעזיכט פון דעם געזעמל אַרום טיש ביי אַ מיטנוואָכנדיקער קאָרטן־שפּיל, מיט אַ רויט, ווי אָפּגעקאָכט, פּנים, און זיינע ווערטער דערגייען נישט לחלוטין צו די אויערן פון די פאַרטאָנענע שפּילער, וואָס האָבן, ווייזט אויס, אפילו זיין אַריינקום נישט דערהערט.

— אַ גוט יאָר! — טרעט אסתר אַריבער די שוועל מיטן פאַרשפּעטיקטן ענטפער און ווענדט זיך צו די קאָרטן. — אַ מענטש רעדט דאָך צו אייך!

אויף מאיר מאָרגנטוי האָבן זיך פאַראַמאָל געטאָן אַ שטעל אָן אומצופרידענע פּנימער מיט תרעומותדיקע אויגן. האַרבע בליקן, ווי חזיר־האָר, האָבן געשטאָכן זיין פּנים און זענען פאַרזונקען אין זיין פאַרגאַפטן האַלב־אָפן מויל.

— ס'טו געזאָגט? — פרעגט אים דאָדיע פאַרדריסלעך, אויפהייבנדיק אַ ביסל דעם קאָפּ, כּדי אים בעסער אָנצוקוקן.

מאיר מאַרגנטוי באַגיסט זיך מיט אַ נייער כוואַליע רויטקייט, חזרט איבער זיינע רייד, אָבער די ווערטער זענען ווי קייקעלעך וואַטע, וואָס גייען קיינעם נישט אַריין אין די אויערן. בלויז אסתר האָט זיי דערהערט. ביי דאָדיען האָבן זיך שוין גענומען רייבערן די וואָנצעס אונטער די פּאַכענדיקע נאָזפליגעלער. איז אסתר צוגעגאַנגען צו אים און געזאָגט:

— זיין מומע, שלוימקע מאַרגנטויס מאַמע, איז געקומען צו פּאָרן. זי איז פאַרפאָרן צו זיי. זי וויל זיך דורכשמועסן מיט דיר, און זי וואַרט...

אינצווישן האָט זיך מינציע געהאַט אַריינגעשאַרט אין צימער און שטיינ־געבליבן אין דערוואַרטונג. אירע אויגן זענען געהאַנגען אויפן מאַנס ברעמען מיט תחנונים.

אַרום טיש האָבן הענט מיט קאָרטן אין די פינגער געגליווערט מיט פּאַר־באָרגענער צערייצטקייט: מ׳עט מוזן איבעררייסן אינמיטן קאָן.

„דער מאַדיאַר" האָט ווי פאַרשלאָפן־בייז געפינטלט מיט די אָנטצונדענע רויטע ווייס איבער די בלינדלעכע אויגן, און זייער „יאַטער" אין די ווינקלען האָט געשימערט.

— וואָס פאַר אַן ענטפער, פרעגט מאיר, זאָל ער איבערגעבן זיין מומען?

— האָט אסתר ווידער איבערגעגעבן זיינע רייד.

— אָט האָב איך אַן אייגענעם גראַמאַפאָן, — האָט דאָדיע אָנגעטייטלט אויף איר מיט אַ בייזן שפּיז פון זיין בליק.

דער „שוואַרצער קאָטער" האָט אַ לאַך געטאָן פון דער חכמה. אסתר האָט זיך קוים באַהערשט נישט אַ געשריי צו טאָן צו אים: „אַקאָטאַ, דו פאַרשיווער קאָטער!" און אַרויסגענומען פון איר מויל אַ וואָרט אַ ווערעמס און בקשהדיקס, ווי אַ מאַמע נעמט אַרויס אַ פריש איי פון אונטער דער הון אַרומצושטרייכן דערמיט די אייגעלעך פון איר קראַנק עופעלע — „ווי דאָס אייעלע איז געזונט און פריש, אַזוי זאָלסטו מיר זיין געזונט און פריש".

— טאַטע! — האָט זי געזאָגט.

אָבער אויף דאָדיען האָט עס געווירקט פונקט קאַפּויער, ווי זי האָט גע־וואָלט. זיין שטערן, וואָס האָט זיך אין ברעג פון שפּיל באַפרייט פון דעם שטענ־דיק אַראָפּגערוקטן האַשיק, האָט זיך בייז אַ קאָרטשע געטאָן, און ס׳איז איבער אים אַריבער אַ כמאַרעלע. ער האָט ברומענדיק פאַרוויקלט אַ ציגאַר, אונטער־געהויבן זיך און פאַררייכערט איבערן גלעזל פון לאָמפּ, זיך צוריקגעזעצט און פאַרצויגן. דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן מיט אַזאַ אייגנהאַלטנקייט, וואָס האָט אויסגעדריקט בלויז עקשנות. זיינע אויגן האָבן געשאָטן פונקען דורכן רויך:

— אַז זי איז אומגעבעטענערהייט געקומען צו פּאָרן, האָט זי אומגעבעטע־נערהייט געקאָנט זיך מטריח זיין נאָך אַ שטיקל וועג. ס׳האָט איר געמעגט אָנ־

שטיין, דער קאָוולער פריצטע, צו פאַרפאָרן גלייך צו דאָדיע קאָוואַל. יעדער באַלעגאָלע ווייסט ווו עס שטייט איין מיין שטוב.

מאיר מאָרגנטוי האָט אַרויסגעקוועטשט פון מויל אַ וואַרעם שטיקל וואַטע — „אַ גוטע נאַכט!" און איז אַרויסגעגאַנגען רויט און פאַרשוויצט, ווי פון אַ שוויצבאָד. „דער מאַדיאַר" האָט אויפגעהערט צו פינטלען מיט די וויעס, גענומען איבערטאַשן די קאָרטן און אַרויסגעבאַסעוועט פון בויך:

— מירן איבערגיין בערגייעס דעם קאָן. אַיאָ, רב דאָדיע?

— ווי אַ מענטשן איז נישט קיין שאַנד און קיין בזיון פאַר לייטן! — האָט אסתר מיט אַ געשריי געמאַכט זיך הארץ קעגן טאַטן.

— איך האָב נישט געשיקט, נישט נאָך איר, נישט נאָך דיר, — האָט דאָדיע געענטפערט שטיל, כמעט ווי רואיק, אָבער דער טאָן איז געווען אַ גליענדיקער און האָט אונטערגעצונדן איר אינגעווייד — שליחים, שטומע שליחים שיקט זי מיר! איז נישט קליין אַליין צו קומען. אפשר אַרויסשיקן „קאַראָצן" קעגן איר?

די שפיל האָט באַגייט איר גאַנג. אסתר האָט צערייצט אָבער אומבאַהאָלפן זיך אויסגעדרייט און אַריין צו זיך. זי איז געבליבן שטיין אינמיטן צימער, ווי געליימט: וואָס טוט מען? אויך איר איז דאָס קומען פון „דעם פרומען קאָזאַק" געווען זייער נישט צום האַרצן. זי איז אויך געווען זיכער, אַז „דער פרומער קאָזאַק" האָט עס געטאָן קעגן שלוימקעס ווילן, אין בעסטן פאַל — אָן זיין וויסן.. זי איז דאָך אָבער ז יי ן מאַמע. צי וועט ע ר, וועלכער באַציט זיך צו איר, נישט געקוקט אויף אַלץ, מיט אַזאַ דרך־ארץ, מוחל זיין אַזאַ באַליידיקן זי? און... אפשר טאַקע וואָלט זי זיך דערשלאָגן ביים טאַטן... איצט אָבער, אַז זי וועט זיך אומקערן אַהיים אַן אָפגעגאָסענע מיט אַ פאָמעשאַף פאַמיניעס... איז אַ סוף צו אַלץ!

אַ כוואַליע זשאַר האָט אַ פלייץ געטאָן איבער אירע אַלע אברים (ווי ריזיק זי האָט אין דעם מאָמענט אָפגעפילט איר קליינעם קערפער!), און ס'האָט איר אַ וואָרף אַריין געטאָן צוריק אין דעם פאָדערשטן צימער. זי האָט געפילט ווי אירע אויגן זענען הייס, גליען, און די וויעס שפריצן מיט הייסן פריסיק. איר האַנט האָט געטאָן אַ פאַטש אַרויס דעם קאָרטן־פעכער פון מיישקע דעם שוואַרצן קאָטערס האַנט, און פון איר קעל האָט זיך קאָנוולסיוו אַרויסגעריסן ווי נישט איר קול:

— קאָרטנשפּילער! מיט בלוט שפּילט איר! מיט מענטשלעך בלוט שפּילט איר!

„דער מאַדיאַר" האָט האַסטיק געטאָן אַ לייג אַוועק די קאָרטן, זיך אויפגעשטעלט, געפינטלט מיט די רויטע וויעס, אַרויסגעבאַסעוועט פון בויך „אַ גוטע נאַכט" און איז אַרויסגעגאַנגען, ווי אַ פאַרווייניטער, וואָס די שפּיל איז אַוועק אַזוי

שלעכט. נאָך אים האָט זיך אַרויסגעשאַרט אָן אַ „גוטער נאַכט“ „דער שוואַרצער קאָטער“.

„דער קרומער“ איז אויפגעשפּרונגען, אַרויס פון הינטערן טיש, שטיינגע־בליבן מיט די צערפּעטטע פּיס, און האָט פאַר צאָרן נישט געקאָנט קיין וואָרט פון קעל אַפּערברענגען. בוני האָט שטיל צונויפגעזאַמלט די צעוואָרפענע קאָרטן מיט אַזאַ ערנסט, ווי דערמיט שטעלט ער צוריק צוזאַמען דעם שלום־בית. דאָדיע האָט זיך פאַמעלעך אויפגעהויבן, אויסגעדרייט זיך מיטן פּנים צום פענצטער, ווי אַריינצוקוקן אין דער נאַכט אַריין, און זיין פּלייצע האָט אויסגעזען ווי אַ פעסל פּולווער, וואָס אָט־אָט רייסט עס אויף. צום דאָזיקן פעסל פּולווער האָט מיט שרעק געקוקט מינציע פון מיטן שטוב.

דאָס צימער האָט זיך געשטיקט מיט שטילקייט פון פאַר אַ שטורעם. ס׳האָט זיך געהערט דאָס נאָגן פונעם קנויט אין לאָמפּ אויפן טיש און זייער אייגן הייס אָטעמען. פון אסתרס פענצטערן צימער האָט אַריינגעטיקעט דער וואַנטזייגער און געציילט די מינוטן צום אויסברוך פון שטורעם. אָבער ער איז נישט גע־קומען. דאָדיע האָט אויסגעדרייט דאָס פּנים פון דער נאַכט אַרויס און זיך צוריק אַנידערגעזעצט.

מינציע איז צוגעגאַנגען צו אַ שטול, האָט זיך געזעצט און אָפּגעזיפצט. זי האָט איצט, לויט איר שטייגער, גענומען איבערוואַרטן „ביז דער כריין וועט אַ ביסל אויסוועפּן, און מ׳עט אים קאָנען נעמען אין מויל אַריין“. אויך אסתר האָט זיך געטאָן אַ זעץ אַנידער קעגנאיבער דער מאַמען, אָבער נישט אויף איבערצוואַרטן. איר האַרץ איז ווי געשוואָלן געווען, און דאָס בלוט האָט זיך ווי געטונקלט אונ־טערן שאַרבן. אונטערן האַרצלעפּעלע האָט געקלעמט, געקלעמט, ביז ס׳האָט עפּעס אין איר אויפגעפּלאַצט, און אַ פינצטערניש האָט זיך צעגאָסן איבער איר גאַנצן קערפּער און אַ שפּאַר געטאָן צו די אויגן. ס׳האָט פון איר אַ כלינע גע־טאָן אַ יאָמער. דער יאָמער האָט, ווי אַ שטראָם, מיטגעטראָגן פון קעל אַרויס געשרייען, קווייטשערייען, ווי פאַרגליווערטע בלוט־שטיקער, און פראַזן נישט גאָר פאַרנינפטיקע:

— סאַראַן אומגליקלעכע איך בין! נישטאָ נאָך אַזאַ, מע זאָל אויסגיין די וועלט. אַ לעבעדיקע יתומה בין איך. אָן אַ טאַטן און אָן אַ מאַמען. עלנט, ווי אַביימל אין פעלד. נישט קיין שוועסטער, נישט קיין ברודער... וויי, וויי צו מיינע יונגע יאָר!

— אפשר, דאָדיע... — האָט זי דערהערט דורכן יאָמער דער מאַמעס דער־שראָקן־בעטנדיק קול, און איר יאָמער האָט זיך איבערגעריסן — אפשר זאָל עמעצער פון די קינדער גיין זי פאַרבעטן?

דאָדיע שווייגט נאָך אַלץ. אַ שטילשווייגעניש גריזשעט די ווענט, די פּאָד־לאָגע, די סטעליע, און אסתרן אינגאַנצן. ס׳הייבט זי אָן גריזשען די פאַרצווייפ־

לונג: „וואָס וועט זיין? וואָס=זשע וועט זיין? דאָרט, ביי שלוימקעס פעטער, ביי יאַנקעוו שניידער, זיצט זי, שלוימקעס מאַמע, אַ באַליידיקטע פאַר זיך אַליין און פאַר איר שלוימקען — פאַר איר שלוימקען! — און אַ שוים בלעזלט אויף אירע ליפּן=ווינקלען... איך האָב שוין נישט וואָס אָנצוווערן“.

און אסתר טוט זיך אַ ריים אָפּ פון דער שטול אין דער ריכטונג צו דער טיר:

— געוואַלד וועל איך שרייען! גע—וואַ—אַ—אַ...

מינציע טוט זי אַ כאַפּ אָן פאַרן קליידל, פאַרהאַלט זי, פאַרשטעלט איר שווער דעם וועג, און מינטערט אַריבער איר פּלייצע דעם מאַן:

— דאָדיע, אַ דאָדיע?

— ס'אי? — וואָרטשעט ער בייז, אָבער ס'פילט זיך שוין אַרויס אַ נאָכגיביקייט אין זיין קול.

— וואָס וועט זיין, דאָדיע? דער אָוונט שטייט דאָך נישט?

— זאָל זי אַליין גיין, „די פּאַניענטקע“, אַז ס'האָט איר אַזוי צוגעשפּאַרט אַזש דעם בחורס מאַמע.

אין דעם דערהערן זיך טריט פאַר דער דרויסנטיר. אסתר ברענגט זיך גלייך אין אָרדענונג. ס'קומט אַריין צום צווייטן מאָל מאיר מאָרגנטוי:

— די מומע האָט מיך געשיקט אייך פרעגן, רב דאָדיע, צי זאָל זי נאָך היינט אַהיימפאָרן מיטן צוועלפער באַן מיט ליידיקע הענט?

— אויף מיינע שונאימס און אויף שונאי=ציונס קעפּ! — באַקומט מינציע לשון און ווערט אין איר שווערקייט קאָמיש=רירעוודיק. — אַן איינפאַל אַ ביסל! וואָס איז דאָס איילעניש אַזוי? ס'איז קורץ=פרייטיק היינט? מע נעמט דאָך נישט אויף קיין ליבע געסט אָט אַזוי=אָ מיט ליידיקע הענט... אָט טו איך זיך איבער און גיי פאַרבעטן די מחותנתטע. אַיאָ, דאָדיע, איך גיי?

— דו גייסט, דו גייסט. — גיט זיך דאָדיע אונטער, וואָרטשענדיק.

אסתר ווישט שנעל אויס די אויגן, העלפט דער מאַמען זיך פאַרפּוצן יום=טובדיק און טוט אַ זאָג צו מאירן אַ צעשמייכלטע:

— איר וועט שוין גיין צוזאַמען מיט מיין מאַמען.

ווי נאָר זיי טרעטן אַריבער די שוועל, דערפילט זיך אסתר פאַר דער באַלעבאָסטע, זי טוט אַ רוף פון קיך נאַטאַלקען, און זיי נעמען זיך מיט ברען אויפּוצן אסתרס צימער און צוגרייטן דעם טיש פאַר דער אויפנאַמע.

אין פופצן=צוואַנציק מינוט אַרום איז שוין אסתר געשטאַנען אַ צעפלאַמטע און צעשיינטע פאַר אַ פיין סערווירטן טיש. דער נאַפט=לאָמפּ אונטערן געבלימט=קאָלירטן אַבאַזשור איינמיטן טיש האָט באַלויכטן קליאָשן מיט פרוכטן, מיט צוקערגעבעקסן, אַ פּאָר פלעשער מיט ווישניק, שעלעכלעך מיט וועלשענע און טערקישע ניס, פיסטאַשקעס און איינגעמאַכטס. דאָס אַלץ האָט שווייגנדיק ווי געוואַרט און זיך צוגעהערט — אין קיך פאַרזידט שוין דער סאַמאָוואַר און זינגט

זיין וווּנדערלעכן ניגון, וואָס איז תמיד פֿריילעך, אָדער אומעטיק לויט דער שטי־
מונג אין שטוב. איצט איז ער פֿריילעך און אומעטיק גלייכצייטיק און אַזוי
פֿייערלעך־דערוואַרטנדיק: די מחותּנתטע קומט אין ווײַזוט!... די מחותּנתטע...
די מחותּנתטע...

דאָדיע איז, ווי אַ ברוגזער, אַריין צו זיך אין שלאָפֿצימער.

ערשט האָט זיך אסתּר שנעל אַרומגעוואַשן און געזייפֿט, זיך פֿאַרקעמט און
פֿאַרפּוצט אינעם שענסטן, וואָס זי האָט פֿאַרמאָגט, און זיך פֿערפּומירט, ווי זי
וואָלט דערוואַרט שלוימקען אליין צו די תּנאים.

אויף איר פֿאַרלאַנג איז שוין איינצווײשן אויך באָטאַלקע געווען אַן אויסגע־
פּוצטע, אַ חגאַדיקע. אסתּר האָט אַרויסגענומען פֿון שאַפֿע דעם טאַטנס שבתדיקע
שוואַרצע קאַפּאָטע און דאָס נייע געווענטענע היטל און איר געבעטן:

— גיי, דערלאַנג עס דעם באַלעבאָס, המס... גיין, פֿריער דערלאַנג אים אַ
שיסל הייסע וואַסער מיט זייף, אפֿשר וועט ער זיך אַרומוואַשן אויך. אויף יעדן
אופֿן זאָל ער זיך כאָטש איבערטאָן.

אסתּר האָט נאָכגעפּאָרשט דורך דער שפּאַרונגע פֿון דער טיר, ווי עס וועט
זיך באָטאַלקען איינגעבן דאָס, וואָס איר וואָלט זיך עס וואָרשיינלעך נישט איינ־
געגעבן. דער טאַטע האָט אויפֿגעהויבן צו נאָטאַלקען דאָס ברוגזע פּנים און זי
מביניש באַטראַכט פֿון אויבן ביז אַראָפּ, ווי ער וואָלט פֿון איר אַ מאָס אַראָפּגענו־
מען. זיין פּנים האָט זיך אויסגעגלעטיקט, ס׳האָט איבער דעם אַ פּעכל געטאָן אַ
צופֿרידענער שמייכל, און ער האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון אָרט:

— גוט, נאָטאַלקע. מע וועט זיך אַרומוואַשן...

„...זאָל זיין פֿון קאַזאַק, אַבי צום לעבן“, — האָט זיך אסתּרן דערמאָנט
איר מאַמעס אַן אָפּט ווערטל.

קאַפּיטל פיר און נײַנציק

די מחותנתטע צו גאַסט

און אָט עפנט זיך די טיר. ווי זי וואָלט נידעריקער געוואָרן. סע שמעלט זיך אַרײַן אין איר רעם אַ פרעמדע הויכע, האַרע יידענע, ווי פון ברעטער געמאַכט. דער שוואַרצער לאַנגער בורנוס, וואָס זי טראָגט, מאַכט זי נאָך אויסגעצויגענער, דער אויפגעפּוישטער פּאַרוק — נאָך העכער. זי זעט אויס גיכער ווי אַ מאַנצבל. און ס׳איז לעכערלעך, וואָס פון איר איז אַרויסגעקומען שלוימקע. יעדנפאַלס זעט זי בשום־אופן נישט אויס ווי אַ ווייב פון אַ שנײַדער און אַ מאַמע פון אַ שנײַדער, נאָר ווי אַ רביצין, ווי דעם פעטער זרח דעם רויטנס ווייבס אַ שוועסטער.

זי מאַכט עטלעכע פאַמעלעכדיקע טריט אין שטוב אַרײַן, און ס׳פאַלט אויף איר פּנים די שײַן פון לאָמפּ — אַ הילצעריק שאַרע פּנים מיט טריב־פרומע אויגן, דינע בלווילעכע ליפּן — ווערעם.

„...די איז מײַן שלוימקעס מאַמע?!" — לויפט דורך אסתרן אַ געדאַנק, און זי דערשפּירט זיך צעמישט אַ ביסל און שרעקעוודיק־אָפּהענטיק. ס׳טוען זיך איר אַ לאָז אַראָפּ די הענט, און די פיס רירן זיך איר נישט פון אָרט.

מיניציע שאַרט זיך איר נאָך פון הינטן, ווי אַ פּעסל, און טוט אַ זאָג:

— מחותנתטע, זעט נאָר ווי זי שײַנט, אָן עין־הרע, די כלה! מײַן טאָכטער...

אסתר מאַכט זיך האַרץ און גייט אַנטקעגן. די מחותנתטע שטרעקט אויס קעגן איר צוויי שטעקלדיקע הענט, וואָס דריקן צו איר קאָפּ צו אַ ברוסט, ווי אַ ברעטל, און אסתר דערהערט איבער זיך אַן אומצופרידענעם גראַגער:

— דו שמעקסט צו שטאַרק... אַ יידישע טאָכטער דאַרף נישט שמעקן.

אסתר האָט זי גענומען אונטערן אָרעם און זי געפירט צו זיך אין צימער:

— טוט זיך אויס. מאַכט זיך באַקוועם.

נאָר די מחותנתטע האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און דעם בורנוס נישט אויסגעטאָן. ווי זי איז געווען אין אים, אַזוי האָט זי זיך אַנידערגעזעצט

אויבנאָן אויף דער שטול, וואָס אסתר האָט פאַר איר אַרויסגערוקט. אפשר האָט זי אונטערן בורנוס געטראָגן אַזאַ קלייד, מיט וועלכן ס'איז אַ חרפה געווען זיך צו ווייזן אין אָנגעזיכט פון זייער אויסגעפוצטקייט. נאָר איר שטאַרק ערנסט, ווי ברוגז, אַגידערזעצן זיך האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז סע שטעקט דערין אַ כוונה: אויב סע וועט נישט גיין אַזוי, ווי זי ווינטשט זיך עס, זאָל זי קאָנען גלייך, אָן קיינע שטערונגען, זיך אויפהייבן און אַוועקגיין.

דאָדיען וואָלט זיך געפּאַסט צו זעצן קעגנאיבער דער מחותנתטע אויפן צווייטן אויבנאָן. ווייזט אויס אָבער, אַז מיט איר אַלמנהש־רבניש אויסזען האָט זי אַרויסגערופן ביי אים אָפּשיי. ווען זי האָט אַ זאָג געטאָן: „נו, רב דאָדיע, פאַר־וואָס זעצט איר זיך נישט?“ — האָט דאָדיע אַ באַפעל געטאָן צו אסתרן, טייטנדיק מיטן בליק אויף דער שטול לעבן דער מחותנתטע: זעץ זיך דו, כלה, דאָ. — און זיך געזעצט לעבן איר. אַזוי, אַז די כלה האָט זיך געפונען „צווישן צוויי פייערן“.

לעם דער מחותנתטע אין דער צווייטער זייט, קעגנאיבער דער כלה, האָט זיך געזעצט מינציע. זי האָט גלייך אויפגעהאָגגען די אויגן אויפן ברעג פון מאַנס אַראָפּגערוקטן דאַשיק און באַקומען דאָס אויסזען פון דער הכנעה אַליין. ס'איז קלאָר געווען פון איר פנים מיט די פאַרשנורעוועטע ליפּן, אַז מער וועט זי האָ ביים טיש קיין וואָרט נישט אַרויסברענגען — סע זיצט דאָ איר מאַן, דאָדיע קאָוואַל, און אַ מחותנתטע, פאַר וועלכע ער אַליין האָט דרך־ארץ.

ס'איז ענג געווען די לופט אַרום דער כלה. מע האָט באַדאַרפט איינפּעדע־מען אַ שמועס, נאָר די פעדעם האָבן זיך געריסן, געריסן. די קאַץ, וואָס איז ביז איצט געליגן אויפן פענצטער, האָט געמאַכט אַ רייפל פון איר רוקן, אַ געגעץ געטאָן, אויסגעגלייכט די גלידער, אַראָפּגעשפּרונגען און אַרויסגעגאַנגען, ווי זי וואָלט געזאָגט: נישטאָ דאָ קיין ביסל פרייע לופט. דער כלהס האַרץ איז גע־ווען טרוקן און האָט געלעכצט נאָך אַ פרייער באַוועגונג — ס'האָט מקנא געווען די קאַץ. אַן אויגנבליק — אַ יאָר. די כלה האָט זיך געפילט אומבאַהאָלפן אַרויס־צוקריכן פון דער געפּענטעטקייט. און נאָך שווערער האָט געדריקט אויפן געמיט דאָס, וואָס ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אויך דער טאַטע פילט זיך אומבאַהאָלפן.

„...פאַרוואָס נאָך אַלץ דער ברוגז מיטן פעטער שאמע? — האָט די כלה א טראַכט געטאָן — ער, מיט זיין שטעל, וואָלט שוין די זאַך אַרויסגעפירט אויף אַ דרך. צום ווינציקסטן וואָלט מען גראדע איצט באַדאַרפט אהערברענגען די באָבע ליבע חיה: אירע פרומע רייד וואָלטן זייער צונוץ געקומען...“

דאָדיע האָט אַ ווענד געטאָן דאָס פנים צו דער כלה, און זיין בליק האָט איר באַפוילן אויף שטום־לשון: הייב אָן באַלעבאַטעווען מיטן כיבוד.

די כלה האָט פאַרשטאַנען: „איך דאַרף זיך באַווייזן. אונטערקויפן די מחותנתטע“. זי האָט זיך דערין אָנגעכאַפּט. זי האָט, פאַרשטענדלעך, איר גרעס־

טע אויפמערקזאמקייט ביים מכבד זיין ארויסגעוויזן דעם חשובֿן גאסט און פאַרגעדענקט אויך צוצוטיילן כבוד טאטע־מאמע, ווי ס'פּאסט פאַר א פיינער טאָכטער. זי האָט אויך נישט פאַרגעסן אין דער מחותנתטעס באַגלייטער, מאיר מאָרגנטוי, וועלכער איז רויט געווען און האָט, דאכט זיך, טרוקן געאָטעמט פאַר זיי אַלעמען. זי איז ביסלעכווייז אַריין אין דער ראָל פון דער באָבע רייזיע די סאַרווערין. ס'האָבן זיך איר צעבונדן הענט און פיס און אַלע אברים און צולעצט — אויך די צונג. זי האָט זיך שוין אליין אָנגעהויבן צו געפעלן. נאָר איינצונעמען... די פעסטונג? — ניין, די סוכה, די מחותנתטע הייסט עס, איז גאָר נישט לייכט געווען. זי האָט פון אלץ, מיט וואָס די כלה האָט זי געקאָרמעט פון ארבל ארויס, פאַרזוכט, אָבער טאַקע נישט מער. ווי זי וואָלט מעשה־גוטער־ייד, טועם געווען, כדי אנדערע זאָלן עסן אירע שיריים... „די לודמירער מויד!...“

האָט זיך שוין אויך באַדיענט דער מחותן, דערפּילט מעשה־באַלעבאָס און איז ארויס מיט לשון, כאָטש פאַר זיין שטייגער גענוג איינגעהאַלטן. דעם גאסטס שטים איז, ענטפערנדיק דאַדיען, אלץ נאָך געווען טרוקן, הילצערדיק.

די כלה האָט אָנגעגאָסן אין די גלעזלעך רויטן וווישניק:

— נו, פון טרינקען לחיים מיט יידן וועט זיך דאָך אונדזער טייערער גאסט אוודאי נישט אָפּזאָגן, — האָט די כלה, מיט א געמאכט שמייכעלע צו די צביעותדיקע ווערטער, אונטערגעטראָגן דאָס ערשטע גלעזעלע דער מחותנתטע.

איר יידישלעכע פיינקייט האָט קענטיק נושא חן געווען. די מחותנתטע האָט אויסגעשטרעקט אירע קנאָכיקע פינגער צום גלעזעלע, ווי זי וואָלט עס וועלן דערשטיקן, אָבער איר קול איז געוואָרן ווארעמער א ביסל:

— זאָלן טאַקע זיין ישועות־ונחמות אויף יידן, און אויך ביי אונדז זאָלן זיין שמחות, הממ...

זי האָט אויסגעטרונקען ביז צום דנאָ. איצט האָבן אלע נאָכגעטאָן איר ביישפּיל, און די שטימונג איז געוואָרן היימישלעכער און הייטערער. די כלה האָט באמערקט דער מחותנתטעס געלבלעכע, אָבער זויבער־ריינע נעגל, און דערפון געדרונגען, אז זי האָט א מעלה — זי איז א צוכטע. דער מאמעס נעגל זענען קיינמאָל אַזוי ריין נישט געווען. די מחותנתטע האָט שוין אפילו אָנגעהויבן געפינען חן אין אירע אויגן: „זי איז דאָך פאָרט מיין שלוימקעס מאמע“.

און די כלה האָט זיך ווידער גענומען צו דערלאנגען איר פון אלע גוטע זאכן אויפן טיש.

— גוט, גוט, — איז די מחותנתטע אַלץ אָפּגעקומען מיט אַ בלויזן קאָפּשאָקל. ס'הייסט — זייער פיין, נאָר נישט דאָס איז דער עיקר; צום עיקר גרייט איך זיך ערשט. נאָר ווישניק האָט זי פונדעסטוועגן באוויליקט אויסצוזופּן א גלעזעלע נאָך אַ גלעזעלע און זיך באַלעקן. אירע ליפּן האָבן פאַרלוירן זייער ווערעמדיקע בלוילעכקייט און זיך איינגעשאפּן פארב, די טריבלעכע אויגן —

גלאַנץ. אָבער איר שטים איז ווידער געוואָרן האַלצעריק און האָט נאָך צובאַקומען הארבקייט:

— אַזוי ווייטער, רב דאָדיע, קאָן עס נישט גיין. ס'איז נישט פאַר גאָט און נישט פאַר לייט. און וווּ איז יידישקייט? און וויפל איז דער שיעור? איינמאָל פאַר אַלעמאָל דאַרף מען דערפירן די זאַך צון א גמר. פאַר מיר איז רעכט אַפילו צו שטעלן צוויי חופות אין איין וואָך — מיין טאָכטערס און מיין זונס. אָבער חתונה מאַכן די טאָכטער מוז איך דאָך. א מיידל אָן א נדן איז ווי, להבדיל, א טיר אָן א מזוזה...

— מע מוז זי פריער קושן איידער מע גייט אַריין!... — האָט די כלה דער־הערט דעם טאַטנס א וואָרטשע, בעת זי האָט אים אָנגעגאָסן ווישניק אינעם שבתדיקן בעכער אַריין.

מחמת שרעק פאַר זיין „מויל“ האָט דאָס העלדזל פונעם גראַפין אָנגעשלאָגן און א ציטער געטאָן אויפן בעכער־ראַנד.

— טרינק, טאַטע! — האָט זי זיך געאיילט „צו פאַרמאַכן“ אים דאָס מויל מיט דער משקה. ניסים, וואָס זי האָט נישט געשטעלט אויפן טיש קיין בראָנפן. ווישניק, דער ווייבערישער געטראַנק, האָט, פאַרשטייט זיך, נישט געקאָנט גובר זיין דאָדיעס ניכטערקייט. ער האָט געהאַלטן קאָפּ:

— ...אַז וואָס דאַרף מען דאָ אַזויפיל רעדן. דאָס גאַנצע שטעטל קאָן, ברוך־השם, דאָדיע קאָוואַל. ער איז נישט קיין פאַרלאָפענער, חלילה. נישט דאָס ערשטע קינד גיב איך ערשט אויס, געלויבט איז גאָט...

(„...דער טאַטע רעדט שוין אויך מיט גאָט! נו, גוט — ער גייט ביי דער מחותנתטע אין חדר אַריין...“ — האָט די כלה אַ טראַכט געטאָן).

— ...צי איך וועל געבן נדן? א שיינע שאלה געפרעגט! נאָר צום דיין זי אוועקצוטראָגן! איך, דאָדיע קאָוואַל, כאָטש איך בין א ייד אַן עם־הארץ, וועל זי אליין פסקענען, ווי גאָט האָט געבאָטן. פאַרשטייט זיך — כ'וועל געבן נדן, כ'וועל געבן, המם.. נאָר איך האָב פיינט, אַז עמעץ שאַצט מיר אין נדן אַריין. צוויי הונ־דערט דאָלאַר וועל איך געבן. נאָר... מע מוז א ביסל אונטערוואַרטן. ס'איז איצט ענג די צייט ביי מיר...

— נאָר אויב דער מחותנתטע האָט עס צוגעשפּאַרט, — האָט דער טאַטע ווייטער געצויגן — קאָן מען עס מאַכן שוין. דאָדיע קאָוואַל איז א ייד אַ בטוח, און ביי אַן אייגן קינד וועט ער אוודאי דעם נדן נישט צונעמען. אייער טאָכטער מוז דאָך נישט שוין חתונה האָבן. ביז איר חתונה וועט נאָך דער נדן זיין...

— איז פאַרפאַלן, — האָט די מחותנתטע איינגעזען, אַז דער מחותן רעדט גאַנץ איידל צו דער זאַך — מע האָט אַזויפיל געוואַרט, וועט מען נאָך א ביסל צווואַרטן. מיט גאָטס הילף וועט מען שוין שרייבן די תנאים, ווען דער מחותן וועט האָבן איינצולייגן דעם נדן...

— ווי־זשע זענען אייערע זין? — האָט זי אַ פרעג געטאָן שוין קרובה־שאַפטלעך.

אין דעם מאָמענט האָט טאַקע די כלה מיט אויסבאַהאַלטענער שרעק דער־הערט, אַז „דער קרומער הונט" איז שוין דאָרטן דאָ אין קיך — ער זאָל נאָר נישט אַריינפאַלן אַהער מיט זיין געביל!

— אוי, — האָט זי אָנגעשטעלט אַ באַזאָרגט פּנים — די ברידער מיינע זע־נען אַזוי אויסגעמאַטערט נאָכן טאָג אַרבעט, אַז זיי פאַלן אַריין אין די בעטן, ווי די טויטע.

— פו־פו! — שפּייט אָרקן אויס די מחותנתטע. — נישט ביינאַכט צו דער־מאָנען... להבדיל דאַרף מען זאָגן.

נאָכאַלקע דערלאַנגט אַריין טיי אויף דער כלהס באַפעל. ס'קומט אויס, אַז מ'האָט זיך דערערדט. די מחותנתטע זאָגט זיך נישט אָפּ פון דעם איינגעמאַכטס צו דער טיי. דער שמועס שפּינט זיך שוין אויס לייכטער און היימישער. ס'ווערט אַלעמען לייכטער אויפן געמיט. אַלץ וועט אַדורך בשלום.

דער וויזיט איז געווען פאַרענדיקט. די כלה האָט פאַרבעטן די מחותנתטע צו בלייבן נעכטיקן ביי זיי. זי וועט שלאָפן אין איר צימער.

— ניין, איך האָב דאָרט איבערגעלאָזט די „קינדער". כ'וועל נאָך פאַרטאָג אַהיימפאָרן. כ'וויל דאָ מער נישט שטערן.

און די מחותנתטע האָט זיך אויפגעהויבן פון הינטערן טיש. מ'האָט זיך געזעגנט ווי אייגענע. די מחותנתטעס האָבן זיך, ווי אויף אַן אַדערויף, צעקושט, זיך געווינטשעוועט כּל־דאָס גוטס און דער עיקר — מע זאָל בשותפות דערלעבן גרויס נחת פון די „קינדער" און קינדסקינדער.

— פאָרט געזונט, מחותנתטע! — האָט געזאָגט דאָדיע — און לאָזט גריסן דעם חתן. המם.

די כלה האָט באַגלייט דעם גאַסט און מיטגענומען מיט זיך נאָכאַלקען, כדי זי זאָל נישט דאַרפן גיין אַליין אַהיים.

— דאָס איז זייער פיין פון דיר! — האָט די כלה דערהערט צום ערשטן מאָל אַ שבח פון דער מחותנתטע — אַ כלה־מיידל טאָר קיינמאָל נישט גיין ביי־נאַכט אַליין.

אסתר האָט זיך דערמאָנט אין די פינצטערע געסט, ווען זי פלעגט אַליין אַהיימגיין אום האַלבער נאַכט פון שמעון אַדלערס צימער...

ביי דער טיר פון שלוימקעס פעטערס שטוב האָט זיך די מחותנתטע מיט איר געזעגנט מיט אַ קוש. אסתר האָט דערפילט ווערעם אויף די ליפּן, די „ווע־רעם, וואָס פרעסן טאָג־טעגלעך מיין שלוימקען"... „ווער ווייסט ווי לאַנג זיי וועלן אויך מיר פרעסן!"

— פאָרט געזונט! לאָזט גריסן שלוימקען.

קאַפּיטל פינף און נייַנציק

אסתרס „הונגער-שטרייק"

...צו וועמען זאָל זי זיך ווענדן נאָך הילף? ווער וואָלט געקאָנט פאַרבעסערן איר מערכה ביים טאַטן? דער עלטסטער ברודער, אהרון, וווינט אין קאָוולע און וועט אהער צוליב איר נישט אראָפּפאָרן. שימקע? — ווייס איך! צווישן אים מיטן טאַטן גייט נאָך אַלץ אָן די קאָנקורענץ, און ער טרעט נישט אריבער די שוועל פון זייער שטוב. בושקע ווידער, איז חוץ דעם, וואָס דער טאַטע וואָלט זיך מיט אים, „דעם בומאזיע", גאָרנישט גערעכנט, וווינט ער דאָך אין ראטנע. בלייבט איבער איין איציק.

איציק, האָט אסתר געהאלטן, מוז זיין אויף איר זייט, נאָר ער מישט זיך נישט אריין און וועט זיך נישט אריינמישן אין דעם ענין: ער האָט נישט ליב איר שלוימקען, און אפשר האָט ער אים אפילו פיינט, דעם „צעקראָכענעם" בונדיסט. כאָטש שלוימקע גייט אָן פאַר א בונדיסט, וואָס איז „געבאַפּט אין דער מעשה" — ער טיילט נישט די שנאה פון די בונדיסטן צום ראטנפאַרבאַנד; ער איז דאָך פון אַן „איינסער" געוואָרן א „צווייער"; נאָר איציק טענהט, אז די „צווייערס" זענען צוויי מאָל שעדלעכער פון די „איינסערס"... „א בונדיסט אין אַן ארבעטער־משפחה, — האָט איציק איינמאָל א זאָג געטאָן — איז ערגער פון א משומד אין א משפחה פון א רב!". רעדן מיט אים האָט זי נישט וואָס. זיין פאַרשטאַנד און ווילן וועט זי מיט קיין רייד נישט בייגן: די תפיסה האָט זיי נישט געבויגן!...

בלייבט איבער נפתלציע „דער קרומער הונט", וועלכער האָט א גרויסע דעה אין שטוב. נו, איז ער דאָך טאַקע דער, וואָס העצט כסדר קעגן איר און שלוימקען. ער האלט, נפתלציע, אז אויב געבן גדן, דארף מען גאָר געבן א י ם: צוליב זיין מום איז ער אין אַן ערגערער לאַגע פון אַ מיידל; צו זיינע קרומע פיס וועט זיך קיין מויד נישט צושטעפּן...

בוניע ווידער, הגם ער דארף שוין באלד גיין אין מיליטער, האָט ער נאָך, ווי דער יינגסטער, נישט קיין שטים אין שטוב־ענינים.

האָט זיך אסתר אָפּגעשטעלט אויף דער מאמען, ווייסנדיק, אז ווי שוואַך זי איז נישט קעגן טאַטן, האָט זי פונדעסטוועגן א סך מאָל אויסגעפירט אַזוי ווי זי האָט געוואָלט — טראָפּנווייז, טראָפּנווייז דורכגעלעכערט דעם טאַטנס שטיינערן האַרץ. זי האָט זיך א נעם געטאָן צו איר מיט גוטן און מיט בייזן, דערגאַנגען איר די יאָרן, זי זאָל א סוף מאַכן צום טאַטנס איינגעשפּאַרטקייט. אָבער מינציע האָט מורא געהאַט זיך אַריינצומישן אין דער זאַך צוליבן „קרומען הונט“.

האָט זיך אסתר לסוף אָנגעכאַפּט פאַר אַ מאָדערן מיטל, פאַר אַ מין שטרייק: אויפגעהערט קומען אַהיים נעכטיקן; איז געשלאָפן ביי איר חברטע, רחל האָרן.

דאָס האָט אוודאי דאָדיען אונטערגעטראָגן, אָבער ער האָט זיך געמאַכט נישט ווייסנדיק. אסתר האָט בלויז זיך ערגער געמאַכט, ווייל זי האָט דאָך נישט געקאָנט אויפנעמען שלוימקען אין א פרעמדער שטוב, ווי ביי זיך אין צימער. האָט זי אָנגעהויבן צוריק נעכטיקן אין דער היים און איז אויך דעם גאַנצן טאָג געזיצן ווי א פאַרשפּאַרטע ביי זיך אין צימער. דאָס האָט געהייסן: „שוין, ס'גייט מיר שוין מער גאָרנישט נישט אָן. מיין לעבן איז סייווי קיין לעבן נישט“. און מיט שלוימקען האָט זי זיך אָפּגערעדט, ער זאָל אויף א שטיקל צייט אויפהערן קומען צו איר. זי האָט געזאָגט דער מאַמען, אז ער האָט שוין אינגאַנצן מיט איר איבערגעריסן, און דערקלערט — זי וועט מער גאָרנישט נישט נעמען אין מויל אריין, ביז דער טאַטע וועט נישט אוועקלייגן דעם נדן אויפן טיש. זי הייבט אָן א הונגער-שטרייק.

אסתר האָט געגעסן בגנבה בלויז דאָס, וואָס איר חברטע רחל האָרן האָט פון איר היים אריינגעשמוגלט צו איר אין צימער. זי האָט דאָך אָבער נישט געקאָנט אריינשמוגלען קיין טעפּל מיט א ביסל וואַרעם געקעכטס, איז אסתר אויסגעקומען אָן דעם. פון צייט צו צייט פלעגט רחל בעטן א הייסע גלאָז טיי כלומרשט פאַר זיך, און אסתר האָט זי געטרונקען. די שטוביקע האָבן זיך זיכער אָנגעשטויסן, אז זי לעבט נישט אינגאַנצן אָן עסן, אָבער א הונגער-שטרייק איז עס פאָרט געווען. אירע שווערע איבערלעבונגען און איר אונטערהונגערן האָבן זיך היפּש געלאָזט דערקענען אויף איר פנים.

מינציע פלעגט אָפּט וויינען. דאָדיע איז ארומגעגאַנגען, ווי א רויכערנדיקע האָלאָוועשקע. זיינע בליקן — בליצן — פון אונטערן אראָפּגערוקטן דאַשיקל האָבן אויסגעזאָגט, אז ער איז פול מיט זשאַר, וואָס קאָן זיך צו יעדער רגע טאָן א שאָט אויס אויף אסתרס צעשויבערטן קאָפּ. דער טאַטע מיט דער טאָכטער האָבן פאַרביסן נישט אויסגערעדט צווישן זיך קיין וואָרט.

אויך איציק, וואָס אין אזא פאַל האָט זי אויף אים א סך אויסגעשטעלט, האָט געשוויגן. מיט א טאָן פון פערזענלעכער באַליידיקונג האָט ער איר איינמאָל געמאַכט א פאָרוואורף, נישט צו איר דירעקט געווענדט:

— אַ הונגער=שטרייק דערקלערט מען אין תפיסה... מע שטרייקט, די וועלט זאָל וויסן, קעגן דער מאַכט... נישט קעגן טאַטע=מאַמע צוליב אַ נדן! ס'איז אַ פארשוועכונג!

„דער קרומער הונט" האָט געוואָרפן אויף איר זייטיקע בליקן, בייזע און טריומפירנדיקע גלייכצייטיק.

ערשט אויפן דריטן טאָג פון איר „שטרייק" האָט זיך באַקומען אַ רעזולטאַט. אָבער פונקט אַ קאַפויערער, ווי זי האָט דערוואַרט. די מאַמע האָט זיך געשטעלט אויפן טאַטנס זייט, און אסתר האָט געהערט דעם טאַטן אַרויסריידן פון איר קעל:

— תעניתים פּראַוועט זי גאָר! נדן=שמדן! פפו!... זע נאָר דאָס אומגליק, וואָס ס'האָט זי באַמאַכט. זי'ט אָנגעוואָרן דעם חתנוק. נישקשה, זי וועט אַ צווייטן יונג קריגן. וועט זי נישט עסן מיט גוטן, זאָל זי עסן מיט בייזן...

דער מאַמעס אומדערוואַרטע רייד האָבן אויפגעזאָטן אסתרס געבליטן. דאָס בלוט איז אין איר געדונגען געוואָרן.

און „דער קרומער הונט" האָט אונטערגעהעצט:

— נאָכן ערשטן (געמיינט שמעון אַדלער) האָט זי זיך אָפּגעזוכט אַ צווייטן. וועט זי זיך נאָכן צווייטן אָפּזוכן אַ דריטן. נדן גיב איר! ס'ברענט ביי איר אונטערן קליידל. און... זי פאַסט גאָרנישט! זי פרעסט! רחל האָרן ברענגט איר עסן פון איר היים. אַז זי וועט קומען אַהער נאָכאַמאָל, וועל איך איר די גבירישע פיסעלעך אונטערהאַקן...

זיין „האַווקען" האָט זיך אסתרן צעגאָסן מיט סם איבער אַלע אברים. דער הונגער=שטרייק איז אַ פאַרשפּילטער! זי האָט נישט געקאָנט נישט אויסלאָזן איר פאַרצווייפלונג און גרימצאָרן צו איינעם פון זיי. און ווייל די מאַמע איז געווען די שוואַכערע, האָט זי זיך, ווי אַ ווינט מיט פלאַם, אַ לאָז געטאָן אויף איר. זי אַ כאַפּ געטאָן פון פאָרנט ביי דער בלוזקע מיט אַ שטיק לייב און אַ ריס נאָך זיך צו דער אָפענער טיר אין קיך אַריין. מינוציע איז אַפּנים אַזוי געפּלעפט געוואָרן פון דער טאָכטערס נידערטרעכטיקן טאַט, און אפשר אויך פונעם פיזישן ווייטיק, וואָס זי האָט איר גורם געווען, אַז זי האָט אפילו נישט געפּרווט זיך שיצן. אַפילו דאָס קול נישט אויפגעהויבן. אסתר האָט דערהערט פון איר בלויז אַ דערשטיקטן קרעכץ, וועלכער האָט אויסגעדריקט ווייטיק און פאַרוווּנדערונג. אסתר האָט זי אַ שטופּ געטאָן אַריבער דער שוועל און פאַרמאַכט די טיר.

אויסגעדרייט זיך צוריק מיטן פּנים אין שטוב אַריין, האָט זי זיך מיט שרעק דערמאָנט אין דעם „קרומען הונט"... באַלד וועט ער זיך אַ צערייצטער אַ וואָרף טאָן אויף איר פאַר דער מאַמעס געשענדעטן כבוד!... נאָר איידער זי האָט נאָך באַוויזן דורכצונעמען זיך מיט דער שרעק און אים פאַרבייגלויפן צו זיך אין צי=

מער, זיך דאַרט פאַר אים אָפּצושליסן, האָט זיך קעגן איר צעשפּילט זיין פּרצוף, ווי א מאַסקע פון שאַדנפרייד אויף איר לייטישן בראָד.

— ביסט א לייטישע נקבה! — האָט ער א ביל געטאָן אויף דער שוועסטער און מיט א געלעכטער אַרויסגעדרעפּטשעט מיט די צערעפּעטע פּיס.

אסתר איז פאַרבליבן אליין מיט איר בזיון און שנאה.

* * *

אָנהייב אָווגט איז אין צימער שטיל אַריינגעקומען איציק. ער האָט אַריינגעבראַכט א פאַרענדיקע גלאָז טיי מיט א זעמעלע מיט פּוטער און אוועקגעשטעלט אויף איר טישל לעבן בעט, וווּ זי איז געלעגן מיט אויגן פאַרשטעקטע אין דער סטעליע, ווי א נישט-היגע.

— נא, עס... איך... היים דיר עסן, אסתר!

ס'האָט אָפּגעקלונגען ווי בקשה מיט באַפעל גלייכצייטיק. און ס'האָט איר אונטערגעהויבן.

אסתר האָט זיך אויפגעזעצט, צוגערוקט צום טיש, א זופּ געטאָן פון דער גלאָז און גענומען אָן חשק עסן. איציק האָט זיך אומדערוואַרט אנידערגעזעצט אויפן בעט איר צופוסנס און אָנגעהויבן שטיל צו רעדן, ווי מע רעדט צו א קראַנקן:

— דערמאָנסט זיך, אסתרקע, ווי מיר זענען ביידע געשטאַנען אמאָל פאַרן פייערשייטער פון די באָלשעוויקעס און זיך איינגעהאָרכט אין זייער געזאַנג? ...מיר שטעלט זיך עס אָפּט פאַר די אויגן... זייערע צעזונגענע פּנימער קעגן דער שוונדלענדיקער שיין... און... גלייבסט מיר?... דאָס געזאַנג הער איך נאָך זינגען אין מיר היינט... איך טראַכט אָפט, אז דאָס איז געווען מיין ערשטע שול אין לעבן... המם... און דיר איז עס אפּנים אינגאַנצן פון זינען אַרויס...

— כ'דערמאָן זיך אפילו, — האָט אסתר, איבעררייסנדיק דאָס עסן, אים אַריינגעקוקט אין פּנים אַריין, ווי זי וואָלט עס געלייענט — ווי מיר זענען ביידע נעגאַנגען פונעם פעטער שאַמע, און דו האָסט א זאָג געטאָן אין דער וועלט אַריין — „סטעפּאַנציע טשערנאָוויטש האָט גערעדט מיט יושר...“

— ריכטיק... דאָס איז געווען מיין פאַרשול... און נאָך די באָלשעוויקעס איז געקומען דער לערער ליבפריד פון וואַרשע... שפּעטער — די חברים, דער לעדער מאַראַס, די „שקצים“ פון דער פאַרשטאָט, מאַקע סטעפּאַנציע טשערנאָוויטשעס שילער... און די תחיה... המם... און ביי דיר איז עס אַוודאי אַנדערש... אליין ביסטו אפשר נישט שולדיק...

אסתר האָט זיך מער צום עסן שוין נישט אומגעקערט, בלויז פון צייט צו צייט א זופּ געטאָן פון דער גלאָז, ווי איציקס אָנגעגליטע רייד וואָלטן איר געטריקנט אין האַלדז.

— דיך האָט איינגענומען אַן אַנדער סביבה מיט די יידישיסטישע לערער... אַט דער אָפּגאָט דיינער — שמעון אַדלער... נו, און דערנאָך דיין היינטיקער „צווייער"... רעג זיך נישט אויף, אסתרקע. רעג זיך נישט אויף... איך וויל נישט סע זאָל דיר ווי טאָן... אַחוץ זיין בונדיזם איז דיין שלוימקע גראָד אַ מענטש מיט אַ גוטן און אָרנטלעכן כאַראַקטער... שוין אַ צו גוטן... אַ ווייכן, ווי כראָמסקע... איידער אַזאַ שמעון אַדלער, איז שוין בעסער ער...

— דו האַלטסט אין איין פאָדערן גדן, ווי אַ באַלעבאַטישע פּאַרזעסענע מויד... ווער זאָל אים דיר געבן, אויב ער קומט דיר אפילו? דער טאַטע? פאַר וואָס טוסטו נישט קיין טראַכט, וו ער זאָל אים דיר געמען?... דו קאָנסט אים נישט, דעם טאַטן? סע פּאַסט אים נישט צו זאָגן דעם פּראָסטן אמת: „קינדער, כ'האָב זיך אינגאַנצן אויסגעבראַכט. כ'בין אַ באַלמעלאָכע אַ קבצן". ביסט בלינד, אסתר? זעסט נישט, ווי סע זעט היינט אויס ביי אונדז דער טיש אין אַ וואָכעדיקן טאָג?...

אסתר האָט מיטאַמאָל אַ קוק געטאָן אויף איציקן און איז רויט געוואָרן פון פאַרשעמונג: וו באַהאַלט מען פאַר דיר, איציק, דאָס פּנים?...

וואַרעמע טרערן האָבן זיך געשנירלט איבער אירע פאַרחושכטע באַקן, זענען צוזאַמענאַנדער צוגערונען, זיך באַהעפט ביי דער גאָמבע און אַריינגעטריפט אין דער גלאָז טיי, וואָס האָט געציטערט אַ פאַרקראַמפּטע אין איר האַנט. און דורכן גלאָז טיי האָט זי זיך אַריינגעטראַכט אין איציקס זייער פּשוטע אָבער אמתע רייד.

קאַפּיטל זעקס און נײַנציק

„וואָס וועט זײַן? וואָס וועט זײַן?"

אסתר פּריסיק האָט שוין לאַנג אויפגעהערט צו אַרבעטן בײַ דבורהקע פּוקס און איז אַריבערגעגאַנגען אַרבעטן אויף בעסערע באַדינגונגען צו איר חבֿרטע רחל האָרן, ווו ס'האָט אויך געאַרבעט זייער חבֿרטע שבֿעלע קאַגאַן.

יאָ, רחל האָרן, דעם וואַלד-סוחרס טאָכטער, איז גאַנץ גוט צונוץ געקומען איר ענדיקן די קאָוולער שנײַדער-שול פֿון „אָרט" ווי אַ שנײַדערין מיט קוואַליפֿיקאַציעס... פֿאַרוואָס איז דאָס אי ר ניט באַשערט געווען, אסתרן?

יאַנקל האָרן, ישׂראל לעווים שותּף אין וואַלד-מסחר, איז געשטאָרבן אין אַטוואָצק אויף די הענט פֿון אַהרון לעווי: „קיין לונגען-לעבער קאָן מען טײלמאָל אַפֿילו מיט קיין גאָלד ניט פֿאַרגיסן — די בעסטע דאָקטוירים מיט די בעסטע ווײַנען האָבן גאָרניט געהאָלפֿן". פֿון וואַנען האָט זיך עס צו אים, אַ גבֿיר, גענומען אַ לונגען-קראַנקהייט? טייל האָבן געשמועסט, אַז דאָס האָט זיך בײַ אים אָפּגערופֿן דער קויל-שפּליטער, וואָס איז אים אַרײַן אין דער זײַט בעת דער וועלט-מלחמה, בעתן אַנטלויפֿן פֿון שטעטל אין וואַלד אַרײַן; שׂונאים, ניט פֿאַרגינערס, האָבן זיך געוויצלט, אַז דעם לונג-פֿעלער האָט אים געמאַכט דאָס יונגע ווײַבל, מיט וועלכער ער האָט געפֿירט די צווייטע ליבע נאָך דער ערשטער ליבע מיטן ווײַב. כאָטש דער שׂכל וואָלט געזאָגט, אַז צוליב דעם וואָלט דעם לונג-פֿעלער דאַרפֿן קריגן זײַן ווײַב, מרים, וואָס האָט אים זעקס מיידלעך געבראַכט אויף דער וועלט, אָבער... „אַז איר טאַטע איז געווען אַ קצבֿ, האָט זי דאָך געמעגט זײַן אַ בהמה און לאָזן דעם מאַן זיך „ליובקען" פֿאַר איר און די קינדער אין די אויגן... און די עלטסטע טאָכטער חבֿרט זיך נאָך מיט איר, מיט דער מאַמעס שטיפֿפֿאַרטרעטערין! וואָס בײַ די גבֿירים קאָן מען זיך עס אַלץ פֿאַרגינען אָן בושה און אָן חרפּה!".

מרים, יאַנקל האָרנס ווײַב, איז טאַקע געווען אַ פּשוטע און שטילע פֿרוי, און האָט איר מאַן קיינמאָל ניט פֿאַרשאַפֿט קיין קרענקונג צוליב זייער קרובֿה, דעם יונגן שיינעם ווײַבל, וואָרן: „מאַלע וואָס מענטשן רעדן דאָרט!".

צי איז זי טאַקע געווען „אַ בהמה" און נישט פאַרשטאַנען, וואָס צווישן איר מאַן און יענער קומט פאָר, צי איר דרך־ארץ פאַרן געבילדעטן און קלוגן מאַן, וואָס האָט זי אַמאָל „פון דער יאַטקע־קלאָץ אַראָפּגענומען", איז געווען אַזוי גרויס, אַז זי האָט זיך נישט דערוועגט, צי... אפשר איז דאָס גאָר געווען מחמת חכמה: צו וואָס אָנהייבן אַ מלחמה, וואָס איז פון פאָרויס באַשטימט זי צו פאַרשפּילן, און ס'וועט דערפירן בלויז צו מענטשלעך געלעכטער און פרייד פון שונאים? און — זיי האָבן דאָך שוין אַ טאָכטער אויסצוגעבן! — דאָס איז שווער צו זאָגן. אָבער אַ ווילע גוטע פרוי איז זי זיכער געווען. זי האָט אויך געהאַט אַ סימפּאַטיש אויסזען. האָט זיך זייער היימיש באַצויגן צו די חברטעס פון אירע קינדער. אסתר פּריסיק און שבֿעלע קאַגאַן האָבן זיך דאָרט אין שטוב געפילט, ווי אין אַ היים. פון זינט אסתר האָט אָנגעהויבן אַרבעטן ביי איר רחלען, האָט זי זיך צו איר באַצויגן ממש האַרציק; בעת דער אַרבעט זי געקעכלט צוגלייך מיט איר רחלען. מיט דער זעלביקער גוטהאַרציקער „קללה" — „אַז שטיקער זאָלן פון דיר פאַלן!", וואָס זי פלעגט רעדן צו אירע קינדער, האָט זי אויך גערעדט צו איר:

— אַז שטיקער זאָלן שוין פון דיר פאַלן, אסתרקע! ווען וועט שוין אַ סוף נעמען צו אייער אַרומשלעפּן זיך יאַלעווע?... און אַז מיין טאַטע, עליו־השלום, האָט מיר געגעבן אַזוי גרויס ווי אַ לונג־און־לעבער אין נדן, האָט זיך, חלילה, מיין יאַנקל פון מיר אָפּגעזאָגט? בפרט היינטיקע צייטן! מיטן נדן לעבט מען נישט, און אָן קיין נדן שטאַרבט מען נישט. אַז שטיקער זאָלן פון אייך פאַלן, פון דיר מיט דיין באַשערטן. וואַרט, וואַרט, זאָל ער נאָר קומען, וועל איך שוין מיט אים אַ שמועס טאָן.

אסתר פלעגט אָפט בלייבן ביי זיי איבערנעכטיקן און שלאָפן אויף דער קאַשעטקע אין רחלס צימער. אויף זייער גאַניק פלעגט זי איבערזיצן מיט איר שלוימקען, ווען ער איז צו איר אין גאַסט געקומען, ביזן גרויען טאָג אַריין. איינציקע מאָל האָט איר רחל, מיט איר מאַמעס שטילער הסכמה, אָפּגעטרעטן אפילו איר געלעגער פון שלוימקעס וועגן.

סיי מרים, סיי אירע מיידלעך זענען נישט פעיק געווען צו פאַרטרעטן יאַנקל האָרן אין דעם שותפותדיקן וואַלד־געשעפט. זיי זענען איבערגעבליבן אויפן באַוואָר פון גאָט און דעם יושר און חסד פונעם שותף, ישראל לעווי. אמת, די „סוחרישע ערלעכקייט און דער געפיל פון מענטשלעכקייט" האָבן נישט דערלאָזט לעווין צו באַגיין אַ חזירײַ קעגן דעם יאָרנלאַנגן שותף און פריינד און צונעמען ביי זיין אַלמנה און יתומים זייער ירושה. פאַרקערט, דאָס וואַלד־געשעפט איז ווייטער געגאַנגען, ווי ביז איצט, אונטער דער שותפותדיקער פירמע, און כאָטש די אַלמנה מיט די יתומים האָבן פון זייער זייט נישט אַריינגעלייגט אין דעם געשעפט נישט קיין אַרבעט און נישט קיין זאָרג, איז זיי פונדעסטוועגן אויסגעצאָלט

געוואָרן דער סכום, וואָס זיי דאַרפֿן אויף פּרנסה בריווח. אָבער חוץ פּרנסה וועט מען דאָך מוזן מיט דער צייט אַרויסנעמען פֿון געשעפֿט אויך גרעסערע סכומים אויף נדנס און אויסשטייערס פֿאַר די עלטערע מיידלעך, און ס'וועט מוזן קומען דער טאָג, ווען ישראל לעווי וועט פֿאַרבעטן צו זיך די אַלמנה (ער וועט שוין נישט גיין צום שותּף אין שטוב היימישלעך ווי פֿאַר זיין לעבן!) און וועט פֿאַר איר אונטערפֿירן דעם סך־הכּל, אַז... „די קראָם האָט זיך אויסגעקראָמט"... דער וואַלד איז שוין אַפֿילו אויסגעקאָרטשעוועט, אַז ווייטער אָנגיין ווי אַ שותּף צום געשעפֿט האָט זי נישט מיט וואָס. אַ קוואַל שעפּט זיך אויך אויס! ער וועט איר אויסצאָלן „ערלעך און באַלעבאַטיש פֿיין" דעם נשאר און איר אָנווינטשעווען אַלדאָס גוטס:

— איך האָב קעגן אונדזער יאַנקלען, אונדז צו לענגערע יאָר, יוצא געווען לכּל־הדעות. סיי ווי אַ שותּף, סיי גלאַט ווי אַ מענטש. יאַנקל אין קבֿר קאָן אַוודאי צו מיר גאָרנישט האָבן. איך בין געווען צו זיין אַלמנה, ווי נאָר אַן ערלעכער שותּף קאָן זיין, און צו זיינע יתומות, דאַכט זיך, ווי אַן אייגענער טאַטע, נישט אמת? אייער עלטסטע טאָכטער האָב איך, ברוך השם, לייטיש חתונה געמאַכט, אויף דער חתונה פֿאַרטרעטן איר דעם טאַטן און געטאַנצט ביזן טאָג אַריין. און איצט... איז גאָט אַ פֿאָטער... און איך לעב נאָך אויך דערווייל... המם...

און אין אירע אַלמנהשע אויגן, אויסגעוויינטע דורך נעכט, פֿאַרבאָרגן פֿון די קינדער, וועלן צאַנקווען טרערן און קאַפּען, קאַפּען, ווי פֿון אַ שמעלצנדיק וואַקסן יום־כּיפּור־ליכט, און דורך אַ שלוכצן וועט זי אים דאַנקען, אַרויפֿקוקנדיק צו אים דורכן טרערן־נעפּל, ווי צו אַ פּריץ:

— אמת, אמת, רב ישראל... אייער נחמה זאָל דערפֿאַר פֿון מיין צער נישט וויסן, אַז שטיקער זאָלן... המם... נאָר גיט מיר אַן עצה, טאַקע ווי אַן אייגענער טאַטע צו מיינע קינדער, וואָס הייבט מען נאָר אָן ווייטער צו טאָן, אַז דער אייבערשטער... ?

דעם... אַן איידעלער יונגערמאַן... המם... אָבער... — — —

האָט מען גלייך נאָך די שלושים געקויפֿט זינגערס אַ ניימאַשין פֿאַר רחלען, און זאָל זי אַרבעטן און איינשפּאָרן אַ ביסל אין די שטוב־הוצאות. פֿאַר זיך אין שטוב אַריין איז דאָך עס נישט קיין בזיון.

ביסלעכווייז האָט זי אָנגעהויבן, רחל, אָנצונעמען אַרבעט ביי היימישע און באַקענטע אויף צו פֿאַרדינען, און לסוף — אויך ביי פֿרעמדע. און די מאַמע, מרים יאַנקל האָרנס, האָט געקנייפּט די אַלמנהשע פֿאַרוועלקטע באַקן, אַז די פֿאַרב זאָל שטיין, וואָס איר געראָטענע טאָכטער, יאַנקל האָרנס טאָכטער, איז געוואָרן אַ פּשוטע שניידערקע... נו, דערין האָט ער זיך אַליין באַנאַרישט, דער חכם — זי האָט אָבער נאָך דעמאָלט געטענהט, אַז צו וואָס גאָר שיקן זי אין אַ שניידער־שול! נאָר איצט איז דאָך פֿאַרפֿאַלן. וואָס וועט איר דען העלפֿן, דער שוואַכער מאַמען, אַז זי וועט זיך אַנטקעגנשטעלן רחלס שניידעריי! אַז היינט זענען זיי אַליין, די

קינדער, די באַלעבאַטים איבער זיך! ווער ווייסט, צי סע וואָלט אים אַליין, יאַנקלען, געהאָלפֿן, ווען ער לעבט? עס וואָלט אים בלויז דעם לונגפֿעלער פֿאַרגרעסערט. און אַפֿשר... האָט ער שוין פֿאָרויסגעזען, אַז...? „קינדער דאַרף מען מאַכן זעלבשטענדיק", פֿלעגט ער תּמיד טענהן. יאָ... און וואָס קאָן זי דען טאָן, אַז די עלטערע פֿון רחלען, בינקע, איז גאָר אַ חלוצקע געוואָרן און אַוועקגעפֿאָרן אין דער פֿרעמד — הינטער ראָוונע ערגעץ, זאָגט מען איז עס — און זי אַרבעט דאָרטן אָט־אַפֿנים ביי שטיינער, אין שטיינהאַקערייען, אַז שטיקער זאָלן פֿון איר פֿאַלן!? ווי איז אַזעלכעס געהערט געוואָרן! נאַ דיר דעם טאַטנס „זעלבשטענדיק"! ער איז בלויז געווען אַ חכם דערמיט, יאַנקל, וואָס ער האָט באַצייטנס די אויגן צוגעשלאָסן... גאָט זאָל זי שוין העלפֿן, מע זאָל זי שוין זען אַ לעבעדיקע צוריק אין דער היים אָן אונטערגעריסענע לונגען. און... וואָס וועט זיין, חלילה, אַז סע וועט זיך איר טאַקע פֿאַרגלוסטן אַוועקפֿאָרן קיין פּאַלעסטינע, דאָרטן די שטיינער צו האַקן?!

גראָד מיט בינקען האָט זי געהאַט פֿאַרבונדן פֿאַרבאָרגענע האָפֿענונגען לטובֿת דער גאַנצער שטוב, מרים: אין די פֿריערדיקע יאָרן, פֿאַר יאַנקלס לעבן, פֿלעגן ישׂראל לעווים קינדער אַריינקומען אַהער און זיך חבֿרן מיט די מיידלעך, פּונקט ווי פֿון צייט צו צייט פֿלעגט אויך אַריינקומען ישׂראל לעווי אַליין, ווי אַ שותּף און ווי אַ פֿריינד. נאָך יאַנקלס טויט אָבער האָט עס זיך ביסלעכווייז אויפֿגעהערט. בלויז אהרון לעווי, דער פֿאָרזיצער פֿון דער יישאָ, און נחמן לעווי, דער ווילנער גימנאַזיסט, פֿלעגן נאָך אַריינקומען. פֿון אהרונען, וועלכער פֿלעגט זיך דער עיקר אָפּגעבן מיט רחלען, איז, פֿאַרשטייט זיך, נישטאָ וואָס צו דערוואַרטן: דער אונטערשייד אין די יאָרן איז אַ צו גרויסער, און הלוואַי וואָלט ער זי צו רו געלאָזט... אַנדערש אָבער לאָזט זיך טראַכטן וועגן נחמנען. הגם לפֿנים חבֿרט ער זיך מיט אַלע מיידלעך, פֿון דער עלטסטער ביז דער קלענסטער, איז אָבער פֿאַר קיינעם קיין סוד נישט, און מע שמועסט וועגן דעם אָפֿן, אַז „דאָס קניידל, וואָס ער מיינט, איז גראָד בינקע, די חלוצקע, די תּרבותיסטקע, מיט וועלכער ער רייסט זיך כּסדר אַרום „צוליב די קהלשע געשעפֿטן" — ער וויל זי מאַכן פֿאַר אַ יידישיסטקע און זי אים — פֿאַר אַ חלוץ. און אויב צווישן די קינדער וואָלט צו „עפּעס" געקומען, דאָס הייסט, אויב בינקעלע וואָלט געוואָרן אַ שנור ביי די לעווים, איז דאָך דערמיט געראַטעוועט די פֿירמע, די שותּפֿותדיקע פֿירמע, אויפֿשטענדיק!

נאָר בינע איז געווען אַן איינגעשפּאַרטע חלוצקע; נישט אומזיסט האָט זי אַזאַ פֿאַררײסן קאַרטאָפֿליע־נעזל. זי האָט זיך נישט אָפּגעזאָגט אין פֿאַרבאָרגענע ווינקעלעך פֿון נחמנס ליבע־דערקלערונגען און נאָך איינגענומענע קלייניקייטן, אָבער אויך נישט פֿון איר חלוצישן וועג. נאָכן אומקערן זיך מיט פֿאַרגרעבטע הענט און אַ פֿאַרגרעבט פּנים פֿון די שטיינהאַקערייען, וווּ „ס'האָט איר, צווישן

אַנדערע צענדליקער חלוצים, אויסגענוצט אין נאָמען פונעם ציוניסטישן אידעאַל אַ יידישער מאַגנאַט, אַ ציוניסט" (אַזוי האָט איר פאַרגעוואָרפן טאַקע נחמן לעווי) — האָט זי אים, נחמנען, אַנטשלאָסן געזאָגט:

— איך וועל עולה זיין קיין ארץ־ישראל, און דו — אויב דו וועסט קאָנען ליב באַקומען אונדזער לאַנד, ווי מיך... לויט דיינע רייד — וועלן מיר דאָרטביידע וואַרטן אויף דיר.

גאָר אומגעריכט האָט זי איינמאָל, בינע, ווען איר שנעלן עולה זיין געמאָלדן אויך דער מאַמען. מרים האָט מיט זיפצן און נישט תמיד אויסבאַהאַלטענע טרערן גענומען אויסריכטן זי אין וועג אַריין, אָנשטאָפּן איר וואַליזע מיט וואָס נאָר עס לאָזט זיך:

— אַז שטיקער זאָלן פון דיר פאַלן, בינקעלע! ווי אַלע פאַלט דער מאַמען פון די הענט... ווי דאָס האַרץ איז מיר אָנגעבאָליעט... בינקעלע, בינקעלע! דיין טאַטע איז טאַקע קלוגער געווען פון מיר: אָפּגעזעגנט זיך מיט אונדז אַלע, מיט דער וועלט, און פּטור פון אַלץ... און פון מיר וועט איר שטיקלעכווייז אַזוי אָפּפאַלן... אַז שטיקער זאָלן פון דיר פאַלן! בינקעלע, בינקעלע טייערע!... און דאָס, זע נאָר, זאָל איך דיר איינפּאַקן?

— פּאַקעווע, פּאַקעווע, מאַמע, פאַרן מאַכסאַן*, — האָט בינע געשמייכלט אומעטיקלעך־איראָניש — אַז ס'וועט נישט צוניץ קומען מיר אַליין, וועט עס צוניץ קומען אַ חברטע... דאָרט ווערט סיי־ווי אַלץ שותפותדיק.

— כדאי דער מאַמעס מידיקייט! אַז שטיקער זאָלן פון דיר פאַלן!... נו, זאָל שוין זיין... זאָל נאָר אַ בלוזקעלע מיינס איבערגיין... פאַר דער גאַנצער וועלט ביסטו גוט, בינקעלע, נאָר נישט פאַר טאַטע־מאַמע... — און זי האָט זיך צעוויינט.

— פאַרקערט, מאַמע, אַ גרויסער עול וועט דיר פון קאָפּ אַראָפּ. וועסט פּטור ווערן פון אַ מיידל מיט אַ נדן...

— דעם טאַטנס קבר איז ווייט... אין אָטוואָצק... וועסט זיך אפילו נישט געזעגענען מיט אים... און מיך וועסטו אַ לעבעדיקע דאָ איבערלאָזן... די בענקשאַפט זאָל לעבעדיקע שטיקער פון מיר פרעסן... אַז...

— וואָס רעדסטו נאַרישקייטן, מאַמע, — האָט זי די טאַכטער אַרומגענומען און געקושט — דו גלייבסט דאָך, אַז משיח קאָן אַ ליאַדע טאָג אָנקומען אַהער מיטן קאָוולער וועג... אפשר וועסטו נאָך זיין דאָרט פאַר מיר.

—אַז שטיקער זאָלן פון דיר פאַלן, דו ליג! — האָט מרים פּנים אַ לייכט געטאָן, ווי זון דורך וואָלקן — אין משיחן גלייבט עס נישט, און קיין ארץ־ישראל פאָרט עס!

---

* פון העברעיש „מחסן" — אַ קאַמער אויף קליידער און פאַרשיידענע זאַכן.

דער טאָג פֿון געזעגענען זיך איז געקומען. ס'איז געווען אַ פֿרילינגדיקער טאָג נאָך פּסח. טירן־פֿענצטער זענען אָפֿן געווען צום ליכטיקן, וואַרעמען דרויסן. נאָר דער דרויסן האָט זיך ווי פֿאַרהאַלטן און אין שטוב נישט אַרייַנגעגאַנגען. דאָ איז די שטימונג נישט געווען קיין פֿרילינגדיקע. די שטוביקע האָבן ווייניק און שטיל גערעדט צווישן זיך. רחל האָט יענעם טאָג נישט געאַרבעט. אסתּר האָט אייגנט־לעך געקאָנט אַהיימגיין, נאָר די שטימונג דאָ איז געווען צוגעפּאַסט פֿאַר איר געמיט, און זי איז פֿאַרבליבן. קיינער אין שטוב האָט נישט דערמאָנט דעם גע־שטאָרבענעם טאַטן, אָבער אַלע האָבן געשפּירט זיין פֿאַרהוילענע אָנוועזנהייט, ערשט, בעת אַ גליד פֿון דעם הויזגעזינד דאַרף זיך אָפּרייסן פֿון דער היים... ווי ס'וואָלט היינט געווען זיין יאָרצייט... „וואָס וואָלט דער טאַטע געזאָגט, ווען ער וואָלט געלעבט?".

בינקע אַליין איז אויך דעם טאָג געווען אַנדערש, ווי אַלעמאָל. אַלע האָבן דאָס געזען, כאָטש זי האָט זיך באַמיט אויסצובאַהאַלטן עס אונטער אַ ווערטל און אַ געמאַכט צעשמייכלט פּנים. עפּעס אַ שאָטן האָט געטונקלט איבער דעם. אָבער געוויינט האָט זי נישט אפֿילו ביים געזעגענען זיך.

די לעצטע צום געזעגענען זיך מיט איר איז געווען — צי מיט אַ כּוונה, צי צופֿעליק — בלומקע, די צווייטע אַבסאָלווענטין פֿון דער יידישער שול דאָ אין שטוב נאָך רחלען. בינקע האָט זי חושד געווען, און נישט אָן קיין גרונד דערצו, אַז זי האָט זיך „פֿאַרויטלט" — אַז טאָג און נאַכט האָט זי דאַך צו טאָן מיט שימעלע שטשערבאַטע, דער זעלבער שימעלע, וואָס צוליב אים האָט אַמאָל די שול־מאַכט די עלטסטע קלאַסן פֿון דער יידישער שול אַראָפּגעריסן. ווער ווייסט, וואָס פֿאַר אַן אומגליק זי קאָן נאָך אַרייַנברענגען אין שטוב אַריין!

— פֿאַרבלייַב מיר געזונט, בלומקע, — האָט איר בינקע אַרומגעהאַלדזט, שטאַרק, שטאַרק, ווי זי וואָלט וועלן דערדריקן דעם „אידעישן רוגז און האַס", וואָס האָט זיך צווישן זיי אָנגעקליבן — אונדזערע וועגן זענען זיך שוין לאַנג צע־גאַנגען... היט זיך... צוליב זיך... צוליב דער מאַמען... צוליב די שוועסטער...

בלומקע האָט זי צוריק געקושט, שטאַרק, שטאַרק, איז איר אָבער אויך נישט שולדיק געבליבן קיין ענטפֿער אויף איר וואָרענונג:

— היט זיך דו אויך... דער אַראַבישער פּעלאַר...

— שאַלאָם!

— פֿאָר געזונט! און... — בלומקע האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, וואָס דאָס באַדאַרף הייסן — אַרויסגעוואָרפֿענע רייד!

— און נחמן לעווי איז גאָרנישטאָ? — האָט זיך געוווּנדערט די מאַמע, וועלכע האָט נאָך פֿאָרט אויסגעבאַהאַלטן אַ פֿונק האָפֿענונג אין שייכות מיט אים.

— ער וועט זיין ביי דער באַן.

— און מיט אסתרן פארגעס נאר נישט זיך צו געזעגענען — האט מרים אלץ געטראגן אויפן קאפ.

— כ'געדענק, — און בינקע איז צו איר צוגעלאפן און זיך מיט איר פריינד־לעך צעקושט — פון דיר האף איך אינגיכן אפצונעמען א גרוס, א לעבעדיקן, דורך דיין ברודער. בוניעק האט זיך נעכטן געזעגנט מיט מיר... זיין חבוטע איז דאך אויך היינט עולה...

פון אסתרס אויגן זענען געפאלן טרערן. די ארומיקע האבן עס זיכער אנ־גענומען פאר טרערן פון א נאענטן מענטשן, וואס נעמט זיך איבער אין דעם שווערן מאמענט פון צעשיידונג. מרים האט זי אפילו ארומגעכאפט און גע־וויינט אויף איר אקסל:

— אז שטיקער זאלן פון אייך פאלן!

אין דער אמתן אבער האט אסתר באוויינט אירע פערזענלעכע ליידן: „אלע דערשלאגן זיך צו זייערס. און מיט וואס וועט זיך פארענדיקן ביי אונדז, ביי מיר מיט שלוימקען?"

„...וואס וועט זיין? וואס וועט זיין?..."

קאַפּיטל זיבן און ניינציק

אַ געהיימער כוח

יענעם ערבֿ־פּריליִנג האָט אסתר פּריסיק געלעבט אויסשליסלעך אין זיך אַליין, אויסער צייט, נאַטור און געזעלשאַפֿטלעכער אַרומרינגלונג. ווי איר וועזן וואָלט געווען אַרומגעוואַקסן מיט אַ באַטאָכיקטער דיקער קאָרע, וואָס לאָזט צו איר גאָרנישט נישט צו.

זי האָט כמעט ווי נישט געשפּאַצירט הינטערן שטעטל — מיט וועמען? אין דעם ספּעקטאַקל פֿון דעם דראַמקרייז זיך נישט באַטייליקט — צו וואָס? אין ביבליאָטעק איז זי נישט געקומען — זי האָט גענוג דאָס ביכל, וואָס איר שלוימקע שיקט איר צו פֿון דער פּרץ־ביבליאָטעק אין קאָוולע, און אויך דאָס עפּעס זי אויף סתם אין דער וועלט אַריין און בלאָנדזשעט אַרום מיט די געדאַנקען. קיין צייטונג אפֿילו האָט זי נישט געלייענט — די וועלט עקזיסטירט נישט פֿאַר איר. צו די נייעסן אין שטעטל און אַרום שטעטל האָט זי זיך נישט צוגעהערט — וואָס גייט עס איר אָן?...

אָבער אַרום האָט פֿאָרט אַלץ — סיי די נאַטור, סיי דאָס געזעלשאַפֿטלעכע לעבן — געווירט! זי האָט זיך טאַקע צו דעם נישט צוגעהערט, ס'איז אָבער פֿאָרט אַריין אין איר געהער און געמיט.

— — — אויף די אָרלערפֿליגל פֿונעם קאַשטשושקאָ־דענקמאָל, אין מיטן מאַרק קעגנאיבער דעם קאַשטשאָל פֿון איין זייט און דעם פֿענצטער פֿון יאַנקל האָרנס הויז, וווּ זי אַרבעט, פֿון דער צווייטער זייט, באַווייזט זיך זייער אָפּט, באַגינען, ווען עס זאַמלט זיך דאָ אויפֿן מאַרק־פּלאַץ די שטאָט־משערעדע פֿאַרן גיין אויף דער פּאַשע, אַ רויט פֿענדל. עס הענגט אויפֿן שטעטלס בייזוווּנדער אַזוי לאַנג ביז פּאָליציי קומט נישט צו גיין מיט אַ לייטערל עס אַראָפּצונעמען.

וואָס דאָס דאָזיקע פֿענדל לאָזט צו הערן, ווייסן שוין אַלע אין שטעטל, אפֿילו די האַלב עובֿר־בטלדיקע זקנים, וואָס גייען, אָנגעלענטע אויף שטעקנס, מיט דריבנע טריטעלעך, יעדן טאָג נענטער צום קבֿר, ווי למשל אסתרס באָבע ליבע חיה. נאָר ווער עס הענגט עס אַרויס — דאָס ווייסט, דאַכט זיך, קיינער

נישט. ווער האָט עס אַזאַ חוצפּה און ריזיקירט מיט יאָרן תּפֿיסה? ווייסט מען דאָך אין שטעטל, מע גיט זיך עס איבער פֿון אויער אויף אויער, אַז דאָ איז דאָ אַ יידישער מסור, אַ שפּיצל (דער גאַליציאַנער פּריזירער נחום קאַנדלצוקער?)! און פֿונדעסטוועגן... נאָך מער! אפֿילו סכאָדקעס, שמועסט מען, קומען פֿאָר אין וועלדל הינטערן שטעטל און זעלטן אפֿילו אין שטעטל גופֿא. ס'קלייבט זיך צוזאַמען אַ מנין, צוויי מנינים יידישע און נישט-יידישע בחורים און מיידלעך לעם קלויסטער בעת אַן אָטפּוסט, איינער האַלט אָפּ אַ קורצע רעדע, מע מאַכט עטלעכע שאַרפֿע און הויכע אויסרופֿן קעגן דער פֿאַשיסטישער רעגירונג, און מע צעגייט זיך באַלד שנעל, מע ווערט אויסגערונען אין דעם אַרומיקן עולם.

— אַוועקגעפֿלויגן!

— גיי שיט זיי, די פֿייגל, זאַלץ אויפֿן עק!

— די פֿייגל זאָגן אָן אַ שׂרפֿה אין לאַנד...

נאָר אין שטעטל ענדיקט זיך עס נישט. אַמאָליקע צייטן איז דאָס שטעטל מיטן דאָרף געווען קנאַפּע מחותנים. זייער מחותנימשאַפֿט — בלויז אַ געשעפֿטלעכע. זייער פֿאַרבינדונג — אַ לויזע. זעלטן האָט זיך אין סתּם אַ טאָג באַוויזן אַ דאָרפֿס-פּויער אין שטעטל איינצוקויפֿן אין אַ יידיש קרעמל אַ קווערטל נאַפֿט, אַ פֿונטל זאַלץ, אָדער אָנצושיכּורן זיך אין אַ יידישן שענק, כּדי צו פֿאַרטרינקען דעם וואָרעם, וואָס נאָגט אונטערן האַרצלעפּעלע... אַ קליינע צאָל יידישע דאָרפֿס-גייער, ווי פּעסיע-חווה, למשל, פֿלעגן פֿאַרברענגען עטלעכע טעג אין וואָך אויפֿן דאָרף אויפֿצוקויפֿן אַן עוף פֿאַר אַ שטאָט-באַלעבאָסטע, עטלעכע שאָק אייער פֿאַר יצחק גאָלד דעם אייער-הורטאָוניק און דעסגלייכן. נו, און בלויז צוויי מאָל אין חודש האָט זיך געשטעלט אַ יאַריד אין שטעטל, ווען שטאָטלייט און דאָרפֿס-לייט האָבן זיך אין דעם גרויסן טומל און הו-האַ קעגנזייטיק דערקענט, דער עיקר פֿון דער שלעכטער זייט: דער שטאָט-ייד דעם דאָרפֿס-פּויער — פֿאַר אַ „פּויער“, און דער דאָרפֿס-פּויער דעם שטאָט-יידן — פֿאַר אַ „קרוטילאַ“*. פֿאַר דער לעצטער צייט אָבער האָט דאָס שטעטל מיטן דאָרף גענומען זיך אויף אַ געהיימען אופֿן זיך פֿאַרברידערן... דורך וועמען? אַ פּנים, אַ נייער מין דאָרפֿסגייער איז אויפֿגעקומען, אַזאַ, וואָס מע זעט אים נישט, וואָס נישט צו זוכן קיין פּרנסה קומט ער אין דאָרף אַריין, וואָס אויב מע זאָל אים אויפֿדעקן, וועט זיין גאַנג זיך פֿאַרענדיקן מיט „אַ פֿאָלג מיך אַ גאַנג אין דער לוצקער תּפֿיסה, צום וואָלינער תּלין“...

און אַזוי ווי דאָס שטעטל ווייסט נישט, ווער עס זענען די דאָזיקע „דאָרפֿישע לאַמעדוואָוניקעס“, די „שטאָטישע סכאָדקעניקעס און פֿענדל-וואַרפֿער“, זענען

* אַ דרייער.

נישט איין מאַמע־מאַמע אומרואיק פאַרן גורל פון זייערע קינדער: טאָמער, חלילה...

נישט איינמאָל כאַפּט זיך מרים האָרן אַראָפּ ביינאַכט פון איר אומרואַנקן, אַלמנהשן געלעגער מיט אַ ציטעריק האַרץ אַ קוק צו טאָן, צי בלומקע ליגט אונטער דער קאָלדרע. און אַז זי דערזעט אין דער טונקל בלומקעס הייס פּנים אויף דעם קישן, לייגט זי צו, באַרואיקנדיק זיך, די האַנט צום האַרצן און שעפּטשעט שטיל:

— אַ דאַנק דיר, גאָט אין הימל!

רואיק זענען בלויז יענע עלטערן, וואָס זייערע קינדער פאַרברענגען די אָוונטן אין ציוניסטישן און בונדישן קלוב: ביי זיי איז, אַ דאַנק דעם אייבערשטן, דער „רויטער חמץ“ נישטאָ!

— אַז שימעלע שטשערבאַטע, דער זעלבער שימעלע, וואָס איז אין בייזיין פונעם שול־אינספּעקטאָר געשטרויכלט געוואָרן בעתן זינגען „יעשטשע פּאָלסקאַ“ — איז אַ רויטער, איז דאָך פאַר קיינעם קיין סוד נישט... גאַנץ בראָד ווייסט שוין דערוועגן... ס'איז בלויז אַ חידוש, וואָס „דער בראָדער“ (געמיינט נחום קאַנדלצוקער, דעם גאַליציאַנער) האָט אים נאָך ביז היינט נישט אַריינגעשבנט.

— און ס'איז אַ סברה, — האַלט עמעצער אונטער — אַז אויך בלומקע האָרן, מיט וועלכער ער שפּאַצירט אַרום... אַז ס'וועט באַשערט זיין, וועלן זיי אַ חופּה שטעלן — אין תפיסה.

— וועט זיך אין ארץ־ישראל פרייען איר שוועסטער, בינקע... — טוט מאָטיע גפן, דער אַלגעמיינער ציוניסט, אַ שטאָך עמעצן „פון אייגענעם חדר“, ווייל זי איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיטן „השומר“.

— לויצק האָט זיי נאָך אַפּנים ווייניק אָנגעלערנט, די היגע, — פאַררייבט עמעצער מאָטיע גפנס אומאָנגענעמע באַמערקונג.

און אָט האָט אַ רעד געטאָן דאָס דאָרף. עס קאָן נישט און וויל נישט מער טראָגן דעם שווערן יאָך פון אומגערעכטע שטייערן, אַ יאָך, וואָס איז דורכויס באַשלאָגן מיט משוועקעס און בייסט זיך אַריין דעם פּויער ביזן ביין. די אָרעמע פּויערן, ביי וועלכע ס'ווערן געמאַכט עקזעקוציעס פאַר נישט באַצאָלטע שטייערן, שטעלן זיך אַנטקעגן די עקזעקוטאָרס. לאָזן נישט אַרויסטראָגן פון זייערע איינגעהויקערטע שייערן דאָס פון מויל אָפּגעשפּאָרטע מאָגערע ביסל תבואה, לאָזן נישט אַרויסטירן פון קאַלטן שטאַל דאָס אויסגעדייוועטע בהמהלע. טיילמאָל טרעפט, אַז דער עקזעקוטאָר גייט אַוועק נישט קיין טרוקענער פון אַזאַ אונטערנעמונג — ער קריגט מיטן מעלק־שעפּעלע איבערן קאָפּ, און מע פירט אים צאָפּ, מיט בלויע לאַמטערנעס אונטער די אויגן און חויטע נאַסע מכנסים, אין שפּיטאָל אַריין.

— אַ רוימער פּויער וועט דיר רויט מאַכן דעם שוואַרצסטן משרת ביי דער מאַכט, — האָט איינמאָל, בעת אַזאַ פּאַסירונג, אונטערגעשמייכלט איציק פּריסיק, ווי אַ זיימיקער מענטש, וואָס קוקט זיך צו צו אַ געשלעג מיט הנאה פון געריכטן צד, און זיין צוקונפטיקער שוואָגער, שלוימקע מאַרגנטוי, האָט צו אים צוגעשמייכלט מיט הסכמה.

— אָבער אַ בונדיסט רויט צו מאַכן איז אַ ביסל שווערער... — האָט איציק פּריסיק ווי מיט פּאַחדרוס צוגעגעבן.

איז שלוימקעס שמייכל פאַרגליווערט געוואָרן אינמיטן זיין אויפבליען, און זיינע אויגן האָבן זיך אומעטיק פאַרקלערט.

אסתר, וואָס איז דערביי געווען, האָט אָפּגעפילט, אַז צווישן איר איציקן מיט איר שלוימקען קומט עפּעס פאָר געהיים און אַז איציק איז דער שטאַרקערער צד. נאָר אַז שלוימקע האָט איר וועגן דעם גאָרנישט נישט דערציילט, האָט זי אים נישט געוואָלט איבערפרעגן. זי ווייסט? אפשר קליבט ער זיך ווערן אַ רויטער. אַלץ קאָן היינטיקע צייטן געשען. הלמאי אהרון לעווי...

* * *

אהרון לעווי, דער שטענדיקער פאָרזיצער פון יישאָ און דער פאַרוואַלטונג פון דער יידישער שול, דאָס רייכע זינדל אויף אייביקע קעסט ביים טאַטנס טיש, וואָס חוץ דער געזעלשאַפטלעכער קולטור־אַרבעט טוט ער נישט איין קיין פינגער אין קיין קאַלט וואַסער און האָט נישט וואָס צו טאָן, ווייל „דעם טאַטנס געשעפטן טוען זיך גאַנץ ווויל אַן עצה אָן אים אויך", — האָט זיך מיטן לערער שמעון אַדלערס אַוועקפאָרן דערפילט ווי אַ מענטש, וואָס איז שוואַך אויף די פיס, און מע נעמט צו דעם שטעקן פון זיין האַנט. ער איז, אמת, נישט געצוימט פון אַדלערס אויטאָריטעט, פרייער און זעלבשטענדיקער געוואָרן אין זיין דענקען און האַנדלונג, ער האָט אָבער פאַרלוירן אַ פעסטן אָנשפּאַר. אין זיין זכרון איז אַלץ אָפטערהער און בולטער אויפגעקומען דעם לערער ליבפרידס ווידדיקע האַלטונג בנוגע דעם שול־אינספּעקטאָר און די קאָלעגן — ליבפריד דער קאָמוניסט. ער האָט אָנגעהויבן לייענען די לינקע פרעסע, לעווי, און ביסלעכווייז זיך דורכגענומען מיטן געפיל, אַז זיין לעבן, אַ לעבן אָן פיזישער אַרבעט, אויף די רייכע קעסט ביים טאַטן, איז נישט קיין אָרנטלעך לעבן, איז אַ פּאַראַזיטיש לעבן. זיין געזעלשאַפטלעכע קולטור־אַרבעט איז פאַר אַזאַ לעבן אַ קנאַפּע פאַרענטפערונג. זיין טאַטנס רייכקייט, פון וועלכן ער געניסט אַלע זיינע יאָרן, איז דאָך אַ פּראָדוקט פון דער עקספּלאָאַטאַציע פון די אַרבעטער אין דער מיל, אין וואַלד.

וואָס זשע וואָלט ער, אהרון לעווי, באַדאַרפט טאָן? ער ווייסט עס: קודם גיין און ווערן אַ פיזישער אַרבעטער! אָבער... מע וועט דאָך אים אין שטעטל, אין

דער היים באַטראַכטן פֿאַר אַ משוגענעם, און די מאַמע — זי איז אַזוי אויך קראַנק — וואָלט, חלילה, פֿון זינען אַראָפּ. און... ער דערגענטערט זיך שוין צו די דרייסיק — צי קאָן מען אין די יאָרן מאַכן אַזאַ שריט, אַזאַ אָנהייב? און אַז ער וועט שוין דעם אָנהייב מאַכן, צי וועט אים קלעקן כּוח און מוט צו דערפֿירן אים ביז צו אַ גמר?... פֿאַרבינדן זיך מיטן רויטן אונטערערד, פֿאַרמאַס־קירט אונטערן רייכן טאַטנס פֿירמע? קעמפֿן, און מיט קאַמף פֿאַרענטפֿערן דאָס פּאַראַזיטישע לעבן? איז ווידער דאָס אייגענע — זיין ערשטער דורכפֿאַל וועט אומברענגען די מאַמע, די יידישע שול, וועלכער ער האָט אַזויפֿיל יאָר, אַזויפֿיל יונגטלעכן ברען און כּוחות אַוועקגעשענקט!... איבעריקנס — האָט ער זיך אַליין פֿאַרגעוואָרפֿן — קאָן ער זיך גישט שיידן מיטן „סיר הבשר"* פֿון דער היים... וואָס אמת, איז אמת!

ס'האָט אים אויסגעפֿעלט מוט גלייך ביים אָנהייב, און ער האָט זיך באַ־טראַכט פֿאַר אַ פֿאַרמשפּטן. ער האָט זיך באַגנוגנט בלויז מיט לייענען די לינקע פּרעסע, מיט זיין האָבן אינטערעס פֿאַר דעם נייעם, ערלעכן לעבן, וואָס בויט זיך אויף אין ראַטנפֿאַרבאַנד, מיט מיטפֿילן דעם קאַמף פֿון די קאָמוניסטן אין פּוילן, מיט שטיצן די היגע רויטע מיט וואָס נאָר ער קאָן.

ער איז געשטאַנען מיט די היגע רויטע אין אַ לויזער פֿאַרבינדונג דורך בלומקע האָרן, די געוועזענע שילערין פֿון „זיין" שול, די טאָכטער פֿון זיין טאַ־טנס פֿאַרשטאָרבענעם שותּף, יאַנקל האָרן: אַפֿילו ווען זי זאָל אַמאָל דורכפֿאַלן, וואָס פֿאַר אַ חשד קאָן דעמלט פֿאַלן אויף אים, אַז ער איז אַ סימפּאַטיקער?

אָבער פֿאַרן שטעטל, איבערהויפּט פֿאַר דער יוגנט, איז דאָס, אהרן לעווים רויטער אָפּנייג פֿונעם יידישיזם, קיין סוד נישט פֿאַרבליבן, ווייל דער גרעסטער מסור איז די צונג: זי מסרט תּמיד איר אייגענעם באַלעבאָס. נישט ווילנדיק פּלעגט אהרן לעווים צונג אים אַרויסגעבן, אַז זיינע סימפּאַטיעס זענען „אויף יענער זייט פֿון טייך סמבטיון, ביי די רויטע יידעלעך... און די רויטע גוימלעך". און אין תּרבות־לאַגער האָט מען איצט געברייטעט וועגן אים מיט שפּאָט:

— זיין טאַטע מאַכט אַ פֿאַרמעגן פֿון די כּוחות פֿון די מיל־אַרבעטער און האָלצהעקער... נאָר ער פֿון זיין טאַטנס טרייפֿער קאָריטע גייט פֿונדעסטוועגן נישט אַוועק, דער חזיר!

— קוקט אים אָן! הויך איז ער, ווי זיין טאַטע, אין דער גרעב — צעוואַקסן נאָך מער פֿון אים, און אַפֿילו אַ בייכל וואַקסט אים שוין. סע וואָלט אים טאַקע נישט געשאַט צו ווערן אַ האָלצהעקער אין טאַטנס וואַלד. די „עקספּלאָאַטאַציע" וואָלט אים געווען אַ גוטע קוראַציע.

---

* טאָפּ פֿלייש

— זאָל ער גיין טראָגן, דער בעל־רחמים, די זעק ביי זיין טאַטן אין מיל, ווי משהל קאַנאַן.

— ער איז אָבער יוצא בלויז דערמיט, וואָס ער פירט משהל קאַנאַנס מיידל אונטערן אָרעם.

* * *

יאָ, אין שטעטל און אין דאָרף איז אָנגעוואַקסן א געהיימער כוח, וואָס באַווייזט זיך פון צייט צו צייט אויף דער ליכטיקער שיין, אַז דער פאַשיסטישער מאַכט ווערט אַזש פינצטער פאַר די אויגן. זי פרווט מאַקע, די מאַכט, אַנוואַרפן אַן אימה אויפן דאָרף מיט געווער און געוואַלט, אָבער אין דער אמתן שרעקט זי זיך אַליין גאָר פיין. אין אַלע פאָליציי־פאָסטערונקעס איז פאַרגרעסערט געוואָרן די צאָל פאָליציאַנטן, און ס'זענען געשטעלט געוואָרן נייע פאָסטערונקעס אין די קלענערע דערפער, וווּ פריער זענען זיי נישט געווען.

— אינגיכן וועלן זיי שטעלן פאָסטערונקעס ביי יעדן כוטאָר... — האָט אהרון לעווי זיך אויסגעגעבן אַן איבעריק מאָל.

ס'אַרבעט, הייסט עס, געשמאַק דער רויטער אונטערערד, ער ציגדט אונטער די הערצער און מוחות פון די אָרעמע און ווייניק־פאַרמעגלעכע פויערים און:

— ווען־עס־איז וועט אויסברעכן אין די דערפער אַ שׂרפה, נישט איינצו־לעשן מיט קיין וואַסער, נאָר מיט בלוט... — האָט געשמועסט דאָס שטעטל.

—איז וואָס האָבן יידן דערין זיך אַריינצומישן? — האָט געטענהט מיט אַ היים־פאַרלעגן קול אַבע פישמאַן, חנא מלמדס אַן איייניקל, אַ נייער שטערן ביי דער ציוניסטישער יוגנט, וואָס זיינע אייגענע חברים וווּנדערן זיך, פון וואַנען ס'האָבן זיך צו אים גענומען די העברעיש־קענטעניש — ער רעדט דאָך אפילו העברעיש?

אַבע פישמאַן האָט אונטערגעשטיצט זיין טענה מיט אַ בפירושן פּסוק פון שיר־השירים:

— „כרמי שלי לא נטרתי“ — מיין אייגענעם ווייגאָרטן האָב איך נישט אָפּגעהיט... אונדזער ווייגאָרטן איז אין ארץ־ישראל... דאָרטן וועלן מיר קעמפן, ווען די צייט וועט קומען!

אסתר פריסיק האָט די דאָזיקע תורה, פישמאַנס, געהערט אין זיין נאָמען פון בינקע האָרן טאַקע אין דעם טאָג, ווען זי האָט עולה געווען.

און הערשל גאָלד, דער געוועזענער סעקרעטאַר פון יתומים־קאָמיטעט, האָט מוסיף געווען, סמאָרענדיק היים און פייכט מיט דער פליישיקער, רויטלעכער, אַ ביסל צוגעפּלעטשטער נאָז:

— זאָלן זיי זיך שלאָגן קאָפּ אין וואַנט, די עשוים, צו אונדז, יידן, האָט דאָס קיין שייכות ניט.

נאָר אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז דאָס האָט צו אונדז, יידן, יאָ אַ שייכות: ברויט אין קאַרטאָפליעס, וואָס האָבן פאַרן נייעם געדאַרפט ביליקער ווערן, זענען גראָד טייערער געוואָרן. פאַרוואָס? די פּויערים שטרייקן און פירן ניט אין שטאָט אַריין גאָרנישט צו פאַרקויפן. אַזוי אַהער קיין טריסק, אַזוי אויך קיין קאָוולע. און טרעפט זיך, אַז אַ פּויער אַ באַלגוף שטעלט זיך יאָ איין פירן זיינע תבואות און פּראָדוקטן אין שטאָט אַריין, ווערט ער פאַרהאַלטן פון שטרייקערס פון אַ צווייט דאָרף און געטריבן צוריק אין דאָרף אַריין. קיין יאַרידים אין שטעטל שטעלן זיך ניט. דער מאַרק-פּלאַץ וואַרט אויף זיי אומזיסט.

— אַז ניטא פונעם פּויער, פון וואָס וועט אַ ייד לעבן?

— זיי פאָדערן, מע זאָל זיי באַפרייען פון די שווערע שטייערן.

— איז דאָך עס שוין אַן אמתער בונט!

— יאָ, דאָס פּייער פאַרנעמט זיך גאַנץ לייטיש. און דערוויל ליידן ווידער די אָרעמע מענטשן אין שטאָט... אַלץ פאַלט אויס צום אָרעמאַנס קאָפּ. די האָרפּסגייער, נעבעך. קיין איין שאָק אייער האָט דאָך מיר קיין אייגער פון זיי היינטיקע וואָך ניט אַריינגעבראַכט! פון וואָס וועלן די אָרעמע לייט לעבן? — האָט יצחק גאָלד דער הירטאָווער אייער-סוחר זיך אָנגענומען די קריוודע פון זיינע אויפקויפער, ווי ס'פּאַסט פאַר אַן אַלטן קהלס-מאַן.

— און ווער ווייסט, וואָס דער ערשטער מאַי וועט נאָך מיט זיך ברענגען, — העלפט אים צו זאָגן דער זון, הערשל גאָלד, און ס'דאַרף הייסן, אַז דער ערשטער מאַי קאָן נאָך ערגערע צרות ברענגען אויפן אָרעמאַנס קאָפּ, נעבעך.

הערשל גאָלד האָט דערביי אַרויסגענומען דאָס נאָזטיכל פון קעשענע און צוגעטראָגן עס צום פּנים, ווי ער וואָלט וועלן אָפּווישן אַ טרער צוליבן גורל פון די אָרעמע מענטשן. נאָר צוגעווישט האָט ער בלויז די נאָז.

— ווער עס קריגט אַ קאַטאַר ארום האַרבסט, און ווער פאַרן ערשטן מאַי...

— האָט זיך אויף הערשל גאָלדס אַדרעס אַ וויצל געטאָן אהרון לעווי אין פאַרענדיקט ערנסט, מיט אַ פלעמעלע אין די אויגן הינטער די פּענסנע-גלעזער — ער האָט אַ געהיימען כוח, דער ערשטער מאַי...

קאַפּיטל אכט און נײַנציק

ערב ערשטער מאַי

ערב ערשטער מאַי. אַ װאַרעמװינטלדיקער, פֿרישער טאָג. די לופֿט — װי זי װאָלט אומרואיק געציטערט.

אַ גערעגטע דערװאַרטונג אויף עפּעס אומבאַשטימטס, װאָס דאַרף געשען, האָט זיך געשטיקט אין די שטיבער פֿון באַלמעלאָכעס, באַזונדערס אין די, װוּ עס װערן אָפּט געמאַכט רעװיזיעס, קינדער װערן אַװעקגעריסן פֿון טאַטע־מאַמע און געװאָרפֿן אין די תּפֿיסות. אַזאַ אומרו האָט זיך אויך געשפּירט בײַ דאָדיע קאָװאַל אין שטוב, כאָטש איציק „דער תּפֿיסהניק" האָט זיך הײַנט געטאָן זײַן אַרבעט אין קוזניע, װי קיינמאָל גאָרנישט.

מיט אַ הײַטער געמיט אָבער, הגם אויך מיט אַ געװיסער געררײַצטקייט, האָט מען אָפּגעװאַרט דעם מאָרגנדיקן טאָג אין די שטיבער, װוּ אַלע קינדער זענען כשר — אָט װעלן מיר זען, מיט װאָס די רויטע, די װעלט־באַפֿרײַער, װעלן זיך מאָרגן באַװײַזן...

נאָך מיטיק האָט זיך שימעלע שטשערבאַטע אַרײַנגעכאַפּט אויף אַ װײַל צו בלומקע האָרן, און אַ שמועס געטאָן מיט איר אויפֿן אויער... אײדער נאָך איר מאַמע, מרים האָרן, האָט באַװיזן אים צו דערזען און בגנבֿה פֿאַרדרייען אויף דעם חיזיט די נאָז, איז ער שוין געשטאַנען אויף דער שװעל פֿון דער הינטער־טיר און מיט אַן אָטעם־שטים צוגעװאָרפֿן װי אַ סוד: — סע מוז העננען!... סע מוז...
— און איז נישט געבליבן.

— איר מעגט הײַנט, ערבֿ ערשטן מאַי, פֿריער אַ ביסל אױעקלייגן די אַרבעט, קינדער. נישקשה, — האָט בלומקע צו איר רחלען און אסתּרן אַ זאָג געטאָן מיט איר „פֿולן מויל מיט צינג", בלומקע, װאָס דאָס װאָרט קינד האָט זיך, צוליב אירע ייִנגערע יאָרן און נידעריקן װוּקס, גיכער געפּאַסט פֿאַר איר, אײדער פֿאַר זיי.

אַ שמייכעלע האָט אַ שפּיל געטאָן מיט די פּאָר שװאַרצע הערעלעך, װאָס האָבן געשפּראָצט אויפֿן שפּיץ פֿון איר קליין נעזל, און אויף איר אַרויסגעשטאַרצטן

ווינשל־ליפּל, וואָס איז באַפּוצט געווען מיט אַ שוואַרץ וואָנסעלע. אירע אויגן, טונקעלע ביר־אויגן מיט גרויסע שוואַרצאַפּלען, זענען זיך דערביי צעגאַנגען, גרע־סער געוואָרן אין זייער קיילעכיקייט צוליב אַן אינעווייניקסטן פלאַם.

— אַז שטיקער זאָלן פון דיר פאַלן! — האָט איר מאַמע געשאָקלט אויף איר מיטן קאָפּ, מיט אַן אומרואיקן אומעט אין די אַלמנהשע אויגן, און צוגעגעבן מיט געמאַכטער באַפעלערישקייט — נאָר געדענק, בלומקעלע: מאָרגן וועסטו ביי מיר זיצן דעם גאַנצן טאָג אין שטוב!

רחל און אסתר האָבן בלומקען געפאָלגט. די ערשטע האָט אסתר אוועקגע־לייגט די אַרבעט — וואָס אמת, נישט צוליבן מאָרגנדיקן גרויסן טאָג פונעם אַרבעטער־קלאַס. זי האָט דערוואַרט, אַז איר שלוימקע וועט נאָך אפשר היינט פאַרנאַכט קומען צו פאָרן צו איר צו גאַסט... לויט איר דאַכט זיך, קילט ער זיך לעצטנס אָפּ פון זיין בונדיזם, כאָטש ער האַלט עס נאָך בסוד אפילו פאַר איר — וועט ער זיך וועלן אפשר אַרויסדרייען פון צו דעמאָנסטרירן מאָרגן מיט זיין פאַר־טיי דאָרט אין קאָוולע מיטן אויסרייד פון זיין פאָרן צו איר... די היגע בונדיסטן זענען אַזוי ווייניק אין צאָל, אַז זייערע אַ דעמאָנסטראַציע וואָלט געווען אַ חוזק, און צוזאַמען מיט די רויטע וועלן זיי דאָך נישט גיין... און וואָס, — האָט זי אַ טראַכט געטאָן — אַז מיין שלוימקען פאַרגלוסט זיך מאָרגן דווקא צו דעמאָנס־טרירן מיט די היגע רויטע? (מיין קוזינקע, שרציע זרח דעם רויטנס, די פרומע בונדיסטקע, וואָלט באַקומען אַ גרין געזיכט, און די רויטע פרישטשיקלעך אויף דעם וואָלטן זיך אַנטצונדן ווי מוכאָמאָרעלעך!). ער האָט קיין רעכט נישט צו שטעלן אין קאָן אונדזער לעבן!

און אסתר האָט זיך געלאָזט אַהיים אויפצופּוצן איר צימער לכבוד דעם גאַסט.

אויפן וועג האָט איר אויער פאַרנומען ווי אַ קלאָגעריי פון דעם פעטער שאַ־מע שמשס שטוב אַרויס. ס'האָט איר אַ שלאָג געטאָן דאָס האַרץ ביים געדאַנק: די באָבע רייזיע איז געשטאָרבן!

אַ צווייטער געדאַנק האָט זי אַ וואַקל געטאָן: צוגיין? די פיס — אַ שטעל זי אָפּ און באַלד, ווי ספּעציעל, אָנגעהויבן גיין שנעלער. איר עגאָיזם האָט זי נישט דערלאָזט, זי זאָל זיך קאַליע מאַכן איר יום־טובדיקע שטימונג צוליבן גאַסט, וואָס זי דערוואַרט... סוף־כל־סוף איז זי דאָך שוין, די באָבע רייזיע, אַן אַלטע יידענע, וואָס איר עובר־בטל לעבן איז אַ יאָך פאַר די אָרעמיקע און איר אַליין; זי איז דאָך שוין לאַנג נישט די קלוגע באָבע רייזיע, וואָס האָט איר, אסתרקען, אַמאָל אַזוי ליב געהאַט, און זי איר...

מיט די דאָזיקע מחשבות איז זי צוגעקומען צו דער שטוב — „ווי זאָל איך פאַרפּוצן מיין צימער?"

נאָר דאָס איז איר נישט באַשערט געווען: אויף דער טיר איז געהאָנגען א שלעסל... „וואָס איז געשען? אין דער צייט גייט, דאַכט זיך, די מאַמע קיינמאָל נישט אין גאַס אַרויין אײַנקויפן. איז זי געגאַנגען באַווײַנען די באָבע רייזיע?“

אסתרס אויגן האָבן א בלאָנדזשע געטאָן איבער זייער גאַסל און זיך באַגעגנט מיט דער אַנטערקומענדיקער שכנה פעסיע חוה.

— אָט, האָסטו, אסתר, דאָס שליסעלע... אַזאַ בראָך, פאַר קיין ייִדן געדאַכט!

אסתר האָט זי אָנגעקוקט מיט א שטום פּנים און פאַרגליווערטער פראַגע אין די אויגן.

— מילא, די באָבע רייזיע, געשטאָרבן — געשטאָרבן. אייביק לעבט נישט קיין מענטש, אַפילו ווען ער ווערט נישט עובר-בטל אויף דער עלטער. אויסגעגאַנגען, ווי א קראַנק עוף. פאַרמאַכט די אויגן, שוין. נאָר מיט דער באָבע ליבע חיה איז דאָך אינדערצמתן אַזאַ שרעקלעך אומגליק געשען! גייט זיך א מענטש אויפן גלייכן וועג און ספּאָטיקעט זיך.

— וואָס-זשע איז מיט איר געשען? — פרעגט אסתר איבערראַשט.

— ס'אָל שוין אַזעלכס נישט געשען! זי איז זיך אַזוי געגאַנגען, די אַלטע, מיטן שטעקן אויפן שאָסיי פאַרביי דעם פּאָליצײַ-פּאָסטערונעק. האָט א הונט זייערער (עפּעס האָבן זיי די פּאָליצײַ-לײַט, וואָס זענען הײַנט אַנדערפרי געקומען צו פאָרן אין שטעטל אַרײַן, מיטגעבראַכט מיט זיך הינט אויך, די כאָליערע ווייסט זיי צו וואָס!), יאָ, האָט א הונט אײַנער אויף איר א ביל געטאָן. האָט זי זיך דערשראָקן, די אַלטע נעבעך, א וואַקל געטאָן זיך און איז אומגעפאַלן. האָט אָטאָפּנים איר שטעקן דערלאַנגט פון זיך אַליין דעם הונט אין א פּיסק. איז ער אָפּגעשפּרונגען מיט א קוויטש און מיט א שרעק (פאַר וועמען משטיינס-געזאָגט ער האָט זיך דערשראָקן!). נאָר אַז די באָבע איז צו זיך געקומען און, קרעכצנדיק, זיך פונדעסטוועגן אויף די שוואַכע פיס געשטעלט, איז ער ערשט בערנייס צוגעשפּרונגען און האָט אײַנגעביסן זיך אין איר האַנט בײַזן בײַן אָטאָפּנים. זי האָט א צווייט מאָל געטאָן א פאַל אַנידער, שוין אין חלשות. זי איז גלײַך אָטאָפּנים אָפּגעגאַנגען מיט בלוט, וואָרן אַז מע האָט זי אַרײַנגעטראָגן צום זון, צו זרח דעם רויטן, אין שטוב, האָט זי שוין געגוסעט און... מילא, זי איז געווען א פרומע ייִדענע, ליבע חיה. ליכטיקע מלאָכים וועלן איר אַוודאי אַקעגנגיין. נאָר אַזאַ טויט, פון א הונט!

פעסיע חוה האָט זיך מיטאַמאָל פאַרטראַכט און איז אַנטשוויגן געוואָרן, ווי א געדאַנק וואָלט איר א שווערן שלאָס אויפן מויל אויפגעהאָנגען. און אַזוי האָט אסתר זי איבערגעלאָזט, אויפשליסנדיק דאָס שלעסל אויף זייער טיר און אַרײַנגייענדיק אין שטוב.

דאָ האָט זי זיך אַרומגעקוקט, ווי זי וואָלט געזוכט שאָטנס אויף די ווענט, אײַנגעהערט זיך אין דער שטילקייט און אײַנזאַמקייט און — מיטאַמאָל אויסגעבראָכן א רחמנותדיק געוויין.

אויף וואָס האָט זי געוויינט, אסתר? אויף אירע אַלטע באָבעס, מיט וועלכע זי האָט שוין אזוי לאנג קיין וואָרט נישט פארביטן? אזוי זעלטן זיי געזען אפילו פאר דער לעצטער צייט? ניין, זייער טויט איז געווען אן אויסרייד בלויז ארויסצוברענגען א געוויין, וואָס האָט זיך א לאנגע צייט געזאמלט אין איר אין פארגליווערטע טרערן. זי האָט באוויינט איר יוגנט, וואָס וועלקט, וועלקט, און זי זעט נישט קיין תכלית... כאָטש דאָס אלץ וואָלט דאָך געקאָנט פאררעכט ווערן מיט א קלייניקייט — ווען דער טאטע וואָלט אויסגעציילט דעם נדן, וואָס ער האָט צוגעזאָגט שלוימקען און זיין מאמען...

...ניין, זי וועט נישט גיין צו די באָבעס זיי באקלאָגן. זי האָט איר אייגענע קלאָג. און אָנשטאָט אויסצופוצן איר צימער לכבודן נאכט האָט זי גענומען צוגרייטן דעם אָוונטברויט פארן טאטן מיט די ברידער. די מאמע וועט דאָך שוין זיכער נישט אהיימקומען ביז נאָך דער לוויה. צוויי לוויות פאר איין מאָל.

אין אָוונט, בעת דער וועטשערע, האָט דאָדיע, נאָר נישט ווי זיין שטייגער, גערייכערט איין ציגאר נאָכן צווייטן אין סאמע מיטן עסן. ער האָט געהאט ערשט א סך וואָס נאָכצודענקען און דורכצופילן: די שטיפמאמע, זיין אייביקער שונא, איז געשטאָרבן... דאָס ווייב שטייט האָרט ביים שוואָגער אין שטוב און מאכט יללות איבער איר מאמען, זיין שוויגער, וועלכע ער האָט אויך נישט שטארק ליב געהאט צוליב איר צדקות... און די צדיקת איז גאָר געשטאָרבן מיט אזא פארשעמענדיקן טויט! פאר וועלכן און פאר וואָס איז עס איר געקומען?... אין וואָס פאר א „נתנה תוקף" איז אזא טויט פארשריבן געוואָרן?... דער שטיפמאמען וואָלט ער גיכער געווונטשן אזא שיינעם טויט...

גאָר משמעות, אז נאָך עפּעס האָט דאָדיען געשטאָכן, ווייל אלע ווייל האָט זיין בליק זיך פארשטאָכן אין איציקס פּנים, און זיינע ליפּן האָבן זיך דערביי א באוועג געטאָן, ווי עפּעס איציקן צו זאָגן... ער האָט אים געוואָלט פרעגן, „דעם תפיסהניק", מכוח מאָרגן: צי טראַכט ער, איציק, צו פּראַווען, ווי אלע יאָר אום ערשטן מאי, א יום־טוב און נישט ארבעטן? אָט פאראיאָרן האָט ער מיט אים וועגן דעם גאָר קיין סך נישט איינגעטענהט. דו זאָגסט, אז דער טאָג איז א יום־טוב פון אלע ארבעטער אויף דער גאנצער וועלט... זאָל זיין אזוי. אזא יום־טוב איז דאָדיע קאָוואַל אליין מחויב אָפּצוהיטן, כאָטש דער שטריימל האַלט נישט פון אים. וואָס זשע האָט ער געטאָן? גענומען און גאָר געשלאָסן די קוזניע אויפן גאנצן טאָג. כאַפּט עס די כאַליערע מיט שימקען, דעם גנב, איגייענעם! א י ם וועט ער שוין סייווי נישט אָניאָגן און דעם אייגענעם פארפעלטן טאָג ארבעט וועט ער אין משך פון דער וואָך ווי־עס־איז צונויפשקראָבן... און טאָמער קומט מען פונעם „פּאָסטערונעק" פרעגן, פארוואָס איז די קוזניע געשלאָסן? איז וואָס האָט ער, א ייד פון פינעף און פופציק יאָר, מורא צו האָבן? ער איז קראַנק, דער קאַליעקע פוס האָט אים פּלוצעם א נעם געטאָן, א דריי געטאָן... אז נעמען זאָל זיי די כאַ־

ליערע און דרייען זאָל זיי אין די בייכער!... אין די „בנים“ אין קוזניע אליין, אָן זיין אויג, ווייל ער נישט לאָזן: זיי קאָנען אים אָנטאָן מער שדונות, ווי אייבערגע־גען... נו, וואָלט ער הייגטיקס יאָר אויך אזוי געטאָן. אָבער זאָל איציק אליין זאָגן: היינטיקס יאָר, ביי אזא אומרואיקייט אין די דערפער, קאָן עס נאָך צו טייער קאָסטן. זייער א סך פּאָליציי איז היינט אינדערפרי געקומען צו פאָרן מיט דער פּאָוולער באַן. צו וואָס לייגן זיך מיט א געזונטן קאָפּ אין א קראַנקן בעט אריין?

נאָר ער האָט זיך געקווינקלט, דאָדיע, אפשר איז גאָר גלייכער נישט אָנצו־הייבן מיט אים, מיט איציקן, וועגן דעם. מיט די רייד קאָן ער אים נאָך דווקא ארייגברענגען אין דער אמביציע אריין. אפשר טראַכט נאָר איציק אליין נישט אנדערש — סוף־כל־סוף איז ער דאָך שוין א געשלאָגענער הונט, איציק, און „דער לאַמטערן“, וואָס זיי האָבן אים אנומלט געמאכט אונטערן הארצן, האָט זיך אים נאָך אינגאַנצן נישט אויסגעלאָשן... און קיין באזונדער „שלעכטס“ האָט ער פון אים, חלילה, די גאַנצע צייט נישט געזען. ער, ווען ער וואָלט אים שוין חתונה געמאכט!... שוין צייט — א בחור פון זיבן און צוואָנציק יאָר!

ערשט אויפהייבנדיק זיך פון דער וועטשערע און פון זיין ציגאַרן־רויך ארויס, האָט דאָדיע נישט אויסגעהאלטן און א רוף געטאָן:

— איציק!

איציק איז שוין אָבער ביים טיש נישט געזען, און דאָדיע האָט פאַרענדיקט בלאַט אין שטוב אריין:

— זאָל ער האָבן געגאנגען צו דער באָבעס לוויה?... נו, מע דאַרף אויך גיין. נאָכן טויט ווערט א שוויגער א מאמע.

— גוטן אָוונט! — איז דערויף ארייגגעקומען שלוימקע מאָרגנשוי און דעם ערשטן אויסגעשטרעקט די האנט, פארשטייט זיך, דעם צוקונפטיקן שווער — שלום עליכם.

אויפגערעגט אין דער טיף פון זיינע פריערדיקע מחשבות וועגן איציקן, האָט אים דאָדיע געטאָן א שטעק אָפּ א בינטל פינגער און וואָרטשענדיק א זאָג:

— האָסט פונקט גוט ארייגעטראָפן מיטן וויזיט... ווי א ציג צום „שפוך־חמתך“... אירע ביידע באָבעס זענען געשטאָרבן... אפשר וועסטו געמען ביי מיין טאָכטער אונטערפירעכץ צו זייער לוויה?...

צעטומלט פון אזא אומפארדינטן ברוך־הבא, האָט שלוימקע אָנגעהויבן מאכן מיטן מויל, ווי א פיש ארויסגעוואָרפן אויף דער יבשה, עפּעס צו זאָגן.

נאָר ער האָט שוין נישט געהאט וועמען צו ענטפערן — זיין צוקונפטיקער שווער איז געווען אויף דער צווייטער זייט טיר.

— קום, שלוימקע, — האָט אסתר פאַרענדיקט — מירן גיין צו רחל האָרן.

— וווהין־זשע פירסטו מיך? — האָט איר שלוימקע א פרעג געטאָן, ווען זי האָט אים איגדרויסן געגומען אונטערן אָרעם און מיטגעצויגן.

— מירן גיין הינטנארומער... כ'וויל נישט גיין הינטערן טאטן.
— אהא... — האָט זיך שלוימקע געלאָזט פּ'רן — גוט.
די ס'בה איז געווען אן אנדערע: אפשר האָט זיך געשראָקן צו גיין מיטן שאָסיי, ווו זיי קאָנען דערהערן דאָס געוויין פון די שטיבער, אָדער אפשר גאָר אָנטרעפן אויף די לוויות.
„עזה כמות אהבה" — די ליבע איז שטאַרק ווי דער טויט, — האָט זי זיך פּלוצעם דערמאָנט שמעון אדלערס א זאָג — נאָר דער ליבע לויפן מיר אנטקעגן, און פונעם טויט אנטלויפן מ'ר וואָס ווייטער..."
שלוימקע האָט זיך עס אָנגעשטויסן און נישט געוואָלט זיך און איר קאליע מאכן דעם אָוונט. ער האָט וועגן אירע פּארשטאָרבענע באָבעס קיין וואָרט נישט אויסגערעדט: זאָלן די טויטע גיין צו די טויטע — דאָס לעבן גייט זיך ווייטער זיין וועג. אזוי זענען זיי צוגעגאנגען שווייגנדיקע, פּארטראכטע און זיך ליבנדיקע ביז צו די האָרנס.
מרים האָרן האָט זיי אויפגענומען מיט איר גוטמוטיק ווערטל „אז שטיקער זאָלן פון אייך פאלן" נאָך פרייל'עכער ווי געוויינלעך. ס'האָט איר געשראָקן דאָס האַרץ פארן מאָרגנדיקן טאָג, פאר איר בלומקען, וואָס האָט שוין מער נישט מיט וועמען זיך צו חברן ווי נאָר מיט שימעלע שטשערבאטע, דעם שניידער-יונג, און איז געווען צופרידן, אפשר מיט שלוימקען זאָלן ביי זיי איבערנעכטיקן — וועט זיין היימלעכער צו שלאָפן און אפשר וועט זיך בלומקע פארערדן מיט די געסט, און אין עפּעס אנדערש פארגעסן...
— אפשר וועט איר טרינקען, ליבע געסט, טיי מיט צובייסעכץ?
— א דאנק. מיר זענען דאָך נאָר וואָס נאָך אָוונטברויט.
— טייווי, זעצט זיך, וועט מען שמועסן א ביסל. וואָס הערט זיך ביי אייך, שלוימקע? אפשר זענט איר שוין געקומען צונעמען ביי אונדז אסתרן אינגאנצן, אז שטיקער זאָלן פון אייך פאלן! ביי מיר א דרשה-געשאנק איז שוין גרייט פון אייערטוועגן. דו זאָלסט נאָר גוט דרשענען, שלוימקע, — האָט זיך ביי מרים האָרן צעבונדן די צונג.
נאָך איידער שלוימקע האָט נאָך באוויזן א וואָרט צו ענטפערן, האָט איר בלומקע שוין „צעמישט די יוצרות":
— רעדן וועט מען צייט האָבן שפּעטער. דערווייל לאָמיר גיין א ביסל שפּאצירן.
— וואָס!? — איז מרים גאָרנישט קאָנטעט געווען פון דעם שפּאציר — איצט-אָ?
זי האָט געוואָלט, אז לכל-הפחות היינט זאָל זיך בלומקע נישט טרעפן אויף שפּאציר מיט שימעלע שטשערבאטע: ווער ווייסט...

נאָר אסתר האָט זיך דערין גלייך אָנגעכאַפּט: זי האָט געוואָלט אויסמיידן דעם שמועס וועגן אירע באָבעס, אויף וועלכן מרים וועט לויטן שכל־הישר זיכער ארויפפירן, אין צודינען בלומקען, זי זאָל זיך טרעפן מיט שימעלען — א האַרץ פילט מיט א האַרץ, און זיי זענען ארויסגעגאַנגען.

— נאָר זאַמט זיך כאָטש נישט לאַנג, אַז שטיקער זאָלן פון אייך פאַלן! — האָט זיך מרים געבעטן. — א נייער סאָרט כיבוד: פאַרבעטן געסט אויף א שפּאַציר!

קאפּיטל ניין און נײַנציק

אַ שטילער אָוונט

אין דרויסן איז געווען ליידיק און שטיל. קיין איין פּאָרל שפּאַצירער האָבן זיי נישט באַגעגנט. אפשר האָבן די צוויי לוויות אין איין אָוונט געשטערט די שטימונג ביי די יונגטלעכע פּאָרלעך („און איך, אַז אייניקל פון די געשטאָרבענע, ביי חוּלקא יאָ, אַז שטיקער זאָלן פון מיר פאַלן!"), און אפשר איז די סיבה דערפון די שרעקעוודיקע דערוואַרטונג אין שטעטל אויף עפּעס, וואָס דאַרף מאָרגן געשען.

אסתר איז געגאַנגען געאָרעמט מיט שלוימקען, און רחל מיט בלומקען. ס'איז געווען פאַרשטענדלעך, אַז די שוועסטער דערוואַרטן זייערע קאַוואַלערן: רחל — אהרון לעווי, און בלומקע — שימעלע שפּשערבאַטע. דערווייל האָבן זיי געפירט אַ בשותפותדיקן, לויז־געבונדענעם שמועס. ווען זיי זענען שוין אַרויף אויפן לודמירער וועג, אין שאָטן פון די דיקשטאַמיקע ביימער, וואָס זייערע יונגע בלעטלעך איז איצט אין דער טונקלקייט קוים צו אַנען, האָט אסתר זיך פאַרוווּנדערט:

— זעט נאָר, ווי מע זעט נישט קיין מענטשן! אפילו שימעלע באַווייזט זיך נישט!

— ער וועט זיך הייַנט נישט באַווייזן, — האָט בלומקע אַ זאָג געטאָן מיט אַ געלעכטערל, וואָס פאַרטרויעט, אַז אין זיין נישט באַווייזן זיך הייַנט שטעקט עפּעס.

דערפאַר אָבער איז זיי באַלד אַנטקעגנגעקומען דער הויכער און היפּשער סילועט פון אהרון לעווי.

— גוטן אָוונט, פּראָלעטאַריאַט! ענדלעך זעט מען אַ מענטשן... — האָט ער פריילעך אַ זאָג געטאָן, אַריינגעשטעלט זיך צווישן די שוועסטער און גענומען ביידע אונטער די אָרעמס — איך גיי האָ שוין פון דער פאַרשטאָט אָן, די גאַנצע צייט איינער אַליין. סאַראַ שטילקייט. בלויז דער פּאָליציי־קאָמענדאַנט איז מיר דאָ אונטערגעפאָרן רייטנדיק און אַ פרעג געטאָן: „ווער גייט?". „פּאַניע קאָמענדאַנטשע", — האָב איך אים געענטפערט — אזוי פרי אין אָוונט זוכסטו אַרום

גנבים צו כאַפּן?". „אַך, דאָס זענט איר, פּאַניע לעווי! — האָט ער אַ זאָג געטאָן און פאַרענדיקט מיט אַ געלעכטערל — אַן איינזאַמער אָוונט־שפּאַציר... ווי־זשע איז אייער פרייַלין?". און ער איז אַוועק ווייטער. סאַראַ שטילקייט. ווען נישט דאָס כאָר־געזאַנג פון די זשאַבעס און דאָס קלאַפּן פון אונדזער מיל, וואָלט זיך אויסגעדאַכט, אַז נישט בלויז צוויי זקנות זענען אין שטעטל געשטאָרבן (ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו אסתרן), נאָר די גאַנצע וועלט איז טויט, און ס'איז נישטאָ קיינער, ווער סע זאָל זי באַוויינען...

— ווי איר האָט זיך עס פּעסימיסטיש צעזונגען, אַהרון, אין דעם אָוונט פאַרן ערשטן מאַי! — האָט בלומקע אַ זאָג געטאָן מיט איר „פול מויל מיט צונג", און איר קול האָט זיך אָנגעזאַפּט מיט אַ האַלב־שפּאָטישן אָפּלאַכן — ווי דען אַנדערש פּאַסט עס פאַר אַ גבירישן זון?... איך — כאָטש אויך אַ גבירישע טעכ־טערל — פאַרקערט, פיל ערשט, אַז די גאַנצע וועלט לעבט... לעבט אין דער אונטערערד.

זיי האָבן אַלע געשוויגן, נאָכטראַכטנדיק וועגן אירע ווערטער, ביז זי האָט ווייטער אַ זאָג געטאָן:

— נו, וואָס, אַהרון? אייערע אַרבעטער טראַכטן גאָרנישט אָפּצושטעלן מאָרגן די מיל?

— ליידער. ס'איז גאָרנישט צו מאַכן מיט אַזאַ שבֿעלע קאַפּטן, מיט משהלען, און נאָך אַזעלכע — האָט ער געענטפערט, איז געבליבן שטיין און זיך אומגעקוקט אויף צוריק, ווי דערשפּירט עמעצן הינטער די פּלייצעס.

זענען זיי אויך שטייַנגעבליבן און האָבן מיט חשד זיך אומגעקוקט. פון הינ־טער דעם דיקן שטאַם פון דעם בוים, וואָס אַ הונער האָט אַנומלט אין אים אַריינ־געשלאָגן, פון וועלכן זיי זענען געווען נישט מער ווי אַ פּאָר טריט אָפּגעגאַנגען, האָט זיך אַרויסגעשאַרט אַ מענטשלעכער סילועט און געלאָזט זיך גיין שנעל אין דער פאַרקערטער ריכטונג וואָס זיי... איז ער זיי פריער נאָכגעגאַנגען?

— גייט, — האָט אַהרון לעווי אַ זאָג געטאָן שטיל — איך וועל אים אָניאָגן. אין אַ דריי מינוט אַרום האָט ער זיך צוריקגעקערט:

— דער רוח ווייסט אים! ס'איז דער גאַליציאַנער, נחום קאַנדלצוקער... זאָל ער דאָס טאַקע זיין דער שפּיצל?...

— אַ שפּיצל ניובעט געווייגלער דאָרט וווּ ס'דרייען זיך מענטשן, — האָט בלומקע געטראַכט אויפן קול — נאָר וואָס האָט ער איצט דאָ צו טאָן אויפן פוסטן וועג?

— וואָס?—האָט אַהרון לעווי, שוין אין אַ הייטערער שטימונג, זיך געוויצלט, לאַכנדיק — ער איז געקומען אַהער אונטערהערן, ווי דער זשאַבע־כאָר זינגט דעם אינטערנאַציאָנאַל „און דאָס וועט זיין דער לעצטער"...

— כ׳ווייס? — האָט זיך בלומקע נישט אָנגעשטעקט מיט זיין הייטערקייט — אפשר איז ער טאַקע דערויף געקומען: אַ קוק טאָן, וועו ס׳איז דאָ ניש טאָ... גוט, וואָס ער האָט קיינעם נישט געטראָפן. אַ שאָד נאָר, וואָס גראָד איך בין יאָ אַרוים אויפן שפּאַציר.

זיי האָבן זיך ווידער אַלע פאַרטראַכט איבער בלומקעס נישט אינגאַנצן קלאָרע רייד, און דער חשק צום ווייטער שפּאַצירן איז ביי זיי אָפּגענומען געוואָרן. זיי האָבן זיך שטומערהייט אומגעקערט.

צוקומענדיק צום שטעטל, האָט אסתר דערזען, ווי אויפן שאָסיי, דאָרט ביים אויסבייג צום קאָוולער וועג, קעגנאיבער זייער קוזניע, באַוועגט זיך אַ נידערלויפּטן אַ שאָטנדיק שיפל איבער אַ פּלעק פון אַ מענטשן־געזעמל, גייט פאָרויס און פארשווינדט... אהא! די לוויה.

זי האָט זיך שטאַרקער צוגעטוליעט צו איר שלוימקען. אין די אויערן האָט נאָך געזשומט דאָס געזאַנג פון די זשאַבעס. אין לעווים מיל, וואָס האָט מיט איר דרויסנדיקן עלעקטרישן לאָמפּ גאַווהדיק אַריינגעקוקט פון אויבן אַראָפּ אין דעם שטעטל מיט די שוואַרצע שויבן, ווייל געלויכטן האָבן בלויז די פראָנט־פענצטער פון לעווים הויז — האָט חוצפּהדיק אַריינגעהילכט אין דער טונקלקייט און שטילקייט פון דער נאַכט: „זאָלן די טויטע גיין אין זייער רו אַריין... איך אַרבעט... איך וועל מאָרגן, דעם ערשטן מאַי, אויך אַרבעטן!“.

— אַ גוטע נאַכט! אַ גוטן יום־טוב! — האָט זיך אַהרון לעווי געזעגנט מיט זיי אין דער העלער שיין פון זייער הויז.

און זיי זענען אין אַ פּאָר מינוט אַרום געווען לעבן דעם הויז פון די האָרנס. דאָ זענען שוין די פענצטער געווען שוואַרץ... ווייל דער באַלעבאָס פון הויז, דער גביר יאַנקל האָרן, איז שוין עטלעכע יאָר געלעגן אין קבר, און די באַלעבאָסטע לעבט אין זאָרג און שרעק פאַר אירע קינדער.

זיי זענען שטיל אַריינגעגאַנגען. ס׳האָט זיי מקבל־פּנים געווען אַ שטילער זיפץ פון מרים האָרנס בעט. זיי האָבן זיך מיט אַ שטילן שאָרכן אויסגעטאָן און געלייגט אין די בעטן.

אין אַ צען מינוט אַרום האָט זיך געדאַכט, אַז אַלץ שלאָפט שוין. אסתר מיט שלוימקען, כאָטש זיי זענען לאַנג־לאַנג נישט איינגעשלאָפן, זענען אַריינגעפאַלן אין אַן אומרואיקן דרימל. פון צייט צו צייט האָט זיי געוועקט מרימס אַ זיפץ פון גאָענטן צימער. ווי האָט זי געקאָנט רואיק שלאָפן, מרים האָרן, אַז מאָרגן איבערמאָרגן איז דער ערשטער מאַי!

ק אַ פּ י ט ל   ה ו נ ד ע ר ט

דעם ערשטן מאַי

דאָס זיפֿצן פֿון מרים האָרן האָט אסתרן מיט שלײַמיקען ענדלעך אויפֿגעהערט צו שטערן, ווי דאָס זשומען פֿון אַן אײַנזאַמער פֿליג, צו וועלכן מע געוויינט זיך צו, און מע הערט עס שוין גאָרנישט. פֿאַרמאַטערטע פֿון צעדרײטלעכקייטן און נישטצופֿרידנגעשטעלטקייט, האָבן זיי שוין, משמעות, געהאַלטן בײַ אײַנשלאָפֿן. ווי אָנגעשטאָט אַ זיפֿץ האָט זיך אין זייער שאַרבן פֿאַרהאַטשיקעט מרימס אַ קרעכץ, דורכגעזאַפּט מיט שרעק, און זיי אַרויסגעצויגן פֿון שלאָף. די פֿאַרגלייווערטע שטילקייט אין שטוב — ווי זי וואָלט זיך געווויגט מיט אַן אײַנגעהאַלטענעם רויש. אַ קוק טוענדיק איינער אויפֿן אַנדערן מיט פֿרעגנדיקע אויגן אין דער טונקלקייט, האָבן זיי געשפּאַנט זיך אײַנגעהערט. אין דער גרויסער פֿאָדערשטער שטוב האָט זיך געשטיקט אַן אײַנגעהאַלטענער שפּילער טומל.

אסתר האָט געטאָן אַ כאַפּ אַרויף איר שלאָפֿראָק, און איז אַ באָרוועסע אַרײַן אַהין.

זי האָט דערזען מרימען — די קורצע האָר פֿון קאָפּ צעשויבערט, דאָס אַלמנהשע אומעטיקע פּנים צעטומלט, דער בליק צעשראָקן; אין אַ לאַנג, ווײַס נאַכטהעמד, באָרוועס. מיט איין האַנט האָט זי געהאַלטן בלומקען פֿאַר אַן אָרעם, ווי עמעץ, וואָס האָט געכאַפּט אַ גנב און וויל אים פֿאַרהאַלטן. נאָר בלומקע האָט נישט אויסגעזען ווי זי וואָלט וועלן אַנטלויפֿן. זי איז געשטאַנען רואיק, כאָטש אין פֿאַרלעגנהייט, ווי פֿאַרשעמט. אויף זיי ביידע האָט געקוקט פֿאַרשלאָפֿן און מבולבל רחל, וועלכע איז אויך געווען אונטער בלויזן ראָזן נאַכטהעמד און אויך אַ באָרוועסע. ערשט האָט זיך אסתר געכאַפּט, אַז בלומקע איז אין אַ טונקל טיכל איבערן קאָפּ, אין אַ טונקל קליידל און טונקעלע זאָקן, מיט טונקעלע, טוכענע שטעקשיך אויף די פֿיס.

— נו, זאָג שוין, ווו ביסטו געווען? — האָט מרים געפֿרעגט מיט הייסן אָטעם — ווו ביסטו געווען נאָך האַלבער נאַכט?!

— כ׳האָב דאָך דיר שוין געזאָגט, מאַמע — האָט שטיל געענטפערט בלומ־קע און געשמייכלט מיטן אייבערשטן קאַרשן־ליפּל.

— וואָס איז געשען, מרים? — האָט אסתּר געפרעגט דערשראָקן, נאָך נישט ווּיסנדיק אַליין, וואָס איר שרעקט.

— אַז שטיקער זאָלן פון איר פאַלן! —האָט מרימס קול געפליעט, אָן דעם שטענדיקן טאָן פון גוטמוטיקייט. זי האָט אַ טרייסל געטאָן בלימקעס אָרעם און זי ענדלער אָפּגעלאָזט.

— אָט וואָס עס געשעט! — האָט בלומקע, ווי ענטפערנדיק אויף אסתּרס פראַגע, אַ ווייז געטאָן מיט דער האַנט צום פענצטער — דער הימל ווערט רויט...

דורך די צוויי גרויסע פענצטער מיט די אַראָפּגעלאָזטע פאָרהאַנגען אויפן גאַנעק אַרוים האָט זיך דורכגעזייעט אַ ראָזע שיין. ערשט איצט האָבן זיי זיך געכאַפּט, פאַרוואָס זיי האָבן זיך אַזוי גוט געזען אין דער טונקלקייט פון שטוב און וואָס האָט געשראָקן: ס׳ברענט ערגעץ!

שלוימקע האָט שטיל אָנגעקלאַפּט אין טיר און געפרעגט:

— מע קאָן?

— ניין, ניין! — האָט מיט אַ פאַרלעגן קול, ווי הייזעריקלעך, אַ זאָג געטאָן, רחל און איז ארויסגעלאָפן. איר איז פאַמעלעך נאָכגעגאַנגען מרים.

— קומט אַריין, שלוימקע, וועט זיין היימלעכער. — האָט בלומקע שטיל אַ רוף געטאָן.

שלוימקע איז אַריינגעקומען שוין אַן אָנגעטאָענער. און אַלע דריי האָבן זיי זיך געשטעלט, פאַרהייבנדיק דעם פאָרהאַנג, ביים פענצטער. באַלד איז אויך רחל צוגעקומען אין אַ שלאָפראָק. דער הימל, אַ רויטער, האָט דורכגעאַנגד זיך גע־פינקלט און אויפגעלויכטן. די דעכער פון די קלויסטערס קעגנאיבער זענען געווען ראָז באַלויכטן, און זייערע מעשענע צלמים אויף די שפּיצן האָבן געשימערט, ווי קעגן אַ זונאויפגאַנג. פון דעם פענצטערל פונעם קאָשטשאָל־בוידעם האָבן זיך ארויסגעטראָגן מחנות טויבן, געפלאַטערט אין דער הייך און געשימערט קעגן דער ראָזער שיין. נאָר אונטן דער שאָסיי איז געלעגן פאַרשטיינערט. קיין לעבעדיק נפש האָט אים נישט באַמרואיקט. דאָס שטעטל איז, הייסט עס, פאַרזונקען אין שלאָף.

— ווי ס׳וואָלט געברענט אין עטלעכע דערפער מיטאַמאָל, — האָט בלומקע גערעדט מיט זאָרג און אומרו צו זיך אַליין.

— וואָס זאָרגסטו זיך אַזוי פאַר די גויים, יאַנקל האָרנס טאָכטער? — האָבן זיי דערהערט הינטער זייערע פּלייצעס מרימס קול — דיין מאַמע האָט אויך פאַר זיי געזאָרגט?

נאָר זיי האָבן זיך געמאַכט נישט הערנדיק און געפרעגט זייערע פראַגן:

— ווו איז די פּאָזשאַרנע־קאָמאַנדע?

— און פאַרוואָס שווייגן די קלויסטער-גלעקער?

— און פאַרוואָס פייפט נישט ישראל לעווים מיל?

— איכל גיין א קוק טאָן, — האָט זיך שלוימקע א באַוועג געטאָן.

— איך לאָז דיך נישט! — האָט אים אסתר צוגעהאַלטן.

אין דער רגע זענען מיטן שאָסיי אָנגעפאָרן פון לודמירער וועג צוויי רייטער-פּאָליציאַנטן. די פּאָדקאָוועס האָבן אויסגעשלאָגן פונקען פון די שטיינער, און די שטיינער האָבן געוועקט דאָס שטעטל, ווי מע וועקט א טויטן.

זיי האָבן זיך אַלע אינסטינקטיוו צוריקגעצויגן פון פענצטער, גלייך ווי די רייטער וואָלטן זיי געקאָנט פון דאָרט דערזען. די רייטער זענען פאַריבער, און דער שאָסיי איז ווידער שטום געוואָרן. בלומקע, וועלכע איז אינגאנצן ארויסגעגאנגען, איז צוריקגעקומען אין שלאָפראָק און באָרוועס, ווי אסתר און רחל.

— און איר, שלוימקע, — האָט זי א זאָג געטאָן — שטייט אין אויסגעפוצטער, ווי צום שפּאַציר אַרויס...

אין דעם מאָמענט האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן, אַז בלומקע פאַרבינדט די שרפות אין די דערפער און דאָס טויטע שטילשווייגן פון דעם שטעטל מיט די רייטער-פּאָליציאַנטן און דעם מאָרגנדיקן טאָג... וואָס טאַקע האָט זי געטאָן אינדרויסן, בלומקע?... זי מיינט אַפּנים, אַז פּאָליציי קאָן אָהער אַריינפאַלן, און דערפאַר איז גלייכער, זי זאָל דאָ קיינעם נישט טרעפן אינעם אָנטאָן.

— נו, קינדער, אַז ס'איז שטיל און שאַ, — האָט מרים געמאַכט א סכּהכּל — איז לאָמיר בעסער גיין אין די בעטן אַריין. און זי האָט, די ערשטע, געוויזן א ביישפּיל.

איר איז נאָכגעגאַנגען רחל. נאָר בלומקע איז ווידער צוגעגאַנגען צום פענצטער, פאַרהויבן א ווינקל פאָרהאַנג און געקוקט אין דעם ראָזן דרויסן, ווי א פאַרבשופטע. זי האָט איצט געשוויגן, ווי זי וואָלט גאָרנישט אַנען אסתרס און שלוימקעס בייזיין, אָדער מיינען, אַז אויך זיי זענען שוין אַרויסגעגאַנגען. האָבן אסתר און שלוימקע זיך פאַרשטענדיקט מיט די בליקן און שטיל אַריינגעשלייכט צו זייערע געלעגערס.

שלוימקע האָט זיך אויסגעטאָן. נאָר איינשלאָפן האָבן זיי מער נישט געקאָנט. זיי זענען געלעגן שטיל, איינגעקוקט אין דער ראָזלעכער שיין פון שטוב, צו וועלכער זיי האָבן פאַרגעסן צו פאַרמאַכן די טיר. נישט זייענדיק מיט בלומקען, זענען זיי מיטן געדאַנק געווען מיט איר, און מיט אירע אויגן אַרויסגעקוקט אין דעם דרויסן מיטן רויטן הימל און איבערגעשראָקענע, פלאַטערנדיקע טויבן...

ביסלעכווייז האָט זיך די רויטקייט פונעם הימל גענומען אויסוועפּן, ווייל ס'האָט גענומען טאָגן, ליכטיקער און ליכטיקער ווערן. זיי האָבן גאָר אַליין נישט געפילט, ווי דער פאַרטאָג האָט זיי ענדלעך איינגעשלעפערט.

פון שלאָף האָט זיי אויפגעטרייסלט אַ געקלונגעריי פון די קאַשטשאָל־גלעקער. די פּראַוואָסלאַוונע קלויסטער־גלעקער קלינגען אַנדערש... וואָס פאַר אַ קאַטוילישער יום־טוב איז עפּעס היינט אומגעריכט? ניין. דאָס איז אַ אַליאַרם־געקלונגעריי, ווי בעת אַ שׂרפה. וואָס־זשע האָבן זיי זיך ערשט איצט דערמאָנט? איז אפשר אַ שׂרפה אין שטעטל גופא?!

אסתר און שלוימקע האָבן זיך שנעל אָנגעטאָן און אַרויס אין דרויסן. ס׳איז שוין העלער טאָג. ס׳זענען שוין אַפילו אָפּן עטלעכע קלייטן. די זון שטייט אַ פרישע אין הימל. קיין פייער און קיין רויך פון שׂרפה זעט מען נישט אין ערגעץ. נאָר ס׳איז אַן אָנגעלויף אַהער צום שאָסיי. ס׳לויפן מערסטנטייל יידן, אָבער אויך נישט־יידן. טייל יידן האָט עס פאַרכאַפּט אין גיין אין בית־מדרש דאַווענען, מיט די טליתים אונטער די אָרעמס. זענען זיי, אסתר און שלוימקע, אויך מיטגעלאָפן.

שטייענגעבליבן, האָבן זיי לעם זיך דערזען רחל און בלומקע האָרן און שבעלע קאַגאַן. ערשט האָט צוגעשפּאַנט צו זיי אהרון לעווי און איינגערוימט אויפן אויער מיט הפסקות:

— אין די דערפער איז היינט ביינאַכט געווען נאָר „פּריילעך" — פּאַציפי־קאַציע... ס׳זענען אונטערגעצונדן געוואָרן הייזער און שייערן... דער הימל איבערן שטעטל איז רויט געווען די גאַנצע נאַכט... אַן אילומינאַציע צום ערשטן מאַי... די פייערלעשער האָבן זיך נישט געטאָרט רירן פון אָרט... ביי אונדז אין מיל איז פאַרזאָגט געוואָרן, די סירענע זאָל זיך נישט דערוועגן צו אַליאַרמירן... המם... אין שטעטל און אויף דער פערשטאָט זאָל אויך האָבן עפּעס פאָרגעקומען... ביי וועמען?... ווייס איך נאָך נישט... מע זאָגט, מ׳איז געווען ביי דיין פעטער זרח דעם רויטן... ניין, איך שפּאַס נישט... מ׳האָט פון דאָרט אוועקגעפירט...

— שרצ׳ען?! — איז אסתר געוואָרן איבעראַשט.

— נו, דאָס שוין גראָדע נישט, — האָט אהרון לעווים פּנים אַ לאַך געטאָן צוזאַמען מיט זיינע פּענסנע־גלעזער — קיין בונדיסטן נעמט מען נישט אין חדר אַריין... שטעל זיך פאָר, אַז זיי האָבן נאָר אַרעסטירט זיין בן־יחיד...

— בוניעקן?! דעם פעטערס „פּרינץ"?!

— יאָ, דעם „פּרינץ"... ער האָט דאָך געלערנט ביי אונדז אין שול! — האָט אַ קלוגע געטאָן אַ נאָקעלע שטאָלץ אין לעוויס שטים, און ער האָט פאַר־ענדיקט — זיין קראַנקע מאַמע, טעמע „די חביצן", איז פאַר שרעק און צרות איינגעפאַלן...

אסתרן האָט שטאַרק אַ זעץ געטאָן אין האַרץ און אין די שלייפן. זי האָט זיך געטאָן אַ קוק אַרום — אפשר דערזעט זי עמעצן פון זייער שטוב. צי איז, חלילה, דאָרט עפּעס קיין שלעכטס נישט געשען? זי האָט זיך אַ ריר געטאָן פון אָרט צו גיין אַהין, נאָר שלוימקע האָט זי צוגעהאַלטן. און לעווי האָט ווייטער געשעפּטשעט:

— איצט קלינגען זיי אין קאַשטשאָל — פּאָליציי האָט באַפוילן — כּדי אַפּנים צו ווייזן דעם עולם עפּעס אַ ספּעקטאַקל. אָט הייבט זיך עס מאַקע אָן...

אויפן שאָסיי=אויסבייג פון לודמירער וועג האָט זיך באַוויזן אַ פּאָליציאַנט, רייטנדיק אויף אַ פערד און באַגלייט פון אַ וואָלף=הונט.

— אַראָפּ פון שאָסיי! — האָט ער געשריגן.

און ווער פון די אָנלויפנדיקע ס'האָט דאָס נישט באַוויזן צו טאָן, האָט זיך אויף אים אַ לאָז געטאָן דער הונט.

דער שאָסיי איז געווען ריין. דער עולם איז שטיינגעבליבן אים לענגוים אין אַ געדיכטער, געבראָכענער שורה, ווייל אַלע האָבן עס אַזוי פאַרשטאַנען, אַז צו דעם צוועק האָט זיי דער גלאָקן=אַליאַרם אַהער אַרויסגערופן.

און מיטאַמאָל האָט זיך מיטן שאָסיי אַרויסגערוקט, אַ ריי נאָך אַ ריי, אַ מחנה אוקראַיִנישע פּויערים פון אַ פופציק פאַרשוין. די מחנה איז באַגלייט אין די זייטן און פון הינטן מיט רייטער=פּאָליציאַנטן און עטלעכע הינט. אַ היפּשע צאָל פון די געפירטע איז אָן היטלען. מייניסטנטייל זענען דאָס יונגע בחורים. צווישן זיי עטלעכע מיטליעריקע און אויך צוויי יונגע פּויערטעס. די מחנה דערנענטערט זיך מיט פּאַמעלעכע אָקסנשריט — צי ווייל זיי זענען שוין שטאַרק פאַרמאַטערט פונעם גאַנג, צי זיי ווערן אַזוי געפירט מיט דער כוונה, אַז דער ספּעקטאַקל פאַרן שטעטל זאָל זיך לענגער פאַרציִען. ווען זיי קומען נענטער, דערקענט מען אויף אַ סך לויט זייערע סערמיענגעס, אָדער האַלבע שולופּלער, ערטערווייז צעריסענע, פאַרבלאָטיקטע, אויסגעריטע און אפילו פאַרבלוטיקטע — ביי וועמען ס'הענגט נאָך אַן אָפּגעריסענער אַרבל, ביי וועמען אַ שטיק פּאָלע — אַז פאַרן מאַרש און אפשר אויך בעת אים זענען זיי מערדעריש באַאַרבעט געוואָרן פון זייערע באַגלייטער מיט די הינט. אין סאַמע פראָנט פון דער מחנה גייען צוויי גאָרנישט אָנזיכטיקע פּויערים. ביי איינעם פון זיי הענגט אַראָפּ דער אָפּגעריסענער רעכטער אַרבל פון דער סערמיענגע, און מיט זיין אַנטבלויזטער האַנט, אין אַ ווייס=קויטיקן העמד=אַרבל, האַלט ער זיך צו אונטערן האַרצן, ווי ער וואָלט דאָ געהאַט אַ וווּנד. דער צווייטער — אַ פּויערל מיט בלאָנדע, פאַרשטויבטע און צעקאָשמעטע האָר. אָט דרייען זיי אויס די קעפּ צום שטייענדיקן שטעטלדיקן עולם. דער מיטן אָפּגעריסענעם אַרבל זאָגט עפּעס זיין איינציקן חבר אין דער ריי אויפן אויער און הייבט דערביי אויף זיין אַנטבלויזטע האַנט מיטן ווייזפינגער צום קאָשטשושקאָ=דענקמאָל. מיטאַמאָל טוען זיך אַלע קעפּ פון די געפירטע אַ ווענד אַהין. טוען די שטייענדיקע צוקוקער אויך דאָס אייגענע. ערשט באַמערקן זיי — זע נאָר, אויפן דענקמאָל איז דאָך פאַרוואָרפן אַ רויטע פאָן! ווי נאָר=וואָס וואָלט זי פונעם הימל אַראָפּגעפאַלן! אין מיטן העלן טאָג... כוואַטסקע...

אסתר האָט צוריק אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו דער פּויערים=מחנה. דער ערשטער פּויער מיט דער נאָך אַלץ אויסגעשטרעקטער האַנט איז איצט פּונקט קעגנ=

איבער איר. זי זעט זיין צעבלוטיקט פּנים און... זי ווערט פאַרגליווערט צוזאַמען מיט דעם אויסגעשריי, וואָס רייסט זיך איר אַרויס פון דער טרוקענער קעל:

— מיין איציק!

— מיין שימשל! — שרייט איר איבער אַ יאָמערלעכע שטים פון אַ פרוי, וואָס גייט, דאַכט זיך, חלשן. אַרום איר איז געוואָרן אַ טומל, שימשלס מאַמע אוודאי.

— שימשל שטשערבאַטע — האָט לעבן אסתרן וויטיקלעך אַ שעפּטשע געטאָן בלומקע האָרן — אָבער די פּאָן זעט ער... ער לאָזט נישט אַראָפּ קיין אויג פון איר...

אסתר האָט אַ טראַכט געטאָן: דאָס האָט זי עס ביינאַכט די פאָן פאַרוואָרפן!...

אין דעם מאָמענט האָט זיך פון דער מחנה אַרויס דערהערט אויפגיין אַ פּעסטע זאַפּטיקע שטימע. זי האָט איבערגעזונגען אויף אוקראַיניש דעם אינטערנאַציאָנאַל. און מיטאַמאָל האָט מיטגעזונגען די גאַנצע גרויע מחנה, וועלכע האָט ווי פאַרלוירן איר גרויקייט און געוואָרן יום-טובדיק. דאָס גלאָקן-געקלינגערײַ האָט זיך איבערגעריסן. העל און קאָלירדיק האָבן געקלונגען צוויי פרויען-שטימען — דאָס האָבן אַפּנים געזונגען די צוויי פויערטעס. לעבן זיך האָט אסתר געהערט, ווי ס'ברומט אונטער בלומקע האָרן, שטיל און הייס.

די פּאָליציאַנטן זענען מבולבל געוואָרן פון אומדערוואַרטקייט און איבעראַשונג, נאָר גיך זענען זיי צו זיך געקומען. דער ערשטער רייטער-פּאָליציימאַן האָט אַרויסגעצויגן דעם רעוואָלווער און אָנגעצילט אים אויפן כאָר; זיין ביישפּיל האָבן נאָכגעטאָן די איבעריקע פּאָליציי-רייטער.

— שטומען! — האָט ער אַ רעווע געטאָן.

אין דעם מאָמענט האָט אַ בליץ געטאָן אַ ווייסער גומענער שטעקן איבער איציק פּריסיקס קאָפּ. דאָס געזאַנג האָט זיך איבערגעריסן.

— גיין פּאָרווייס! — רעוועט די קאָמאַנדע, און אויף דער צוריק גרויגעוואָרענער מחנה טוען זיך אַ לאָז מיט נעביל און גריזשענדיקע ציין די הינט. ס'פּאַלט אַ שאָס פון אַ רעוואָלווער.

די מחנה האָט אָנגעהויבן שנעלער צו שפּאַנען.

— וווהין פירט מען זיי? — האָט זי געהערט פרעגן עמעצן פון צווישן עולם.

— אויפן פּאָסטערונעק אוודאי.

— ניין. צום קוקט. מע פירט זיי אַראָפּ אין דער בית-מדרש-גאַס. המם...

— וועט מען זיי דאָרט אַרום אוודאי פירן אויף לודמירער וועג צום באַן.

— זיי זענען געקומען פון לודמירער וועג. האָט מען זיי דאָך געקאָנט גלייך פירן צום באַן?

— האָב איך מאַקע געזאָגט, — ברומט אהרון לעזי מיט און ערנסט פּנים און פינצטערע פּענסנע-גלעזער — מ'האָט געוואָלט ווייזן דעם עולם אַ ספּעק-

מאַקל. נאָר... דער ספּעקטאַקל איז זיי אויסגעפאַלן באַקעם — זיי האָבן צוגעהאָלפן צו דער שענסטער מאַי־דעמאָנסטראַציע...

— איך לויף אהיים! — האָט אסתר פריסיק זיך אַרויסגעריסן פון שלוימעקעס האַנט — כ׳וועל שפּעטער זיין ביי די האָרגם.

די היים האָט אויף אסתרן אומעטיק אַ קוק געטאָן מיט אַ צעלאָמעטער טיר און אויסגעהאַקטע שויבן. ס׳האָט איר פריטשמעליעט דעם קאָפּ, און זי האָט גלייך פאַרשטאַנען...

מיט אונטערגעזעגטע פיס איז זי אַריינגעגאַנגען אין שטוב. חורבן. דאָס מעבל שטייט נישט אויפן אָרט, איז טיילווייז צעבראָכן. אויף דער פּאָדלאָגע וואַלגערן זיך אַרום צעריסענע סידורים, מחזורים, אַ תפילן מיט אַ רצועה.

דער טאַטע מיט נפתליצן, ביידע מיט פאַרביסענע און פאַרחושכטע פנימער, האָבן אָן ווערטער זיך געפּאָרעט צו ברענגען די שטוב אין אָרדענונג. אסתר איז זיי פאַרבייגעגאַנגען צו זיך אין צימער אַריין. דאָ האָט זיך שטאַרק געפילט מיט נאַפט: אויף דער פּאָדלאָגע אויף אַ גרויסן נאַסן שוואַרצן פלעק איז געלעגן אין שערבלעך דער שיינער לאָמפּ. אַרום האָבן זיך געוואַלגערט אירע ביכלעך, טייל צעפליקטע, און די בריוו פון שמעון אַדלער און איר שלוימקען. דאָס ראָזע בענדל, אין וועלכן שמעון אַדלערס בריוו זענען געווען פאַרבונדן, איז געלעגן אַ קוויטיקס אויפן נאַפט־פלעק. זי האָט דאָס אַלץ שטום באַטראַכט מיט אַ בלאָנדזשענדיקן בליק און איז צוריק אַריינגעגאַנגען אין שטוב.

דער טאַטע האָט ענדלעך אויפגעהויבן אויף איר די אויגן, אין וועלכע ס׳איז קיין איין פונק נישט געווען, און אָפּגעכאַפּט אַ פרעג געטאָן, ווי מע רירט זיך צו צו אַ וונד:

— אפשר ווייסטו וווּ איציק איז? ער האָט דאָך איך אין דער היים נישט גענעכטיקט...

—מ׳האָט אים אוועקגעפירט קיין קאָוולע... — האָט אסתר אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— אַ־אַ־זוי?... — האָט ער ווי אַ פרעג געטאָן, אָבער אין דעם טאָן האָט זיך געפילט אפילו אַ שלום מאַכן מיטן געשעענעם אומגליק.

אסתר האָט צוריק אויפגעהויבן דעם קאָפּ און פאַרוואונדערט אים אַריינגעקוקט אין די אויגן. אין זייער טיף האָט זי געזען אויפפינקלען עפּעס אַ געדאַנק.

אין דעם מאָמענט האָט זיך דערהערט פון טאַטע־מאַמעס צימער דער מאַמעס אַ ווייגעשריי. אסתר איז אַריינגעלאָפן. חורבן. אַ צעריסענע קישן. פעדערלעך בלאָנדזשען אַרום אין דער לופט. און אינמיטן דעם חורבן זיצט די מאַמע אויפן נידעריקן שבעה־בענקעלע און רייסט זיך די האָר פון קאָפּ. ס׳איז נישט קלאָר: צי זיצט זי עס שבעה נאָך איר אַלטער מאַמע, די באָבע ליבע חיה? צי אויפן חורבן פון דער שטוב, וואָס די פעדערלעך אין איר לופט דערמאָנען אין אַ צע-

שטערטער נעסט? צי נאָכן לעבעדיקן זון, איציקן, וואָס איז דאָס צווייטע מאָל אוועק אין תפיסה, און ווער ווייסט, ווען ער וועט זיך אַמאָל אומקערן אהיים!?...

אסתר האָט דערפילט — א קלעם, ווי פון קנאָכנדיקע, שטיקנדיקע פינגער האָט זי ארומגעכאַפּט פאַרן גאָרגל. זי האָט זיך געטאָן א וואָרף אויף די קני, ארומצוכאַפּן די אומגליקלעכע מאַמע, זיך צוזאמענצוגיסן מיט איר אין א בשותפותדיק געדריט געוויין. נאָר אין דער רגע האָבן זיי דערהערט פון דער מיר דעם פאָטנס שטרענג און טרוקן קול:

— לייגט נישט איין די וועלט, ווייבער...

אַנטשטוממטע האָבן זיי אויפגעהויבן צו אים די אויגן. ער איז געשטאַנען אין דער מיר אַן אויסגעגלייכטער, און זיינע אויגן האָבן ווי תמיד געזשאַריעט:

— ווען איך אליין וואָלט איצט זיין אין איציקס יאָרן...

* * *

אויפן צווייטן טאָג פון דער פאַציפיקאַציע האָט דאָס שטעטל דערמאָנט אין א פעלד מיט צייטיקער תבואה נאָך א האָגל־שטורעם — די זאנגען ליגן אויסגעצויגן־דערשלאָגן, די קעפּלעך איינגעטונקט צו דער ערד, פארשמוציקטע מיט בלאָטע. אפילו אין דעם ציוניסטיש־תרבותיסטישן לאַגער האָט מען זיך דאָס מאָל נישט געפרייט מיט דער מפּלה פון די רויטע, וויל — „ס'איז געווען ווי א פאָגראָם, און ווי ווייט איז פון סתם א פאָגראָם ביז א יידישן פּאָגראָם!".

פּאמעלעך, מיט היציקן, איינגעהאַלטענעם אָטעם זענען פארבייגעגאנגען דאָס שטעטל די זומער־חדשים, ווען דער דאָרפס־פויער קומט בכלל וויניק אין שטעטל אריין, די יארידים זענען קיין יארידים נישט, און די קרעמער דרימלען און געגעצן אויף די שוועלן פון די קלייטן. נישט געקוקט אויף די היצן, פלעגט פונדעסטוועגן אפילו די יוגנט וויניק זיך באַווייזן פאַרנאַכט אויפן שפּאַציר ארוים. מ'האָט זיך געהאַלטן אין די שאָטנס פון די שטיבער און גערעדט שטיל, ווי עמעץ א שפּיצל וואָלט אונטערגעהערט. בלויז דאָס אומאויפהערלעכע מעת־לעתדיקע קלאַפּן פון ישראל לעווים מיל און דער זעלטענער אָפּהילך פון דעם האַמער אויף דער קאָוואַדלע אין די קוזניעס האָבן צו וויסן געטאָן, אז ביים שטעטל שלאָגט נאָך דער דופק... און אויב אזוי, קאָן מען זיך שטויסן, אז מיטן ארעסט פון די פיר „רויטע" יידישע בחורים: איציק דאָדיע קאָוואַלס, שימשל שטשערבאַטע, בוניעק זרח דעם רויטנס און חנאָ וואָלף, פעסיע חוה דער דאָרפסגייעריננס, ווי אויך מיט די עטלעכע אוקראַינישע „רויטע" פון דער פערשטאָט — האָט מען נאָך די גאנצע רויטע חברה נישט פארטיליקט... „זיי האָבן זיך בלויז אויף א וויל פארטייעט: „עד יעבור זעם" — ביז די ערשטע צעמישעניש וועט אריבער. דערנאָך וועלן זיי ווידער אָנהייבן צו וויעווען, און מ'עט נאָך האָבן פון זיי צו זינגען און צו זאָגן"...

דער צער פֿון טאַטעס

ביי ראָדיע קאָוואַל אין שטוב האָט מען נאָך דער פּאַציפֿיקאַציע און איציקס ארעסט געהאַט דאָס געפֿיל, ווי די ווענט וואָלטן זיך איינגעבויגן אינעווייניק אריין, די סטעליע וואָלט זיך אראָפּגעלאָזט, און די מענטשן דאָ גייען מיט אראָפּגעבויגענע קעפּ און פּלייצעס, צוגעדריקט פֿון א שווערער משא. מ'האָט ווייניק גערעדט, אפילו נישט וועגן איציקן. הייַנטיקס מאָל האָט ראָדיע גאָרנישט געפּרווט צו טאָן, כדי אים צו באַפרייען, צו ראַטעווען אים: ערשטנס, ווו נעמט מען אין אזא שלעכטער צייט געלט דערויף? צווייטנס, איז נישטאָ די מינדסטע האָפֿענונג, אז נאָך זיין צווייטן ארעסט, איציקס, נאָכן כאַפּן אים אין דאָרף, פֿארשטעלט פֿאר א פֿויער, פֿונאַנדערטיילנדיק אומלעגאלע ליטעראטור — זאָל מעגלעך זיין עפּעס אויפֿצוטאָן. דריטנס, און אז מ'האָט נאָך זיין ערשטן ארעסט איינגעלייגט די וועלט, האָט עס דען א ברירה געהאָלפֿן? וויפֿל ס'איז שוין באַשערט, אזויפֿיל וועט ער אָפּקומען. מע זאָל אים נאָר נאָך אמאָל זען א לעבעדיקן!...

אייגענע מענטשן האָבן אויפֿגעהערט אריינצוקומען צו ראָדיען אין שטוב אריין: נישט דער שוואָגער יונה סעווערויק מיט דער שוועגערין לאה, נישט בעריש וועלוול, דעם איידעם הערצלס ברודער, און נישט דער „מאַדיאַר“. אויך שלוימקע, דער חתן, הגם ער האָט אָנגעהויבן קומען צו אסתרן אָפּטערער, ווייל ער האָט באַקומען מער צייט — האָט זיך מער נישט פֿארנומען מיט דער בונדישער פּארטיי־ארבעט (ער וואָלט אפשר אריבער צו די „רויטע“, ווען... ער זאָל נישט געווען האָבן אסתרן, וואָס האָט געציטערט איבער זייער ביסעלע עגאָיסטיש גליק...) — איז ער אָבער פֿון ערב ערשטן מאי נישט אריבערגעטרעטן מער די שוועל פֿון זייער שטוב.

מינציע האָט געוויינט אין אלע ווינקעלעך שטיל, אָן רייד און אָן פֿארקלאָגן זיך אויף קיינעם נישט, און אלץ איז פֿאר איר געווען א געלעגנהייט דערצו: די מילך איז אויסגעלאָפֿן; די קו האָט פֿארשפּעטיקט צו קומען פֿון דער טשערדע; די קאַץ איז ארויסגעגאַן און נישט צוריק געקומען.

דאָדיע האָט האַרטנעקיק געשוויגן און ארויסגעקוקט פון הינטערן דאַשעס מיט א בליק פון חשד צו אלע אין שטוב און צו דער גאַנצער וועלט: אז איציק האָט זיך געקאָנט פאר אים עטלעכע יאָר אזוי פארטייען, איז דאָך שוין עק וועלט... ער איז געווען פארפינצטערט, דאָדיע, און ווי פארפאַנצערט אין זיין שווייגן. ער האָט אָפט אויסגעזען ווי א מענטש, וואָס דאָס לעבן איז אים נישט ניחא, ווי ס'וואָלט אים גענאָגט א פארבאָרגענע קרענק, הגם ער קלאָגט זיך נישט פאר קיינעם אויף גאָרנישט. ער האָט געבענקט נאָך איציקן.

נפתליע האָט ביי יעדער געלעגנהייט געוואָרטשעט אין זיך אריין, כאָטש געטשעפעט האָט ער זיך נישט צו קיינעם באַזונדער.

אויך אסתר האָט איינגענומען שטומעניש — אין שטוב, און אפילו אויף דער ארבעט ביי רחל האָרן. זי האָט מער נישט געוואַגט צו מאַכן וועלכע ס'איז אָנצוהערענישן וועגן העם גרן און דער חתונה. דאָ אין שטוב איז דאָך שוין נישט איינצוזיצן! ס'מוז דאָך א סוף נעמען דערצו, ס'הייסט צו איר זיצן, און וואַרטן אויף דער חתונה! כאָטש וויאזוי וועט דאָס געשען איצט, ווען איציק פייניקט זיך אין תפיסה — איז איר שווער געווען אפילו זיך פאָרצושטעלן.

אזוי זענען אריבער חדשים נאָך חדשים. און אָט — א יאָר. די צייט קריכט ווי א ראַק, און פארשווינדט ווי א פויגל.

אום האַרבסט האָט זיך ביי דאָדיע קאָוואַל אין שטוב א רודער געטאָן. א וואָך פאר ראש-השנה האָט זיך בוניעק, „ס'ניונעקל“, אומגעקערט פון מיליטער-דינסט.

אין אָנהייב איז די פרייד אין שטוב מיט בוניעקן גרויס געווען: איציק איז אוועק — ער איז געקומען. וועט זיך פאָרט אויסלייטערן אביסל די מרה-שחורה דאָ; און קינדער וועלן צוקומען אייגענע צוויי הענט — עפעס א קלייניקייט! נאָר שוין אין א טאָג, צוויי, האָט די פרייד זיך אָפּגעזעצט, ווי הייוון. בוניעק האָט פון דער דינסט צוריקגעבראַכט דאָס הילצערנע קעסטל, וואָס ער אליין האָט עס פאר זיין אוועקגיין דינען אָפּגעפאַרבט ציוניסטיש — די אונטערשטע טייל, בלוי, און די אייבערשטע, דאָס דעקל, ווייס, כדי דאָרט, אין גלות פון מיליטערדינסט, נישט צו פארגעסן אין ארץ-ישראל און אין זיין שפרהן, דער חברטע די חלוצהקע. נו, האָט ער מאַקע נישט פארגעסן. ער האָט זיך, משמעות, איבערגעשריבן מיט דער חברטע, און ער ווייסט, אז זי וואַרט נאָך דאָרט אויף אים, אין דעם שומרישן קיבוץ, ביזן הייגטיקן טאָג, און זי איז גרייט צו וואַרטן „אפילו ביז משיח וועט קומען“. און דערפאר האָט ער באַלד אָנגעהויבן צו רעדן וועגן פאָרן קיין ארץ-ישראל. ער פארלאַנגט נאָר, דער טאַטע זאָל אים אביסל אויסקליידן (כאָטש שפרה שרייבט אים, אז אומבאַדינגט איז עס נישט, ווייל סיווי ווערט ביי זיי אלץ אריינגענומען אין שותפות אריין) און געבן געלט אויף הוצאות-הדרך. נאָך דער ארבעט פלעגט ער גלייך אוועקן צו „זיינע“ חלוצים.

האָט נפתליציע, „דער קרומער הונט", באַקומען צוריק זיין הינטיש לשון:

— קרחת אין א קליין טעפּעלע קאָנסטו זיך אויסבייטן! מ'האָט געשיקט דעם פעטער שאַמע שמש נאָך אים, דעם ווייס־בלויען, ציגערנעם סאָלדאַט! מעגסט זיך אפילו אָפּפאַרבן אויף ווייס־בלוי די נאָז — וועמען אַרט עס? נאָר געלט — א קרענק!...

— מאַמע שענק אים א נדבה די פּאַפּירענע שקלים, וואָס די ציוניסטלעך האָבן היינטער דיין ווייסן פאַרהאַנדלט דער מאַמען, און זאָל ער זיי דאָרט אויסבייטן אויף באָקסערס אין פייגן... איין גרויסע פייג קאָנסטו פון מיר קריגן, „ביוגעקל", „ציידעלע־דרערער" (צדה־לדרך). קאָנסט מיט זיך אויך מיטנעמען דיין קעסטל, דאָס ווייס־בלויע טרומנעלע... נאָר א ליידיקס!... אז אין א ווייס־בלויער טרומנע וואָלט מען דיך אריינגעלייגט, אייהער דו ביסט אהיימגעקומען פאַרדרייען דעם קאָפּ!

דאָדיע האָט זיך געריבערט און עס געמאַכט א ביסל איידעלער און קירצער:

— אויב ביים „בן" איז רעכט איבערצולאָזן אין אזא צייט טאַטע־מאַמע, די היים און די קרובים, — איז נישט נאָר ער וועט אים נישט אויסקליידן, נאָר אפילו די מייטקעס פון דער היים וועט ער פון אים אראָפּציען, און זאָל ער גיין מיטן הוילן אהין, ווו די ייִדן האָבן געקומט!

אָבער בוניעק פאַלט ביי זיך פון זייערע קולות נישט אַראָפּ. ער הערט אַלץ אוים באַהערשט, שטיל, ווי א „גיונעק", און ווען זיי האָבן שוין זייערס אָפּגעשריגן, טוט ער א ברום, ווי א זלידנע פליג:

— סייווי... סייווי וועל איך עולה זיין...

— וועסטו זיין הוילע גדולה! — וואָרטשעט דער טאַטע מיט שפּאָט.

און בוניעק חזרט ווידער איבער, ווי א זלידניע, שטילערער נאָך:

— סייווי... סייווי... וועסט נישט האָבן פון מיר ווייניקער נחת, איידער פונעם „תפיסהניק".

דאָדיען האָט עס, אין אונטערגעצונדענעם, געגעבן א הייב פונעם אָרט, אים רוחס צו זיין. בוניעק, דאָס אמאָליקע „גיוניעקל", דער אָפּגעדינטער פּוילישער זעלנער, האָט זיך אים געטאָן א שטעל אקעגן, ווי אויפצונעמען א קאמף מיט א שונא. נאָר אין דעם מאָמענט האָט זיך געעפנט די טיר און ס'איז אריינגעקומען אָן א „גוטנאָוונט" שאַמע שמש. ער האָט אָנגעשטעלט אויף דאָדיען וואַכערדיקע, אָבלדיקע אויגן און א זאָג געטאָן:

— דאָדיע! ס'איז טעמע זרחס לוויה... אייגן בלוט און פלייש... אונדזער זרח איז שוין נישט קיין רויטער — די צרות האָבן אים אָפּגעווייסט... דער בן־יחיד, דער סמאַרקאַטש — א יאָר שוין אין תפיסה, און דאָס ווייב גייט מען אָפּשיקן אין קבר אריין... אויב זרח איז נישט אויסן זינען... ער רעדט דיבורים — א חרפּה פאַר דער משפּחה... קום!

דאָדיע האָט אויף אים אַ קוק געטאָן — אויף זיין שונא — און איז גלייך מיט אים געגאַנגען. איז אויך נאָכגעגאַנגען נפתלצ'יע. און אסתר אויך.

אין דרויסן האָט אסתרן אָפּגעוואַרט שלוימקע. ער האָט זיך צוגעשאַרט צו איר, ווי אַ שאָטן, און שווייגנדיק נאָכגעגאַנגען.

ווען זיי זענען צוגעקומען צום פעטער זרחס שטוב, האָט זיך גראָד אַ פּראַל איף געטאָן די טיר און, ווי בעת מע טוט אָן עפּן אַ שליוז אין אַ דאַמבע, האָט זיך געטאָן אַ גאָס ארויס אַ ווייבערישער יאָמער. איבערן יאָמער האָט זיך געהוידעט די מיטה. די נושאים זענען געווען אסתרס פעטערס: פּייוויש סאַדאָווניק, יונה סעווריוק, איר ברודער שימקע „בעל-תכלית און איר שוואָגער הערצלס ברודער, בעריש וועלוול שוסטער.

אירע קוזינקעס, דעם פעטער זרחס „פינף מיידן, ווי די בעכערס", מיט צעשויבערטע האָר און נישט-פאַרשפּיליעטע בלוזקעס, האָבן מיט זייער יאָמער געריסן קריעה פון דעם שטילן אָוונט. הינטער זיי מיטן עולם מלווים האָבן זיך איר מאַמע מיטן פעטער שאַמע שמש געראַנגלט מיטן פעטער זרח, וואָס האָט זיך, א צעשויבערטער, א גרוי-געוואָרענער, מיט פאַרפינצטערטע אויגן, געריסן פון זייערע הענט און געמאַכט קולות. אלע ווייל האָט עמעץ פון זיי אים א כאַפּ געטאָן מיט דער דלאָניע פאַרן אויפגעריסענעם, צעשריגענעם מויל, כדי צו דערשטיקן זיינע ווערטער ביי אים אין קעל.

און מיט דער זעלבער כוונה האָט דער פעטער שאַמע געמינטערט פון ווייטנס די יתומות:

— יאָמערט העכער, יתומות! יאָמערט נאָך דער מאַמען!

און צו יויזעפּ באַגרעבער האָט ער באַפוילן:

— העכער קלאַפּ אין דער פּושקע — „צדקה תציל ממות"!

נאָר ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן. איינמאָל האָט זיך זרח דעם רויטן איינגעגעבן ארויסצורייסן דעם קאָפּ, שיין אָן דעם היטל, פון די הענט פון זיינע באַצווינגער און אריבערשרייען, דאַכט זיך, אלע נאַכטיקע דעכער פונעם שטעטל:

— יי-ד-ן! הערט, יי-ד-ן! ס'איז נישטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט!

קאפיטל הונדערט צוויי

וואָס פון דאָריען איז געוואָרן!

איינמאָל נאָך סוכות, אין אַ רעגנדיקן און בלאָטיקן פרימאָרגן, האָט דאָריע זיך נישט אויפגעהויבן פון געלעגער צו דער אַרבעט און געשיקט אסתרן רופן דעם דאָקטאָר.

דער דאָקטאָר האָט פאַרשריבן אַ רעצעפּט, אַזאַ מין זאַלב אויף איינצורייבן דאָס לייב ביינאַכט פאַרן שלאָף. ווען אסתר איז אַ פאַרשפּעטיקטע אַוועק צו רחל האָרן אויף דער אַרבעט, האָט זי מיטגענומען מיט זיך דעם רעצעפּט אין אַפּטייק אַריין. זי האָט געטראַכט אָפּצונעמען אים פון דאָרט פאַרנאַכט, ווען זי וועט אַהיימגיין, ווייל ערשט ביינאַכט וועט ער דאָך נייטיק זיין. נאָר עפּעס האָט אסתר דעם פרימאָרגן נישט געקאָנט איינזיצן אויף דער אַרבעט, און באַשלאָסן צו גיין אַהיים אויף מיטיק, כדי צו זען ווי דער טאַטע פילט זיך.

אין אַפּטייק האָט זי גראָד געטראָפן דעם דאָקטאָר. זי האָט אים איבערגעפרעגט וועגן טאַטנס קראַנקהייט. דער דאָקטאָר האָט איר אַריינגעקוקט אין פּנים, ווי פאָרשנדיק איר כאַראַקטער, און געענטפערט באַדענקט, גייענדיק אַרום און אַרום. צוגעגרייט זי מיט פאַרשידענע אָנצוהערענישן, האָט ער איר לסוף דערקלערט קלאָר און דייטלעך, אַז איר טאַטנס קראַנקהייט איז אַן אומהיילבאַרע, און אַז דעם זאַלב האָט ער געגעבן בלויז צו באַרואיקן דעם קראַנקן.

— נו, וואָס האָט איר זיך אַזוי איבערגעשראָקן, פרייליין פריסיק? — האָט זיך דער דאָקטאָר גענומען אַ ביסל צוריקציען — גאָר קיין וווּנדערמאַן איז ער דאָך שוין נישט, אייער פאָטער. לויט ער האָט מיר אַליין געזאָגט, איז ער שוין ווייט אַריבער די פופציק... אייביק לעבט דאָך נישט קיינער... ערגער איז מיט די יונגע, וואָס אים וועט אויסקומען אויסצושטיין. אויף דעם דאַרפט איר זיין גרייט... דערווייל דאַרף מען אים פאַרשאַפן רו, פאַרגעניגן און נחת. נו, ער האָט דאָך נאָך נעכטן געאַרבעט! אַרבעטן טאָר ער בשום אופן נישט.

דער אַפּטייקער, אסתרס אַ גוטער באַקאַנטער, האָט זי געוואָלט צעשטרייען אין, דערלאַנגענדיק איר דאָס פּודעלע מיטן זאַלב, זיך אַפילו אַ וויצל געטאָן:

— אָט נעמט, פֿריילין פֿריסיק, האָט חתונה און פֿאַרשאַפֿט אייער טאַטן אַ נחת־רוח, וועט ער מוזן געזונט ווערן און וואַרטן אויף אַן אייניקל.

אסתר האָט אויס העפֿלעכקייט בלאָס אַ שמייכל געטאָן, אָבער אין דעם אויגנבליק באַמערקט דעם דאָקטאָרס אַ ווינקענדיקן בליק צום אַפּטייקער, וואָס האָט שוין ביי איר נישט איבערגעלאָזט דעם מינדסטן צווייפֿל וועגן איר טאַטנס צושטאַנד. ס'האָט זי אַרויסגעטראָגן פֿון אַפּטייק, און דעם „דאָווידזעניאַ!“ * האָט זי איינגעשלונגען, ווי אַ פּיל, הינטער דער נישט פֿאַרמאַכטער טיר.

ס'האָט זי אַהיימגעטראָגן די שרעק פֿאַרן טאַטנס לעבן. „ער זאָל כאָטש דער־לעבן מיך צו דער חופּה צו פֿירן!...“

ווען זי האָט דעם טאַטן נישט געטראָפֿן אין דער היים אויפֿן געלעגער, איז עס איר אויף אַן אויגנבליק פֿאָרגעקומען: ס'איז שוין נאָך אַלעמען!...

— וווּ איז דער טאַטע?! — האָט זי, נישט קיין פֿרעג, נאָר אַ געשריי געטאָן.

— די ווייטיקן האָבן אים אַ ביסל נאָכגעלאָזן, — האָט איר די מאַמע געענט־פֿערט — איז ער זיך דערווייל אַוועקגעגאַנגען אין קוזניע, דער משוגענער, צו כאַפּן אַ קוק ווי ס'גייט די אַרבעט. כאָטש... ווען ער גייט פֿאַרביי דעם בענסווירע־מווירעס קוזניע, רופֿן זיך אין אים אָפּ אַלע ווייטיקן, — אַזוי האָט ער מיר געזאָגט. אַ קוק טאָן איז ער געגאַנגען. נאָר גלייב מיר, אַז ער אַרבעט דאָרט אַפֿילו. כ'קאָן אים גוט, דיין טאַטן!

...איז ער אין געפֿאַר! — האָט אסתרן דאָס בלוט אַ שלאָג געטאָן אין האַרץ אַריין, פֿון האַרצן אַרויף אין די שלייפֿן, און זי איז אַוועק אין איין אָטעם צו דער קוזניע. אָן אַן אָטעם איז זי שטיין געבליבן פֿאַרן טאַטן.

דאַדיע האָט געדרייט אַן אָנגעגליטע שטאַבע אייזן אויף דער קאָוואַדלע, און ביניעק מיט נפֿתּליען האָבן זי מיט די האַמערס באַאַרבעט.

דערזען אסתרן, גיכער — דערפֿילט זי, האָט ער אויפֿגעהויבן צו איר דעם קאָפּ מיט אַ פֿאַרוווּנדערט פּנים, און די אָנגעגליטע שטאַבע אייזן איז געבליבן ליגן אומבאַוועגלעך אויף דער קאָוואַדלע.

— וואָסי?

— טאַ... — האָט זיך איר, ווי אַ שלוקערץ, אַ רײַס־געטאָן פֿון דער טרוקענער קעל, און דער „טע“ האָט זיך, ווי אַ קנויפּ פֿון אַ שטריקל, פֿאַרשפּאַרט אין איר, נאָר דערוואָרגן צו ווערן.

אסתרס פּנים איז געווען ווייס ווי קרייד. די אָנגעגליטע שטאַבע איז אַרויס־געפֿאַלן פֿון טאַטנס הענט. די ברידער האָבן אָפּגעשפּרונגען.

— אין דער היים איז, חלילה, אַן אומגליק געשען? די מאַמע?... — האָט דאַדיע הייזעריקלעך אַ פֿרעג געטאָן.

---

* צום ווידערזען.

דער קנופ פון שטריקל אין אסתרס קעל האט זיך געטאן א רייס ארויס און געבנגעשלעפט א געוויין:

— אַן אומגליק, טאַטע, קאָן געשען דאָ...

אַלע האָבן זי אָנגעקוקט, ווי זי וואָלט רעדן פון וועג.

— טאַטע!... כ'האָב געהערט מיטן דאָקטאָר. ביסט קראַנק, טאָרסט נישט אַרבעטן.

דאָדיעס אויגן האָבן זי אָנגעקוקט פאַרגאַפט, און ער האָט מיט אַ קנייטש פון די פלייצעס ווי אָוועקגעמאַכט אירע רייד. אָט נעמט ער זיך צוריק צו דער אַרבעט. הייסט עס.

— דו נעמסט זיך אַליין דאָס לעבן!... האָסט קיין רחמנות נישט, נישט אויף אונדז, נישט אויף זיך אַליין...

דאָדיעס פּנים, נאָך פאַררויטלט פון דער אַרבעט, האָט אַ שפּיל געטאָן מיט אַ שמייכל פון צופרידנקייט, און ס'האָט אסתרן ממש פאַרוווּנדערט: ער זעט דאָך איצט אים אײַנגאַנצן אַ געזונטער! אפשר האָט טאַקע דער דאָקטאָר איבערגע-זאָלצן? ס'איז נאָך גאָרנישט אַזוי שלעכט.

— טאַטע, — האָט איר אסתר, אַ באַמוטיקטע, געקוקט גלייך אין די אויגן אַריין, גענומען אים אונטערן אָרעם און געצויגן נאָך זיך — קום אַהיים... וועסט זיך לייגן אין בעט אַריין, וועסט זיך עטלעכע טעג אויסרוען, קומען צו די כּוחות, וועסטו ווידער גיין צו דער אַרבעט.

אירע ברידערלעך האָבן שווייגנדיק און ווי צעטומלט צוגעקוקט צו דער אומ-געווײנלעכער סצענע. און נאָך שטאַרקער איז געוואָרן זייער פאַרוווּנדערונג, ווען דער טאַטע האָט אַ באַפעל געטאָן: — צו דער אַרבעט! — און זיך געלאָזט פון אסתרן אַרויספירן פון קוזניע.

אין דרויסן האָבן זיי דערהערט „דעם קרומען הונטס" אַ ווערטל, וואָס איז געווען אַ געמיש פון זיין טאַטנס און מאַמעס נוסחאות גלייכצייטיק:

— זי מיינט נישט די הגדה, דאָס מיידל, זי מיינט דאָס קליידל... אַלץ טוט זי צוליבן אויסשטייער און דעם נדן. אַ רוח איר אין די ריכן אַריין, דער הור!

— הער נישט, וואָס ער בילט דאָרט! — האָט זי דער טאַטע באַרואיקט.

ס'איז אסתרן געוואָרן אַזוי גוט אויפן האַרצן, וואָס ער האָט דערפילט איר אויפריכטיקייט, דער טאַטע.

פון דעם מאָמענט אָן האָבן זיך צווישן אסתרן און דעם טאַטן איינגעשטעלט האַרציקע פאַרהעלטענישן. נאָר, וויי! ס'איז שוין געווען צו שפּעט. די קראַנקהייט האָט זיך מיטאַמאָל צעשפּילט, און דאָס בעט איז געוואָרן דאָדיעס תּפיסה. זיינע ווייטיקן זענען פון טאָג אויף טאָג שטאַרקער געוואָרן. זעלטן, אַז זיי האָבן אים געלאָזט איבערכאַפּן דעם אָטעם.

אסתר האָט אויפגעהערט צו גיין צו רחלען אויף דער אַרבעט. זי איז כסדר געזיצן לעבן קראַנקן און אים געקוקט אין מויל אַריין: אפשר דאַרף ער עפּעס? אפשר קאָן זי אים מיט עפּעס פאַרלייכטערן.

אין מינוטן פון פאַרלייכטערונג פלעגט דאָדיע רעדן אַמאָל צו דער טאָכטער עטלעכע ווערטער. ווען חנהן זיין ליבלינג האָט ער אַמאָל גערעדט, ווי זי איז אַזוי פרי פון דער וועלט געגאַנגען, ווען איציקן, וואָס „האָט זיך נישט געקיימט, און איצט פייניקט ער זיך אין תפיסה, ווי איך אין בעט“.

איינמאָל האָט ער א זאָג געטאָן:

— זע, אסתרקע, וואָס פון דיין טאַטן איז געוואָרן!...

אסתר האָט זיך דערמאָנט אין די שבתדיקע פרימאָרגנס פון אירע קינדעריאָרן, ווען דער טאַטע פלעגט זיין גוט צו איר און זי נעמען צו זיך אין בעט אריין. איין מאָל האָט זי, ווי דעמלט, אויסגעשטרעקט די האַנט צו זיין באָרד און גענומען איבערקלייבן אירע האָר, ווי זילבערנע פעדים. נאָר — ער האָט אַ קרעכץ געטאָן. זיינע שרעקלעכע ווייטיקן האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן, זיי זענען פיל שטאַרקער געווען פון אסתרס צערטלעכקייטן, און אירע פינגער האָבן זיך צו־ריקגעצויגן באַצערטע...

קאפיטל הונדערט דריי

דאָדיע קאָוואַל קלייבט זיך אין ווייטן וועג אַריין

דאָדיעס אָפּגעמאָגערט פּנים האָט באַקומען דעם קאָליר פון בלייכן וואַקס. זיינע האָר, דער עיקר פונעם בערדל, זענען נאָך גרויער און ווי שיטערער געוואָרן. און ווען ס'האָבן זיך אַמאָל אָפּגעדעקט זיינע הענט, די קליינע, פיינע הענט, זענען זיי געווען ווי דורכזיכטיק און האָבן דורכגעוויזט אַ שיין דורך דער האָר־פאַר־וואַקסנקייט... „מיט אָט די הענט האָט ער דאָס אַזויפיל אייזן גובר געווען?!“

ס'איז שוין קלאָר געווען פאַר אַלע, אַז אַזעלכע כסדרדיקע ווייטיקן, ווי דער קראַנקער ליידט, קאָן קיין מענטש לאַנג נישט איבערטראָגן. די קרובים האָבן אַליין אָפּטערער אָנגעהויבן אַריינצוקומען, כדי צו פאַרלייכטערן אַ ביסל די שטוביקע די שווערע צרות, צו מאַכן אַ ביסל היימלעכער אין שטוב. אָבער אַריינגיין צו דאָדיען אין חדר אים מבקר־חולה זיין האָבן זיי זעלטן געקאָנט, וויל דער חולה האָט אָן אויפהער געקרעכצט און טיילמאָל אפילו אויסגעשריגן, ווען די ווייטיקן האָבן אים שוין גאָר שטאַרק אַ קלעם געטאָן. און ווען עמעץ האָט זיך זעלטן יאָ אַריינגעכאַפּט, איז בלויז אויף אַ רגע, כדי צו מאַכן אַן אָנשטעל און אַ זאָג טאָן מיט אַ תמעוואַטע שמייכל:

— עך, דאָדיע, ווי קומט עס, דו זאָלסט זיך אַזוי נאַריש מאַכן?...

און דאָדיע האָט אָדער אינגאַנצן נישט געענטפערט, אָדער אַ זאָג געטאָן:

— מאַך זיך אַליין נישט צו נאַר, ווען דו רעדסט מיט דאָדיע קאָוואַל... דאָדיע קאָוואַל ווייסט ווי ער האַלט אין דער וועלט.

דער חולה האָט אָנגעהויבן צו האַלטן כסדר די אויגן פאַרמאַכט, ווי ער וואָלט רק אַריינגעקוקט אין זיך אַריין און באַטראַכט דאָרט דאָס געשוויר, וואָס פייניקט אים אַזוי, „ווי ער וואָלט אים אַ לעבעדיקן אויסגעריזשעט“. און ווען ער פלעגט זיי עפענען, די אויגן, זענען זיי שוין אינגאַנצן נישט געווען זיינע אויגן: ס'האָט פון זיי אַרויסגעקוקט פיין געמישט מיט אימה פאַר נאָך שטאַרקערע פּיי־נען. אַמאָל ווידער זענען זיי געווען אויסגעלאָשן, די אויגן, און דערמאָנט אין גרוי־ווייסן אַש אויף אַ פּאַפּיראָס, ווען מע הערט אים אויף פאַרציען — ער רייכערט קיים, און זיין גלי פאַרגייט אונטערן אַש.

לעצטנס האָט דער דאָקטאָר געמאַכט דעם קראַנקן אָפּטע איינשפּריצונגען, „כאָטש קיין היילונג גיבן זיי נישט, נאָר זאָל ער פאַרשלאָפן די ווייטיקן".

אזוי האָט זיך געצויגן א מעת־לעת נאָך א מעת־לעת ביז טיפן הארבסט אריין. אסתר און מינציע, וועלכע האָט אין אירע איינענע מיחושים געהאַט אינגאַנצן פאַרגעסן, זענען שוין געווען אויסגעשעפּט. אין דער שטוב־באַלעבאַטישקייט האָט זיי ארויסגעהאָלפן די מומע יהודית און די שכנה פעסיע חווה, וואָס פלעגט אין קיך קרעכצן אויף אירע אייגענע צרות: „מע זאָל אויף איר קיין פאַריבל נישט האָבן, א מאמעס הארץ ברעכט זיך: איר נחום איז אזא שוואכער, דער שקראָפּל ליגט אים נאָך היינט אין די ביינער — ווי וועט ער עם אויסהאלטן א צווייט מאָל די תפיסה מיט די פיינען?!"

דעמלט פלעגט מינציע אָפּזיפצן אויף איר איציקס גורל:

— איציק איז שוין געווען א פאַרטיקער נאָך פונעם ערשטן מאָל זיצן... א לאָך ביים סאמע לעפעלע אונטערן הארצן... נאָר דאָ האָט מען שוין אין דעם פארגעסן... ווי זאָגט מען, אז מע טריפט פער אויפן שארבן, פארגעסט מען אין ציינווייטיק.

איינמאָל אין א דאָנערשטיק אין אָוונט — די לאָדנס זענען געווען פאַרמאַכט, און א שפּעטהארבסטיקער רעגן האָט אויף זיי געפּיקט מיט אויסגעווייקטן ארבעס, א ווינט האָט געבראַזגעט מיט זייער געשמידעכץ, אָט געגעבן א פאַל צו צו זיי מיט א נאסער פּאָלע און אָט אנטלאָפן מיט א וואָיענדיקן געבייזער — האָט דאָדיע זיך אויפגעכאַפּט פון א לאנגן שלאָף נאָך אן איינשפּריצונג. ער איז געלעגן אן אָפּגעשוואַכטער, נאָר לייכטער געאָטעמט. אלע שטוביקע: אסתר, מינציע, פעסיע חווה, נפתלציע און בוניעק — זענען געזיצן פאַרמרהשחורט און שטום געקוקט אויפן חולהס פּנים קעגן דער שיין פון לאָמפּ. דער קראַנקער האָט ברייט צעעפנט די אויגן, א בלאָנדזשע געטאָן מיט זיי איבערן חדר, איבער זייערע אראָפּגעלאָזטע פּנימער און אָנגעהויבן רעדן דייטלעך מיט א טאָן, וואָס האָט דערמאָנט אין זיין טאָן פון די גוטע ציימן:

— איך היים געבן דעפּעשן צו די קינדער: קיין קאָולע צו אהרונען, קיין ניסכיוזש צו דבורהן... זאָל זי קומען מיט בענעלען... איך האָב פאר אים אלע יאָרן געצאָלט מלמד־געלט... און קיין ראַטנע צו בושקען. זאָלן זיי „גיעמעדליענע"* קומען! זייער טאַטע גייט זיך שטעלן צום פריזיוו... דאָ העלפט נישט מאכן זיך קיין חסרון, און מיט קיין געלט קאָן מען קיינעם נישט אָפּקורשן... איך האָב זיי עפּעס צו זאָגן... איך וויל זיך געזעגענען מיט זיי... המם... דעפּעשירט פאר אייגנס אייך צו איר באַשערטן (זיינע אויגן זענען געבליבן שטיין אויף אסתרס פּנים)... צו שלוימקען...

* תיכף־ומיד, דרינגענדיק.

מינציע האָט זיך מער נישט געקאָנט באַהערשן, האָט פאַרבראָכן די הענט, אַ פּאַל געטאָן מיטן קאָפּ אויף פּעס׳ע חוהס אַן אַקסל און אויסגעבראָכן אַ געוויין:

— דאָ־דיע!... אויף וועמען לאָזטו...

— זאָל זיין שטיל, מינציע, מיין ווייב! — האָט דאָדיע באַפוילן, און מינציע איז אין שרעק שטום געוואָרן.

— „בנים“! — האָט ער נאָך העכער איבערגעהויבן דעם טאָן — מ׳האָט גע־הערט, וואָס דער טאַטע האָט באַפוילן?

נפתּלציע מיט בוניעקן האָבן זיך געטאָן אַ שטעל אויף.

— מיר גייען אין פּאָטשט אריין, — האָט בוניעק אַ זאָג געטאָן, זיך אויס־ציענדיק גלייך און אראָפּלאָזנדיק די הענט אויף די הויזנקליאַשן לויט דער סאָל־דאַטישער געוווינהייט, פון וועלכן ער האָט נאָכנישט באַוויזן פּטור צו ווערן, און ער מיט נפתּלציען זענען ארויסגעגאַנגען.

דער חולה האָט צוריק פאַרמאַכט די אויגן און אָנגעהויבן קרעכצן. די ווייַ־טיקן האָבן זיך אומגעקערט.

פרייטיק פאַרטאָג איז מיטן באַן געקומען דער בכור, אהרון. ביימאָג — אסתרס שלוימקע. די טאָכטער דבורה פון גיסביזש, וווּ ס׳גייט נישט פאַרביי קיין באַן, איז געקומען מיט בעגעלעך אויף אַ פור און אריינגעפאַלן שוין צום סאַמע ליכט־בענטשן. מ׳האָט זיך געזאָרגט וועגן בושקען פון ראַטנע, וווּ ס׳גייט אויך נישט פאַרביי קיין באַן, און דער וועג איז אַ ווייטער. נאָר נאָך דער סעודה איז ער אויך אריין, אַ פאַרשוויצטער און אַ פאַרבלאָטיקטער — ער איז מיט אַ פור געפאָרן פון ראַטנע קיין קאָוולע און, פאַרשפּעטיקט דעם לעצטן ערב־שבתדיקן צוג, האָט ער איינגעשפּאַנט די דראַגונישע פּיס און אַזוי געשפּאַנט אַהיים... אַהיים

— אוי האָט ער געזאָגט, כאָטש אין ראַטנע האָט ער דאָך איבערגעלאָזן אַ ווייב מיט קינדער... און נאָך האָט ער געזאָגט: ער וועט דאָך נישט פאָרן אום שבת אויף אַזאַ ח ת ו נ ה!...

יעדן פון זיי, פון די געקומענע, ווען זיי האָבן אָנגענומען דעם טאַטנס האַנט אויף שלום, האָט דער טאַטע דערפילט, אָנגערופן פאַרן נאָמען, אויפגעעפנט פון יסורים ארויס די אויגן, באַטראַכט, און זיי צוריק מיט צופרידנגעשטעלטקייט געשלאָסן.

אין שטוב אָבער איז געהאָנגען אַ פאַרוויינטע מרה־שחורה. און ווייל ס׳איז פאָרט געווען אביסל צוגערוימט לכבוד שבת, און אויפן טיש האָבן געברענט די בענטש־ליכט און ביי מינציען און דבורהן זענען געווען רויטלעך־פאַרוויינט די אויגן — האָט עס נישט איין אריינגעקומענער יידענע דערמאָנט אין יום־כיפור, אין דעם יום־הדין.

— אלע קינדער האָבן געפּאָלגט דעם טאַטן. אלע זענען שוין דאָ, דאָדיע, — האָט זיך דאָס ווייב איבערגעבויגן צום מאַנס אויער, ווען די ליכט אין פאָדער־

שטוב האָבן אָנגעהויבן צאַנקען. זי האָט אים געגעבן אָנצוהערן, אַז ער קאָן שוין זאָגן, וואָס ער וויל.

— אַלע?... האָט דער שכיב־מרע ווי פאַרווונדערט אָפּגעזיפּצט — חנה איז געשטאָרבן... א יונג צווייגל... שימקע „בעל תכלית“ האָט געמאַכט פון טאַטן א תכלית... זאָל אים גאָט מוחל זיין. און מיין איציק... ביי אים איז טאַקע דער יושר... ליידט ער פון יושר...

און שוין — דאָריע האָט צוגעמאַכט די אויגן און מער גאָרנישט גערעדט. האָט אָבער אויך אויפגעהערט אַזוי שטאַרק צו קרעכצן. די נאַכט איז געווען א לייכטערע. נאָר קיין האָפענונגען האָבן זיך שוין מער ביי קיינעם נישט געוועקט.

— א דאַנק גאָט דערפאַר, — האָט זיך מינציעס קאָפּ טרויעריק געשאָקלט

— נאָר ער צאַנקט גיבער, ווי א יום־כיפור־ליכט.

אַזוי איז אַריבער דער קורצער שבת־טאָג. אין דרויסן האָט דער רעגן אויפגעהערט. דער ווינט איז געוואָרן קעלטער. די מענטשן, וואָס זענען אַריינגעקומען אין שטוב, האָבן געהאַט פנימער דורכגעשמיסענע פון ווינט, גאַז פאַרוויטלטע, ווי זיי וואָלטן אינדרויסן געוויינט.

טויט און לעבן באַגעגענען זיך אויף איין שוועל

אין אָוונט, ווען מ'האָט אַריינגעטראָגן דעם אָנגעצונדענעם לאָמפּ צום חולה אין חדר, האָט ער זיך אַ באַוועג געטאָן, געעפנט די אויגן און שטיל אַ פרעג געטאָן:

— מ'האָט דאָ געזונגען צו שלוש־סעודות?

קיינער האָט אים נישט געענטפערט, ווייל ווער וואָלט דאָ נאָך היינט געזונגען!

האָט דער חולה אַ זאָג געטאָן מיט פאַריבל:

— נו, יאָ. דער מענטש כל־זמן ער לעבט, זינגט ער. אַז ער שטאַרבט, שטינקט ער...

— טאַטע, — האָט אסתר געוואָלט פאַררעדן זיינע מיאוסע רייד — ס'איז שוין נאָך הבדלה.

— אַזוי? — האָט ער אַ שעפּטשע געטאָן ווי מיט צופרידנקייט, אויפגעהויבן דאָס קול און באַפוילן. — זאָלן אַריינקומען אַלע קינדער.

זיי האָבן זיך דערנענטערט און אויסגעשטעלט אַרום זיין בעט. ער האָט איבערגעפירט די אויגן איבער זייערע פּנימער פון איינעם אויפן אַנדערן, ווי ער וואָלט זיי איבערגעווישט מיט אַ טונקל שטיקל געוואַנט, און זיין בליק איז שטייגעבליבן אויפן געליבטסטן אייניקל, אויף בענעלען:

— מיין חנה איז דאָ. — האָט ער אַ זאָג געטאָן דייטלעך און קלאָר.

זיי האָבן זיך איבערגעקוקט מיט פרעגנדיקע בליקן: ער רעדט וועגן דער געשטאָרבענער חנהן, ווי וועגן אַ לעבעדיקער? נאָר קיינער האָט זיך נישט דערוועגט קיין וואָרט צו זאָגן.

— און מיין איציק איז דאָ... — האָט דער שכיב־מרע ווייטער געצויגן — איך זע זיי... און ווו איז דער „בעל תכלית“? אַ ל ע האָב איך געזאָגט!... ער איז אין פאָדער־חדר? זאָל ער אַריינקומען... מאַ... ווען ער זעען דעם תכלית פון אַ מענטשן...

— שימקע, זון מײַנער! דער טאַטע רופֿט! — האָט מינציע אַ שרעק געטאָן אַהינצו דעם קאָפּ, און איר שטים איז געווען געטרייסטקייט מיט שרעק אויסגעמישט...

שימקע איז אַרײַנגעקומען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און האָט זיך געשטעלט צווישן אסתרן און איר שלוימקען. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דער טאַטע קוקט נישט אויף אים, און אָט באַלד וועט ער אויף אים אַ שיט טאָן מיטן לעצטן ביסל וואַרעמען פֿריסיק פֿון זײַן גוף און נשמה... נאָר אין אַ סעקונדע אַרום האָט דער חולה אַ באַפֿעל געטאָן דווקא אים:

— לויף שוין, שימקע, רופֿן די פֿעטערס — שאַמען, פֿייוויש און זרחן... דעם, וואָס ביַיזערט זיך אויפֿן רבונו־של־עולם.

שימקע האָט נאָכנישט באַוויזן זיך אַ באַוועג צו טאָן צו דער אָפּגעלעגנטער טיר, הינטער וועלכער ס'זײַנען געשטאַנען מענטשן מיט אײַנגעהאָרכטע אויערן, ווי זי האָט זיך פּאַמעלעך אויפֿגעעפֿנט, און ס'האָט זיך דערהערט אַ געמאַכט, ניכטערער קול פֿונעם שוואַגער שאַמע שמש:

— גוט־וואָך, דאַדיע! מיר זײַנען געקומען אויף דער פֿולער וואָך — איך, פֿייוויש און זרח — צו ווינטשן דיר אַלדאָס גוטס... וואָס דער רבונו־של־עולם טוט, טוט ער צום גוטן.

— זעץ מיך אויף, אסתר, — איז אויף איר שטייענגעבליבן דעם טאַטנס בליק.

אסתר מיט שאַמען האָבן אים אויפֿגעזעצט און אונטערגעלענט מיט קישנס.

אסתר האָט נישט געקאָנט אָפּרײַסן דעם בליק פֿון דעם טאַטנס קליינע, דורכזיכטיקע הענט.

אַלע האָבן אײַנגעהאַלטן דעם אָטעם. ס'האָט זיך געהערט: דער קנויט און לאָמפּ נאָגט דעם נאַפֿט; דער ווינט אין דרויסן לויפֿט אָן אויף די צוגעמאַכטע לאָדנס, הערט זיך אײַן, דאַכט זיך, וואָס דאָ טוט זיך, און אַנטלויפֿט מיט אַ יאָמערדיקער בשורה...

דער שכיב־מרע האָט זיך אויך ווי אײַנגעהאָרכט אין דעם אַלץ און אָנגעהויבן רעדן דײַטלעך:

— קיין סך צײַט, ווי איר זעט, האָב איך שוין נישט... הערט־זשע אויס, ווײַב און קינדער... און איר, פֿעטערס, זײַט עדות — מײַן צוואה...

ער האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם מיט אַ זיפֿץ. מ'האָט געזען: ער נעמט צונויף אַלע זײַנע לעצטע כוחות. ער פֿאַרקנייטשט דעם שטערן אונטערן יאַרמעלקעלע, צונויפֿזאַמלענדיק די מחשבות. און ער האָט ווידער גענומען רעדן פּאַמעלעך, באַדענקט, מיט הפסקות:

— ס'איז אַרויסגעקומען נישט אַזוי... ווי איך האָב געמיינט... ווי זאָגט מײַן ווײַב: „דער מענטש טראַכט"... איך לאָז ווייניק איבער... דאַרף די חלוקה

געמאַכט ווערן מיט אַ טאָלק... אהרון, שימקע און בושקע שטייען... אַראַנזש דעם אייבערשטן... אויף די אייגענע פיס אין זייערע קוזניעס... זאָל יעדער פון זיי נעמען בלויז... עפּעס אַ חפץ צום געדענקען און... האָט נישט, קינדער, קיין פאַריבל אויפן טאַטן...

— דו, איציק, „בעל יושר“, — האָט ער גערעדט צו אים, ווי ער וואָלט באמת דאָ געשטאַנען — דאַרפסט אוודאי גאָרנישט... האָלטסט נישט פון מיינס דיינס... און אומזיסטע דירה מיט אומזיסטע קעסט און... יסורים צו פאַרבייסן... האָסטו ביי די רשעים... די כאָליערע זאָל זיי טרעפן!

דער חולה האָט זיך אַ וואַקל געטאָן. אסתר האָט זיך געטאָן אַ זעץ אַנידערלעבן אים, אַרומגענומען און צוגעהאַלטן. ער האָט שווער, אָפּגעהאַקט און שיטער געאָטעמט. נאָר אין עטלעכע וויל אַרום ווידער גענומען רעדן, כאָטש שוין מיט אַ שוואַכערער שטים, נאָר געגוג דייטלעך:

— נאָר הער, שימקע!... ווען ער וועט באַפרייט ווערן, איציק, און... די וועלט וועט נאָך אַלץ נישט זיין... קיין יושרדיקע... ווי ער, איציק, האָט עס געוואָלט... ביסטו, שימקע — געדענק! — ביסטו מחויב אים צו שטעלן אויף די פיס... אזוי איז עס על־פּי־יושר... דו ביסט אונדז אַ גרויסער בעל־חוב... דו ווייסט עס... דו הערסט, שימקע, וואָס דער טאַטע רעדט צו דיר?

— כ'הער, טאַטע, — האָט זיך שימקע איינגעבויגן צו אים און אַרויסגעבליפּעט — און איך וועל דיר פאָלגן... ווער געזונט...

— דאָס רעד נישט, — האָט אים דער טאַטע איבערגעריסן — איך האָב נישט ליב קיין פאַלשקייטן... דבורהן — איר הערצל איז נישט קיין וואַשנער אויפטוער... נאָר אַן אָרנטלעכער בעל־מלאכה — איר זאָלט איר מיטגעבן... ווען זי וועט אהיימפאָרן מיט בענעלען... די קו... זי דאַרף די מילך פאַר בענעלעס ווען... פאַר די קינדערסוועגן...

— בוניעטן געפעלט נישט די היים... טאַטע־מאַמעס קעסט... מילא... זאָל ער פאָרן, ווערן אַן... ארץ־ישראל־ייד... זאָל ער מיטנעמען מיין וועש מיט מיינע בגדים... פון דעם מעג ער אויך פאַרקויפן... אויף וועג־הוצאות...

פון מינציעס האַרץ האָט אַרויסגעבראָכן אַ שלוכץ. דער חולה האָט געוואַרט אַ רגע און ווייטער געצויגן:

— כ'האָב דיך, מינציע, חלילה, נישט פאַרגעסן... דו בלייבסט די באַלעבאָסטע פון... אַ האַלבער שטוב... מיט דער גאַנצער באַלעבאַטישקייט... מיט דער קוזניע... נפתליציע זאָל אַרבעטן אין קוזניע, און דו זאָלסט פירן די שטוב... אַז ער וועט מיט גאָטס הילף חתונה האָבן, וועסטו האָבן אַ הילף אין דער באַלעבאַטישקייט אויך... נפתליציע, הער מיטן קאָפּ!... האָסט ווייניק ערלער געהאַלטן די מאַמע... איצט זאָל איך אין קבר אַזעלעכס נישט הערן!... דו הערסט?!... איצט זאָל אַנדערש זיין... זאָלסט שאַנעווען די מאַמע... ווען די מאַמע וועט אייך אויך

פֿאַרלאָזן... ווײַט אַלץ געהערן צו דיר... דו הערסט, נפֿתּלציע, וואָס דער טאַטע רעדט צו דיר?... דו הערסט?... איך וואַרט...

— נפֿתּלציע, — האָט אים דער פֿעטער שאַטע שטיש אונטערגעשטופּט צום בעט — זאָג, אַז דו הערסט.

— כ'הער, טאַטע, — האָט נפֿתּלציע אַ וואַרטשע געטאָן, טרערנדיק.

— און סט'פֿאָלגן, „בן", וואָס דער טאַטע בעפֿעלט?... שווער זיך!

— כ'על פֿאָלגן, טאַטע, כ'זאָל אַזוי לעבן! — האָט נפֿתּלציע אַ רעווע געטאָן און אָפּגעהאַקט.

— און טאָמער, חלילה... — האָט דער טאַטע ווײַטער געצויגן שטרענג — וועסטו נישט מקיים זײַן דײַן וואָרט, נפֿתּלציע... וועסט האָבן דעם טאַטן אין דרערד... זאָג איך אָן דײַנע ברידער... הערט, קינדער, זאָל ער אײַך נישט זײַן קיין ברודער... זאָלט איר אים אָנטאָן אין דין... אַלע זאָלט איר האָבן אַ גוט אויג אויף דער מאַמען...

ער איז שטיל געוואָרן. די אויגן האָבן זיך אים פֿון זיך אַליין פֿאַרמאַכט. ער האָט שוין גאָר קיין כּוחות נישט געהאַט. די שוואָגערס האָבן זיך איבערגעקוקט מיט באַוווּנדערנדיקע מינעס — וואָס פֿאַר אַ קלאָרן שׂכל דאָדיע קאָוואַל האָט אויפֿן טויטן בעט! און דער שוואָגער שאַטע האָט זיך אײַנגעבויגן צו זײַן אויער און אײַנגערוימט:

— און די אַנדערע האַלבע שטוב, דאָדיע?

דער חולה האָט געעפֿנט די אויגן און שוין גאָר שטיל געזאָגט:

— איך געדענק... די צווייטע העלפֿט שטוב... זאָל מען פֿאַרקויפֿן... דער גדן פֿאַר איר... מײַן ייִנגסטער טאָכטער... פֿאַר אסתּרקען... און... לייגט מיך אַנידער... זאָל מען שטעלן די חופּה... בײַ מײַן בעט... כ'וויל כאָטש דאָס דערלעבן...

ער איז געבליבן הענגען אויפֿן שוואָגער שאַטעס הענט. אסתּר האָט זיך מיט אַ האַרצרײַסנדיקן יאָמער אַרויסגעריסן פֿון חדר, און שלוימקע, דער חתן, איז איר נאָכגעלאָפֿן. — — —

אסתּר איז געווען ווי אין הינערפֿלעט און געלאָזט דער מומע יהודית מיט דער שכנה פֿעסיע חווה טאָן מיט איר אַלץ. מ'האָט זי אויסגעסטראָיעט. מ'האָט זיך געאײַלט. „זיי נישט מצער דעם טאַטן אויפֿן טויטן בעט" — האָט מען איר כּסדר איבערגעחזרט. אין דער פֿאָדער־שטוב זענען שוין געזיצן דער דײַן מיטן שוחט מיט אַלע פֿעטערס און קרובֿים. מ'האָט געשריבן די תּנאָים, די כּתובה, מ'האָט געבראָכן טעלער און געזאָגט „מזל־טובֿ!" און זיך ווײַטער געאײַלט. דער חתן האָט אַרויפֿגעוואָרפֿן דער כּלה אַ שאַרף אויפֿן קאָפּ. ער איז געווען בלאַס, דער חתן, נישט אַרומגעראַזירט, און געקוקט מיט אַ שטאַרן בליק, ווי אַ לונאַטיקער. באַלד האָט מען די כּלה מיטן חתן אונטערגעפֿירט אונטער דער חופּה,

וואָס אירע פּעטערס האָבן אונטערגעהאַלטן לעבן דעם גוסס בעט. ס'האָבן געבּרענט עטלעכע הבדלות. שלוימקע האָט אַסתּרן מקדש געווען „כּדת משה וישראל". דערשטיקטע שלוכצן, אַ זיפצעניש, אַ ריזלדיק געוויין און אַן איינשטילעניש „שאַ־שאַ האַרטן!".

— מזל טוב דיר, טאַטע! — האָט אסתּר אים געזאָגט, איינבייגנדיק זיך צו אים, ווי די מומעס יאָכוועד און יהודית האָבן זי געלערנט, און אירע טרערן האָבן געקאַפּעט אויף זיין קישן. זי האָט געהערט, און אפשר האָט זיך עס איר בלויז געדאַכט, ווי דער טאַטע האָט קוים געשעפּטשעט:

— מיט מזל... זאָלסטו לעבן... מיטן מאַן... אַסתּרקע... טאָכטער... מיי...נע...

אין אַ רגע אַרום איז אסתּר געזיצן מיט איר מאַן אין איר מיידל־צימער. מער האָט מען זי צום טאַטן שוין נישט אַריינגעלאָזן. חתן־כּלה האָבן געשוויגן. זיי האָבן זיך איינגעהערט, ווי דער טאַטע גוססט.

פאַרטאָג האָט דאָדיע קאָוואַל אויסגעהויכט זיין גערייניקטע נשמה. די שטוב האָט זיך אָנגעפילט מיט יאָמער און געקלאָג. איבער אַלץ איז איבערגעגאַנגען מינציעס קול, ווי זי האָט „געלייגט דאָס צעטל פון אַלע אירע צרות". ס'האָט זיך געהערט דאָס העשען פון די ברידער.

זונטיק אום האַלבן טאָג איז געווען דאָדיע קאָוואַלס לוויה. דאָס שטעטל האָט אים באַגלייט מיט כּבוד. איבערן יאָמער פון די פאַראַלמנהטע און פאַריתומטע האָט פאַרקלערט געפּראַשעט א שיטערלער שנייעלע — דער ערשטער שניי, וואָס האָט אָנגעזאָגט דעם ווינטער.

עפּילאָג

אסתר מאַרגנטוי האָט געלעבט מיט איר מאַן אין קאָזולע, אין ליבע און פרידן. איר שווּגער האָט געוווינט ביי דער ייִנגערער טאָכטער און פלעגט זעלטן זיך אַריינכאַפּן צו זיי, א קוק צו טאָן, ווי ס'האַלט דאָרט מיטן ייִדישקייט. כדי אויסצומיידן מחלוקתן צווישן דער מאַמען און דעם ווייב, פלעגט שלוימקע בעסער ניין אָפּטער צו דער שוועסטער. שוויגער און שנור האָבן זיך דערייבער... פיינט געהאַט פונדערווייטנס. ביי דער שוועסטער אין שטוב איז שלוימקע געהאָרכזאַם געווען דער מאַמען, ביי זיך — דעם ווייב. ווי לויט א שטילן אָפּמאַך האָט ער איר געלאָזט „פירן דאָס רעדל", און איז אפילו געווען צופרידן דערפון.

מאַטעריעל האָבן זיי געהאַט נישט אזא גרינג לעבן. כאָטש צום „בונד" האָט ער שוין נישט געהערט, שלוימקע מאַרגנטוי, אָבער זיין פראָלעטאַריש געוויסן, פלעגט ער זאָגן, איז ער נאָך געטרייער געוואָרן, און נישט געוואָלט צונעמען קיין געזעלן אויסצונוצן.

— וואָס וואָלט דערויף געזאָגט דיין איציק אין תפיסה? — פלעגט ער דערמיט אָפּשניידן אסתרס טענות, אז ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, א האַנטווערקער זאָל אַרבעטן אייגער אַליין און פאַרלאַנגען, דאָס ווייב זאָל אים אין אן ענגער צייט צוהעלפן?!... וואָס וואָלט ער געטאָן, ווען זי וואָלט זיך נישט געווען געהאַט געלערנט קיין שניידעריי? ס'איז ווייניק, וואָס זי האָרעוועט אין שטוב און סע פעבלט ביי איר אין אַלע ווינקעלעך?... אפילו מיט בלומען אין שלאָפצימער!

צו שטאַרק איז זי פונדעסטוועגן צו אים נישט צוגעשטאַנען. זי האָט געווסט, אז דערין וועט ער עקשנותדיק בלייבן ביי זיינעם. און טאַקע... וואָס וואָלט געזאָגט איציק?!

מיט די אייגענע צען פינגער ווידער, אפילו ווען דאָס ווייב העלפט א ביסל צו, איז שווער די וועלט לייטיש אויסצופירן. זיי האָבן דעריבער נישט געקאָנט דערליבן זיך דעם „לוקסוס" צו ברענגען א קינד אויף דער וועלט, כאָטש די שוויגער האָט געהאַלטן אין איין מאָנען עס פונעם זון אין נאָמען פון ייִדישקייט. שלוימקע

וואָלט עס אין גאָמען פון מענטשלעכקייט געווען באַטגעגעבן דער מאַמען. אָבער אסתר האָט געוואָלט זיין היינטוועלטיק...

— כל־זמן מ'איז יונג, — האָט זי געטענהט — צו וואָס זיך שווערער מאַכן דאָס לעבן, פאַרשקלאַפן זיך צום קינדס וויגל?

איז געווען שטיל אין שטוב, חוצן קלאַפן פון דער שטעפמאַשין, און שלום־ביתדיק. אסתר פלעגט איר פרייע צייט אויסנוצן אויף פאַרצולייענען פאַרן מאַן א צייטונג אָדער אַ ביכל פונעם אייגענעם שטוב־ביבליאָטעקל, וואָס זיי האָבן זיך ביסלעכווייז איינגעשאַפן. אויף לאַנגווייליקייט האָט זי נישט געהאַט זיך צו באַקלאָגן. ס'פלעגן אריינקומען צו זיי זיינע חברים. ווען שלוימקע האָט אין אָוונט נישט געקאָנט זיך אַוועקרייסן פון דער אַרבעט, צו גיין מיט איר אין קינאָ, פלעגט ער איר אליין צורעדן צו גיין מיט עמעצן פון זיינע חברים. ער האָט געהאַט פולן צוטרוי צו מענטשן צוליב זיין אייגענער אָרנטלעכקייט. טיילמאָל, וואָס אָן אמת, פלעגט אסתר ביי אַזאַ געלעגנהייט אונטערזינדיקן מיט אַ פלירט. ס'איז געווען אין דער מאָדע. אָבער געטריי דעם מאַן איז זי געבליבן. צו אייפערזוכט־סצענעס צווישן זיי איז עס קיינמאָל נישט געקומען.

פון צייט צו צייט פלעגן זיי גיין צו גאַסט צו איר עלטסטן ברודער, אהרון, וווּ ס'איז געווען אַ שטוב פול מיט קינדער, אומריינקייט און געדיכטע לופט, כדי וואָס שנעלער פון דאָרט אַוועקצוגיין, ווייל אסתרס גאַז און אויגן קאָנען עס נישט איבערהאַלטן:

— שלוימקע... נו, איז ביי אונדז אין הער נעסט נישט קיין גן־עדן?... קום אהיים.

זיי פלעגן אויך „איין מאָל אין א מיטוואָך" אָפּשטאַטן א וויזיט ביי דער אַלטער קלוגער מומע צביה מיט איר יונגער גאַרישער שאַכטער שפרה, א שוין חתונה געהאַטע. שפרה פלעגט כמעט תמיד האַלטן איר ערשט קינד ביי דער ברוסט, לאָזן עס נאָגן ביז ס'וועט איינשלאָפן, און אליין דערביי נאָגן א צוקערל... זי איז פאַרבליבן, שפרה, די זעלבע באַשערין, וואָס זי איז געווען קינדווייז. זי פלעגט אויך נאַשן פון נישט כשרער ליבע, און צווישן איר מיטן מאַן פלעגן פאָרקומען אָפטע מחלוקתן, וואָס די קלוגע מומע צביה האָט געהאַלטן אין איין איינלעשן מיט איר חכמה. אָנשטאָט כיבוד פאַר די געסט פלעגט דאָס פאָרפאָלק אריינלייגן פאַר זיי אויפן טיש זייערע רייסערייען און ביטערנישן. די געסט פלעגן זיך לפנים דערמיט איבערנעמען, פאַטאַקעווען דער אַלטער מומען מיטן יונגן שכל, און לאַנג זיך נישט פאַרהאַלטן. כאָטש אסתרן האָט עס שיר נישט געוווילט, ווייל זי האָט די דאַזיקע קוזינקע נישט ליב געהאַט נאָך פון אמאָל.

אסתר איז אויך געווען עטלעכע מאָל אין פאריס. חוץ וואָס זי פלעגט יעדעס יאָר צום טאַטנס יאָרצייט פאָרן אהין אויסצוויינען זיך צוזאַמען מיט דער מאַמען

אויף זיין קבר, און פאראייניקטע שוין אָפּשטאַטן אַ וויזיט אויף דער באָבע דייזיעס און דער קוזינקע פערל דעם פעטער שאַמעס קברים. זי איז אויך געווען אין טשיסק אויף די חתונות פון אירע קוזינקעס: איידל דעם פעטער זרח דעם רויטנס און עטל דער מומע יאָכוועדס. און ענדלעך—אויף דעם ברודער נפתליעס חתונה. גראָד מיט די קרומע פיס איז ער באַמעלעך דערגאַנגען צו אַ גלייכן שידוך. ווי מינציע האָט געזאָגט: „יעדעס טעפּל געפינט זיך זיין שטערצל". און נאָך דער חתונה איז נפתליע גאָר אַ מענטש געוואָרן, האָט אָפּגעהיט דעם טאַטנס צוואה, און די מאַמע פלעגט אַריינשרייען ווען זי האָט דעם מאַן אין קבר אַריין:

— דאָדיע! דיין זכות איז אונדז ביינעשטאַנען... אונדזער קרומער זון איז אַ גלייכער מענטש געוואָרן.

ביי די דאָזיקע געלעגנהייטן פלעגט אסתר פאַרברענגען אין איר געבוירנשטעטל עטלעכע טעג ביי די אייגענע און די חברטעס, אַריינכאַפּן זיך אַ קוק טאָן אין שול, אין ביבליאָטעק, שפּאַצירן און פאַרווײַלן זיך מיט דער יוגנט. אהרון לעווי איז נאָך אַלץ געווען דער פאָרזיצער פון יישאָ און דער שול־פאַרוואַלטונג. האָט נאָך אַלץ זיך אַרומגעפירט מיט רחל האָרן, און איר מאַמע האָט דערויף געשאָקלט אומעטיק מיטן גרוי־ווערנדיקן קאָפּ, אַז „פון דעם סאָרן וועט קיין ברויט נישט זיין. ס׳איז נאָר אַ שטראָף פון זיין ליבן נאָמען".

אסתר פלעגט דעריבער אָפט פאַרבעטן רחלען צו זיך קיין קאָוולע מיט אַ כוונה: צוזאַמענפירן זי מיט זייערע חברים דאָרט... אפשר? נאָר ס׳פלעגט דערפון גאָרנישט אַרויסקומען... די רירעוודיקע, פריילעכע יונגען פלעגן איר נישט ציען. און זי זיי?... „עפּעס אַ קליינשטעטלדיקע האָלעוועשקע, — האָט זיך איינער פון זיי אויסגעדריקט ווען איר — זי רייכערט בלויז". און די איבעריקע האָבן דערמיט מסכים געווען. רחל האָרן פלעגט זיך יעדעס מאָל אומקערן אַהיים נאָך מיט מער רויך אין די אויגן. אַזוי איר שוועסטער, בלומקע האָרן, האָט זיך פון זינט שימשל טשערבאַטעס אַרעסט קיין אַנדער יינגל נישט איינגעשאַפּן. זי האָט איר לעבן געהאַלטן ווי פאַרשפּאַרט אין אַ תפיסה, — אַזוי האָט געמיינט איר מאַמע, וועלכע האָט נישט געוווסט, אַז איר טאָכטער האָט נאָך אַלץ נישט איבערגעריסן מיט דער אונטערערדישער אַרבעט. ביי די האָרנס אין שטוב איז נאָך אומעטיקער געוואָרן.

— אז שטיקער זאָלן פון דיר פאַלן, אסתרקע, — האָט איר מרים האָרן איינמאָל אַ זאָג געטאָן זייער אומעטיק און זייער גוטמוטיק — ווען וועט איר זיך שוין איינשאַפן, דו מיט שלוימקען, אַ לעבעדיקן בריליאַנט? לאָמיר כאָטש אין איך אַ נחת דערלעבן... אפשר וועלן זיך דערמלט מיינע „צרות" אויף דיר פאַרקוקן און אָפּשערן די צעפּ... כאָטש ביי שטעל אויף אַ יידישן מאָנאַסטיר פון זייערטוועגן!

* * *

אזוי זענען אוועק ביי אסתרן אירע נאָך־חתונה־יאָרן, ביז ס'האָט אין יאָר 1939 אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה, און פוילן האָט זיך צוזאַמענגעבראָכן. איר מאַנס שניידעריי־אַרבעט האָט זיך אָפּגעשטעלט. שלוימקע פלעגט דעם גאַנצן טאָג זיין אינדרויסן, זוכן עפּעס אַ פאַרדינסט און אים ברענגען אין שטוב אַריין מיט אַלערליי נייעס. טויזנטער יידישע פּליטים האָבן געשטראָמט דורך דער שטאָט. ביז איינמאָל האָט ער געטאָן אַ פּראַל אויף די טיר און אַריינגעלאָזט פאַר זיך אַן איינעם פּליט.

— מיין איציק! — האָט אסתר אַ קוויטש געגעבן און אַ וואָרף זיך צום ברודער פון איבערראַשונג, הגם ערשט נעכטן האָט איר שלוימקע געבראַכט דאָס נייעס, אַז די פּאָליטיש־אַרעסטירטע אין בריסק האָבן אויפגעריסן די תּפיסה־קאַמערן און זענען אַרויס אויף דער פריי. און זי אַליין האָט דערויף אַ וואָרף געטאָן: „וועט מיר נאָך אפשר באַשערט זיין זען מיין איציקן!"

זי האָט אים פייערלעך־ווילד ארומגעכאַפּט און דורשטיק־משוגענערהייז געקושט. דערנאָך האָט זי אים ווי אָפּגעשטופּט פון זיך און צוגעהאַלטן, קוקנדיק אים אומגעדולדיק אין פּנים אַריין. ס'איז איר געשטאַנען פאַר די אויגן זיין אויס־זען בעת זיין ערשטן מאָל זיך אומקערן פון תּפיסה: אַ פאַרוואַקסענער און פינצ־טערער, אַן אָפּגעצערטער און בלאַסער, מיט בלויע רינגען אונטער די איינגעבראָ־כענע אויגן, וועלכע האָבן אַרויסגעגליט, ווי זשאַר פון אונטער אַש, אַן אייגענער און פרעמדלעכער... ס'האָט דעמלט ווי געיאָגט פון אים מיט קעלט פון צעמענ־טענער פּאָדלאָגע, ווי געוויזט מיט פייכטקייט פון שימלענדיקע ווענט... און ערשט — ערשט... שפּריצט פון אים מיט פרייד, ווי דער וואַסערשטייב פונעם פאָנטאַן אין שטאָטגאָרטן קעגן דער זון! ניין... די פרייד און די זון זענען אין אים אַליין!

זי האָט אים געהאַלטן פאַר זיך, „דעם תּפיסהניק", ווי אַ זוניקן שפּיגל, און געזען אין אים זיך אַליין — אַ צעלויכטענע און צעלאַכטע:

ווי אָפּגעמאָגערט און שלעכט ער האָט נישט אויסגעזען, האָבן זיינע אויגן געגליט מיט פיבער פון אָפּגעהאַלטענעם נצחון.

— אסתרקע!... — האָט ער צוגעקליבן ווערטער, פּאַסיקע פאַרן דאָזיקן פיי־ערלעכן מאָמענט — כ'האָב דערלעבט צוויי זאַכן פאַראַמאָל: נקמה אין די, וואָס האָבן אונדז געפּייניקט, און פרייהייט!... אינגיכן וועט דאָ זיין די רויטע אַרמיי! און... יאָ, וואָס הערט זיך אין דער היים?

— אינגדזער נפתּליציע האָט חתונה געהאַט...

— און די מאַמע וואָס מאַכט? דער טאַטע?

— די מאַמע?... ווי תּמיד... קרענקט אונטער... די לעצטע צייט דוכט זי זיך אַ ביסל אָפּ... נפתּליציעס ווייב פּאַרעט זיך אין שטוב...

— און דער טאַטע? — האָט איר איציק שוין מיט חשד און אומרו אַ ברי געטאָן.

— המם... דער טאַטע?... המם... ביי נפתלציען איז געבוירן געוואָרן אַ ייִנגעלע... מ'האָט עס אַ נאָמען געגעבן דאָדיעלע...

—האָב איך דעם טאַטן, הייסט עס, פאַרשפּעטיקט. — האָבן זיך צוויי פינקעלעך אויסגעלאָשן אין איציקס אויגן, און ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

ווען איציק האָט זיך ענדלעך געזעצט אויף דער שטול, וואָס דער שוואָגער האָט אים אונטערגערוקט, איז שוין אסתרן גרינגער געווען צו דערציילן אים וועגן טאַטנס גרויסע שמערצן, וועגן זיינע לעצטע טעג און זיין צוואה. איציקס בליק איז געהאָנגען אויף אירע ליפּן, וואָס האָבן פון צייט צו צייט געצוקט. ווען זי האָט איבערגעחזרט דעם טאַטנס ווערטער: „און מיין איציק... ביי אים איז טאַקע דער יושר... לייזט ער פאַרן יושר...“ — האָט זיך איציקס בליק באַגעגנט מיט אירן, און אין זיינע אויגן האָבן ווידער אויפגעבליצט פינקעלעך, נישט בריענדיקע, נאָר פריידיקע און שטאָלצע:

— דערצייל, דערצייל, אסתר, ווייטער!

— און ער האָט אָנגעזאָגט, דער טאַטע: „ווען ער וועט באַפרייט ווערן, איציק, און די וועלט וועט נאָך אַלץ זיין נישט קיין יושרדיקע, ווי ער האָט עס געוואָלט, — ביסטו, שימקע, מחויב צו שטעלן אים אויף די פיס...“

איציק האָט אויפגעהערט געשמייכלט, כאָטש דער שטילער כאַנג און אומעט צוליבן טאַטנס טויט האָט געדעמפּט אין אים זיין התפעלות, און ער האָט אונטערגעפירט אַ סך-הכל:

— נו, איצט וועט שוין ביי אונדז דאָ די וועלט ווערן אַ יושרדיקע. און אונדזער שימקע וועט האָבן פאַרשפּאָרט אַן עגמת-נפש, ווייל דער יושר אַליין וועט מיך שוין שטעלן אויף די פיס... ווען דער טאַטע ליגט נאָך נישט אין קבר, וואָלט ער אויך אים אויף די פיס געשטעלט.

„...ווי גרויסאַרטיק ער רעדט עס, אונדזער איציק! — האָט אסתר אַ טראַכט געטאָן און אָנגעשטעלט אויף איר שלוימקען אַ קוועלנדיקן שטאָלצן בליק — די גאַנצע וועלט וואָלט געמעגט אים איצטער הערן, און דער טאַטע אין קבר!“

דאָ האָט זיך אומבאַמערקט ברייטער אָפּגעלענט די טיר, און עמעץ האָט מיט אַ לאַכנדיקער שטים אַ פרעג געטאָן:

— נו, שוין גענוג זיך אָנגעקושט?

— קומט אַריין, יאַט! — האָט איציק אַהין אַ רוף געטאָן פריילעך, און צו אסתרן — האָסט נאָך אייגענע געסט, אסתר... נו, קומט שוין אַריין, חברה. אויפצורייסן די טירן אין דער תפיסה זענט איר געווען בריהם, און דאָ ווייסט איר נישט ווי אַ טיר עפנט זיך!

די טיר האָט זיך אויפגעעפנט.

— אַט האָסטו אונדזער בוניעקן, דעם פעטער זרחס „פּרינץ“!

נאָר אסתר האָט נישט באַוויזן אַ קוק צו טאָן אויף אים, ווייל ווי אַ קוזין איז ער שוין מיטן רויטלעכן פּנים צוגעפאַלן צו איר זיך קושן.

— געגוג, „פּרינץ“! — האָט אים איציק אָפּגעצויגן פון דער שוועסטער — לאָז אַנדערע כאָטש מיט אַ האַנט זיך באַגריסן.

— אַך! — האָט אסתר ווידער ברייט צעעפנט מיט פרייד די אָנגעצונדענע אויגן — שימשל שטשערבאַטע אויך?! און נחום וואָלף!... ווער עס טריסקן האָבן געסט! ביינער פון וועלפישע העלדזער אַרויס... און דו, בוניעק — ביסטו אויסגע־וואַקסן!... ווי דייַן טאַטע אָן אַ באָרד.

— אסתר, — האָט שימשל אַ זאָג געטאָן — דיין שלוימקע האָט אונדז אי־בערגעכאַפּט אויפן וועג צו אייער אַהרונגען. צו אים איז אונדז געווען נענטער פון דער באַן, און ס'וואָלט אונדז געווען נענטער קיין טריסק. דיינע געסט איילן זיך אַהיים. גיב זשע איבערצוכאַפּן דאָס האַרץ, מע וועט אָפּרוען עטוואָס און — היידאַ. מיר וועלן דאָ אויף דער רויטער אַרמיי נישט וואַרטן. אַז ס'וועט באַשערט זיין, וועלן מיר זי האָבן דאַרטן פריער ווי איר דאָ...

אין אַ שעה אַרום זענען די געסט אַוועק. איציק ווידער איז געגאַנגען זיך זעען מיט אַהרונגען און זיין ווייב און קינדער. ער וועט ביי זיי איבערנעכטיקן און פאַרטאָג אַוועק אַהיים.

אויף מאָרגן טאַקע, פאַרנאַכט צו, איז שלוימקע אַריין אַ פאַרסאָפּעטער און צעשיינטער, ווי אַ צעשטראַלטע בשורה:

— אסתר!... מיר האָבן שוין דעם גרויסן גאַסט!... אויף בריסקער גאַס איז אַריין דער ערשטער רויטאַרמייאישער טאַנק!

— אָך, אַן אָנגעלייגטער גאַסט!... וועט שוין היטלער אַהער נישט קומען... און קיין באָמבעס דאָ נישט וואַרפן... — איז זיך אויך אסתרס פּנים צעגאַנגען אין שטראַלן, און מאַן און ווייב, צעטומלטע פון פרייד נאָך פון נעכטן, האָבן זיך אויף אַ נאָווינע אַרומגעכאַפּט און צעקושט. אסתר האָט אַפילו אַ דריי געטאָן דעם מאַן אַ טאַנץ צו טאָן, נאָר אים גלייך אָפּגעלאָזט מיט אַ קאָקעטישן פאַריבל:

— גיי, דו שלימזל! דו קאָנסט נישט טאַנצן, אַפילו ווען ס'ע טאַנצט זיך פון זיך אַליין...

* * *

טויזנטער יידישע פליטים, דער עיקר מאַנצבל, און צווישן זיי דער עיקר יונגטלעכע, האָבן ווייטער געהאַלטן אין איין אַריינשטראָמען אין שטאָט. וואָס ווייטער פון היטלערן! וואָס טיפער אין האַטנפאַרבאַנד! אַ סך לויפן גלייך ווייטער, אָבער אין שטאָט ווערט פונדעסטוועגן פון טאָג צו טאָג ענגער, ממש רערשטיקט צו ווערן. ביי די היטלעריסטן דאַרט וועט, דאַכט זיך, קיין איין ייד נישט בלייבן.

און דאָ וועט זיך טאַקע אָנהייבן אַ נײַ לעבן, אַ פרייס, אַן ערלעכס... וואָס? אונדזערע נגידים און באַלעבאַטים זענען נישט צופרידן? עס שמעקט זיי נישט?... האָבן זיי אַ ברירה! דער וועג צו היטלערן איז גאָכנישט פאַרצוימט. זאָלן זיי גיין אַהין, וועט זיי גוט זיין ווי אין די אַלטע גוטע צײַטן...

פון יענער זייט בוג האָבן אָנגעהויבן אָנקומען איוב־בשורות.

און דאָ האָט זיך טאַקע געגומען פאַוואָליע אויספאָרמירן דאָס נײַע לעבן. שלוימקע מאָרגנטוי איז אַרײַן אין אַ שניידער־אַרטעל און געווען צופרידן. אויך אסתר האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן נעמען זיך פאַר אַן אַרבעט: „איצט וועט אַ פרוי, וואָס לעבט אויפן מאַנס חשבון זיין נישט אין דער מאָדע... אָדער — אפשר גאָר אַ טראַכט טאָן וועגן אַ קינד?"... „דער טאַטע אין קבר וואַרט אויף אַן אייניקל פון דיר" — פלעגט איר די מאַמע אײַנרוימען אַ סוד, ווען זיי פלעגן צוזאַמען זיין אויפן טאַטנס קבר. און די שוויגער האָט עס קיינמאָל נישט אויפגעהערט מאָנען בײַ שלוימקען. איז איצטער אפשר געקומען די צייט דערויף. אין ראַטנפאַרבאַנד, שמועסן די פרײַנד פון ראַטנפאַרבאַנד, איז אַ כבוד צו זיין אַ מאַמע...

פון טריסק האָט זי אָפט באַקומען ידיעות:

בוניעק דעם פעטער זרחס, שימשל שטשערבאַטע און נחום וואָלף אַרבעטן אין סיעלסאָוויעט; —

ס'איז געשאַפן געוואָרן אַן אַרטעל פון קאָוואַליעס, און איר איציק איז דאָרט באַשטימט געוואָרן פאַרן נאַטשאַלניק. אונטער זיין אָנפירונג, הייסט עס, אַרבעטן די ברידער שימקע „בעל־תכלית" און נפתליציע, ווי אויך דער פעטער עזריאל „מיטן געבער־פענעמל" און די קריסטלעכע געזעלן, וואָס האָבן געאַרבעט בײַ איר טאַטן און בײַ שימקען; —

נחום קאַנדלצוקער, דער גאַליציאַנער, איז אַרויסגעשיקט געוואָרן מיט זיין פאַמיליע, ווייל איציק האָט פעסטגעשטעלט, אַז ער איז טאַקע געווען אַ שפּיצל. ס'זענען אויך אַרויסגעשיקט געוואָרן עטלעכע אוקראַיִנישע נאַציאָנאַליסטן, וועלכע נחום קאַנדלצוקער האָט אויסגעגעבן, מע זאָל אים פאַר דעם דאָזיקן פרייז איבערלאָזן. נו, איז ער אַוועק מיט זיי צוזאַמען; —

איציקן איז צוגעטיילט געוואָרן אַ דירה, אין וועלכער ער „גייט וווינען" מיט ראָזע סעווערויק, דעם פעטער יונהס שוועסטער, וואָס האָט געאַרבעט בײַ שלוימקעס פעטער; —

איציק „וווינט שוין" מיט ראָזען. אַז אַ חתונה אָן שום צערעמאָניעס, איז זי, אסתר, אפילו נישט פאַרבעטן געוואָרן! אַזוי איז אויך פאַרגעקומען בײַ שימשל שטשערבאַטע מיט בליומקע האָרן. זי האָט נישט געוואַרט ביז איר עלטערע שוועסטער, רחל, וועט געפינען אויף זיך אַ בעלן... אַנדערע צײַטן. זייער מאַמע זאָגט אוודאי, „אַז שטיקער זאָל פון אייך אַלע פאַלן" און וויינט, ווען קיינער

זעט נישט. שוין אָפּגערעדט, אַז דאָ אין קאָוולע קומען אויף פאַרפעלקער, ווי שוואַמען נאָך אַ רעגן אין אַ ליכטיקן פרימאָרגן; —

נאָך דעם פעטער יונה סעוועריוקס איז געוואָרן אַ מיליציאָנער, און ער פּאָראַדירט רייטנדיק אויף אַ פערד אויפן שאָסיי. זיין שוועסטער, טעמע, מאַכט דורך אַ זעקס-חדשימדיקן לערער-קורס און וועט דערנאָך ווערן אַ לערערין אין דער סאָוויעטיש-יידישער שול... דער פעטער מיט דער מומען האָבן דערלעבט נחת אין די קינדער. אַ שאָד, וואָס עוזר באַלעגאָלע מיטן ווייב, די בלינדע טיליע, האָבן דעם נחת נישט דערלעבט. — — —

און פון „יענער זייט" קומען נאָך אַלץ אָן מענטשן, הגם שוין שטאַרק שיטערלעך, ווייל די גרענעץ איז שוין געשלאָסן. און גראָד שלוימקע האָט איינמאָל ביינאַכט, קומענדיק פון אַרבעט, אַריינגעבראַכט אסתרן דאָס נייעס:

— טרעף, אסתר, ווער ס'איז היינט געקומען פון „דאָרט"? אַ פאַרשפּעטיקטער פויגל, אָבער אַ וואַזשנער... ניין, וועסט נישט טרעפן — דער לערער שמעון אַדלער!

— טאַקע? — האָט אסתר אַ זאָג געטאָן, לויט שלוימקעס אָפּפילן, צו קאַלט, אָבער דאָס האַרץ האָט איר, אומגעריכט פאַר זיך אַליין, אָנגעהויבן צו טיאָכקען.

די צווייטע וואָך איז שמעון אַדלער אָנגענומען געוואָרן פאַר אַ לערער אין איינער פון די היגע סאָוויעטיש-יידישע שולן. און אין איינעם אַ זונטיק איז ער געקומען צו זיי צו גאַסט. ער האָט זיך געהאַלטן מיט אסתרן פריינדלעך און היימיש, ווי מיט אַ „געוועזענער שילערין", און אויך חברלעך מיט איר מאַן. שלוימקע ווידער האָט זיך צו אים באַצויגן מיט רעספּעקט, ווי אַמאָל... וואָס, ער איז נאָך אַלץ אַ בחור, שמעון? ביי דער נייער אָרדענונג קאָן ער דאָך שוין אַ טראַכט טאָן וועגן „ווינען מיט עמעצן"... — דערווייל האָט ער נישט קיין צייט דערויף — די סאָוויעטישע שול פאָדערט אָן אַ שיעור אַרבעט...

בעת זיין אַוועקגיין האָבן זיי אים געבעטן אָפטערער אַריינצוקומען. אָבער אסתרן האָט עפּעס געשראָקן דאָס האַרץ... ס'האָבן זיך איר דערמאָנט זייערע אַמאָליקע יאָרן, שמעונס בריוו פון די בערג. איר מאַן קומט אפילו נישט אויפן זינען, אַז איר „געוועזענער לערער" קאָן ווערן געפערלעך פאַר זייער ערלעך צוזאַמענלעבן. נאָר זי האָט זיך איינגעזען איבעריצייגט, אסתר, אַז אומזיסט האָט איר דאָס האַרץ געקלאַפּט: שמעון איז מער נישט געקומען. ער איז טאַקע אַפּנים צופיל פאַרנומען געווען מיט זיין לערערישער אַרבעט, נו, — און זי פלעגט אים אויך באַגעגענען אין אָוונטן שפּאַצירן מיט מיידלעך, אַ סך ייִנגערע פון איר... ער איז עפּעס ווי גאָר ייִנגער געוואָרן, שמעון, אין דעם יונג געוואָרענעם לאַנד! זי, שוין נישט אַזאַ יונגע, אַ חתונה געהאַטע שוין, ליגט אים נישט אין זינען. וואָס אמת איז — זי אים דאַרף אויך נישט. זייער גוט טוט ער טאַקע, וואָס ער קומט נישט אַריין! זי טראַכט דאָך וועגן אַ קינד...

צוליב אָט דעם טראַכטעניש האָט זיך אויך פאַרצויגן דער ענין פון איר אָנקומען אויף אַן אַרבעט. נאָר אויך דאָס אויסקוקן אויף אַ קינד איז הענגען געבליבן אין אַ ליידיקייט: אַ קינד קומט נישט תמיד, ווען מע וויל עס, מע קוקט עס אויס — אַ שטראָף פאַר דעם, וואָס פריער האָט מען עס נישט באַגערט, געטריבן עס פון דער שוועל...

* * *

צו אַלעמערשטן זענען אָרגאַניזירט און פאַרמלוכהשט געוואָרן די מילן און די בעקערייען: זאָל זיין ברויט פאַרן פאָלק. נאָך דעם איז שנעל אויפגעריכט געוואָרן דאָס גרונטיקע שולוועזן: יידישע שולן, אַ רוסישע, אוקראַינישע און אַ פוילישע. דער פערסאָנאַל פון שול־אינספעקטאָראַט — אַ נאַציאָנאַל־געמישטער. פאַמעלעכער איז צוגעגאַנגען דאָס פאַרמלוכהשן אַלע פריוואַטע אונטערנעמונגען: קיכן, רעסטאָראַנען, שפייזגעוועלבער, מאַנופאַקטור־קראָמען. די אונטערגעגאַנגענע פריוואַטע קרעמעריי און האַנדל איז טיילווייז אַרונטער אין אונטערערד, אַזוי צו זאָגן: פאַרוואַנדלט זיך אין אַן עקלהאַפטן שמוגל, וואָס האָט ענג געמאַכט ביז צום דערשטיקט ווערן די באַנען פון ביאַליסטאָק אַריבער קאָוולע, לודמיר, לוציק און אַנדערע גרעסערע שטעט ביז לוואָוו. און אָנהייב האָט עס אויסגעזען, צו אַלעמענס פאַרוווּנדערונג, ווי די מאַכט וואָלט עס טאָלערירט... אויב אַזוי, איז דאָך גאָר גאָרנישט אַזוי שלעכט. און דער שמוגל האָט אָנגעהויבן צו האַרמידערן שיר נישט שטילער פון די באַנען, וואָס האָבן אים געפירט. אָבער מיטאַמאָל איז געקומען „די גזירה": אויס מיטן שמוגל! מיט איין קלאַפּ איז ער אונטערגעשניטן געוואָרן ביזן סאַמע וואָרצל. אַלץ מער מענטשן האָבן זיך ווילנדיק נישט ווילנדיק גענומען איינאָרדענען אויף ערלעכער אַרבעט.

די כוואַליע אַנטלאָפענע אַהער פון פוילן איז ביסלעכווייז אָפּגעשוואַכט טיפער קיין ראַטנפאַרבאַנד. די שטאָט איז, ווי אַ טייך נאָך אַ געוויטער, געבליבן אין אירע געוויינלעכע ברעגן, און דאָס לעבן אין איר האָט וואָס אַ מאָל מער אָנגענומען די פאָרמען פון פרידלעכער איבערבויונג. ס'האָבן זיך געעפנט „דיעסיאַטיליעטקעס"*: אַן אוקראַינישע און יידישע, וועלכע איז אויסגעבילדעט געוואָרן פון די פריערדיקע „תרבות"־גימנאַזיע און פויליש־יידישע גימנאַזיע. די פוילישע שפּראַך האָט אויפגעהערט צו זיין די הערשנדיקע אין גאַס. יידיש האָט באַקומען בירגעררעכט און במילא זעלבסטחשיבות. נישט ביי איין פאַרביסענעם ציוניסט־העברעיסט האָט עס אַרויסגערופן און אויסבאַהאַלטן ציינקריצעניש. די געוועזענע אַסימילירטע לערער פון דער פויליש־יידישער גימנאַזיע האָבן אויף די לעקציעס געבראָכן די ציין אויפן יידישן לשון, רויטלעך־פאַרשעמט און פאַרלעגנהייטלעך־שולדיק

* צענקלאַסיקע שולן.

אונטערגעשמייכלט צו די שילער, וואָס רעדן יידיש בעסער פון זיי און טיילמאָל פאַרריכטן זיי דעם לערער מיט שמייכלענדיקער באַשיידנקייט. דערפאַר האָבן די געוועזענע „תרבות"־לערער זיך געפילט מיט זייער גוט יידיש לשון, ווי פיש אין וואַסער, און נישט ביי איין שילער אַרויסגערופן די פאַרדריסלעכע פראַגע: פאַרוואָס זשע האָבן זיי דאָס ביז הייַנט אַזוי אויסבאַהאַלטן, אַז מ'האָט געקאָנט מיינען — דאָס העברעיִשע לשון האָבן זיי געזויגן צוזאַמען מיט דער מאַמעס מילך?... טייל לערער האָבן זיך מיט געוויסע שילער איבערגעפינטלט מיט זיך פאַרשטענדיקע בליקן... דאָס זענען געווען יענע, וואָס זייער גוף איז געווען אין ראַטנפאַרבאַנד און „דאָס האַרץ אין מזרח"... אָבער די צאָל שילער־קאָמיוניסטן האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן.

אַזויפיל ענדערונגען און נייסן זענען פאָרגעקומען אין לעבן, דרויסנדיק און טיף אינערלעך, אַז די צייט האָט זיך ווי אויסגעצויגן. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ס'איז שוין גאָר־גאָר לאַנג זינט דעם פּלעביסציט, ווען די גרעסטע מערהייט, אויך פון דער שטאָטישער יידישער באַפעלקערונג, האָט אָפּגעגעבן איר שטים פאַר פאַראייניקן מערב־אוקראַינע צום סאָוויעטישן אוקראַינע; אַז ס'איז שוין גאַנץ לאַנג זינט די וואַלן צום אויבערראַט, אין וועלכע ס'האָט זיך באַטייליקט די גאַנצע באַפעלקערונג; אַז ס'איז שוין לאַנג נאָך דער פּאַספּאָרטיזאַציע, וואָס האָט יעדן אַריינגעלייגט אין בוזעם־קעשענע דעם סאָוויעטישן פּאַספּאָרט. אין באַוווסטזיין האָט זיך שוין די גרעסטע מערהייט — אויסער די „באַוואָלהטע" פון דער נייער אָרדענונג — באַטראַכט פאַר סאָוויעטישע בירגער. און וואָס ווייטער איז עס געוואָרן געפיל, האָט עס אַריינגעדרונגען אין געמיט. די סאָוויעטישע פייערטעג האָבן אָנגעהויבן ווערן היימישער, אייגענער.

די טראַגישע ידיעות פון יענער זייט נישט ווייטער גרענעץ, וווּ די היטלעריסטן הוליען דאָרטן ווילד, וועגן דער גרויליקער פּיין פון די יידן דאָרט, וועגן הונדערטער צעשאָסענע יידן פון כעלעם, — האָט דאָס דאָזיקע געפיל פאַרשנעלערט און פאַרטיפערט. ראַטנפאַרבאַנד האָט געראַטעוועט די אַלע, וואָס האָבן געזוכט ביי איר רעטונג.

אַלץ, וואָס איז, נישט געקוקט אויף גאָרנישט, פאַרבליבן פייַנטלעך צו דער נייער אָרדענונג, האָט זיך פאַרטייעט און אויסבאַהאַלטן אין די הייזער, אויסקוקנדיק און אָפּוואַרטנדיק „בעסערע צייטן". ס'האָט געשלאָפן, ווי אַ שלאַנג, אין פאַרבאָרגעניש. אין דער שטיל איז נאָך אָנגעגאַנגען אַ האַנדל מיט דער אויסבאַהאַלטענער מאַנופאַקטור, לעדער און דערגלייכן; אין דער שטיל האָבן זיך נאָך געגרייזשעט און צווישן אייגענע אָפּגעשפּעט פון דער נייער אָרדענונג פאַרביסענע בונדיסטן און ציוניסטן, פרומאַקעס און אונטערוועלטניקעס; אין דער שטיל, בסודי־סודות איז נאָך אַפילו טעטיק געווען אַ יוגנטלעכע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס איר אויפגאַבע איז געווען אַרויסצושיקן יונגלעך און מיידלעך אין דער טיף

פון ראטנפארבאנד, וו זיי וועלן זיך אריבערשמוגלען גרענעצן און דערשלאָגן קיין פאלעסטינע. אָבער ס'איז קלאָר גשווען: דאָס פיינטלעכע גייט בארג־אראָפּ. דאָס אלטע גוססט, דאָס נייע ווערט קרעפטיקער. די לופט, די גייסטיקע אטמאָספער איז שוין געווען א ראטנפארבאנדישע.

און אָט איז שוין דאָס יאָר 1941. ס'קומען שוין פאָר די צווייטע עקזאמענס אין די סאָוועטיש־יידישע שולן. די שטאָט לעבט דאָס איבער ווי א געשעעניש. עס קומט אויך פאָר דער ערשטער ארויסלאָז פון דער סאָוועטיש־יידישער „יע־סיאטיליעטקע". זי פארענדיקט זיך מיט א גרויסן יום־טוב פון די שילער, לערער און פאָרשטייער פון דער שול־מאכט. טישן זענען געדעקט מיט כל־טוב. פריילעך געזאנג ארום די טישן. דעקלאמאציעס אויף יידיש, רוסיש און אוקראיניש. נאָך דעם קומט מוזיק און טענץ ביז ס'הייבט אָן צו טאָגן.

* * *

און פלוצעם אין א זוניקן פרימאָרגן — היטלער־דייטשלאנד איז באפאלן דעם ראטנפארבאנד! באָמבארדירונגען! די יוגנט ווערט גלייך גערופן אין דער רויטער ארמיי. אויך שלוימקע מאָרגנטוי. ער האָט אפילו נישט רעכט צייט צו געזעגענען זיך מיטן ווייב.

— וואַרט נישט אויף מיר, אסתרקע... — האָט ער, איידערייענדיק דעם קאָפּ שוין אין גאנג, א געשריי געטאָן — ראטעווע זיך! אנטלויף... איכל דיך זוכן אין ראטנפארבאנד...

אויך א טייל פון דער אָרטיקער יידישער באפעלקערונג האָט גענומען אנט־לויפן. ס'איז דערגאנגען צו אסתרן א ידיעה, אז שמעון אדלער איז אוועק מיט די קאָמיוניסטן פון זיין שול. ס'האָט איר א שטאָך געטאָן:

„...איז אפילו נישט אריינגעפאלן זיך געזעגענען מיט אונדז... מיט מיר! נאָך צוריקגערעדט — האָט ער עס נישט געטאָרט טאָן: מ'איז דאָך נישט זיכער מיטן לעבן, פארבליִופנדיק די גאָס — באָמבעס און באָמבעס!"

ווי א ריזיקער קעסל וואָלט געקאָכט אין הימל. די גאָס איז פול מיט אימה. די שטוב שטיקט זיך אין פּחד. אין איין שרעק ווערט מען הונדערטמאָל א טאָג געהרגעט... און זי איז אליין, איינינקע אליין!... זאָל זי גיין צום בר־דער אהרן? א פולע שטוב מיט איבערגעשראָקענע, יאָמערנדיקע קינדער... צי דער שוויגער גיין! זי זיצט דאָרט אוודאי, די אלטע, זאָגט תהילים און וועט איר הייסן נאָכזאָגן, אָדער נאָך נעמען זאָגן איר מוסר, ווייזן איר — אין דעם גיהנום אויף דער וועלט — דעם גיהנום פון יענער וועלט... לויפן צו דער מומע צביה? זי איז אלט און קראנק, און שפּרה — שפּרהן האָט זי פיינט... „ווען שמעון, דער צופעפרעמדטער שמעון, שמעון אדלער, וואָלט אריינגעפאלן זיך געזעגענען... אפשר וואָלט איך

געוועז אוועק מיט אים... בלויז אויעס... שלוימקע, מיין גוטער שלוימקע, וואָלט שפּעטער געזאָגט, אַז איך האָב גוט געטאָן...“

ביז איינמאָל האָט איר די שרעק א כאַפּ געטאָן, אסתרן, און זי האָט זיך דעריזען לויפן צווישן הונדערטער מענטשן צום וואָקזאַל, ארום וועלכן ס'האָבן געבושעוועט שרפות. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז די מאַכע לויפט, ווי א טשערעדע שעפסן, אין די פלאַמען אריין. דער לעצטער צוג האָט זיי מיט ווילדן אימפּעט אוועקגעטראָגן. ווייט, ווייט אין ראַטנפאַרבאַנד זענען זיי פאָרפאָרן. אַזש קיין קאַזאַכסטאַן.

אסתר מאָרגנשטוי איז אָנגעקומען אויף אַרבעט אין אַ קאָלכאָז. פון הונגער וועט זי שוין ניט שטאַרבן. נאָר ס'איז שווער, אוי, ווי שווער דאָס לעבן! ניין, ניט די אַרבעט מאַכט איר שווער דאָס לעבן. אַלע דאָ ארום אַרבעטן דאָך. נאָר דאָס אַליין־זיין, דער עיקר אין דער פרייער צייט, פרעסט זי אויף. ווען זי וואָלט דאָ כאָטש מיט אַ קינד געווען... אַזוי — איז זי ווי אַ שטיין, וואָס טראָגט אין זיך אַ מענטשלעך האַרץ.

זי האָט אָנגעהויבן מאַכן אָנפראַגעס אין די פאַרשיידנסטע ערטער וועגן איר מאַן. ביז ענדלעך איז איר קלאָר געוואָרן: פינצטער איז איר מזל! זי איז פאַרבליבן איינע אַליין אויף דער גרויסער ווייטער וועלט, צווישן מענטשן, וואָס זי פאַרשטייט אַפילו ניט זייער שפּראַך.

אוי, ווי עס בענקט זיך. דאָס האַרץ גייט אויס נאָך אַ לעבעדיקן היימישן מענטשן. זי וועט דאָ שטאַרבן פון בענקשאַפט נאָך דער היים, נאָך די ווענט פון איר שטוב אין קאָוולע, וואָס דאָס פייער האָט זיי שוין אפשר אויפגעפרעסן, וווּ זי האָט געלעבט אין ליבע און פרידן מיט איר שלוימקען, דעם געטרייען מאַן און אָרנטלעכן מענטשן. אָך! וואָלט געווען דאָ... כאָטש דער טריסקער בית־עולם! און פאַרוואָס... פאַרוואָס איז שמעון, דער אָפּגעפרעמדטער שמעון אַדלער, איר אַמאָליקער איינענער שמעון, ניט אַריינגעפאַלן צו איר אין שטוב זיך געזעגענען?...

וווּ איז ער ערגעץ אין דער גרויסער וועלט, וואָס הייסט ראַטנפאַרבאַנד?...

זי האָט אָנגעהויבן זוכן דורך בריוו און קאַרטלעך סתם מענטשן פון איר געבוירנשטעטל, און איינמאָל — אַ פרייד! אַ גדולה! ס'האָט זיך אָפּגערופן איר טריסקער חברטע שבעלע קאַגאַן! זי לעבט ערגעץ זייער ווייט מיט איר מאַן. זי שרייבט — אהרון לעווי אַרבעט אין אַ בעקעריי־קאָמבינאַט אין קויבישעוו, נאָר זיין גענויען אַדרעס האָט זי נאָכניט. דערפאַר שיקט זי איר דעם אַדרעס פון שימעלע שטשערבאַטע. ער איז אַנטלאָפן מיט זיין גאַנצער פאַמיליע, חוץ בליומקען. זי איז פאַרגאַנגען אין טראָגן און האָט ניט געקאָנט לויפן צופוס.

אסתר האָט גלייך אָנגעשריבן צו אים אַ בריוו, און באַקומען פון אים אַן ענטפער. ער בענקט נאָך בליומקען מיטן קינד נאָך מער ווי בעת ער איז געווען אין תפיסה... און ווער ווייסט? ווער ווייסט?... וועגן אירע, אסתרס, ברידער

ווייסט ער גאָרנישט. נאָר ער שיקט איר דעם אַדרעס פון איר קוזין, בונ׳עס זרח דעם רויטמאַן. ער געפינט זיך אין אַן אַרבעטס-באַטאַליאָן.

אסתר שרייבט זיך שוין איבער אויך מיט אים.

איר גפתליציע, שרייבט ער, איז פאַרבליבן. די מאַמע איז צו אַלט און קראַנק צו קאָנען לויפן. איבערלאָזן זי האָט ער נישט געוואָלט. ער היט אָפּ דעם טאַטנס צוואה... איר שימקע האָט געטענהט, אַז ס׳איז פאַר אים קיין תּכלית נישט צו אַנטלויפן: דאָ, אַז ער וועט איבערבלייבן, וועט ער צוריק האָבן אַן אייגענע קוזניע... נו, און וועגן איציקן טראַכט ער, אַז אפשר האָט ער די לעצטע מינוט באַקומען אַ באַפעל איבערצובלייבן צו פּאַרטיזאַנעווען. נחום וואָלף האָט זיך געפונען צוזאַמען מיט זיין מאַמען, וואָס זעט שוין אויס ווי אַ טרוקענער שפּאָן, אין אַ קאָלכאָז נישט ווייט פון סטאַלינגראַד, נאָר ער האָט פאַרלוירן זייער אַדרעס.

וועגן שמעון אַדלער ווייסט דערווייל קיינער נישט, כאָטש זיי אַלע, זיינע געוועזענע טריסקער שילער, זוכן אים אַרום. נאָר אַז מע זוכט, דאַרף מען האָפן — מע וועט אים אויך אָפּגעפונען.

די טריסקער האָבן אין זייער בריוו-אויסטויש גענומען אויספאַנטאַזירן פּלענער, מע זאָל זיין אַלע צוזאַמען, כאָטש ביי די איצטיקע באַדינגונגען איז עס שווער ווי קריעת-ים-סוף! די דאָזיקע פאַנטאַזיעס האָבן אין אסתרן געוועקט האָפענונגען און אַ ביסל געלינדערט איר פאַראַרבעט איינזאַם לעבן. און איינמאָל האָט זי דערהאַלטן פון שבעלע קאַגאַן צוויי וויכטיקע ידיעות פאַראַמאָל, איינע אַ טרויעריקע, די צווייטע אַ פריידיקע: אַהרון לעווי איז קראַנק געוואָרן אויף די לונגען און געשטאָרבן! און אָט איז דער אַדרעס פון אונדזער לערער שמעון אַדלער: באַשקיריע, אופאַ, פּושקין-גאַס נומער פיר און צוואַנציק.

ס׳האָט מיט אסתרן אַ טרייסל געטאָן. זי האָט געוויינט און געלאַכט גלייכצייטיק. די פרעמדע-אייגענע מענטשן אַרום איר האָבן געמיינט — זי איז פון זינען אַראָפּ! זי האָט באַוויינט אהרן לעווי, ווי אַן אייגענעם ברודער, און זיך דערפרייט מיט שמעונען, ווי איר מאַן וואָלט זיך אָפּגעפונען. אָבער... שלוימקע ליגט דאָך שוין ערגעץ אין דער קאַלטער ערד... און אַ פרישער טרערן-שטראָם האָט פאַרגאָסן און דורכגעווייקט איר פרייד. אַ פאַרוויינטע נאָך, מיט פאַרויטלטע וויעס, האָט זי אין פיבערדיקער איילעניש אָנגעשריבן אַ בריוו צו שמעונען, אַ בריוו, וואָס האָט געקרעכצט און געזונגען גלייכצייטיק.

צי וועט אויך ער זיך אַזוי דערפרייען מיט איר בריוו?... זי האָט שנעל באַקומען אַ באַשטעטיקנדיקן ענטפער. זייערע בריוו האָבן גענומען שפּילן אין איבעריאָגעלער. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז די בריוו באַגעגענען זיך אין וועג, באַגריסן זיך דורך די קראַטעלעך פון די פּאָסט-וואַגאָנעס... ער, שמעון, אַרבעט אין אַ מיליטערישער פאַבריק. אים באַפרייען וועט מען נישט. אויך ער פילט זיך נאָך

דער אַרבעט אייגזאַם. אויב זי וויל, אסתר, קאָן זי קומען צו פאָרן. זי וועט דאָ זיכער קריגן אַרבעט. נאָך דער אַרבעט וועלן זיי זיך ביידע נישט פילן אַזוי איינזאַם.

שמעונס היינטיקע קורצע בריוו האָבן דערמאָנט אין זיינע אַמאָליקע לאַנגע בריוו פון די בערג, ווי אַן אויסגעטריקנט בלעטל פון אַ רויז — אין דער לעבעדיקער רויז, פון וועלכער ס'איז אָפּגעריסן געוואָרן. אָבער פאָרט — דערמאָנט. און אסתרס אָפּגעצערטע באַקן, וואָס זייער הויט האָט זיך געשיילט פון זון און ווינט אויף די קאָלכאָז־פעלדער, האָבן אָנגעהויבן צוריק באַקומען קאָליר.

זייער בריוו־אויסטויש, וואָס איז ענלעך געווען צו קעגנזייטיקער אויסשפּירונג און צולייגן אַ פינגער צום צווייטנס דופק, האָט זיך פאַרענדיקט דערמיט, וואָס אין עטלעכע חדשים אַרום האָט זי באַקומען פון אים אַן אָפיציעלע אַרויספאָדערונג דורך דער פאַבריק, וווּ ער אַרבעט, זי זאָל קומען צו אים צו פאָרן כלומרשט ווי זיין ווייב.

אסתר האָט אונטערגענומען די ווייטע און שווערע רייזע פון דעם הײַם קאַזאַכסטאַן אינעם קאַלטן באַשקיריע צו איר שמעונען, און איז געקומען בשלום.

ס'איז שוין צוגעפאַלן דער אָוונט, וואָס האָט אויפגעפלאַמט מיט אַ פראָסט. ביי אים אין צימער איז מער ווי איין בעט נישט געשטאַנען. ווי האָט עס געקאָנט אַנדערש געשען, ווי נישט „אויפצולעבן זייער פאַרגאַנגענהייט אין טריסק“?

* * *

דאָס איז אויסגעפאַלן אין דער צייט, ווען די רויטע אַרמייען האָבן אָנגעהויבן זייער עקשנותדיקן און זיגרייכן מאַרש אויף צוריק. ביי די יידישע עוואַקואירטע האָט זיך די גאָרע נשמה אָנגעהויבן רייסן נאָך די אַרמייען, אַהינצו, קיין פוילן, צו דער היים, צו די אייגענע, צו אייגן בלוט און פלייש. מע זאָל זיך אייניגעם פרייען אויף דער מפּלה פונעם שונא און דעם זיג פון אונדזער ראַטנפאַרבאַנד. נאָר ווײַ־ווײַ! זייער ליכטיקע פרייד האָט, ווי די זון, באַקומען אומרויקע בלוטפלעקן. ס'האָבן זיך אַריינגעשלענגלט ידיעות, שוידערלעכע ביז נישט צו גלייבן אין זיי, וועגן דעם, וואָס ס'איז אָפּגעטאָן געוואָרן די יידן אומעטום, ווו דער פאַשיסט האָט עקלדיקן געמאַכט די לופט מיט זיין מערדערישן טמאן אָטעם.

אינגיכן איז דאָס אומגלייבלעכע געוואָרן אַ זיכערקייט, און דאָס שוידערלעכע נאָך שוידערלעכער. די פוילישע עוואַקואירטע האָבן אַריינגעווייגט אין די צייטונגען, כאָטש זיי האָבן גלייכצייטיק אָנגעזאָגט די בשורה, אַז סע דערנענטערט זיך דער פּולקאָמער נצחון... די היים — אַ ליידיקער שוואַרצער חלל, און וועלכן ס'בלאָסן בערג ביינער אויף גרויע אַשן. נישטאָ דאָרט קיינער פון די אייגענע! זענען אַוועק מיטן גאַנצן פאָלק! גישטאַ צו וועמען צו פאָרן.

דאָס האָט גורם געווען, אַז כאָטש אסתר און שמעון זענען געווען אינצווייען, האָבן זיי ווידער גענומען איבערלעבן דאָס קלעמענדיקע געפיל פון זיין אליין. און וואָס קענען זיי אַ טרייסט, אַ פאַרלייכטערונג געפינען? זיי זענען טאַקע אינצווייען, אָבער — אליין! אליין!...

און דעמלט איז עס געשען: אסתר איז פאַרגאַנגען אין טראָגן. וויפל זי האָט עס אויסגעוויינט, מיט טרערן און אָן טרערן, אין יענע חדשים פון דערוואַרטונג! זי האָט געבוירן אַ ייִנגעלע. מזל־טוב דיר, אסתרקע!... מזל־טוב דיר, שמעון!...?... זיי האָבן עס אַ נאָמען געגעבן דאָדיעלע, נאָכן זיידן דאָדיע קאָוואַל.

און אָט האָט מען זיך דערלעבט דעם טאָג פונעם ענדגילטיקן גרויסן נצחון. דער היטלערישער פאַשיזם האָט אויסגעהויכט צוזאַמען מיט היטלערן זיין טרייפענע נשמה. אָבער די היים ליגט אין חורבות. זיי שטייען פאַר דער האַרבער דילעמע: פאַרבלייבן שוין דאָ, אין ראַטנפאַרבאַנד, וואָס האָט געראַטעוועט זייערע לעבנס און ווו ס'האָט מיט זיין לופט דעם ערשטן אָטעם געטאָן זייער עופעלע, אָדער פאָרן אהיים, אויף די קברים? און אַ שארית־הפליטה איז דאָך געבליבן. ס'איז אפילו דערגאַנגען צו זיי אַ קלאַנג, אַז דער לערער בערל ברינמאַן זאָל האָבן לעבנגעבליבן אין אַ לאַגער... איצט איז אויך ער אַן אייגענער, אַ ליבלעכער! און אפשר... אפשר?...

די אַדלערס האָבן באַשלאָסן צו טאָן דאָס אייגענע, וואָס כמעט אַלע זייערע בני־עיר, וואָס צענטליקער טויזנטער ייִדן, פאַרשפּרייטע איבערן ראַטנפאַרבאַנד: כאָרן!

ווען זייער עשעלאָן איז שטיינגעבליבן אין לאָדזש, זענען זיי אויסגעשטיגן.

אויפן צווייטן טאָג איז אסתר, מיטן עופעלע אויף די הענט, באַגלייט פון שמעונען, געקומען אין ייִדישן קאָמיטעט. אַ יאַריד איבער טונקעלע שטיגן און קאָרידאָרן. עס שווינדלען פאַרביי ייִדישע אָבער אומבאַקאַנטע פנימער. אינעם טונקל בלאָנדזשען אַרום אומעטיקע, זוכנדיקע אויגן — אפשר דערזעט מען אַן אייגענעם, אַ היימישן. אויגן קלעפּן זיך צו צו פאַפּירלעך אויף די ווענט, דורך וועלכע אומבאַקאַנטע ייִדן זענען מודיע, אַליין נישט וויסנדיק וועמען, אַז מע לעבט, אַז מע געפינט זיך דאָרט און דאָרט... אַז מ'איז אַרויסגעפאָרן אהין און אהין...

פאַר די טירן פון פאַרשיידענערליי אָפּטיילונגען שטייען וואַרטנדיקע רייען.

אסתר האָט זיך צוגעזעצט אויף דער באַנק לענגויס דער וואַנט פון דער עווידענץ־אָפּטיילונג. זי ציטערט איבערן עופעלע און באַמיט זיך „נישט צוצולאָזן צו זיך דעם פינצטערן עגמת־נפש“, כדי נישט, חלילה, קאַליע צו מאַכן די מילך אין ברוסט און דעם קינדס מעגעלע. אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין בינדט זיך אָן צווישן איר מיט די שכנות אויף דער באַנק אַ שטילער דורכגעזיפצטער שמועס וועגן „די צרות. וואָס האָבן גאָרנישט קיין דגאָ“.

שמעון האָט זיך געשטעלט אין דער ריי צום פענצטערל. ער דאַרף זיך נאָכ־פרעגן וועגן אירע אייגענע. פאַר זיך אַליין האָט ער אייגנטלעך גאָרנישט וואָס געוואָרע צו ווערן. זיין איינציקע באָבע איז נאָך פאַר דער מלחמה געשטאָרבן „מיט א גליקלעכן טויט". העכסטנס, אפשר וועט ער זיך דערוויסן דעם לערער ברינמאַנס אַדרעס? אפשר זוכט אים אַרום א לעבנגעבליבענער שילער?

פון צייט צו צייט כאַפּט אסתר א קוק צום מאַן, ווי ווייט ער דערנענטערט זיך צום פענצטערל... מענטשן גייען אָפּ פון דאָרט מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ — אבלים. אזוי וועט אויך אָפּגיין שמעון... בלויז גאָר־גאָר זעלטן גיט עמעץ א דריי אַיים דעם קאָפּ פונעם פענצטערל מיט אַן אויפגעלויכטן פּנים — ס'האָט זיך ווער אָפּגעפונען! פון טויט לעבעדיק!

אויך שמעון האָט פון צייט צו צייט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו כאַפּן א קוק, צי זיצט דאָס קינד רואיק ביי אסתרן אויף די הענט. ווי דאָ האָט ער באַמערקט — עפּעס איינער אין מיליטערישער קליידונג, א קאַפּיטאַן דאַכט זיך, שטעלט אָפּט אָן אויף אים א פאַרשנדיקן בליק. וואָס זאָל ער האָבן אויף אים דערזען? ווייס איך — אַן אָפּדאַכטעניש מסתם. דער קאַפּיטאַן קוקט אויף אים, ווייל ער קוקט אויפן קאַפּיטאַן... נאָר ווען ער איז שוין געשטאַנען ביים פענצטערל מיט זיין פראַגע צו דער באַאַמטין, האָט ער דערשפּירט, ווי עמעץ איז צוגעגאַנגען צו אים אין דער זייט. געכאַפּט זייטיק א בליק — דער זעלבער מיליטערמאַן, עפּעס ווי א באַקענטלעכער אפילו.

— איז ב ל ו י ז א יי ן טריסקער, זאָגט איר, אריינגעצויגן אין דער עווידענץ... — האָט שמעון נישט איבערגעפרעגט, נאָר ווי באַשטעטיקט דער באַאַמטיגס ענטפער — ווי הייסט ער?

— סאַשקאָ ניעוועלימש... א ייד... זיין אדרעס... פרעגט אויף אים אין או.בע.*

— אזא איז אין אונדזער שטעטל קיינמאָל נישט געווען! — האָט אַדלער אויפגעהויבן דעם קאָפּ פונעם פענצטערל, צעמישט...

אין דעם מאָמענט האָט אים ווי וואַרעם אריינגעבלאָזן אין אויער א שטילע פראַגע:

— און וועמען זוכט איר פון טריסק?

ער האָט מיט פאַרווונדערונג אָנגעקוקט דעם מיליטערמאַן און געשטאַמלט:

— איך זוך... א פאַמיליע פריסיק...

— איינער פון די פריסיקס שטייט דאָ פאַר אייך... און איר זענט אַ ט...

— א טריסקער... יאָ... — איז אַדלער שוין גאָר מבולבל — שמעון אַדלער.

* אורזשאַנד בעזפּיעטשענסטווא — זיכערהייטס־אַמט

אין דעם מאָמענט האָט געטאָן אַ גיי צו יצו זיי אסתּר מיטן קינד. זי האָט אַ קוק געטאָן דעם מיליטערמאַן אין פּנים, און אירע באַקן האָבן זיך אַ מיניע געטאָן בלאַס, ווי קרייד, און רויט, ווי פֿלאַם... ניין. זי האָט נישט קיין געשריי געטאָן. זיך צו אים קיין וואָרף נישט געטאָן. נאָר שטיל ווי אַרויסגעדעמפּט:

— איציק?!... אונדזער איציק?... דו לעבסט?!

טרערן האָבן זיך איר אָנגעדרייט אין די אויגן, זענען הענגען געבליבן שווער, ווי אַ טריף פון אַ וואַקסן ליכט, אויף די ברעמען. אייגנע האָט אַ קאָפּ געטאָן און געפאַלן דעם עופעלע אויפן גאָמבעלע, דאָס קינד האָט זיך מיטאַמאָל אַ ריס געטאָן מיט געוויין, ווי די טרער וואָלט עס אַ ברי געטאָן. זי האָט עס גענומען איינוויגן מיט די הענט.

— אסתר... אַ מאַמע שוין?... — האָט אויך דער ברודער איינגעהאַלטן אַ שעפּטשע געטאָן — המם... שמעון אַדלער... איז....?

— מיין מאַן... יאָ... אָט פאַרוויג איך אונדזער עופעלע... דעם טאַטן אונדזערן... דאָדיעלען...

— סאַשקאָ ניעוועליטש, — האָט איציק פּריסיק דערלאַנגט אַדלערן די האַנט מיט אַ שמייכל — מיין נאָמען פון דער פּאַרטיזאַנטקע אין פּאָלעסיע... איז קומט, שוועסטער און שוואָגער.

איציק — ביי זיך אין צימער, אין ציווילער קליידונג איז ער געווען אינגאַנצן ענלעך צום טאַטן, העכער בלויז אין די אַקסלען — האָט שטיל דערציילט. זיין שטים — אַ שעפּטשענדיקע, ווי ער וואָלט נאָך אַלץ זיין אין וואַלד און זיך היטן זי זאָל זיך צוזאַמענרוישן מיטן געשעפּטש פון די בלעטער, זיך נישט אויסצוגעבן פאַר אַ פיינטלעך אויער.

דאָס קליינע דאָדיעלע, אַן אָנגעזויגנס, איז איצט געשלאָפן, און איציק האָט שטיל דערציילט פאַר דער שוועסטער און דעם שוואָגער, וואָס ער האָט געזען אין טריסק מיט די אייגענע אויגן, געהערט מיט די אייגענע אויערן פריער פון די יידן, שפּעטער פונעם פויער, וואָס האָט אים אויסבאַהאַלטן, ביז ער איז מיט יענעמס זון, אַ קאָמוניסט, אוועק דורך מאַציעוו קיין ראַטנע אין די פּאָליעסיער וועלדער — — —

— ווען די היטלעריסטן זענען אַריין אין שטעטל, האָבן זיי באַשטימט פאַרן עלטסטן פון די יידן אונדזער פעטער זרח דעם רויטן. ער איז שוין נישט געווען רויט, נאָר ווייס ווי אַ טויב. דאָס ערשטע האָט מען פון אים געפאָדערט די יידישע קאָמוניסטן. די באַליערע ווייסט עס, ווער ס'האָט זיי גליך איבערגעגעבן! זיי האָבן אָנגערופן נעמען: זיין בוניעקן, מיך און נחום וואָלף. „זיי זענען אַנטלאָפן", — האָט דער פעטער געענטפערט. זיי האָבן אים באַפוילן אַריינטראָגן גרויסע קאָנטריבוציעס. איז דער פעטער אַרומגעלאָפן צווישן די באַלעבאַטים, צונויפגעזאַמלט און אָפּגעגעבן. זיי האָבן געפאָדערט מענטשן צו דער אַרבעט. האָט דער

פעטער צונויפגעשטעלט רשימות, און די יידן האָבן זיך אַליין צוגעשטעלט. בעת דער אַרבעט האָט מען געטומיתט, זיך איזדיעקעוועט און פון צייט צו צייט עמעצן געשאָסן אויך. וואָס ווייטער — אַלץ שרעקלעכער. איינמאָל האָבן זיי געפאָדערט פונעם פעטער, ער זאָל צושטעלן אַ רשימה פון געזונטע לייט אַרויסצושיקן אויף אַרבעט. ס'זענען שוין אָבער געווען ידיעות פון קאָוולע, לודמיר און מאַציעוו, וואָס דאָס הייסט. האָט דער פעטער מיט פאַרקריצטע ציין רואיק געענטפערט דעם געשטאַפּאָווניק (ס'איז דערביי געשטאַנען אַן אוקראַינישער פּאָליציאַנט, האָט ער עס דערנאָך דערציילט): „אויפן לעבן פון אַ מענטשן איז אַ באַלעבאָס נאָר גאָט... אויב ער איז דאָ אויף דער וועלט... חוץ אים — קיינער נישט. נישט איך, נישט דו, און אַפילו נישט... היטלער". דער היטלער־יונג האָט אים גלייך אָוועקגעלייגט אַ טויטן. דאָס שטעטל האָט אים מקנא געווען אויף זיין גיכן און לייכטן טויט. מ'האָט אים באַגראָבן הינטערן פּאַרקן פונעם פּוילישן צווינטער. — — —

— לסוף איז געקומען די שחיטה פונעם גאַנצן שטעטל... צי עמעצער האָט זיך קעגנגעשטעלט? מיט וואָס? מיט ציין און נעגל?

— דעם אַפּטייקערס פאַמיליע איז געלעגן אין אַ קעלער. מיט זיי — בלומקע שימשל שטשערבאַטעס מיטן עופעלע. דאָס וויינען פונעם קינד האָט געשטעלט אין געפאַר אַלע. איינמאָל פאַרטאָג האָט בלומקע דערזען לעבן זיך דאָס עופעלע דערשטיקט. זי איז אַראָפּ פון זינען, און אירע ווילדע קולות האָבן סיווי אויסגעגעבן דעם קעלער.

— צונויפגעזאַמלט אַלע יידן, האָט מען זיי געפירט אויפן קאָוולער וועג. איך בין דעמלט געלעגן צווישן די מצבות אויפן אַלטן ווילד־פאַרוואַקסענעם היילִיקן אָרט. לויפן און וואַלד אריין צו מיינע פּאַרטיזאַנער האָב איך קיין מעגלעכקייט נישט געהאַט. האָב איך זיך אַרויפגעכאַפּט אויפן ביידעמל פונעם הילצערנעם אֹהל אויפן מגידס טאָכטער. דורך די צעלעכערטע שינדלען האָב איך אַרויסגעקוקט דורך אַ בינאָקל — אָט ליגט עס דאָרט אויפן טישעלע — און אַלץ צוגעזען מיט די אייגענע אויגן.

— סע ווערט געטריבן דאָס גאַנצע שטעטל: מאַנצבל, ווייבער, זקנים, קינדער. צעשויבערטע און מטורפע... אויפגעריסענע מיילער, כאָטש קיין געשריען הער איך נאָך נישט... אָט גייען פאָרויס דער פעטער שאַמע מיט דער מומע יאָכוועד. געאָרעמט. דער פעטער — ווי אין יענע גוטע יאָרן, אויסגעשטרעקט, גדלותדיק. הינטער זיי — דאָס גאַנצע הויזגעזינט... אָט — דער לעריער בעקערמאַן. שוין אַן אַלטער ייד, מיט אַ ווייסן קאָפּ האָר, ווייס בערדל און געבויגענער פּלייצע. ער האָט אַפּנים פאַרלוירן די פּענסנע, גייט ער די הענט אויסגעשטרעקט פאָרויס, ווי אַ בלינדער... אָט זענען דעם פעטער זרחס טעכטער, די „מיידן, ווי די בעכערס" — אַלטע יידענעס... אָט - דער פעטער פייוויל מיט דער מומע

יהודית, דאָס שטילע פּערל, ווי די טויבן... זיי איז איצט גוט: האָבן נישט קיין קינדער צו דער שחיטה צו פירן... און אָט איז די מומע לאה — יונה און גאָדל זענען נישטאָ לעבן איר — יעס פירט איר זייער נחת, טעמעלע, די לערערין פון דער יידישער שול. און אָט...

ביי איציקן אין האַלדז האָט זיך עפּעס פאַרשטעקט. אָבער באַלד האָט ער ווייטער דערציילט:

— אונדזער מאַמע! אַ ווייסער צעשויבערטער קאָפּ האָר... ס'פירן זי אונטער די הענט די שנורן — נפתליעס ווייב און... ראָזע... מיין ווייב... נפתליעס היינקע זיי גאָר פון הינטן... פליצעס — ער טוט זיך אַ ריס צום האַנט פון שאָסיי, נפתליע, אַ פאַל אַרויף אויפן דייטש און אַ ריס ביי אים די מאַשין-ביקס. אָבער איידער ער באַוויזט נאָך עפּעס צו טאָן מיט איר, האָט אים שוין פון הינטן געטראָפן אַ קויל... אַ געלויף, אַ געדראַנג, ווילדע געשרייען און אַ שיסעריי...

— פליצעס — אַלע קלויסטערס קלינגען אויף אַליאַרעם. כ'דריי אויס דעם קאָפּ צום שטעטל — סע שטייט אין פלאַמען. ס'הערן זיך פון דאָרט איינציקע שאָסן... און דאָ אויפן שאָסיי זענען שוין די יידן ווידער צוזאַמענגעקליבן. מע טרייבט זיי באַרג אַרויף... זיי פאַרשווינדן פון מיינע אויגן — די ביימער פאַר-שטעלן זיי. אין אַ פּלוצן מינוט אַרום דערהער איך פון דאָרטן ווילדע, מאָנאָטאָניקע געשרייען אויסגעמישט מיט אַ געדיכט שיסעריי. איז מיר שוין קלאָר: ערגעץ אַרום בית-עלמין, אין די ליימגריבער, ווערן זיי אַלע צעשאָסן — — —

— ערשט אויפן דריטן טאָג האָב איך זיך דערוווּסט: דאָס שטעטל האָבן אונטערגעצונדן מיינע ייִנגלעך פון וואַלד. אָנגעפירט מיט דער אַקציע האָבן גאָדל סעווערוק מיט אונדזער שימקען. דערוווּסט זיך, וואָס סע קומט פאָר אין שטעטל, זענען זיי אַהין אַריין און עס אונטערגעצונדן פון אַלע זייטן, אַז די היטלעראָווצעס און אוקראַינישע נאַציאָנאַליסטן זאָל נאָך די יידן קיין ירושה נישט בלייבן... צווישן די ברענענדיקע הייזער זענען זיי צעשאָסן געוואָרן... אויך דער פעטער יונה, וועלכער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון אַ ברענענדיקן בוידעם, איז דערשאָסן געוואָרן — — —

— נו, ווען מיינע איבערלעבענישן אין דער פּאַרטיזאַנישקע היפּער איך דערווייל איבער. איך בין געקומען אַהער ווי נאָר דאָס פאַשיסטישע קויט איז אויסגעראַמט געוואָרן פון דאַנען. איך האָב דאָ אויפגעזוכט, אויך דורכן קאָמיטעט, בוביעק דעם פעטער זרחם, ער איז דערגאַנגען מיט דער רויטער אַרמיי קיין בער-לין. נאָר פריער איז ער געווען אין טריסק. האָט געזען זיין טאַטנס קבר-בערגעלע הינטערן פּוילישן צמענטאַזש. איז געווען ביי די ליימגריבער. וו אָ ס ער האָט דאָרט געזען, איז גלייכער איר זאָלט גאָרנישט איבערפרעגן... ניין, כ'וועל גאָר-נישט זאָגן... ווען ער האָט ווען דעם דערציילט, האָבן אים געקאַפּעט טרערן פון די אויגן, ייי פון אַ וואַקסן ליכט. וואָס שמועלצט... פאַרענדיקט דאָס דערציילן,

האָט ער אַרויסגענומען פֿון אַ בוזעמקעשענע אין שינעל אַ פּאַפּירל, אויפֿגעוויקלט עס און מיר באַוויזן אַ צינערן קנעפּל: „זעסט, איציק, דאָס איז פֿון דאָרטן... אַן אָנדענק... דאָס איינגאַנצן...“

— ער האָט דאָ אַרומגעוואָגלט, בוניעק, איבער יידישע שטעט און שטעטלעך און זיך קיין אָרט נישט געפֿונען... „ווי ווילדע נעגל שקראַבען מיר די נשמה“ — האָט ער מיר איינמאָל געזאָגט. אַלס רויטאַרמייער האָט ער רעכט געהאַט זיך אומצוקערן קיין ראַטנפֿאַרבאַנד, האָט ער אַזוי געטאָן — — —

— יאָ. און נאָך אַ גרוס האָב איך פֿאַר דיר, אסתר. כ׳האָב אים אָפּגענומען פֿון אַ פּאָליעשוק, אַ פּאַרטיזאַן פֿון ראַטנע. אונדזער בושקע, ווען יענע זענען אַריין צו אים אין קוזניע אים נעמען, האָט ער אַ כאַפּ געטאָן אַ האַמער און געפּלעט מיט אים עטלעכע קעפּ, ווי איבער אַ קאָוואַדלע. „ער, — האָט דער פּאַרטיזאַן צוגעגעבן — ווען ביי אייך וואָלטן געווען אַ סך אַזעלכע קאָוואַליעס! און ער, בושא פּריסיק, וואָלט אויך בעסער צונוצגעקומען אין דער פּאַרטיזאַנטקע“.

— אונדזער בושקע... — האָט אסתר שוין בלויז געפֿינטלט מיט די אויסגעווייטע פּאַרטרוקנטע ברעמען.

— און נאָך אַ גרוס. אַ לעבעדיקן! שטעל זיך פֿאָר, איך האָב זיך דאָ געזען אַ פּאָר טעג מיט אונדזער בוניעקן פֿון פּאַלעסטינע. אַ יונג מיט ביינער אין אַ זעלנערישן מונדיר. האָט געקעמפֿט אין דער ענגלישער אַרמיי.

— אַזוי?! אַזוי?! — האָט זיך אסתרס פּנים אין איבעראַשונג גענומען אויסלייטערן, און פֿרישע טרערן, נאָר שוין פֿון פֿרייד, האָבן אַ שטראָם געטאָן פֿון אירע אויגן — האָט נישט, הייסט עס, אונדזער טאַטע אין קבֿר, וואָס זיך צו שעמען מיט זיינע זין... מיין טייער דאָדיעלע, — האָט זי גערעדט צום שלאָפֿנדיקן עופֿעלע — ווערסט נישט האָבן וואָס זיך צו שעמען מיט דיינע פֿעטערס...

— און פֿון די שילער פֿון דער טריסקער שול איז עמעץ לעבן געבליבן? — האָט שמעון אויפֿגעשלאָסן דאָס פֿון צער פֿאַרפּרעסטע מויל.

— הם... חוץ די, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט אין ראַטנפֿאַרבאַנד — קיינער נישט.

— ווען איז פֿאָרגעקומען די שחיטה?

— דעם אַכטאונצוואַנציקסטן אויגוסט, טויזנט ניין הונדערט צוויי און פֿערציק.

דאָס עופֿעלע האָט זיך אויפֿגעכאַפּט מיט געוויין. אסתר האָט עס גענומען אויף די הענט און גענומען עס איינוויגן.

— גיי איך מאָרגן, — האָט שמעון אַ זאָג געטאָן ווי אָן שום שייכות צו דעם פֿריערדיקן — גיי איך מאָרגן אין קאָמיטעט אָנבאָטן זיך פֿאַר אַ יידיש־לערער אין דער היגער שול.

— יאָ, — האָט איציק אָנגעבונדן צו זיינע רייד — שימשל שטשערבאַטע איז געבליבן אַרויסגעפאָרן פונדאַנען מיט דער גאַנצער פאַמיליע קיין נידערשלעזיען. זיי וועלן זיך דאָרט באַזעצן אויף ערד, ווערן פויערים... ווען אונדזער טאַטע וואָלט געלעבט...

ער האָט זיך אַליין איבערגעריסן, אויסשטרעקנדיק די הענט צו אסתרן:

— גיב אים אַהער, דעם קליינעם דאָדיעלען. איך וועל אים אַ ביסל פאַרוויגן... דעם גרויסן דאָדיע קאָוואַל...

דאָדיעלע האָט זיך איינגעשטילט, און אַלע דריי האָבן זיך ווי איינגעהאָרכט אין זיין שטיל און רעגלמעסיק אָטעמען. דערנאָך האָט איציק ווידער שטיל אַ זאָג געטאָן, ווי צו זיך אַליין:

— דער טאַטע איז געשטאָרבן אַ ביסל צו פרי פאַרן גרויסן בראָך... אָבער געבוירן איז ער געוואָרן סאַמע אין דער צייט...

און ווידער איז געבליבן שטיין אַ פאַרקלערטע שטילקייט.

(סוף פון ראָמאַן)

מאָסקווע, 1945 — וואַרשע, 1955.

אינהאַלט

	זייט
ערשטער טייל	5
צווייטער טייל	105

ווערק פון ל. אָליצקי

1. אין אן אָקופּירטן שטעטל — דערציילונג.
פאַרלאַג „קולטור־ליגע", ווארשע, 1924

2. אין שיין פון פלאַמען — נאָוועלן.
פאַרלאַג „ב. קלעצקין", ווילנע־ווארשע, 1927

3. משלים פאַר קליין און גרויס. פאַרלאַג „קולטור־ליגע", ווארשע, 1929

4. גערּאַנגל — ראָמאַן אין 2 בענדער. פאַרלאַג „קולטור־ליגע", ווארשע, 1932

5. דער זון אַנטקעגן — דערציילונגען (אילוסטרירט).
פאַרלאַג „ציש"אָ", ווארשע, 1933

6. הונטמאַן — ראָמאַן (2 אויפלאַגעס). פאַרלאַג „קולטור־ליגע", ווארשע, 1937

7. דער מענטש וועט גוט זיין — משלים.
פאַרלאַג „דאָס נייע לעבן", לאָדזש, 1947

8. דורך טויט צום לעבן — דערציילונג. פאַרלאַג „איקוף", בוענאָס־איירעס, 1949

9. משלים־בוך. פאַרלאַג „יידיש בוך", לאָדזש, 1949

10. מענטשן אין קלעם — דערציילונג. פאַרלאַג „יידיש בוך", ווארשע, 1951

11. מיטן פנים צו דער זון — משלים און לידער.
פאַרלאַג „יידיש בוך", ווארשע, 1950

12. אָפּקלייב — ראָמאַן. פאַרלאַג „יידיש בוך", ווארשע, 1953

איבערזעצונגען

13. ציגיינער — דראַמאַטישע פּאָעמע פון א. פּושקין.
פאַרלאַג „נידערשלעזיע", וראָצלאַוו, 1949

14. ווייט פון מאָסקווע — ראָמאַן פון וו. אַזשאַיעוו.
פאַרלאַג „יידיש בוך", ווארשע, 1951—52

15. פון קרילאָוום משלים. פאַרלאַג „יידיש בוך“, וואַרשע, 1950

16. פאַן יאַוויאַלסקי (די משלים און שפּריכווערטער) — קאָמעדיע פון א. פרעדראָ. פאַרלאַג „יידיש בוך“, וואַרשע, 1953

17. דער וועג פון חבר בידע — ראָמאַן פון איגאָר נעווערלי.
פאַרלאַג „יידיש בוך“, וואַרשע, 1954

18. טוווים פאַר קינדער. פאַרלאַג „יידיש בוך“, וואַרשע, 1954

19. מיצקעוויטש, פּאָעזיע. פאַרלאַג „יידיש בוך“, וואַרשע, 1955

זאַמלונגען

20. דימענטן פאַר אַלע — משלים
„מלוכה-פאַרלאַג פאַר שול-אויסגאַבן“, וואַרשע, 1951

21. אייביקע קוואַלן — פאָלקס-שאַפונג
„מלוכה-פאַרלאַג פאַר שול-אויסגאַבן“, וואַרשע, 1953

22. טריט ביי טריט — כרעסטאָמאַטיע פאַרן ערשטן שול-יאָר.
„מלוכה-פאַרלאַג פאַר שול-אויסגאַבן“, וואַרשע, 1951